This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

8

1985

סאוועטיש היימלאנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאל

ארגאן פון שרייבער-פארבאנד פון ססר

דערשיינט פון 1961

פארלאג „סאוועטסקי פיסאטעל"
מאסקווע

אויגוסט

8

1985

אינהאַלט

אַף די שפּורן פון געשעענעס. יעפים גאָלבריַיך. צעשפּליטערטע מילכאָמע־שורעס 3
כאַיִם ביידער. אַלץ, וואָס איז מיט ווונדער פול (לידער) 18
טעוויע גען. דאָס אייניקל און דער זיידע (דערציילונג) 22
איציק קיפּניס. נאָוועלן 34
יאָסל בוכבינדער. כ'ווינטש דעם יונגן דאָר (לידער) 53
מוישע גיציס (טשיקאַגאָ). דער טאַבו (דערציילונג) 56
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. לייזער וואָלף (1910—1943). לידער 84
פאָרוואָרט פון א. קושניראָוו צו דער זאַמלונג „לייזער וואָלף. ליריק און סאַטירע" 85
פאָרוואָרט פון ע. פינינבערג צו דער זאַמלונג „לייזער וואָלף. די ברוינע בעסטיע" 86
מייער אַלבערטאָן (1900—1947). מיכאַיִל זאָרין. די געשיכטע פון איינער אַ פאָטאָגראַפיע . . . 88
ייִצכאָק קאַצענעלסאָן (1885—1944). לידער . . 90
ס'איז גאָרנישט ניט פאַרגעסן! (פּרעסע־קאָנפערענץ פונעם אַנטיציִעניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט) 92
נייַע נעמען. אַלעקסאַנדערביידערמאַן. לידער 100
געפונענע מאַנוסקריפּטן. יעהודיס (ראָכל בערנשטיין). דאָס שוואַרצע טישעלע 102
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. וויקטאָר מיטראָשענקאָוו. דאָס יאָר 1964 (פונעם בוך „די ערד אונטערן הימל") 109
זיכרוינעס. כאַיִם טאַמאַרקין. מאָסקווע אין די צוואַנציקער יאָרן 125
קורצע רעצענזיעס. א. קרויקאָוו. פאַר פרייַנטשאַפט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד. בוזי מילער. טראָפּן נאָך טראָפּן. יאַקאָוו גען. קונסט — אַ געווער . . . 134
מיר דערמאָנען אַ כאַווער. אַלאַ קאָרקינאַ. די וועלט פון באָריס ראַיִסאָוון 139
עלווירע פאַגעל. ביזן לעצטן טאָג געווען גליקלעך 143
פובליציסטיק. גריגאָרי באָנדאַרעווסקי. דער עמעס וועגן די געהיימע פאַרבינדונגען פון פשאַ מיטן קריגערישן ייִסראָעל 145
„ביראָבידזשאַנער שטערן" — 10.000 נומערן 158
צו אונדזער קינסטלערישער בייַלאַגע. מאַריִע טשעגאָדייַעוואַ. הערש אינגער 160
נייַע נומערן פון צייַטשריפטן אין די סאָציִאַליסטישע לענדער 161
קורצע מיטיילונגען. איגאָר קאָטלער. אין דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט 163
יאַקאָוו ביילינסאָן. דאָס ייִדישע וואָרט אַף דעם עקסליבריס 164
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 169
כראָניק 83, 108
רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
א. טווערסקאָי,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרייַבמאַן

אַף די שפּורן
פֿון געשעענעס

יעפים גאַלבריַיך

צעשפּליטערטע מילכאָמע-שורעס

מיר וועלן זיך אומקערן

פֿון דער ערשטער אַרומרינגלונג בין איך אַרויס אַ באָרוועסער. אין וואָרעמען יול פֿון דעם איין-און-פֿערציקסטן יאָר איז עס לעכאַטכילע אַפֿילע געווען אָנגענעם, קיינער אָבער האָט מיך ניט געוואָרנט, אַז אָן אַ געוווינהייט קאָן מען לאַנג אַזוי ניט שפּאַנען. אַף די פֿיס האָבן זיך באַוויזן פּוכירן, ווונדן. גיין איז געווען פֿייַנלעך שווער. נאָכן אָפּשטעל אַף אָפּרו פֿלעג איך מיט גרויס מאַטערניש זיך אופֿהייבן, און, מאַכנדיק די ערשטע טריט, ביז בלוט בייַסן די ליפּן, קעדיי ניט שרייַען אַף אַ קאָל פֿון ווייטיק. נאָר כ׳בין געגאַנגען. אין דאָרף לעבן וויאַזמע האָט מיר איינער אַן אַלטיטשקער געשענקט לאַפּטיעס מיט ריינע אָנעטשעס, באַוויזן, וויִאַזוי זיי אָנטאָן.

— איר זייַט דאָך אויך באָרוועס, פֿאַרוואָס זשע איז עס פֿאַר אייַך ניט שרעקלעך?

— ע, זונעלע, באָרוועס — דאָס איז אינדערהיים. אין ווייַטן וועג טוען מיר טאָמיד אָן פּאָסטעלעס.

אַרום אונדז קלייַבן זיך צונויף פּויערטעס.

— בלייַב מיט אונדז, זונעלע, מירן דיך צו דער טשערעדע שטעלן, מירן זאָגן: ביסט אונדזער פּאַסטעך, אַן אָרטיקער.

אָפּט איז מיר טאַקע אויסגעקומען הערן, ווי עס רעוון ניט-געמאָלקענע בעהיימעס, וועלכע מע האָט געטריבן אין הינטערלאַנד. אַגעוו, די ווייַבער, וואָס זייַנען שוין געווען טרויעריק באַקאַנט מיט די דייַטשישע דעסאַנטלער, דערציילן, אַז אונדזערע קי לאָזן ניט, די פֿריצן זאָלן זיי מעלקן — אַ פֿרעמד לאָשן. קיין דייַטש פֿאַרשטייען זיי ניט.

דער אַלטיטשקער נעמט זיך צום האַרצן, וואָס ער בלייַבט אונטערן דייַטש. איך טרייסט אים. ער רופֿט זיך אָפּ מיט אַ בלייכן שמייכל:

— אויך דו טוסט מיר אָן העזעק, באָכערעץ. עס יאָמערן מייַנע פּאָסטעלעס...

— איר, זיידעשי, וועט באַקומען פֿאַר זיי רעוועך — אַ פּאָר יוכטעווע שטיוול.

— איי, ווען וועט עס זייַן? און צי וועט עס זייַן ביכלאַל?

איך פֿאַרזיכער אים, כאָטש ניט אַזוי אַנטשיידן, ווי מע וואָלט געדאַרפֿט:

— מירן זיך אומקערן. וואַרט אַף אונדז, אומבאַדינגט.

קעז

אין איינעם אַ יִישעוו, אַפֿן ראַנד פֿון ווייַסרוסלאַנד, האָט מען ניט באַוויזן צו עוואַקויִרן אַ קעזקאָכערייַ. דער זאַוואָד-דירעקטאָר, אַ באַיאָרטער מענטש מיט אַ שטרענג פּאָנעם, צעטיילט די אָפּטרעטנדיקע סאָלדאַטן קייַלעכדיקן רויטן קעז. יעדערן — אַ קעפּל. אין די רוקזעק מיטן סאָלדאַטיש האָב-און-גוטס קריכט דעם דירעקטאָרס קיבעד ניט אַרייַן. טראָגן אים די זעלנער אין די הענט אָדער אָנשטעקנדיק אַף די באַגנעטן. די העל-רויטע קייַלעכן טיילן זיך שאַרף אויס אַף דער גרוי-גרינער אוניפֿאָרם פֿון די רויטאַרמייער. דאָס זעט אויס אומנאַטירלעך און מאַכמעס דעם נאָך מערער אומעטיק.

פּאַזעמקעס

אין יענעם יאָר זײַנען רײַך געראָטן די פּאַזעמקעס, אָדער, ווי מע רופט זיי בא אונדז, פּילעניצעס. לענגויס די וועגן, אַף די וואַלד-ראַנדן, פּלעגן, צווווינקענדיק, קוקן, אַרויסרײַסנדיק זיך פונעם גרינס, אומגעווײנלעך זאַפטיקע, געשמאַקע קליינינקע יאַגעדעס. און מיר, וואָס האָבן די ערשטע בייס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע אין יול — אווגוסט זיך געריסן פון דער אַרומרינגלונג, פּלעגן זיך בוקן צו דער ערד, קעדיי דערלאַנגען די העל-רויטע קנוילכלעך. נאָר דעמלט איז אופגעשווומען א פאַרגלײַך מיט טראָפּנס בלוט, פאַרזייטע מיט דער פולער האַנט אַף דער גאַנצער ערד.

אינגיכן, גאָר אינגיכן וועלן זיי אַרויסשפּראָצן, אויסוואַקסן אין אַן אומגעזעענער גערעטעניש און זיך צוניפגיסן אין טײַכן.

קיינמאָל, ניט פריער, ניט שפּעטער האָב איך ניט געגעסן אַזויפיל זעמליאַניקע. עפּשער דערפאַר, ווײַל ס'איז מער גאָרנישט ניט געווען וואָס אין מויל אַרײַנצולייגן.

כפּייצים

מיט א בײַ-וועג אין דער ריכטונג פון סטאַראַיאַ רוסאַ זײַנען אוועק פון דער ברענענדיקער קיינעמס שטאָט אירע אײַנוווינער; אויסגעצויגן אין א קייטל, שווײַגנדיקע, טרויעריקע, שפּאַנען זיי גיך און אַנגעשטרענגט. צומאָל טוט מען זיך א קער אַף צוריק, קוקנדיק אַף דער זינקענדיקער אין פײַער היימשטאָט. אָט גייט א פרוי מיט אַן אייפעלע אַף די הענט. פאַר איר קליידל האַלט זיך א דערשראָקן פּינפּיאָריק מיידעלע, באַנאַנד טופּעט א ייִנגעלע, וואָס איז אַלט א יאָר עלף-צוועלף. אין זײַנע אויגן א ניט-קינדערשער האַס: ווען עס זאָל זײַן אין אים געוועןדט, וואָלט ער געבליבן קעמפן מיט די דײַטשן. קיין כפּייצים זײַנען בא זיי ניטאָ, ווער קלערט איצט וועגן בעבעכעס! בא דער פרוי איז דאָס פּאָנעם פול מיט צאַר, די אויגן — אײַנגעפאַלענע. זי דריקט פעסט צו זיך דאָס אייפעלע, זאָגט עפּעס דעם מיידעלע, קאָנטראָלירט מיטן בליק, צי עס שטייט ניט אָפּ איר זון.

דאָס זײַנען שוין ניט קיין עוואַקויִרטע, דאָס זײַנען שוין בעזשענצעס. אַף די ראַנדן פונעם וועג וואַלגערן זיך טשעמאָדאַנעס, פּעקלעך, קאָרזינעס. לעכאַטכילע ווײַל יעדערער מיטנעמען כאָטש דאָס סאַמע נייטיקסטע, אָבער אינגיכן ווערט קלאָר, אַז מיט די בעבעכעס וועסטו ווײַט ניט אוועק. ביפראַט נאָך, ווער ס'איז מיט קינדערלעך. גאָרניט איז ניט טײַער: אַבי אויסגעלייזט ווערן.

דערנאָך וועלן די כפּייצים צוניפקלײַבן די אָרטיקע טוישווים. דערווײַל ליגן זיי פאַריאָסעמטע, קיינער דאַרף זיי ניט, קיינער קוקט ניט אַף זיי.

וואָס זאָל מען טאָן — מילכאָמע...

פּאָלין

דער רייעך פון פּאָלין האָט זיך אַזוי פעסט אײַנגעגעסן, אַז אַפילע אין יאָרצענדליקער אַרום פּילסטו אים, גלײַך אויך איצט וואַקסן אַרום דיר יענע ביטערע קוסטעס.

מיט פּאָלין האָט געשמעקט אַלץ: די שפּײַז, וועלכע מע פלעגט ברענגען אין די אַקאָפּעס, די טיי, די ערד, די כאַקי-העמדלעך, אַפילע דאָס געווער. עס האָט זיך געדוכט, אַז פון זײַן גערוך וועסטו קיינמאָל ניט פּאָטער ווערן.

א מאָדנע זאַך, איצט, ווען דו רופסט אַרויס אין זיך דעם רייעך פון פּאָלין, דערנערווירט ער ניט, און ס'לעבט אוף א ווײַטע און ווײלע דערמאָנונג. וואָס איז עס — נאָסטאַלגיע?

וואַסער

ניט איין מאָל איז אויסגעקומען צו הערן: „כ'וויל טרינקען, איך כאַלעש, אַזוי גלוסט זיך טרינקען". וואָס איז אַזוינס געשען? ס'גלוסט זיך, ווערט זיך איבערגלוסטן, ס'ט ניט שטאַרבן.

דאָס וואַסער פון סיוואַש קאָן מען ניט טרינקען, אָבער טרינקען ווילט זיך. באַנאַכט, בײַסן מאַרש, בוקן זיך די מידע סאָלדאַטן צום וואַסער. קיין ווערטער העלפן שוין דאָ ניט, שיסן מיר מיט פּיסטאָלעטן איבער די קעפּ, ווײַל אויב דו וועסט זיך אָנטרינקען, ביסטו שוין מאָרגן קיין סאָלדאַט ניט, ווערסט אַ כוילע, מאַטערסט זיך מיטן מאָגן, און קעמפן מוז מען. יעדער סאָלדאַט איז טײַער.

איינמאָל איז מיר געוואָרן ניט מיט אַלעמען. כ׳בין, ווײַזט אויס, שלאָף געווען. און די טעמפּעראַטור איז אַ הויכע. אויפן פראָנט אָבער קרענקט מען ניט. און אַ גראַדוסניק איז בכלל געבליבן אין זיקאָרן, ווי אַן אָנדענק וועגן דער ווײַטער פרידלעכער קינדהײַט. דעם קאָמאַנדיר וועסטו ניט מעלדן — כ׳בין קראַנק געוואָרן. אויפן פראָנט איז אַפילו אַזאַ וואָרט ניטאָ. אָט אַזוי, מיט היץ גייסטו אין שלאַכט, ביזוואַנען די שלאָפקײַט אַנטרינט אַליין. נאָר טרינקען ווילט זיך פאָרט. שווידערלעך גלוסט זיך טרינקען. אַזוי ווייטיקדיק לעכץ איך, אַז כ׳פאַל צו צו דער ערד, שלעפּ אַרויס פון הינטער דער כאָליעווע מײַן לעפל, און פונעם גריבל, וואָס אַ פערד האָט מיט דער קאָפּיטע אויסגעקוועטשט אין דער ווייכער פרילינגדיקער ערד, שעפּ איך און טרינק זשעדנע, מיט פאַרגעניגן דאָס אײַז־קאַלטע וואַסער.

האַרגע די שלאַנג

ווען דו האָסט שוין אויסגעביטן דעם זעקסטן יאָרצענדליק און דער גרעסערער און בעסטער כײלעק פונעם לעבן איז פאַריבער, קומט די צײַט צו מאַכן אייניקע סאַכאַקלען.

און אָט וואָס עס ווײַזט זיך אַרויס. די סאַמע פאַרגעדענקלעכע צײַט פון אונדזער לעבן איז די מילכאָמע! מיט איר אומגעהייערער אומענטשלעכער שווערײַקײַט, מיט אירע קאָלערלייזיקע אויספרוּוון, מיט איר אויסערסט שטאַרקער אָנשטרענגונג פון די פיזישע און פּסיכישע קויכעס — פונדעסטוועגן טאַקע זי, די מילכאָמע...

אין וואָס זשע גייט עס? בלויז אין דער נאָסטאַלגיע איבער דער פאַרגאַנגענער יוגנט, צי נאָך אין עפּעס?

יעדערן פון אונדז קאָן מען איצטער פאַרבײַטן מיט אַן אַנדערן. צומאָל פילסטו אַפילע, ווי דער נײַער דאַרף אײַלט זיך עס צו טאָן.

דאָרט, אויף דער מילכאָמע, האָט מען אונדז פאַרבײַטן ניט געקאָנט, ניט די יונגע, ניט די באַיאָרטע. ניט געטאָרט, ס׳איז ניט געווען מיט וועמען.

יעדערער איז געשטאַנען אויף זײַן אָרט און זיך געפילט אויף אָט דעם אָרט פעסט.

דער געדאַנק, אַז דו פאַרטיידיקסט דאָס היימלאַנד, דו — ניט עמעצער טוט עס פאַר דיר, אַז אויף דעם פּיצל ערד איז דער גורל פון אונדזער היימלאַנד אין דײַנע הענט, אַז קיינער וועט דיך דאָ ניט פאַרבײַטן, — אָט דער באַוווּסטזײַן פלעגט איבערפילן אונדזער לעבן מיט שטרענגער און שטאָלצער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, פלעג צוגעבן דעם לעבן אַ באַזונדער זין.

דאָס געפיל פון באהעפטונג מיט די גרויסע טראַגישע און רומפולע געשעענישן — דאָס איז דער הויפט-אינהאַלט פון אונדזער לעבן.

ס׳איז פאַראַן א שפּריכוואָרט, אז אויב דו האָסט אויסגעגראָבן א ברונעם, פאַרפלאַנצט א בוים, געבוירן א זון און דערהאַרגעט א שלאַנג, ביסטו ניט אומזיסט אַפּגעווען אף דער וועלט.

אין יענער צײַט האָב איך געוווּסט, אז אַן מיר קאָן מען זיך ניט באַגיין אין אַט דער רעגע, און דאָס איז מײַן גרעסטע האַצלאָכע.

א ניט-געלונגענע קאַריערע

אַנגעהויבן האָט זיך עס נאָך בײַס דער פאָרמירונג פון מײַן מיליטער-טייל הינטער יאַשקאַר-אָלאַ אין די מאַרײַישע וועלדער. דער פּאַליטרוק לייגט אף מיר ארויף די פליכטן פונעם ראָטע-סטאַרשינאַ. פאַרוואָס מיך, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, נאָר דערווידערן ניט געוואָלט. א דיסציפּלינירטער מענטש בין איך טאָמיד. אין יענעם שלימאַזלדיקן טאָג האָט מען אף וועטשערע ארויסגעגעבן הערינג. מע האָט זיי מיר אַפּגעוויגן — כ׳צייל איבער: אכציק. וואָס זאָל איך טאָן? די ראָטע באַשטייט פון הונדערט מענטשן. אַן אומעטיקער, שטיי איך איבערן שאַרף שמעקנדיקן הערינג. צווייפלונגען רײַסן מיך אף שטיקער: וויאַזוי צעטיילט מען אכציק הערינג אף הונדערט עסער?

עס גייט צו צו מיר אַן אַלטער סאָלדאַט:

— וואָס האָסטו זיך פאַרקלערט?

איך דערצייל, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— ע, האָב ניט קיין אגמעסנעפּעש. וויפל וזוואָדן פאַרמאָגט די ראָטע?

— פיר.

— נו, איז גיב אין יעדן וזוואָד צו צוואַנציק הערינג.

— וויאַזוי זשע וועלן זיי זיך באַגיין?

— זיי וועלן צעטיילן אף כאַלאָקים אין די אָפּטיילונגען, — דער אַלטער סאָלדאַט קוקט אף מיר מיט צווייפל: צי איך בין, צי איך מאַך זיך פאַר א נאַר.

אין אָוונט קלײַבן זיך די אָפּטיילונגען צונויף ארום די פאַנאַנדערגעלייגטע אף א צײַטונג פּײַקעס ברויט, אף וועלכער עס ליגן שטיקלעך הערינג. איין סאָלדאַט ווײַזט אַן מיטן פינגער אף א פּײַקע, דער צווייטער, אויסגעקערעוועט זיך צו אַלעמען מיט דער פּליצע, רופט אַן פאַמיליעס.

כ׳האָב זיך געפּרוווט ארײַנמישן, נאָר מע האָט מיך אַפּגעשטויסן: „איצט איז שוין ניט דײַן זאַך״.

אגעוו, קיין אומצופרידענע זײַנען ניט געווען, קיינער האָט זיך ניט באַליידיקט.

אף מאָרגן האָט דער פּאַליטרוק מיך צוגערופן, און ער זאָגט:

— לאָזט זיך אויס, אז ניט יעדער ייִד קאָן זײַן א ווירטשאַפטלער.

אף דעם האָט זיך מײַן ווירטשאַפטלעכע טעטיקײַט בײַס דער מילכאָמע פאַרענדיקט.

וועגעטאַריאַנער

ביזן קריג האָב איך קיינמאָל ניט געגעסן פון אן אַלגעמיינער שיסל. אף דער מילכאָמע וועט דיר קיינער קיין טעלער ניט אונטערטראָגן, אָפט פלעגט אויסקומען זיך שפּײַזן איבצווייען צי אינדרײַען פון איין געפעס. איינמאָל זײַנען מיר געזעסן ארום קעסעלע מיט פעטן סוף, אין וועלכן ס׳האָבן זיך פון אויבן געבאַמבלט אפעטיטנע שטיקלעך אמעריקאַנער טו-שאָנקע. צווײ עלטערע סאָלדאַטן האָבן אקוראַט געשעפּט מיט די לעפל דאָס געקעכטס און, באַגלייטנדיק די לעפל פון אונטן מיט לוסטעס ברויט, קעדיי ניט פאַרלירן אפילע קיין טראָפּן, פאַרזיכטיק געטראָגן זיי אין די מײַלער. דאָס פליישׁ האָבן זיי זיך באַמיט צעשאַרן, אָפּשטופּנ-דיק עס אין א זײַט, עס זאָל צופעליק ניט ארײַנפאַלן אין לעפל.

איך האָב מיט אינטערעס נאָכגעשפּירט נאָך זיי. מיסטאמע זײַנען עס וועגעטאַריאַנער, — האָב איך אַ קלער געטאָן. איך האָב נאָך פריִער געהערט, אַז עס זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס ברויכן ניט קיין פלייש, נאָר „לעבעדיקערהייט" האָב איך געזען אַזעלכע צום ערשטן מאָל.

איך כאַפּ אונטער מיט מײַן לעפל אַ שטיק געדעמפּט פלייש און שיק עס אָפּ גלײַך צו זיך אין מויל אַרײַן. די אַלטע סאָלדאַטן קוקן זיך איבער. עפּעס איז דאָ פאַראַן אַ סאָד. אויף יעדן פאַל, הייב איך אָן עסן, ווי מײַנע שכנים.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס פלייש דאַרף מען עסן, ווען עס באַווײַזט זיך דער דנאָ פונעם קעסעלע. לויט דער ריי עסט מען עס און לויטן עלטער.

גיי ווייס...

צאַפּן־מײַרעוודיקער פון סטאַלינגראַד

באַנאַכט דערהערט זיך איבער אונדזער אָקאָפּ אַ שוידערלעכער געקראַך. מיר זײַנען אָפּגעשפּרונגען, פעסט פאַרפּרעסנדיק אין די הענט דאָס געווער. זיכערער פילסטו זיך, ווען דו ביסט באַוואָפנט. געעפנט האָט זיך אַ ניט געוויינלעך, מעשונעדיק בילד.

פון דער צעקנוילטער שוואַרצער כמאַרע הינטער אונדזער טראַנשיי רײַסן זיך אַרויס און פליִען אין הימל, אין דער ריכטונג פונעם קעגנער, פײַער־קנוילן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך פינקלענדיקע שפּורן. עמעצער שרײַט אויס:

— קאַטיושע!

אָט ווער דאָס איז! וועגן איר זײַנען געשאַפן געוואָרן לעגענדעס, איך זע זי אָבער דאָס ערשטע מאָל. דערנאָך פלעג איך אָפט באַאָבאַכטן די טעטיקײַט פון אָט די גוואַרדייִשע מי־נענוואַרפערס, אָבער יענער ערשטער זאַלפּ איבער אונדזערע קעפּ איז געווען באַזונדערס אײַנדרוקספול.

די פאַשיסטן האָבן באַשאָסן מיט אַ הוראַגאַן־פײַער די קנוילן רויך און שטויב, אָבער צו שפּעט. די „קאַטיושעס", ווי נאָר זיי לאָזן אַרויס זייערע זאַלפּן, פאָרן אָפּגיך אַוועק. פונעם קיבעד, וועלכן דער פײַנט האָט זיי געשיקט, געניסן מיר...

קאַיאַר איז צו אונדז אין טראַנשיי געקומען אַ פאָטאָגראַף פונעם פּאָליט־אָפּטייל. זיצנ־דיק לעבן דעם קעגנ־בערדיקן ווענטל פונעם אָקאָפּ, וואַרט ער, ביז עס ווערט גוט ליכטיק. ער פאָטאָגראַפירט מיך, קעדיי צוגרייטן אַ פאָטאָגראַפיע פאַר מײַן פּאַרטייִש קאַנדידאַטן־קאַרטל. אָפּגעטאָן זײַנס, פאַרלאָזט ער אײַליק דעם פאָדערשטן ראַנד. אויפן פראָנט ווייסט יעדערער זײַן אָרט.

דערנאָך איז געווען אַ שלאַכט, אַ דויערנדיקע, שווערע, אַקשאָנעסדיקע. פאַרענדיקט האָט זי זיך אין עטלעכע שאָ אַרום. מיר האָבן אויסגעבעסערט אונדזערע פּאָזיציעס. די דײַטשן זײַנען געווען געצווּנגען אָפּציִען אַ טייל סאָלדאַטן פונעם שטאָט־צענטער, ווו עס איז פאַר אונדז געשאַפן געוואָרן אַ קריטישע לאַגע, און איבערשיקן זיי אַהער. אין דעם איז באַשטאַנען דער פאַרטראַכט פונעם פראָנט־שטאַב. די סאָווינפאָרמביוראָ־סוואָדקע האָט וועגן דעם מיטגעטיילט באַשיידן, אַז מיר האָבן געפירט שלאַכטן פון אַ לאָקאַלן באַטײַט.

ביז גאָר אויסגעשעפּטע נאָך דער אָקאָרשט פאַרענדיקטער שלאַכט, זיצן מיר אין טראַנ־שיי, ניטאָ קיין קויעך צונויפלעכטן אַ פּאָר ווערטער. צושפּאַרנדיק זיך צום ווענטל פונעם אָקאָפּ און אַוועקשטעלנדיק די ביקס צווישן די קני, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, קלער איך ניט־פריילעך: מיר געפינען זיך לעבן סטאַלינגראַד. ווי ווײַט עס איז ביז בערלין! צי וועל איך דערלעבן ביזן זיג? עס ווילט זיך אָבער אַזוי דערלעבן...

די שלאַכט ווערט אײַנגעשטילט.

פונעם הימל פאַלן אַראָפּ עטלעכע טראָפּנס בלוט. ס'איז גאַנץ מאָדנע, וואָס בלוט טריפט פונעם הימל. און פאַרוואָס בלויז לעבן מײַנע פיס? כ'טו אַ פיר מיט דער האַנט איבערן פּאָ־נעם — די דלאָניע ווערט פאַרבלוטיקט. אַך, יאָ — אַ שפּליטער האָט פאַרטשעפּעט מײַן אייבערשטע ליפּ. כ'צעלאַך זיך: אַן איידעלער קוש פונעם קריג. אין ברען פון דער שלאַכט האָב איך אַפילו ניט דערפילט אים (דערנאָך עטלעכע טעג ניט געשמייכלט, דער שניט האָט ניט געלאָזט. עמעס, קיין געלעגנהײַט אויף צו פרייען זיך איז אויך ניט געווען).

בייס דער אטאקע האָט א טאנק אַנגעוויקלט אפן רויף דעם טעלעפאָן-דראָט. די פאַר-בינדונג מיט איינעם פון די באטאליאָנען איז איבערגעריסן געוואָרן. צוויי פארבינדלער זײַנען שוין אוועק אף דער ליניע און זיך ניט אומגעקערט. אָבער אופשטעלן די פארבינדונג מוז מען דאָך. דער פאָלק-קאָמאנדיר כודאלײ טוט א קוק אף מיר שווײַגנדיק. איבערכאזערן דאַרף ער ניט. אויך שווײַגנדיק, נעם איך אין די הענט דעם טעלעפאָן-דראָט, שפּרינג ארויס פונעם באַאָבאכטונגס-פונקט און, אַנגעבויגן זיך נידעריק — ס'איז איצט א שטילשטאנד, און עס לאָקערן פײַנטלעכע סנײַפּערס, — לויף איך מיט זיגזאגן צום פלאַקערנדיקן טאנק. דער עקיפּאַזש האָט אים פארלאָזט, נאָר א דײַטשישער סנײַפּער האלט אים מיסטאמע אפן אַנציל: עפשער וועט נאָך עמעצער וועלן פון אים ארויסקריכן. איך דערנענטער זיך צום טאנק. יאָ, געוויס אָרודעוועט דאָ א סנײַפּער. ביידע פארבינדלער ליגן איינער לעבן אנדערן, עטוואָס ווײַטער — ליגט דער נײַער פאָלק-קאָמיסאר דעניז, וועלכער איז ערעוו די לעצטע שלאַכטן געקומען אין פאָלק, מע זאָגט — פון א מעדסאנבאט. א מענטש איז ער געווען, לויט אונד-זערע דעמלדיקע פאַרשטעלונגען, ניט קיין יונגער און ניט אינגאנצן קיין געזונטער, נאָר געצאַפּלט האָט אין אים א הייס הארץ פון א פאַטריאָט, און ער האָט אויסגעקליבן פאר זיך א שיסער-פאָלק אף דער פײַער-ליניע.

מיטן נאָמען רופן איינער דעם אנדערן איז בא אונדז ניט אַנגענומען. מײַן מיליטער-ראַנג איז געווען א קליינער. עפשער דערפאר, און, ס'קאָן זײַן, פאַשעט איבער מײַן יונגקײַט, פלעגט ער מיך רופן פאראלגעמיינערט — קאַמסאָמאָל. איך האָב מיט דעם שטאָלצירט.

אויך הײַנט גאנצפרי, פאר דער אטאקע, האָט ער מיך צוגערופן צו זיך און געזאָגט:

— קאָמסאָמאָל! מיטן פערזענלעכן בײַשפּיל! — און, אויסדריקלעך ארײַנקוקנדיק מיר אין די אויגן, איבערגעכאזערט: — מיטן פערזענלעכן בײַשפּיל!

ס'איז לײַכט צו זאָגן „מיטן פערזענלעכן בײַשפּיל". מע דאַרף דער ערשטער ארויס-שפּרינגען פון דער טראנשיי, ווען דער נאטירלעכער פארלאַנג איז — טיפער זיך אײַנגראָבן, באהאלטן זיך אין דער ערד; ווען ארום און פײַפט, וואַיעט און קנאַלט; ווען גראָד דיך, ניט עמעצן אנדערש, זוכט דער מאלכאמאָוועס, טאַקע נאָר דיך, מער קיינעם פון דײַנע כא-ווײרים, וועלכע ליגן נאָך דערווײַל צוגעטוליעט צו דער ווארעמער ערד און וועלן נאָך ליגן טעלעכע רעגעס — א גאנצע אייביקײַט!

וויפל איז וועגן דעם שוין אַנגעשריבן, און וויפל וועט נאָך אַנגעשריבן ווערן, און ס'איז נאָך אלץ ווי אין יענעם קינדער-בוך: אויב עס האָבן דיר ווי געטאָן די אויערן, דאַרף מען וועגן דעם ניט דערציילן, אָבער אויב עס האָבן דיר ניט ווי געטאָן די אויערן, האָט ניט קיין זין צו טײַנען ווי ווייטיקדיק דאָס איז. סײַווי וועט מען ניט פארשטיין. צומאָל קוק איך אפן הימל און קלער — דאָס לעצטע מאָל זע איך אים, און דאָס הארץ פארגייט זיך פון ווייטיק.

אין די רעגעס, ווען דו שטייסט איינער אליין אפן טויט-פעלד פונעם קריג, פליען אלע מינעס, הארמאַט-קוילן און שפּליטערס בלויז אין דיר. סעמיאָן גודזענקאָ האָט גוט געזאָגט וועגן דעם אין זײַן ליד „פאר דער אטאקע":

באלד וועט אַנקומען מײַן ריי.
ס'גייט דער געיעג אף מיר אליין נאָר.

ווען אלע סאָלדאטן שטייען מיטאמאָל אוף, איז עפּעס גרינגער: אף אלעמען וועט ניט קלעקן באם מאלכאמאָוועס קיין קויעך...

יאָ, דעם ערשטן אופהייבן זיך איז ניט לײַכט, אָבער — מע דאַרף. דערפאר ווײַל עס איז דאָס היימלאנד. דערפאר ווײַל ס'איז סטאַלינגראַד, דערפאר ווײַל ס'איז דײַן כוויוו. און דו טוסט זיך א ריס, טוסט זיך א הייב אוף, פונקט ווי אין דיר האָט עמעץ אַנגעצויגן און אָפּגעלאָזט א פּרוזשינע, דו דערזעסט דעם אופליכט פון דער סיגנאל-ראַקעטע, און אינעם הייזעריקן „נאָך מיר!" ווערט דערטרונקען די מוירע, און עס פארבלײַבט דער ווילדער אַק-שאַנעס פונעם געפעכט און דער גלוסט צו זיגן.

די פארבינדלער ליגן באנאנד מיטן קאָמיסאר לעבן דעם טאנק. א סנײַפּערישע ארבעט. ביז דער דעמערונג וועסטו זיי פונדאנען ניט אַרויסשלעפּן. איך טו זיך א פּליוך דערנעבן. בא איינעם פון די געפאלענע סאָלדאטן — דער טעלעפאָן-דראָט אין האנט. דער פײַנטלעכער סנײַפּער באמערקט, קענטיק, עפּעס א באוועגונג, נאָר אינעם אָפּטישן וויזיר קלײַבט ער זיך ניט פאנאנדער, וואָס עס קומט פאָר, און פלאָנטערט איבער: זײַן קויל טוט טרוקן א פּיק

די שינעל פונעם אומגעקומענעם פארבינדלער, צעשויבערנדיק א פיצינק שטויב-זײַלכל.
„דער טויטער ראַטעווּעט דעם לעבעדיקן", — שווימט אויף אַף א ווײַל בא מיר אין זיקאָרן אַן ערגעץ אויסגעלייענטע פראַזע.

צודריקנדיק זיך צו דער אויסלייזערן-ערד, טאַפּ איך אָן דעם צווייטן עק פונעם דראָט, אַף א רעגע דערפיל איך די קעלט פונעם טויטן כאַווערס האַנט. אויב אַפּערירן איצט אַזוי, ווי עס פאָדערן די אינסטרוקציעס, וועלן גיכער פאַר אַלץ ניט זײַן ניט קיין פאַרבינדונג, ניט איך. דעריבער נעם איך אין די ציין דעם עק פונעם דראָט און כ'טו אים א ריס. די איזאַליאַציע שיילט זיך אראָפּ, האַגאַם מײַן צאָן צעשפּאַלט זיך. איצט טו איך דאָס, וואָס צענדליקער כאַווײרים האָבן געטאָן פאַר מיר און נאָך מיר, — כ'פאַרקלעם ביידע עקן דראָט מיט די ציינער. די פאַרבינדונג איז אופגעשטעלט. און כ'וועך פאַרשטאַרט אַף דער געמיט-לעכער, אַנגעוואָרעמטער אונטער דער זון, ערד. כ'וואַרט אויס, ביזוואַנען עס הייבט זיך אָן א שיסערײַ, טו זיך א הייב אויף, א שפּרונג און וואַלגער זיך אַרײַן אינעם אָקאָפּ פונעם באַ-טאַליאָן-קאָמאַנדיר אַף א קליינער הייכעניש.

דער קאָמבאַט שמייכלט צו מיר: „האָסט זיך געיאָוועט צו אָפּנעמען דײַן נײַעם אַמט?" ס'לאָזט זיך אויס, אַז דורך דער אופגעשטעלטער פאַרבינדונגס-ליניע האָט מען אים איבער-געגעבן א באַפעל, אַז איך, דער סערזשאַנט, בין באַשטימט אַלס קאָמיסאַר פון זײַן באַטאַליאָן.

די פאַרלוסטן אינעם מיליטער זײַנען געווען קאָלאָסאַלע, מיט א דיוויזיע האָט קאָמאַנ-דעוועט א פּאָדפּאָלקאָווניק, מיט א פּאָלק — א שטיק צײַט — אַן עלטערער לייטענאַנט. אַזוי אַז מײַן נאָמינירונג דאַרף קיינעם ניט וווּנדערן, אויב דערצו נאָך נעמען אין אַכט, אַז כ'בין שוין געוואָרן א קאָמוניסט.

געהאָדעוועט האָט מען אונדז הױפּטזאַכלעך מיט הירזשענער קאַשע, אַף וועלכער מיר האָבן שוין קוקן ניט געקאָנט, און מיט טאַראַנקע, נאָך וועלכער עס בענקט זיך אַזוי שטאַרק דער הײַנטצײַטיקער יוגנט און פון וועלכער עס האָט זיך שוידערלעך געוואָלט טרינקען. קיין וואַסער איז ניט געווען. באַנאַכט פלעגט מען ברענגען צו פירן טיי, א האַלב קעסעלע אַף א מענטשן: ווילסט — טרינק, ווילסט — וואַש זיך אײַן מיט דער טיי.

די אינטענדאַנטן פלעגן זיך סטאַרען פאַרבעסערן דעם מעניו פון די קאָמאַנדירן. דער קאָמבאַט דערלאַנגט מיר א קעסעלע מאַקאַראָנעס, איבערגעפּרעגלטע מיט אַמעריקאַנער טושאָנקע. קיניגלעכע שפּײַז! קיינמאָל ניט ביז דעם און שפּעטער איז מיר קיין שום מײַכל ניט געווען אַזוי צום האַרצן. נאָר איך באַוויַיז ניט אַרויסצושלעפּן פון הינטער די וויקל-געטרעס דעם לעפל. עס הייבט זיך אָן אַן אַרטילערישע און מינענוואַרפערישע באַשיסונג. כ'זיץ אין אָקאָפּ אָנגעבויגן איבערן קעסעלע, מיט דער ברוסט באַמי איך זיך באַשיצן די מאַקאַראָנעס, נאָר דאָס גיט זיך מיר ניט אײַן. א נאָענטע אופרײַס-כוואַליע טרייסלט אויף דעם ברוסטווער, אין קעסעלע שיט זיך זאַמד — די מאַקאַראָנעס סקריפּען אַף די ציינער.

ביז איצט בין איך ניט בעקויעך מויכל צו זײַן די פריצן אָט יענע געפּרעגלטע מאַ-קאַראָנעס. ביז איצט קריץ איך אַף די פריצן מיט די ציין. קענטיק, ניט נאָר פאַר די מאַ-קאַראָנעס...

א שווערע מינע טרעפט גלײַך אין אָקאָפּ פון די אַרטילעריסטן. א טויבער אופרײַס שלײַדערט אַרויס אַף יענער זײַט ברוסטווער צוויי אָפיצערן-קאָרעקטירער און זייער טעלע-פאָניסט. קיין קרעכץ, קיין זיפץ. דאָס דירעקטע טרעפן דערהאַרגעט גלײַך אַפן אָרט. ביינ-האַשמאַשעס קלײַבן מיר זיך צונויף לעבן טאַנק. קימאַט ווי אין טשעכאָוס „כירורגיע", היר-זשענדיק ווי פערד, שלעפּן די כעוורע אַרויס בא מיר מיט אַן אָפּצוועגנל דאָס אָפּגעשפּאָל-טענע שטיקל צאָן. נאָכן שווערן טאָג איז עס פונדעסטוועגן עפּעס א פאַרווײַלונג.

דער טאַנק רויכערט זיך נאָך. פון צײַט צו צײַט טראַסקעט עפּעס אינווייניק אין אים, עפּעס רײַסט זיך דאָרט אויף. פײַער-צונגען שלאָגן זיך דורך אין די שפּאַרונעס.

ס'גייט פאַרבײַ א באַיאָרטער סאָלדאַט, ניט קיין רוס, א מענטש פון מיטל-אַזיע. די ביקס האַלט ער אַזוי, גלײַך ער גרייט זיך צו א באַגנעטן-געפעכט. אַף דעם באַגנעט וויגט זיך א קעסעלע מיט הירזשענער קאַשע. ער שטעלט אוועק דאָס קעסעלע זיך אָנוואַרעמען אַף דעם דערברענענדיקן טאַנק.

פאַרוואָס איז דאָס אויסטערליש? עסן דאַרף מען דאָך.

דער קריג ווערט פאַרגעזעצט.

אפן סיוואַש. אַן איבערײַס

צוויי באַטאַליאָנען פון אונדזער שיסער-פּאָלק פאַרטיידיקן אַ שמאָל פּאַסיקל ערד צווישן דער אַזערע אײַגול און אײַגנטלעך דעם סיוואַש. די דראָט-פאַרצוימונגען אפן רעכטן פלאַנג פון מײַן באַטאַליאָן גייען אַוועק אין וואַסער אַרײַן.

הינטער אונדז, אף אַ קליינעם האַלב-אינדזל — די שטאַבן און די אַרטילעריע. פאַרויס — דער קעגנער. אַרום און אַרום וואַסער.

דער קליינער פּלאַצדאַרם קאָן באַשאָסן ווערן ביזן יאַם-איבערגאַנג. דער לאַנגער, דרײַ קילאָמעטער מיטן וואַסער, איבערגאַנג — אונדזער פאַרבינדונג מיט דער גרויסער ערד. די דאָזיקע פאַרבינדונג ווערט אָפט איבערגעריסן: די דײַטשן באַשיסן און באַוואַרפן מיט באָמבעס דעם איבערגאַנג אומופהערלעך. אין די אָקאָפּעס דוכט זיך אונדז אויס, אַז פון אים איז שוין גאָרנישט ניט געבליבן, לעכאַלהאַפּאַכעס, קיין לעבן איז דאָרט שוין ניטאָ.

נאָר ניין, דער איבערגאַנג ווערט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אופגעלעבט. דאָס איז פּאַ-שעט צו זאָגן. און איך פאַרנייג הײַנט דעם קאָפּ פאַר דעם בײַשפּיללאָזן מוט פון די סאַפּיאָרן און פּאָנטאָניאָרן.

אף יענער זײַט פון דער נייטראַלער זאָנע באַוויזן זיך און פאַרשווינדן אין די אָקאָפּעס מונדירן פון זעגעפט-קאָליר — רומענער. שפּעטער, נעענטער צו פרילינג, ווערן זיי פאַרביטן מיט דײַטשן.

די ערד איז דאָ אַ טרוקענע, אָן וואַלד, ערטערווײַז טרעטן אַרויס אף איר פלעקן זאַלץ. וואַסער פלעג מען פירן פונדערווײַטנס, עס האָט ניט געקלעקט קיין האָלץ אף צו הייצן די פעלד-קיכן. צומאָל פלעגט מען צוליב דעם ברויכן טאָל. איצט זאָג עמעצן וועגן דעם — וועט מען ניט גלייבן. אף די בלינדאַזשן — קיין שום סטעליעס, קוים-קוים מיט ערד אָנגע-שאָטן, אפילע פון קיין מינעס קאָן מען זיך ניט ראַטעווען.

אַ סנאַריאַד ברעכט דורך דעם דאַך און פליט אַרײַן אין בלינדאַזש. אַ רעגע ווערן אַלע אײַנגעשרומפּן. ביטערער ייִעש, אַלץ, דער סאָף. אָבער קיין אויסברוך איז ניטאָ. פּאַרזיכטיק גלײַכן מיר זיך אויס, די קעפּ קריכן אַרויס פון די אַקסלען, ווי פון אַ טשערעפּאַכע-פּאַנצער.

— אַ באַלוואַנקע! — זאָגט עמעצער מיט פאַרלײַכטערונג.

— וואַרף זי אַרויס! — ווענדט זיך מיט אַ פרעמד קאָל דער קאָמבאַט צו זײַן אָרדינאַ-רעץ. יענער נייגט זיך אָן, נאָר הייבט ניט אוף דעם שטאָלענעם זשאָלוד:

— זאָל זיך די באַלוואַנקע אַ ביסל אָפּקילן.

איינמאָל האָט זיך אף דער נייטראַלקע באַוויזן אַ האָז. פונוואַנען האָט ער זיך גענומען דאָ, אף דער ערד אָן וואַלד און אפילע אָן קוסטעס, איז שווער צו זאָגן. פון ביידע זײַטן נייטראַלקע דערהערן זיך אויסגעשרייען און אַן אוליולוקערײַ, עמעצער שיסט אויס אין דעם כײַעלע. דער דערשראָקענער האָז קלײַבט זיך ניט פאַנאַנדער, ווער מיט וועמען עס פירט די מילכאָמע, און לויפט איבער צו די דײַטשן.

סאָף מאַרט איז אף אונדז אָנגעפאַלן אַ שניי מיט אַ ווינט. דרײַ טעג האָבן זיי געהו-ליעט, פאַרשאָטן די אָקאָפּעס מיט הויכע הורבעס. אַלע זײַנען אַרויסגעקראָכן פון די ערד-שטיבעלעך און בלינדאַזשן. סײַ מיר, סײַ די דײַטשן, אין פולן וווקס, קוקנדיק מיט כשאַד איינער אפן אַנדערן, רייניקן פון שניי די פּײַער-פּאָזיציעס און טראַנשייען.

די מילכאָמע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן, די נאַטור האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון איר.

אומגלייבלעך, אָבער ס'איז אַ פאַקט. אפן פאָדערשטן ראַנד הערשט אַ ניט-געוויינ-לעכע שטילקײַט. עס הערן זיך בלויז איבערופן פון מענטשן, וועלכע האַלטן אין די הענט לאָפּעטעס אָנשטאָט ביקסן. ס'איז געווען מאָדנע צו קוקן, ווי אף ביידע זײַטן פון דער נייט-ראַלקע פאַרנעמט מען זיך מיט פרידלעכער אַרבעט, ווי לעמאָשל, פּויערים, וואָס פאַרהאַלטן אף די פעלדער דעם שניי, קעדיי ער זאָל דערנאָך, פרילינג אָנפּאָיען די ערד. און דאָס זײַנען צוויי פײַנטלעכע אַרמייען, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג אומבעראַכמאָנעסדיק באַגאָסן איינע די אַנדערע מיט בלוט. דאָס איז געווען אַ זעלטן ווונדערלעך בילד. נאָר אָט דערהערט זיך דער ערשטער שאָס. דער אָטעם-איבערכאַפּ איז געענדיקט.

א לעבעדיק באַגראָבענער

ערעוו דעם אָנגריף דעם 7 אַפּרעל 1944 האָט מען אונדזער באַטאַליאָן פּאַרטרויט דורכצופירן אַן אויסשפּיר-שלאַכט. צום פּאָדערשטן ראַנד פירט אַ דורכגאַנג-טראַנשיי, וועלכע איז ביז די קני פאַרפלייצט מיט וואַסער.

אינדערפרי בין איך שוין דאָ געווען. כ'האָב איבערגעגעבן קאָמיוג-בילעטן די יונגע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די פּאַריקע שלאַכטן. קנעטן די פּליסיקע ליים האָט זיך ניט געוואָלט. מיר, אַ מענטשן זעקס, שפּרינגען איבער דעם ברוסטווער און לויפן פּאַרויס. עס טוט אַ פּאַל אַ מינע. מע האָט אונדז באַמערקט, און ס'איז קיין כידעש ניט — די געגענט איז גלאַט, ווי אַ טיש. מיטאַמאָל — דריַי אופּרײַסן. מיר קוקן זיך אַרום — מיר זײַנען שוין בלויז אינצווייען: דער קאָמסאָרג פון פּאָלק אַלעקסאַנדער קעסליטשקאָ און איך. נאָר מיר שטעלן זיך ניט אָפּ. פּאַרסאָפּעטע, דערלויפן מיר, שפּרינגען אַרײַן אין די אַקאָפּעס פונעם פּאָדערשטן ראַנד. באַלד וועט זיך אָנהייבן די אַרטילערישע צוגרייטונג. אויפן ערד-דיל ליגט אַ דײַטשישער מעסער-באַגנעט. איך רייניק מיט אים אָפּ די צוגעקלעפּטע צו די שטיוול ליים. סאַשע, וועלכער זיצט אין קעגניבערדיקן ווינקל, שטרעקט אויס, ניט קוקנדיק, די האַנט. איך דערלאַנג אים דעם באַגנעט. ער רייניקט אויך אָפּ אַקוראַט פון זײַנע שטיוול די ליים. פּאַמעלעך, זאָרגזאַם, מיטן שפּיץ פונעם באַגנעט שאַבט ער אויס יעדעס זעמדעלע אין די ראַנטן. זײַנע געדאַנקען זײַנען ערגעץ ווײַט. ער טראַכט. די אויגן זײַנען אָפּוועזנדע. ניט צו גוטנס איז עס.

איך קוק מיט אומרו אָף אָט דער יוועלירישער טירכע. אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן מיר ווידער אַרײַנקריכן אין דער בלאָטע, און די שטיוול וועלן אַפסניַי ווערן שווערע.

מיר קוקן אָפן זייגער. אין דער פּאַרנאַכטיקער לופט הילכט אָפּ אַן איינזאַמער קאַנאָנען-שאָס. מיטאַמאָל זידט אויף דער גאַנצער רוים הינטער אונדזערע אַקאָפּעס. אַזאַ מין געקראַך, אַז מע הערט אַפּילע ניט דאָן, ווען מע שרײַט דיר גלײַך אין אויער אַרײַן. דער קעגנער קומט ביסלעכווײַז צו-זיך, עס הייבט זיך אָן אַ קאָנטער-באַטאַריי-שיסערײַ. איין שווערער סנאַריאַד טרעפט העכער פון מײַן קאָפּ אין ווענטל פון דער טראַנשיי. די ערד טוט זיך אַ וואַקל. טאָנען גרונט וואַלגערן זיך אָן אָף מיר. איך באַווײַז אַ טראַכט טאָן: מע וועט מיך אויסגראָבן אין פיל יאָר אַרום, דערווײַל אָבער וועט מען מיך רופן — פּאַרפאַלן אָן יעדיעס... אין דעם פּאַרטונקלטן באַוווסטזײַן שווינדלען דורך עטלעכע בילדער: דער טאַטע, וועלכער ראַטעוועט מיך בייס איך ווער שיר ניט דערטרונקען, די מאַמע, ז שטייט אָנגעבויגן איבער מיר און איך זע דאָס פּולע מיט שמערצן טרויעריקע פּאָנעם אירס. מיטאַמאָל פיל איך, ווי עמעצער צעשאַרט אַפּגיך די ערד אַרום מײַן קאָפּ. מיט גרויסע שווערקײַטן עפן איך די אויגן:

— ביסט אַ לעבעדיקער? — פרעגט מען מיך.

— וואָדע! — ענטפער איך. — וויאַזוי האָסטו מיך אָפּגעזוכט?

— כ'האָב דערזען דײַן קאַסקע.

עס טרעפט אין טראַנשיי נאָך אַ סנאַריאַד. מיט אַלע קויכעס דריי איך היין און הער דעם קאָפּ, קעדיי אַראָפּוואַרפן די ערד, וואָס האָט זיך ווידער אַ שאָט געטאָן אָף מיר. ס'ווערט שווער צו אָטעמען, און זידל זיך אָף אַ קאָל אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. קיינער גייט אָבער ניט צו.

דערנאָך פרעג איך מײַנע כאַווירים:

— פאַרוואָס האָבן אַלע מיך איבערגעלאָזט אַליין?

— מיר הערן, אַז דו זידלסט אונדז, הייסט עס — אַ לעבעדיקער...

ליגן אַ באַגראָבענער ווערט אומדערטרעגלעך שווער. אַלץ טוט וויי, די הענט און די פיס צאַפּלען זיך אין קאָנוולסיע. אַ דערנידעריקנדיקער געדאַנק טוט זיך אַ ריר איז מיר: טאָמער גיט זיך ניט אײַן דער אָנגריף און אונדזערע וועלן זיך אָפּקײַקלען אָף צוריק? אָף דער מילכאָמע טרעפט אַלץ. אַ שיינעם פּאָנעם וועל איך האָבן: די דײַטשן וועלן אַנטפּלעקן מײַן שטאַרצנדיקן פון דער ערד קאָפּ און פאַרוואַנדלען אים אין אַ צילברעט...

סאַפּקאַלסאָף פאַרענדיקט זיך די אַטאַקע. פאַרבײַ מײַן אַקאָפּ, אין דער הייך, פירט מען דורך עטלעכע געפאַנגענע דײַטשן. די אופגאַבע איז אויסגעפּילט. אין טראַנשיי דערהערן זיך טריט. עמעצער קרעכצט און זידלט זיך ווירטואָז, אַ סאַך בעסער פון מיר. לויטן קאָל דערקען איך אונדזער סטאַרשינאַ. איך טו אים אַ רוף, נאָר ער איז קאָנטוזיעט און הערט ניט. אין דער פינצטער טרעט ער אַרוף מיטן שטיוול אָף מײַן קאָפּ, שיר ניט אָפּגעריסן דעם

אויער. עטוואָס שפּעטער — נײַע טריט. דאָס איז דער קאַפּיטאַן נעטשטשיפּאָ און דער ייִנ־גערער סערזשאַנט סידאָרענקאָ, וועלכע טראָגן אויפן פּאָדערשטן ראַנד בראַנפן אין א הויכן בלעכענעם סלאַי. זיי הייבן מיך אָן אויסגראָבן. באַפרײַט די אַקסל, פּרוּוון זיי ארויסשלעפּן מיך פון אונטערן ערד־אָנשיט פאַר די הענט. ס'איז אָבער ניט אַזוי אייַנפאַך. די ערד האָט זיך צונויפגעפרעסט און לאָזט מיך ניט אָפּ.

— איר וועט מיך אָפּ צווייען צערײַסן, ברודערקעס, גראָבט נאָך, — שרײַ איך צו זיי.
סאַפּקאָלסאָף שלעפּט מען מיך ארויס. עמעס, די שטיוול בלײַבן אין דער ערד. שטיוול בייס אַן אָנגריף — איז ניט קיין פּראָבלעם, אייגנע, צי פרעמדע — אָף א באַליביקער מאָס...

צווישן צווי פײַערן

אינדערפרי גיט זיך אונדז אײַן פאַרנעמען א נאָמענלאָזע הייכעניש אפן ברעג פון דער אינגולייער אָזערע. אונדזערע פאַרלוסטן זײַנען גרויסע. פונעם גאַנצן באַטאַליאָן זײַנען גע־בליבן זיבעצן סאָלדאַטן.

געזעסן זײַנען דאָ די דײַטשן לאַנג. טראַנשייען אין פולן וווקס. בלינדאַזשן, באַדעקטע מיט דרײַ סטעליעס. אפילו מעבל שטייט אין די טראַנשייען. די פאַשיסטן זײַנען אַנטלאָפן פונדאַנען בעכיפּאָזן, איבערגעלאָזט געווער, פּראָדוקטן, אַפילע ווײַן — עפּעס א פראַנצויזישע מאַרקע — אָף אונדזער ניט־ראַפינירטן סאָלדאַטישן טאַם איז עס א ביסל זויערניש, נאָר דאָס איז שוין ניט וויכטיק, טרינקען קאָן מען...

פון צײַט צו צײַט הייבן זיך אוף, קעדיי גיין אונדז צו הילף, געדיכטע קייטן פּעכאָטע. זיי געפינען זיך איצט דאָרט, פונוואַנען מיר האָבן נעכטן אפּדערנאַכט פּאַרגענומען די אויס־שפּירונג־שלאַכט און הײַנט אינדערפרי — דעם אָנגריף אָף דער נאָמענלאָזער הייכעניש. אַלעמאָל אָבער עפּנט אוף די דײַטשישע אַרטילעריע א שקוואַל־פײַער, און די קייטן מוזן אַנידערפאַלן צו דער ערד.

מיט א שווערן געפיל קוקן מיר צו זיך אין הינטערלאַנד אָף אונדזערע פריערדיקע פּאָזיציעס. פון דער הייך זעט מען גוט, ווי סנאַריאַדן און מינעס רײַסן זיך אוף אין די רייען פון די ליגנדיקע קאַווירים. יאָ, ביז נאַכט איז ניטאָ וואָס צו וואַרטן אף הילף, זי וועט ניט דורכגיין.

די דײַטשן האָבן אויך געפרווט אָנגרײַפן. דאָס זעלבע בילד: געכאַפּט קלעפּ, אזש שפּענער זײַנען געפלויגן. אונדזער אַרטילעריע האָט אונדז זיכער „צוגעדעקט". ס'פאַלט צו די אַט אַזוי זיצן מיר אף דער נאָמענלאָזער הייכעניש צווישן צווי פײַערן. ס'פאַלט צו די נאַכט.

וואַסיע טיאַשטשין לאָזט זיך אַראָפּ אין א טיפער גרוב, וועלכע ס'האָט אינדערפרי אויס־געגראָבן א טויזנטקילאָגראַמאָווע באָמבע. איך זיץ אפן ראַנד פון דער גרוב מיט דער פּליצע צו די דײַטשן. כ'טו איבער די שיך. איבערגעוויקלט די אָנעטשע מיטן טרוקענעם עק, און אַלץ איז קעשורע. עמעס, עס טרעפט, אז בײדע עקן פון דער אָנעטשע זײַנען פּיטש־נאַס...

וואַסיע קריכט ארויס פון דער גרוב, צעגלעט און גלײַכט אויס אונטערן פּאַסעק די גימנאַסטיאָרקע, נעמט די ראַקעטניצע און שיסט. איך קוק אף אים מיט פאַרוווּנדערונג: צוליב וואָס אַן איבעריקער ראַש? ס'איז שטיל — איז מאַכעטייסע.

אָבער איידער וואַסיע צעעפנט דאָס מויל אף צו ענטפערן מיר, זע איך לויט זײַן פּאַנעם, אז די אומגעבונג האָט זיך שאַרף געענדערט.

— דעם פײַנטס טאַנקען און פּעכאָטע! — שרײַט וואַסיע. מאָמענטאַל שטעל איך זיך אוועק לעבן אים.

אין דער שײַן פון דער פלאַנדיקער ראַקעטע אפן פאַן פונעם שוואַרצן האָריזאָנט זעען מיר בוילעט פיר טאַנקען און בא צווי באַטאַליאָנען פּעכאָטע. די דײַטשן האָבן זיך שוין פאַנאַנדערגעוויקלט אין א האַלבקרײַז און פאַרגייען די הייכעניש פון די זײַטן, שטרעבנדיק צו א פלאַנג־ארומכאַפּ. דערזעענדיק, אז מיר האָבן זיי באַמערקט, עפענען זיי א פײַער. עס שיסט דער פאָדערשטער טאַנק. פון זײַן טורעם־קאַנאָן רײַסט זיך ארויס א פײַער־קינזשאַל און אַנטרינט טייקעף, געגליכן צו א צונג פון א שלאַנג. ס'דוכט זיך, אז אָט די צונג ציט זיך צוריק ארײַן אין דער קאַנאָן־רער.

איך טו זיך א וואָרף צום טראַפּיינעם גרויסקאַליבערנעם דײַטשישן קוילנוואָרפער, קעדיי מיט זײַן פײַער אָפּהאַקן די פּײַנטלעכע פּעכאַטע פון די טאַנקען. די סיסטעם פונעם קוילנ-וואָרפער איז מיר ניט באַקאַנט, איך האָב זיך קיינמאָל צו אַזאַ מאַשין ניט צוגערירט מיט די הענט. אָט נעם איך שוין שיסן, נאָר דער קוילנוואָרפער האָט מיך אָפּגעוואָרפן פון זיך קימאַט אַף א מעטער. כ׳בין אָבער אַן אַקשן, און נעם זיך ווידער פאַרן קוילנוואָרפער. מיר שיסן אַלע פון אונדזער געווער און פון דעם טראָפּיינעם. מיר גרייטן אויך צו גראַנאַטעס. איך וואָרף איינע — ניט גאָר ווײַט. לײַכטער איז צו וואַרפן דײַטשישע גראַנאַטעס, בא זיי איז דאָס הענטל לענגער.

פון אונטן דערטראָגט זיך אַן אומקלאָרער געוויש, א באַוועגונג, קורצע קאָמאַנדעס. דאָס זײַנען אונדזערע, יענע, וואָס האָבן באַטאָג ניט געקאָנט זיך דערקלײַבן צו דער הייכע-ניש. איצט אײַלן זיי אונדז צו הילף. זיי קײַקלען ארויס נאָך צוויי קעגנטאַנקען-האַרמאַטן און הייבן אָן שיסן. איין פּײַנטלעכער טאַנק צעפּלאַקערט זיך, פון זײַנע לוקן שפּרינגען ארויס שוואַרצע פיגורן און לױפן אַוועק. דער צווייטער טאַנק הייבט זיך אויך אָן צו רוקערן און שטעלט זיך אָפּ. די איבעריקע צוויי טאַנקען קריכן אַוועק אַף צוריק. נאָך זיי טרעט אָפּ אין אומאָרדענונג די פאַשיסטישע פּעכאָטע.

אין קרים. אַזאַ איז געווען דאָס שטייגער-לעבן

אין קרים בין איך קיינמאָל ביז אַהער ניט געווען. קיין פּוטיאָוואָקעס האָב איך נאָך ניט — פאַרדינט, און קעדיי פאַרן אַן א פּוטיאָוקע, דאַרף מען האָבן געלט.

דער אַפּרעל פיר-און-פערציקסטער איז געווען א וואַרעמער און ווייכער, מע וואָלט געקאָנט בראָטן זיך אַף דער זון, אָנוואַרעמען די ביינער נאָך סיוואַש, לאָזט אָבער ניט די מילכאָמע. בעשאַס דער ערשטער נאַכט אין דזשאַנקאָי, קאָלזמאַן די באַיאָרטע סאָלדאַטקע האָט עטלעכע מאָל געוויקט מײַן קאָפּ אין אָקרעפּ, סטאַרענדיק זיך אויסשווענקען די ערד, וועלכע דער אופרײַס אין טראַנשיי מיט א טאָג פריִער האָט אײַנגעפּרעסט אין מײַנע פּרעכ-טיקע דאָן האָר, האָבן די כוורע געבראַכט פון דער סטאַנציע טראָפּייען: קעז, ענלעכן אַף רעדער ומיט אָנגעבלאָזענע שינעס און מיט א לאַך אינמיטן — די דערפינדערישע סאָלדאַטן דערטראַכטן זיך ארײַנשטעלן אין איר א שטעקן, עס זאָל זײַן לײַכטער דעם קעז צו קײַקלען, — און עטלעכע קעסטלעך שאָקאָלאַד. דער קעז איז קיין נאַוויגע ניט געווען, אָפּן שאָקאָלאַד האָט מען זיך אָנגעוואַלגערט. אינדערפריִ אָבער זע איך: די סאָלדאַטן בײַטן דעם שאָקאָלאַד אַף ברויט בא די אָרטיקע אײַנוווינער. ניט געפעלן געוואָרן אין שלייער... איך, פונדעסט-וועגן, האָב דערטראָגן אין מײַן פעלד-סומקע איין דײַטשישן שאָקאָלאַד ביזן סאָף פון דער מילכאָמע. פאַרהיט עס פאַר דער שוועסטער.

אין אַרטילערישן פּאָלק פון אונדזער דיוויזיע האָבן געדינט עטלעכע טאַדזשיקן. איינער פון זיי, אַטאַ אַלימאָוו, א יונגער באָכער, א קליינוווקסיקער, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך גוטער, מיטפילנדיקער מענטש, שטענדיק גרייט צו העלפן אַלעמען. א ליבלינג פונעם גאַנצן פּאָלק. נאָך א שלאַכט, אָדער נאָך א-שווערן מאַרש, ווען אַלע פאַלן פון די פיס פון מידקײַט און עס איז גאָרניט ניכע, דער סאָלדאַט לעכצט בלויז רו, קריכן ארויס טאָמיד וועלכע-ניט-איז דרינגענדיקע איניאָנים: ערגעץ גיין, עפּעס ברענגען, איבערגעבן א פאַראָר-דענונג אָדער א קאָמאַנדע, שטעלן זיך אַף א פּאָסט. אַלע זײַנען דענערוווירט, האָבן טאַרו-מעס, און בלויז אַטאַ אַלימאָוו מיט זײַן שטענדיקן שמייכל, אָן קיין שום אופגעבראַכטקײַט, גייט און טוט דאָס, וואָס ומע דאַרף. לעכאַטכילע איז אַטאַ געווען אַן אַנצילער, דערנאָך גע-וואָרן קאָמאַנדיר פון א האַרמאַט. געשלאָגן זיך האָט ער געוואַגט, קלוג. אין קרים האָט בא אים פּאַסירט א קאַזוס. פאַרפאָלגנדיק דעם דײַטש, האָט דער אַרטילערישער פּאָלק גיך זיך באַוועגט פאָרויס. אין סימפעראָפּאָל, אַרופאָרנדיק אַף א בריק איבער דער אײַזנבאַן, שפּרינגט אַלימאָוו מאַשין אונטער אַף א וואַראָנקע, וואָס עס האָט פאַרשאַפן א סנאַריאַד. דער האַרמאַט רײַסט זיך, אַראָפּ פונעם אַנשיט און דרייט זיך איבער מיט די רעדער אַרויף. אַלימאָוו גליטשט זיך ארויס פון דער קאַבינע, שטעלט זיך אַוועק אינמיטן וועג מיט צעפּירטע הענט, גלײַך ער וואָלט וועלן אַלעמען ארומנעמען און צעקושן, שרײַט מיט א פאַרשעמטן שמייכל אַף ניט דעם סאַמע בעסטן רוסיש:

— פּעכאָטע! העלפן!

מיר שלעפּן אַרויס דעם שלימאַזלדיקן קאַנאָן פֿון אונטער דער בריק. דער האַרמאַט איז אונדז גוט באַקאַנט. אין די שלאַכטן פֿלעגן אים אַלימאָוס באַטאַרייצעס שטענדיק האַלטן לעבן אונדז. קוקסט זיך אַרום בייס אַן אַטאַקע — ער איז דאָ, הינטער דער פּלייצע, און גלייך ווערט רויִקער.

די דײַטשן שטרעבן אָפּצוריַיסן זיך פֿון אונדז, אַנטלויפֿן קיין סעוואַסטאָפּאָל, אַרײַנכאַפּן זיך אין די לאַנגדויערנדיקע באַפֿעסטונגען, וועלכע זײַנען דאָרט פֿאַרבליבן נאָך אונדזער פֿאַרטיידיקונג אין 1941—1942. די באַפֿעסטונגען זײַנען מעכטיקע — בעטאָן! און שטאַרקער פֿון בעטאָן זײַנען געווען אונדזערע מאַטראָסן און סאָלדאַטן. 250 טעג אויסגעשטאַנען, ניט דורכגעלאָזט דעם פֿײַנט. וויפֿל וועלן איצט די דײַטשן אויסהאַלטן — קעגן אונדז?

מיר רוקן זיך פֿאָרויס גיך, אַלץ טיפֿער און טיפֿער דרינגען מיר אַרײַן אין קרים. שטרעבנדיק פֿאַרהאַלטן אונדזער אָנגריף, „באַאַרבעטן" אונדז די פֿאַשיסטן אומופֿהער־לעך מיט זייער אַוויִאַציע. מיר שפּאַנען די גאַנצע צײַט אונטערן געקראַך פֿון באָמבעס און דורך דער טראַסקערײַ פֿון קוילנוואַרפֿער.

דער קאָמבאַט זאָגט מיר:

— וועסט גיין מיט דער מינענוואַרפֿער־ראָטע.

מידע, פֿאַרשטויבטע, דורכגעשוויצטע, שלעפּן זיך פֿאַמעלעך די מינענוואַרפֿלער מיטן ברעג פֿונעם סיוואַש, טראָגנדיק אויף זיך זייער מוירעדיק וואָפֿן — באַזונדער די פּליטעס, באַזונדער — די צוויי־און־אַכציקמילימעטרישע רערן.

— לופֿט! — דערהערט זיך אַן אומרויִקע וואָרענונג. — וואָזדוך! וואָזדוך! לויפֿט אַנט־קעגן דער אויסגעשריי וועגן דעם, אַז עס דערנענטערן זיך פֿײַנטלעכע עראָפּלאַנען. אָט זײַנען זיי! אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין די זון־שטראַלן, שווימען אָן אויף אונדז נײַן „יונקערסן" — פּיקירנדיקע באָמבאַרדיראָווטשיקעס. שפּעט באַמערקן מיר זיי. אָנפֿאַלן, פֿאַרהילטע אין דער זון־שײַן — דאָס איז אַן אַלטע כיטרעקײַט. קוקן אויף דער זון איז שווער. די אויגן ווערן פֿאַרגאָסן מיט טרערן, מע זעט שלעכט.

די „יונקערסן" האָבן זיך שוין אויסגעסטראָיִעט אין אַ קאַמפּס־אָרדענונג — אין אַ קרײַז. באַלד וועט זיך אָנהייבן דרייען די ראָד פֿון דער באָמבאַרדירונג. דער ערשטער „יונקערס" פּיקירט שוין.

די מינענוואַרפֿער־קאָמאַנדע, מיט וועלכער איך גיי, איז צעטומלט. איינער טוט אַ וואָרף די מינענוואַרפֿער־רער אויף דער ערד, דער צווייטער רײַסט פֿיבערהאַפֿטיק אויף זיך די ליאַמ־קעס פֿון דער פּליטע. כ׳קוק פֿאַרכידעשט אויף מיט אומרו. די כעוורע זײַנען אויסגעפּרוּווטע, אויב זיי זײַנען פֿאַרטומלט, הייסט עס, אַז זיי זעען עפּעס אַזעלכס, וואָס איך זע ניט.

אויף דער מילכאָמע איז דער קלאַל פֿאַר אַלעמען איינער און דער זעלבער: פֿאַל, וווּ דו שטייסט, פֿאַנאַנדערקײַבן זיך וועט מען שפּעטער. איך טו זיך אַ פֿליוכע אויף דער ערד. אין דער זעלבער רעגע דערהערט זיך איבערן סאַמע קאָפּ אַ ווילד רעווען פֿונעם עראָפּלאַן, וואָס גייט אַרויס פֿון פּיקע. אָט, הייסט עס, וואָס עס איז פֿאַרלאָפֿן! די באָמבעס האָט ער שוין אַראָפּגעוואָרפֿן. עס האָט זיך פֿונדעסטוועגן דערקליבן צו מיר דער מאַלכאַמאָוועס. דער באָמבאַרדיראָווטשיק, וועלכן איך האָב דערזען, איז געווען דער צווייטער, ניט דער ערשטער. דאָס דינינקע פֿײַסיקל פֿונעם ערשטן האָב איך דורכגעלאָזט, ניט באַמערקט אין דער זון־שײַן. די כעוורע האָבן אים יאָ דערזען... קימאַט שוין ליגנדיק אויף דער ערד, באַווײַז איך צו באַמערקן: די באָמבעס פֿליִען גלײַך אויף אונדזער גרופּע, אינמיטן — איינע אַ טויזנטקי־לאָגראַמישע — אין מענטשלעכן וווּקס, אַ פּולבלוטיקע, — באַנאַנד מיט איר, איןביידע זײַטן — צוויי קלענערע, פֿון הונדערט פֿופֿציק קילאָגראַם. וואָס צו, דאָס איז איבעריק, אויף אונדז וואָלט קלעקן איין קליין באָמבעלע...

מיט אַ שטויס פֿון דער רעכטער האַנט דריי איך זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט. די גרויסע באָמבע גייט דורך איבער מיר זייער נאָענט, כ׳וואָלט געקאָנט מיט דער האַנט דערלאַנגען. איך פֿלי אַראָפּ פֿונעם אָפּריס און דערהער אין דער הייך צוויי איינציַיטיקע אויפֿ־רײַסן — די קלענערע באָמבעס...

ניט נאָר די מינענוואַרפֿלער, די שטאָלענע אָנשפּאַר־פּליטע איז אויך צעמאַזיקט. אויפֿן סיוואַש איז דער דנאָ אַ שליימיקער. די גרויסע באָמבע קריכט אַרײַן טיף אין באָדן און גיט אַ ווערטיקאַלן אַרויסוואָרף. און טאַקע דערפֿאַר קאָן איך איצט וועגן דעם דערציילן...

אין האַרבסט דרײַ־און־פֿערציקסטן האָט אונדזער מיליטער פֿאַרכאַפּט הינטער קערטש אַ פּלאַצדאַרם, פֿון וועלכן דערנאָך, אין פֿיר־און־פֿערציקסטן, האָט די בײַ־יאַמישע אַרמיי

1*

אָנגעהויבן איר אָנגריף. א טייל מיליטער האָט זיך דיסלאָצירט אין די קאַטאַקאָמבעס, אזוי איז געווען רויִקער אין הינזיכט פון באָמבארדירונג און פון ארטילערישער באשיסונג. ס'איז אָבער אויסגעקומען ארומגיין קימאַט טאַפּנדיק א וואַנט מיט א שטיקל ברענענדיקן קאבעל אין די הענט אָנשטאָט ליכט.

אין אָט די קאַטאַקאָמבעס האָבן זיך געפונען טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן זיך ניט באוויזן עוואַקויִרן, הויפּטזאַכלעך פרויען און קינדער. עס איז געווען שוידערלעך אף זיי צו קוקן. פון הונגער, לופט-אָפּוועזנהײַט און מאנגל אין באוועגונג האָבן זיי זיך איבערגעשטאַלטיקט אין סקעלעטן, פארצויגענע מיט הויט.

עוואַקויִרן זיי אף דער גרויסער ערד איז ניט געווען קיין מעגלעכקײַט. דער פײַנט האָט אונדזער פלאַצדארם געהאַלטן אונטערן פײַער אומופהערלעך. שפּײַז-פּראָדוקטן פלעגן אָנקומען באגרענעצט, אויסשליסלעך פארן מיליטער.

ווען מע האָט פארטיילט דאָס געקעכטס, פלעגן די קינדער זיך אויסשטעלן לענגויס די ווענט, האַלטנדיק אין די הענט בלעכענע קאָנסערוון-באַנקעס, און שווײַגנדיק קוקן אף די דורכגייענדיקע מיט קעסעלעך סאָלדאַטן. יעדער סאָלדאַט פלעגט אויסטיילן פון זײַן אויצער א לעפל צי צוויי פאר א קינד. ביזוואַנען ער דערגייט צו זײַן אָרט, קאָן מען דערזען דעם דנאָ אינעם קעסעלע...

די פארטיידיקונג אפן פלאַצדארם האָט געהאַלטן די 128-טע בארג-שיסערישע דיוויזיע, וועלכע האָט פארמאָגט לויטן שטאַט-רעגיסטער אלס שלעפּקראַפט פערד און אײשאַקעס. פּאַטראָנען און סנאַריאַדן אף דעם פּאָדערשטן ראַנד איז געווען באקוועמער צו פירן אף אײשאַקעס, ווײַל זיי וואַרפן זיך ניט אין די אויגן. איין אײשאַק האָט מען אזוי אויסגעשולט, אז ער פלעגט מיט לאַסט-פּעק — צו צוויי קאַסטנס קוילן אף יעדער זײַט, א קלאַפּ געטאָן אים איבערן קאָפּ, און ער גייט זיך ניט געײַלט, ניט אראָפּשלאָגנדיק זיך פונעם וועג, גייט שטילערהייט ביז צו דעם פּאָדערשטן ראַנד. אונטערוועגנס, ביזוואַנען ער דערגייט ניט צו זײַניקע, גיט זיך קיינעם ניט אײַן אים אָפּצושטעלן, און ביפראַט נאָך אראָפּנעמען די לאַסט. אפן קאָמאַנדע-פּונקט פונעם באַטאַליאָן לאָדט מען דעם אײשאַק אויס, מע גיט אים א שטיק ברויט, און ער שפּאַנט אף צוריק.

א קלוגע באשעפעניש, כאָטש אן אײשאַק...

דער גאָלדענער קלאַל פון דער פּעכאָטע

די ראָטע דאַרף פארנעמען א פארטיידיקונגס-פּאָזיציע אפן טײַך טשאַרנאַיא, ניט ווײַט פונעם בארג סאַפּון-גאָרא. דאָס אָרט איז אונדז באַוווּסט — א רעקאָגנאָסצירונג איז שוין געווען. מיר קירצן דעם וועג. פאָרויס גייט דער ראָטע-קאָמאַנדיר וואַסיע טיאָשטשין, פאר זײַן געוואַגטקײַט רופט מען אים בא אונדז אין פּאָלק וואַסילי איוואַנאָוויטש טשאַפּאַי. ער ווייסט ביכלאַל ניט, וואָס עס איז אזוינס שרעק. מיר זײַנען אַלטע פרײַנט — שוין עטלעכע כאַדאָשים צוזאמען. אפן קריג איז עס א גרויסער טערמין. צווישן אונדז שפּאַנט א יונגיטשקער, מיט ראָזעווע באַקן, לייטענאַנט. ער איז אַלט צוואַנציק יאָר, מיר זײַנען עלטער פון אים אף צוויי יאָר יעדערער. ער האָט נאָרוואָס פארענדיקט די מיליטער-שול און איז אָנגעקומען צו אונדז בייס דעם אָנגריף אפן סיוואַש, נאָר ער האָט ניט אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן. מיט איין וואָרט — ייִנגער פון אונדז אף א העלפט מילכאָמע.

מיטאמאָל שוויבלט דורך פאר די אויגן א שאָטן, לאָזט זיך שאַרף אראָפּ איבער די קעפּ. א מינע! א סנאַריאַד וואָלט געפלויגן מער אָפּלייגעריקער. די מינע איז א קליינטשקע — ס'קאָן זײַן, פון א ראָטע-מינענוואַרפער. באַלד וועט א בליץ טאָן א ווײַסער פלאַם. ניט א פאַל טאָן אף דער ערד, ניט פארשטעלן זיך מיט די הענט, ניט אפילע ארײַנציִען דעם קאָפּ אין די אַקסל — אף גאָרניט בלײַבט שוין ניט קיין צײַט.

די מינע טרעפט אין דער ברוסט פונעם יונגיטשקן לייטענאַנט, וועלכער האָט געשפּאַנט צווישן מיר און דעם ראָטע-קאָמאַנדיר וואַסיע טיאָשטשין. ביזן גאַרטל בלײַבט פונעם יונגיטשקן לייטענאַנט גאָרניט... אָבער מיר, איך און טיאָשטשין, זײַנען גאַנץ...

מיר גלייבן נאָך ניט און פארשטייען גאָרניט. פארטויבטע און פארשפּריצטע, אַנטשליסן מיר זיך ניט א קוק טאָן אראָפּ-צו אף דעם, וואָס איז אָט ערשט געווען א לעבעדיקער מענטש, אונדזער כאַווער.

א מינע פליט ניט איינע אליין, באלד וועלן דאָ זיך אוועקלייגן נאָך עטלעכע. לויפן אף צוריק — איז ניט קיין רעטונג. די מינעס וועלן אונדז געפינען אפן בארג־אראָפּ, און אפן שיפּוי וועט פּראַקטיש די ראַטע פאַרניכטעט ווערן. בלײַבט איין אויסוועג — פאָרויס, צו די דײַטשן! ריכטיקער, פאָרויס — אף די דײַטשן! איין רעגע קוקן מיר זיך דורך בלויז מיט די בליקן, מיר פאַרשטייען אויגנבליקלעך איינער דעם אנדערן און טוען זיך א וואַרף צו די פײַנט־לעכע טראַנשייען. די גאַנצע ראַטע — נאָך אונדז. די געפּלעפּטע דײַטשן באַוויזן ניט אָר־גאַניזירן א געצילט פײַער, מיר שפּרינגען שוין אַרײַן אין די אַלטע, האַלב־צעוואַלגערטע אָקאָפּעס, אין וועלכע אונדזער אַרמיי האָט זיך פאַרטיידיקט אין 1941—1942. וואָס נעענטער צום קעגנער — איז געפאַרלאָזער. אזא איז דער גאַלדענער קלאַל פון דער פּעכאָטע.

אָפּגעגעבן א זאַטשאַט

אומגעריכט דערהערט זיך אַן אומרויִק קאָל:

— א פאַן! א ווײַסע פאַן!

דאָס איז עפּעס א נײַס פאַר אונדז. אזוינס האָבן מיר נאָך ניט געזען. פאַרזיכטיק קוק איך ארויס פון אונטערן ערד־אָנשיט. עפּשער א פּראָוואָקאַציע? איבער דער דײַטשישער טראַנשיי פלאַטערט א ווײַסע פאַן, גיכער פון אַלץ א האַנטעך אף א באַג־נעט. דערנעבן באַווײַזט זיך נאָך א פאַן. לעבן די פלאַגן — עפּעס א באַוועגונג. די ווײַסע פאַנען וואַקלען זיך א ביסל און אנטרינען. בא אונדז זײַנען אַלע אנטוישט. אָבער אָט בא־ווײַזן זיך די פאַנען אפסנײַ און ווערן שוין מער ניט פאַרפאַלן.

מיר קלינגען אָף אונדזער קאָמאַנדע־פּונקט. דער ענטפער: די אַרטילערישע צוגרייּ־טונג אָפּשאַפן!

מיר וואַרטן. פּײַנלעך ציִען זיך די מינוטן. אָבער קיינער נעמט ניט די ווײַסע פאַנען און גייט ניט מיט זיי צו אונדזערע אָקאָפּעס. ווײַזט אויס, אז דאָרט, בא די דײַטשן, איז אומרויִק און מע האָט מוירע, אז עמעצער וועט אויסשיסן אין דער פלייצע. בלײַבט איינס — גיין צו זיי. אַלע קוקן אף מיר. אין דער ראַטע ווייס איך בלויז א ביסל דײַטש. ס'איז מיר אויסגעקומען אויספּרעגן געפאַנגענע.

ניט ווילנדיק, שווימט אויף אין זיקאָרן א מיטיילונג פון סאָווינפאָרמביוראָ וועגן דעם, אז די דײַטשן האָבן דערשאָסן אונדזערע צוויי פאַרלאַמענטיאָרן לעבן בודאַפּעשט. איצט שטייט אף דעם אָרט א דענקמאָל די פאַרלאַמענטיאָרן. נאָר מיר איז בלויז דרײַ און צוואַנציק יאָר, און איך בין, דעם עמעס זאָגנדיק, גלײַכגילטיק צו דענקמעלער.

עמעצער זאָגט: „איבּ עפּעס־וואָס, זאָלן זיי נאָר א פּרווו טאָן, מירן פון זיי א פּוסט אָרט איבערלאָזן!" צום באַדויערן, וועל איך שוין, א סוואַרע, אָט דאָס „איבּ עפּעס וואָס" ניט זען. כ'קלעטער אַרויף אפן ברוסטווער, פאַר אַלעמען אין די אויגן, — אין די בעסטע טראַ־דיציעס פון די קלאַסישע ראָמאַנען, — נעם אַראָפּ דעם אויטאָמאַט, שפּיליע אָפּ דעם פּאַסעק מיטן פּיסטאָלעט און מיט דער גראַנאַטע און גיב עס אַלץ אָפּ אין עמעצנס אויסגעשטרעקטע פון אונטן הענט. דערנאָך ברעך איך אָפּ א ריטעלע, דערלאַנג פון דער קעשענע א נאָזטיכל, בינד עס צו צום שטענגל און, האַלטנדיק אָט די באַשיידענע פרידן־עמבלעם אין די פּײַכט־געוואָרענע וואַטאָווע דלאָניעס, לאָז איך זיך אוועק צום קעגנער.

וואָס ווײַטער כ'גיי אוועק פון אונדזערע פּאָזיציעס, אָדער טאַקע מאַכמעס דעם, פאַר־שטיי איך, אז ס'איז ניטאָ וווּהין זיך אהינטאָן. וואָס ווײַטער כ'שפּאַן, אַלץ פעסטער ווערן מײַנע טריט, זיכערער. עס באַגײַסטערט מיך מײַן מיסיע. רונדאַרום איז שאַ־שטיל. אַלץ איז פאַרטײַעט. ניט אין אונדזער ווײַט, ניט באַם קעגנער זעט מען קיינעם ניט. אָבער הונדערטער אויגן שפּירן מיר נאָך פון די באַהעלטענישן.

אינמיטן דער נייטראַל־פּאַסמע דערהער איך מיטאַמאָל הינטער זיך א גיכע פּוס־טופּערײַ. כ'טו זיך א קער — ס'דעריאָגט מיך אונדזערער א סאָלדאַט, א געזונטער באָכערעץ, קענטיק, אַן קלאַסישער בילדונג, ווײַל ער איז גוט באַוואָפנט.

— כ'גיי מיט אײַך! — דערקלערט ער.

— וואָלסט כאָטש דעם אויטאָמאַט איבערגעלאָזט.

אָט וואָס עס הייסט — נאָענט דער זיג. מע קאָן זיך ניט רעכענען מיט די טראַדיציעס.

שפּאַנען מיר שוין אינצווייען: איך מיטן פּענדל פון א פּאַרלאַמענטיאַר, דער סאָלדאַט — מיטן אווטאָמאַט.

מיר לאָזן זיך אראָפּ אין דער דײַטשישער טראַנשיי. דאָס ערשטע מאָל זע איך די דײַטשן בא זייער געווער, ניט קיין דערהארגעטע און ניט קיין געפאַנגענע.

גוט אָנגעהאָדעוועטע, אָבער שוין אָן גײַווע. ס'איז ניט דאָס איין-און-פערציקסטע, — דאָס פינף-און-פערציקסטע יאָר.

עס רינגלען אונדז ארום אופגערודערטע, פײַנטלעך געשטימטע פּאַשיסטן. מײַן באַגלייטער ווערט בלאַס און פאַריכט נערוועז דעם אווטאָמאַט אפן אקסל. מײַן אויסזען איז מיסטאַמע ניט קיין בעסערער. מע קאָן אונדז מאכן קירצער מיט א קאָפּ. ווי עס זינגט זיך אין דער ליד: „און ס'וועט קיינער ניט וויסן, ווו מײַן קייווער שטייט". גיי ווייס, אז כ'וועל זיך אזוי ארײַנפּאַקן ערעוו דעם זיג...

נאָר דאַ מישן זיך ארײַן די דײַטשישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פעסט באַשטימט איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט. זיי טרײַבן אוועק די אופגעבראַכטע און צעברעכן דעם פײַנטלעכן רינג ארום אונדז. איך בעט, מע זאָל אונדז דורכפירן צום עלטסטן. אין ערדשטיבל זיצט א פּאָלקאָווניק, א הויכער, דארער, טרוקענער, אונטערגעצויגענער מאַנצבל מיט גראָווע פּייעס. קעדיי אויסצוזען ווי א טיפּישער דײַטשישער אָפיצער, פעלט אים בלויז א מאָנאָקל.

איך זאָג אים, אז די מילכאָמע ענדיקט זיך, ס'איז אומזיניק איצט אומקומען ווײַט פון דער היים. איך זאָג צו, אז מיר גאראַנטירן אלעמען עסנווארג, פאַרזעגלעכע כפייצים. מיר וועלן צונעמען בלויז דאָס געווער.

איך גיי ארוף אפן ברוסטווער, פאָכע מיט דער האַנט צו אונדזערע. כ'שטעל זיך פאָר, וויפל אויגן עס שפּירן אונדז נאָך. די דײַטשן גייען ארויס פון די אָקאָפּעס. מיר פירן אָפּ א קאָלאָנע דורך די מינען-פעלדער צו אונדזער טערריטאָריע.

אין א פערטל יאָרהונדערט ארום, פאַרענדיקנדיק מײַן איבערגעריסענע לער, קום איך אין אוניווערסיטעט אָפּצוגעבן א זאַטשאָט — דײַטשישע שפּראַך.

עס זיצט באַם טיש א יונג מיידל. זי, ווען כ'טויג פאַר א טאַטן, וועט מיך עקזאַמענירן. לעכערלעך! איך האָב שוין געהאַלטן עקזאַמענעס...

— איר ווייסט, — זאָג איך אומגעריכט פאַר זיך אליין, — בײַס דער מילכאָמע בין איך געווען א פּאַרלאַמענטיאַר. כ'בין געגאַנגען צו די דײַטשן, געשמועסט מיט זיי, און זיי האָבן מיך פאַרשטאַנען גאַנץ גוט.

די לערערן קוקט אף מיר אופמערקזאַם. ווײַזט אויס, זי באַקלערט, וויפל כ'בין אלט. דערנאָך שטרעקט זי אויס אַנטשיידן די האַנט.

— מיילע, ווו איז אײַער זאַטשאָטן-ביכעלע?

האָב איך, הייסט עס, אָפּגעגעבן דעם זאַטשאָט.

כא:ים ביידער

אַלץ, וואָס איז מיט וווּנדער פול

דער צוג איז געגאַנגען קיין מאָסקווע

דורך, וועגן, מיט שנייען פאַרבלאָזטע,
נאָר גוט שוין באַקאַנטע פון לאַנג,
דער צוג איז געגאַנגען קיין מאָסקווע
קימאַט דורכן גאַנצן לאַנד.

געווען זײַנען פול די וואַגאָנען,
קיין אָרט ניט געבליבן איז פּוסט,
און יעדערער האָט שוין דעם נאָמען
פון שאָכן פון זײַנעם געוווּסט.

געמיטלעך עס ווערט שוין און היימלעך,
געשפּרעכן מע פירט אָן א סאָף:
— איר זײַט א מאָסקוויטש?
— נו, געווינלעך...
כאָטש ווינען איך וווין הינטער לוואָוו.

— וואָס הייסט עס?
— פון לאַנג שוין געוואָרן
א היימשטאָט מיר איז אָט די שטאָט:
דאָרט האָט אין די דרײַסיקער יאָרן
מײַן זיידע געבויט א זאַוואָד.

— און איר? אויך א מאָסקווער?
— אוודאי,
פון קאַמענעץ...
— איר?
— פון אַמור...
נאָר כ׳האָב דאָ א גאַנצע בריגאַדע —
צוויי טעכטער, א זון מיט א שנור.

— פון מינסק...
נאָר ס׳איז מאָסקווע מיר טײַער,
און שטענדיק איז אָפן איר טיר.
ווען ס׳האָט זיך צעפלאַקערט א פײַער,
פאַרגאָסן מײַן בלוט כ׳האָב פאַר איר...

— און איך, — צום געשפּרעך זיך פאַראייניקט
א זאָקן. — איר זעט אָט די הענט?
כ׳האָב נאָך דער מילכאָמע ניט ווייניק
דאָרט ציגל געלייגט און צעמענט.

— יאָ, כ׳מיין, אז באַגרײַפן מע קאָן עס —
פאַר יעדן איז מאָסקווע זײַן וועלט!
— דאָס שטאָל, וואָס איך שמעלץ אין די
דאָמנעס...
— דאָס ברויט, וואָס איך כאָווע אין פעלד...

— מיט מירמל מיט מײַנעם באַצירט איז
א סטאַנציע אין דער מעטראָ...

און ס׳טועט א שיט זיך געשיכטעס,
וואָס שענער פון זיי איז ניטאָ.

— כ׳האָב אויך דאָרט, אין מאָסקווע,
— מײַן כײַלעק, —
א פרוי טוט א זיפץ, — ס׳איז פאַר מיר
די ערד אירע טײַער און הייליק —
די זין מײַנע ליגן אין איר...

דורך פענצטער, מיט שנייען פאַרבלאָזטע,
די שײַן טוט א בליץ פון פאַראָן...
דער צוג איז געקומען קיין מאָסקווע
מיט לאַנדסלײַט אין יעדן וואַגאָן.

די ריאַבינע

אויסגעשטרעקט די צווײַגן אירע דינע,
שוין אָן בלעטער — פּונקט ווי שוואַרצע
שטאַנגען,
האָט געפלאַטערט בא מײַן פענצטער א
ריאַבינע,
פול מיט רויטע יאַגעדעס באַהאַנגען.

ס׳האָט דער שניי געדיכט דעם בוים באַשאָטן,
ווינטן האָבן טאָג און נאַכט געהוליעט,
נאָר די רויטע הענגלעך — צוגעזאָטן,
צו די שטענגלעך האָבן זיך געטוליעט.

ווען עס פלעגט נאָר אָנהייבן שאַרױען,
טשאַטעסווײַז, ווי טומלדיקע קינדער,

פלעגן קומען אַלעמאָל צו פליִען
פייגל, דאָ פאַרבליבענע אַף ווינטער.

די ריאַבינע מיט די רויטע צעפּ האָט
זיי צו זיך א רייצנדע געצויגן,
נאָר דעם בוים זיי האָבן ניט געטשעפּעט —
בלויז געצוויטשערט און פאַרביי געפלויגן.

ווען דער פרילינג אַלץ האָט מיטאַנאַנדער
אופגעוועקט און זיך גענומען מיִען,
האָבן איינמאָל אין קאַיאַר אין פריִען
אומגעקערט די גראַקן זיך פון וואַנדער.

— קומט! — די שפּערלעך האָבן זיך
צעגראַגערט, —
זעט — ס'איז דאָ מיט וואָס דאָס האַרץ
צו קוויקן! —
און דעם בוים צוזאַמען מ'האָט באַלאַגערט,
מיט א צוויטשעריי גענומען פּיקן.

יעדעס הענגל האָט גערייצט מיט פלאַקער
און געווען באַכיינט מיט זיבן טאַמען...
ניין, פון אַט די יאַגעדעס געשמאַקער
ניט פאַראַן — כאָטש זוך דורך טויזנט יאָמען!

אין דער הייך

אופהייבן עס ווילט זיך יעדער איינער
אין דער הייך — א קוק טאָן, ווי ס'זעט אויס
אונדזער ערד: די וועלדער, בערג און פליינען —
אַלץ, וואָס איז מיט וווּנדער פול און גרויס.

און אָט שליסן איַין זיך די מאָטאָרן,
רעדער רייַסן אָפּ זיך פון דער ערד —
און אַליין א פויגל ביסט געוואָרן,
דיר די הייך באַהערשן איז באַשערט.

ס'ווערט דאָס אויג פאַרגאַפּט פון בילד פון בונטן,
און דאָס האַרץ פון שטאָלץ וועט באַלד צעגיין:
הייַזער, גאַסן, טייַכן, פעלדער — אונטן
נישטיק אַלץ איז קעגן דיר און קליין.

נאָר אפילע מיט דער הייך אינצווייען
וויסן שטענדיק דאַרפסט דייַן אָרט און ווערט:
איין מינוט עס קאָן דעם קאָפּ פאַרדרייען,
אז ניט פילן זאָלסט ניט מער די ערד.

דער זייפנבלאָז

דער זייפנבלאָז איז קייַלעכדיק און שיין,
ער מינעט זיך מיט קאָלערליי קאָלירן,
דו קאָנסט דורך אים — ווי זייַן ער זאָל ניט קליין —
א כידעשדיקע וועלט א גאַנצע שפּירן.

און וואָס דו ווילסט, און וואָס דעם האַרץ זיך גלוסט,
אין אים דו זעסט, ווי אין א צויבער-שפּיגל,
דיך אַרט ניט, וואָס אַליין זייַן וועלט איז פּוסט
און איליוזאָריש זייַנען זייַנע פליגל.

ער בלאָזט זיך? מאַלע וואָס — עס מאַכט ניט אויס,
זייַ מויכל אים די האָפערדיקע פּוסטקייַט:

ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואָס ער האַלט זיך גרויס —
מיט שפּיל און כיין איז פול זײַן אומבאַוווּסטקייט!

און גרייט דו ביסט — קעדיי דערגיין זײַן סאָד —
אָן אופהער לויפן נאָכן קנײַלכל רונדן.
נאָר אַט — אוי ווײ, וואָס טוט איר?.. אזא שאָד:
איין ריר — און אויס, דער וווּנדער איז פאַרשווּנדן!

א פאַרמאַצעווט אף דער לאַנקע

די לאַנקע שמעקט מיט טויזנט דופטן,
ציקאַדעס טראָגן זיך אַרום,
און בינען פראוּוען אינדערלופטן
א צוויבער-טאַנץ פון בלום צו בלום.

דער טעפּיך איז מיט בלויען, ראָזן,
מיט געלן, רויטן אויסגעהעפט.
באַנאַנד מיר גייען צווישן גראָזן —
איך און מײַן פרײַנט, דער פאַרמאַצעווט.

— די שיינקײַט, — זאָג איך, — קאָן פון זינען
אראָפּפירן דיך אַלעמאָל...
— יאָ, — ענטפערט ער, — מע קאָן געפינען
דאָ היילונגס-מיטלען אָן א צאָל!..

— ווי ס'שמעקט די מיאַטע! — מיט געדולע
איך זאָג. ער ענטפערט:
— ביסט גערעכט,
מע ווייסט פון לאַנג — זי איז א סגולע
צום מאָגן, ווען ער אַרבעט שלעכט...

— און אָט דער דאַניק!
— צו א מאַקע, —
ער זאָגט, — א זאַלב פון ערשטן סאָרט!
און אויב עס טרעפט א האַרץ-אַטאַקע,
איז וואַלעריאַנע — זעסט — צום אָרט.

און דאָס?
— אָ, האָבערגראָז!.. א מיטל
צו צוקערקרענק...
— און דאָס?
— שאַלפּיי —
מע שווענקט דעם האַלדז...
און אָט דאָס — מירטל
באַניצט מען, ווען דער קאָפּ טוט ווײ.

— אוי, א ראָמאַשקע!
— צו אנגינע
זי מע געברויכט... און אָט איז מאָן...

נאָר כ'זע שוין ניט קיין לאַנקע גרינע,
מיך כאַפּט א שוידער פּלוצעם אָן.

און שמעקן שמעקט שוין ניט מיט בלומען,
דער בונטער טעפּיך מער ניט רעגט:
ווי אין אַפּטייק איך וואָלט געקומען —
מיט ביקער-כוילעס ס'האָט פאַרשמעקט...

א ווײַלער באָכער, און, אַפּאָנעם,
דעם פּאַך זײַנעם ער ווייסט ניט שלעכט...
נאָר ווי זשע מויכל זײַן איך קאָן אים —
אזא מײַן טײַנעג מיר פאַרשטערט!..

נאָסטאַלגיע

פון אונדזער קינדהײַט די מעקוימעס
פאַרשווּנדן זײַנען פון דער ערד,
אורבאַניזירטע שוין כאַלוימעס
אונדז כאַלעמען זיך דורך די נעכט.

מיר זײַנען שטאָטישע געוואָרן,
פון ווען — געדענקט שוין ניט די צײַט.
און בלויז אמאָל נאָך דער זיקאָרן
אונדז טוט א טראָג אין יענער ווײַט.

דאָרט איז געווען דער הימל בלויער,
דער ראַכוועס — ברייטער, אָן א צוים,
דאָס עפּעלע געווען איז זויער
ניט צײַטיק נאָך, נאָר גלײַך פון בוים.

נאָך אף די ליפּן יענער טאַם איז
געבליבן אזש ביז איצט בא מיר...
נאָר צו די ענגע דאַלעדאַמעס
איז שוין פון לאַנג פאַרהאַקט די טיר.

און בענקען נאָך די יאָרן פרי̇ע
נאַטירלעך איז שוין פון לאַנגאָן:
אױף הײַנטיקס לאָשן — נאָסטאלגי̇ע
אין גאַר דער וועלט מע רופט עס אָן.

אזא מין קויעד דאָס פארמאָגט שוין,
וואָס ציט און ציט צו יענעם רוים,
ווי עפּל פאלן ניט פון וואָגשאָל,
נאָר פון די צווײַגן, גלײַך פון בוים.

דער האָן

ס'האָט פאר די הענער זיך באַרימט דער האָן:
— דאָס האָט מײַן קריי געבראַכט דעם טאָג דעם פרי̇ען,
און יעדער איינער נעמט שוין עפּעס טאָן —
די גאַנצע וועלט הייבט ווידער אָן זיך מי̇ען!

געשטוינט האָבן די הינער:
— אָט א כוואַט,
און ניט אומזיסט ער נעמט זיך איבער, קענטלעך! —
און דערעכערעץ מער נאָך מ'האָט געהאַט
און אים געריִמט פאר אַלע גענדז און ענטלעך.

די הילזע

אן אויסגעהוילטע הילזע, שוין אָן בלײַ,
געוואַלגערט האָט זיך צווישן מיסט און שטיינער.
געגאַנגען מענטשן זײַנען פיל פארבײַ,
און ניט געלייגט קיין אַכט אױף איר האָט קיינער.

— אזא פּאַרדראָס! — געטײַנעט צו דער ערד
עס האָט די הילזע. — איצטער כ'ליג פארזשאַווערט,
נאָר ערשט ניט לאַנג געשאַצט מע האָט מײַן ווערט,
אַליין דער טויט מיט מיר האָט זיך געכאַווערט!...

געטראַכט עס האָט די ערד:
„די הילזע וואָס
מיט איר פּאַרדראָס און טײַנע איז דאָ אויסן?
ס'איז טראָגן טויט פון קויעד דען די מאָס?
מישטיינסגעזאָגט, מיט וואָס מע קאָן זיך גרויסן!...”

נאָר ס'ברענט מיט קאַס די הילזע:
— סײַוויסײַ!
כאָטש כ'בין אצינד א פּאָשעט שטיקל אײַזן,
מ'עט אָנפילן מיך נאָכאַמאָל מיט בלײַ —
און דעמלט ווידער כ'וועל מײַן קראַפט באַווײַזן!

די ערד האָט מער ניט אויסגעהאַלטן:
„שלעכטס, —
האָט זי באַמערקט, — מוז אויך א גרענעץ האָבן!
ניין, ניט דערלעבן וועסט צו דעם,
דו הערסט?” —
און טיף אין זיך די הילזע אײַנגעגראָבן.

ט ע װ י ע   ג ע ן

דאָס אייניקל און דער זיידע

1

טאַטע־מאַמע (דעם טאַטן רופט מען באָריס, די מאַמע הייסט אינגאַ) זײַנען פאַרנומען אויף דער אַרבעט. די באָבע פריידע איז אויך אַ גאַנצן טאָג זייער פאַרנומען. אינדערפֿרי גייט זי אין מאַרק, און פֿון איין מאַגאַזין אין אַ צווייטן, האַנדלט אײַן אַלץ, אָדער קימאַט אַלץ, וואָס מע דאַרף אין שטוב צו דער אַכילע, דערנאָך קאָכט זי, וואַשט, פֿאַריכט, ראַמט. די באָבע האָט נאָר איין טײַנע צו זיך: זי באַווײַזט ניט... אַ פֿרײַער מענטש, פּאַשעטער גערעדט, אַ לײדיקגייער, איז דער זיידע מענדל. ער טוט אויך עפּעס, נאָר אָן זײַן טועכץ קאָן מען גרינג זיך באַגיין, ער ברענגט ניט קיין וועזנטלעכע נוץ. אויפֿגעשטאַנען אַכט אַזייגער, אײַנגעוואַשן זיך און זיך אָפּגעגאָלט, געמאַכט די פֿיזקולט־זאַריאַדקע און אָפּגעגעסן פֿרישטיק, זעצט זיך מענדל בײַם טישל צום טעלעפֿאָן און נעמט קלינגען. ער קלינגט צו באַקאַנטע אַהיים, און צו די, וואָס אַרבעטן נאָך, — אויף דער אַרבעט. בײַ יעדן פֿרעגט ער, וואָס הערט זיך נײַס? ס׳צעפֿינקלען זיך בײַ אים די אויגן, ווען מע זאָגט, אַז נעכטן, אין אַ געשפּרעך, האָט מען דערמאָנט זײַן נאָמען, און גאָר גליקלעך איז ער, ווען ס׳ווערט אויסגעדריקט אַ פֿאַרלאַנג אים צו זען, מע דאַרף מיט אים אָן אייצע זיך האַלטן, קאָנסולטירן זיך וועגן אַ וויכטיקער זאַך. ער טוט דאַן אָן איידעלן צופּ און אַ גלעט דאָס פֿאַרקײַלעכיקטע גראָווע בערדל זײַנס, ווי ער וואָלט געזאָגט צו דעם: „זעסטו, בערדעלע, מע דאַרף אונדז נאָך האָבן”.

פֿריידע קוועלט, שעפּט נאַכעס: אַזאַ עלטער, ווי בײַ איר מאַן, — אויף אַלע גוטע־פֿרײַנט געזאָגט געוואָרן. שטענדיק גוט אַרומגעזען און אָנגעהאָדעוועט, יעדן טאָג — אַ דרײַשאַיקער שפּאַציר אויף דער פֿרײַער לופֿט. ער האָט דאָס קאָשער פֿאַרדינט. קאַרג האָט ער זיך אָנגעהאָרעוועט און זיך אָנגעבידעוועט אין זײַן לעבן? אין שטוב איז דאָ, ווער ס׳זאָל טאָן פֿאַר אים, זי, זײַן טרײַע ווײַב, איז נאָך, גאָט צו דאַנקען, אויף די פֿיס!

אָבער ס׳איז געקומען אַ צײַט, ווען מענדל האָט געמוזט זיך אײַנשפּאַנען און העלפֿן שלעפּן דעם שטוביקן וואָגן. דאָס ווײַב איז געשטאָרבן, און אַ פֿרײַער פֿויגל האָט ער שוין ניט געקאָנט זײַן. אויב ניט אַלע אַרבעטן, איז אַ געוויסן טייל, וואָס פֿריידע פֿלעגט טאָן, האָט ער געמוזט נעמען אויף זיך, און ווען בײַם זון מיט דער שנור איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, איז ער שוין אַרײַנגעטאָן געוואָרן אין די פֿאַמיליען־זאָרגן און באַדערפֿעניש ביז איבערן קאָפּ. צו די טעלעפֿאָן־קלינגערײַען און אַרומגייעכצן האָט גענומען אַ סאָף. אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווי מיט אַ מעסער. די שנור האָט געהאַט אורלויב און איז געווען אין שטוב, אָבער איר בעריעשאַפֿט האָט קוים געקלעקט אויף אָנצוהאָדעווען און צו בײַטן די ווינדעלעך בײַם אייפּעלע. דער הויפּט־באַזאָרגער מיט פּראָדוקטן און אין אַ געוויסער מאָס אויך דער קעכער איז איצט געווען מענדל.

די שנור, אינגאַ, פֿאַרגעסט ניט פֿאַרן אוועקגיין אָנצוזאָגן, אַז ער זאָל היטן, דאָס קינד זאָל זיך ניט צעשעדיקן, היט ער עס מיט מוירע און מיט אומרו. ס׳דוכט אים, אַז טאָמער, בײַם אויפֿהייבן דאָס אייפּעלע פֿונעם וויגל, וועט ער דאָס קעפּל ניט אַזוי גיך און ניט אַזוי פֿלינק אונטערכאַפּן מיט דער פֿרײַער האַנט, וועט זיך דאָס קעפּעלע מיטן נאַקעטן ראָזעוון שאַרבנדל צוזאַמען מיטן צעקנייטשטן פּענעמל, וואָס נאָר איין גאָטס ראַכמאָנעס איז אויף דעם צו קוקן, זיך אָפּרײַסן פֿונעם דין פֿויגלש העלדזעלע און בײַ איגאַריאָקן וועט בלײַבן בלויז דאָס שוואַכע גופּעלע. אָנרירן אַ פֿיסל, אַ הענטל איז אויך סאַקאָנעס־נעפֿאָשעס. עטוואָס אַ

שטאַרקערן נעם, ניט אַזאַ פּאַרזיכטיקער צי׳, און ס׳איז אויס הענטל מיט פּיסל. ער האָט זיך געוווּנדערט, וואָס ער, אַן אינזשעניער, אַ ספּעציאַליסט אַף אויסמעסטונג-מאַכשירים, וועלכע האָבן צו טאָן מיט צענטלער מיקראָנען, איז אַזוי איבעראַשט און דערשראָקן פון איגאַריאַקס קליינע „פּאַראַמעטערס״.

אײַפּעלער האָבן אָבער זייער אַ גוטע טעווע: זיי וואַקסן, און ס׳ווערט שוין ניט אַזוי געפערלעך האָבן צו טאָן מיט זיי. דאָס קעפּל זיצט שוין פעסט, דאָס הענטעלע שלעפּט שוין אַ פּיסעלע צום מויל — און נישקאָשע! ס׳ברעכט זיך, כאַלילע, ניט איבער, ס׳בלײַבט גאַנץ. איגאַריאַק איז שוין איין מאָל אַפילע אַרויסגעפאַלן פונעם וויגל, און אויך מיט כעסעד. אַז ער צעוויינט זיך און צעגוואַלדעוועט זיך, קאָנען, דוכט זיך, אײַנפאַלן די ווענט, די לונגעלעך ווערן צעריסן, נאָר, גאָט צו דאַנקען, די לונגעלעך בלײַבן אויך גאַנץ. אין מויל שלעפּט דאָס טאַכשיטל אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך אים אונטער דער האַנט. יעדע זאַך איז אַ מעציע. ער קריכט שוין איבערן דיל, און דאָס, וואָס ער געפינט אַפן וועג, איז זײַנס, און אין מײַלכל אַרײַן. אַ שנירל איז אַ געפינס, אַ קנעפּל — אַן אוצער, און אַלץ דאַרף מען אַרײַנעמען אין מויל און פּאַרזוכן. הײַנט, אַז איגאַריאַק האָט שוין אָנגעהויבן גיין, און די הענטלעך ציִען זיך צו דעם, וואָס עס ליגט אַפן טיש, אַף דער עטאַזשערקע. אַ גאָלמעסערל, וואָס דער טאַטע האָט אינדערפרי אין אײַלעניש פּאַרגעסן צו באַהאַלטן און איבערגעלאָזט אויבנוף, אַ פּאָדעם-שפּולקע מיט אַ שטעקנדיקער נאָדל, וואָס די מאַמע האָט ניט אַרײַנגעלייגט אין שופלאָד, איז דען אַ קנאַפּער מײַכל פאַר איגאַריאַקן, וואָס אומעטום דערגרייכט ער שוין, אַלץ געפינט ער, אַלץ דאַרף ער. הונדערט מאָל אין אַ טאָג לויערן אַף איגאַריאַקן די גרעסטע אומגליקן, און נאָר מיט ניסים בלײַבט ער לעבן.

דער זיידע האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו זײַן ניט קיין שלעכטע אַם, אַ ווילע ניאַניע. מיט יעדן טאָג קומט צו פּראַקטיק, ער ווערט געניטער. איגאַריאַקס עלטערן האָבן שוין אָנפּאַרטרויט דעם באַהאַוונטן מענדלען די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטן — אָנהאָדעווען, זעצן אַפן טעפּל, לייגן שלאָפן. דאָס צימערל, וואָס מענדל האָט פריִער פאַרנומען איינער אַליין, איז געוואָרן אַ בעשוטפעסדיקער. אַנטקעגן דעם זיידנס בעט שטייט דעם אייניקלס בעטעלע. מענדל דרעמלט אײַן און כאַפּט זיך אויף אַ באַומרויִקטער, צי האָט ער ניט פאַרשפּעטיקט, און איגאַריאַק ליגט שוין אין אַ נעץ?

ווען איגאַריאַק איז אַלט געוואָרן דרײַ יאָר, האָט מען אים געוואָלט אָפּגעבן אין אַ קינדער-גאָרטן, איז, ערשטנס, ניט אַזוי גרינג געווען מיט פרײַע ערטער, צווייטנס, וואָס איז די אײַלעניש? וואָס וועט דאָס קינד פאַרשפּעטיקן, אויב ס׳וועט אָנהייבן גיין אין קינדער-גאָרטן, ווען אים וועט זײַן פיר יאָר און אַפילע פינף? באָריס און אינגאַ האָבן געקוקט אַף מענדלען, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. ווי ער וועט זאָגן, אַזוי וועט זײַן. און מענדל האָט זיך אָנגערופן צו זיי:

— איך האָב זיך אַזוי צוגעוווינט צום קינד, אַז ס׳וועט מיר זײַן אומעטיק דעם גאַנצן טאָג אָן אים, און באַנאַכט אויך. איר ווילט דאָך אים אָפּגעבן אַף פינף טעג אין דער וואָך... איך שפּאַציר סײַוויסײַ יעדן טאָג, וועט מיר זײַן פרייִלעכער שפּאַצירן מיט איגאַריאַקן. און עסן עסט ער שוין אַלץ, קיין אײַנהאָרע, און אַ שטיקל קולינאַר בין איך שוין אויך. זאָל דער באַכערעץ נאָך זײַן אין שטוב!

— ס׳וועט, טאַטע, דיר ניט זײַן שווער? — האָט געפרעגט באָריס.

— איר וועט, מענדל כאַנאַניעוויטש, זיך ספּראַווען? — האָט זיך געקווענקלט אינגאַ.

— איר וועט דאָך מיר העלפן! — איז געווען מענדלס ענטפער.

און אַזוי איז געבליבן. איגאַריאַק מיטן זיידן — די גאַנצע צײַט צוזאַמען.

— לויף ניט, יאָג ניט, איך קאָן דיך ניט נאָכיאָגן, — בעט מענדל איגאַריאַקן, און דאָס אייניקל, אַ פאַרשטאַנדיק קינד, נעמט שוין דאַן אַליין איבער די האַזשגאָכע אַפן זיידן.

— קום, זיידע, איך וועל דיך פירן! — און ס׳נעמט אין זײַן הענטל דעם זיידנס האַנט.

אין סקווער, אַפן קינדער-פּלאַץ, צייכנט אָן מענדל אַפן זאַמד אַ געבויגענע ליניע, און ער רעדט ניט צו איגאַריאַקן, נאָר צו זיך אַליין:

— זעסטו, — פירט ער מיטן שטעקל איבער דער ליניע, — אַ קינד הייבט זיך אַפן באַרג, און איך האַלט שוין אָט דאָ, — דאָס שטעקעלע שטעלט זיך אָפּ דאָרטן, ווו די ליניע פאַלט אַראָפּ-צו, אין דער נידער — לויטן סייכל דאַרף זײַן שווערער צו הייבן זיך באַרג-אַרויף און גרינגער צו גיין באַרג-אַראָפּ, נאָר ס׳איז ניט אַזוי. מיט יעדן טאָג ווערט דעם אייניקל גרינגער צו גיין. דעם זיידן — שווערער.

אין אָוונט שלאָפט איגאַריאַק ניט אײַן, ביז דער זיידע לייגט זיך אויך ניט שלאָפן. מענדלס געלעגער איז אָפּגערוקט פון איגאַריאַקס בעטל אין אַנטקעגנדיקן ווינקל. אָבער

דער זיידע מיטן אייניקל זענען זייער גוט איינער דעם אנדערן. פֿאַרן אײַנשלאָפֿן דערציילט מען זיך מײַסעלעך. צוערשט דערציילט איגאָריאַק. זײַן מײַסע איז אַ צונויפֿפֿלאָנטער פֿון די מײַסעס פֿאַר קינדער, וועלכע ער האָט געהערט און געזען אין טעלעוויזאָר און מע האָט אים געלייענט פֿון ביכלעך, ס׳פֿיגורירט אין זיי דערהויפּט אַ וואָלף, וואָס יאָגט זיך נאָך אַ העזל און וויל אים פֿאַרצוקן. דאָס העזעלע איז פֿלינק און קלוג, און כּוץ דעם העלפֿן אים זיך ראַטעווען אַלע חיות, וועלכע זײַנען פֿאַראַן אין וואַלד, אַלע חײַעלעך — אין פֿעלד, אַלע באַלעכאַים — אין הויף און אין שטוב.

נאָך איגאָריאַקן דערציילט דער זיידע. ער באַמיט זיך דערמאָנען די מײַסעלעך, וועלכע ער האָט געהערט קינדווײַז, נאָר גוט פֿאַרגעדענקט האָט ער איין מײַסע, און ער דערציילט זי מיט אַ באַזונדערן טאַם און פֿאַרגעניגן.

— הער זשע, איגאָריאַק... איך האָב דיר די מײַסע שוין דערציילט, נאָר דו האָסט שוין מיסטאַמע זי פֿאַרגעסן, איז הער נאָכאַמאָל.

— אין איינעם אַן אָרט, ווײַט־ווײַט פֿונדאַנען, האָט געלעבט איינער אַ מענטש, זייער אַ בייזער, אַלע האָבן פֿאַר אים מוירע געהאַט. ער האָט אַלץ פֿאַרמאָגט, געלעבט אינעם שענסטן הויז, געגעסן די געשמאַקסטע שפּײַז, געבאָדן זיך אינעם וואַרעמסטן יאַם, געשלאָפֿן אויפֿן ווייכסטן געלעגער, אים איז געווען גוט און וויל, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געלאַכט, אַפֿילע ניט אַ שמייכל געגעבן, שטענדיק פֿאַרכמורעט, אָנגעדראָלן. ער איז געוואָרן קראַנק, און מע האָט אים אַרײַנגעלייגט אין בעט. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז אים קאָן נאָר העלפֿן און געזונט מאַכן אַ לעבעדיקער שמייכל אויפֿן פּאָנעם, אַ פֿריילעכער געלעכטער. אין דער שטאָט, וווּ ס׳האָט זיך געפֿונען דעם מאָרעשכוירעניקס הויז, אין אַנדערע שטעט, ייִשובֿים און דערפֿער פֿון גאַנצן לאַנד, האָט מען גענומען זוכן מענטשן, וועלכע קאָנען פֿריילעך מאַכן, אַרויסרופֿן אַ געלעכטער. ס׳זײַנען זיך צונויפֿגעפֿאָרן און צוזאַמענגעקומען די גרעסטע לייצים, פּאָקוסמאַכער, און צום כוילע לאָזט מען אַרײַן נאָר איינציקווײַז, און יעדערער, וואָס קומט אַרײַן, וויל אויסנעמען, קוליעט זיך, העפּקעט זיך, מאַכט האַווײַעס, זינגט קאָמישע לידלעך, אָבער דער קראַנקער איז צו דעם אַלעם גלײַכגילטיק, איינעם נאָכן אַנדערן טרײַבט ער אַרויס די פֿריילעך־מאַכער, ווײַל ס׳ווערט אים נאָך אומעטיקער פֿון זייערע נאַרישע שטיק.

אין הויף און אויפֿן ברייטן גאַנעק פֿונעם הויז — אַ מענגע לײַט, אַלט און יונג, אַלע ווילן אַרײַנגיין אינווייניק, אַ קוק טאָן אויף דער רײַכקײַט, מיט וועלכער ס׳זײַנען פֿול די זאַלן, אויף די אויסגעווועבטע מיט גאָלדענע פֿעדעם שיינע טעפּיכער, וועלכע ליגן אויף די דילן, אויף די בילדער און סקולפּטורן, וואָס באַצירן יעדעס ווינקעלע אין יעדן צימער. צווישן האַמוין אָרעמעלײַט איז אויך געווען אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געוווינט אין עק שטאָט אין אַ הילצערן שטיבעלע. זי איז שטענדיק געווען הונגעריק, און דער הונגער האָט זי געטריבן צו דערווײַטערן זיך אַלץ מער פֿון דער שטוב, מיט דער האָפֿענונג עפּעס־וואָס געפֿינען צום עסן. צוזאַמען מיטן גאַנצן אוילעם האָט זי זיך אויך אַרײַנגעשטופּט אין הויף, דערנאָך אין הויז. דעם עמעס געזאָגט, ניט זי האָט זיך אַרײַנגעשטופּט, נאָר מע האָט זי אַרײַנגעשטופּט און דערבײַ שיִער ניט צעקוועטשט, מע האָט געהאַלטן אין איין אַרופּטרעטן אויף אירע באָרוועסע פֿיסלעך און זי האָט קוים געקאָנט גיין. די מענטשן פֿון הינטן האָבן זי געשטויסן פֿאָרויס, און אָט איז זי אַרײַן אין פּאַלאַץ. די וועכטער בײַ די טירן האָבן זי ניט באַמערקט. דאָס מיידעלע, אַליין ניט ווויסנדיק ווּהין עס גייט, איז אַרײַן אין שלאָפֿצימער, ווּ ס׳איז געשטאַנען זייער אַ גרויסע בעט, פֿאַרשפּרייט מיט אַ פּראַכטפֿולער אַטלאַסענער קאָלדרע. דעם מענטשן, וואָס איז געלעגן אין בעט, האָט דאָס מיידעלע צוערשט ניט באַמערקט, אַזוי קליין האָט ער אויסגעזען אויף זײַן ראַכוועסדיקן געלעגער. די האַנט, וועלכע איז געלעגן פֿון אויבן, אויף דער קאָלדרע, איז געווען דין און געל, אַזוי ווי אַן אויסגעטריקנט שטרויעלע, און מע האָט זי אַוודע ניט געקאָנט באַמערקן. דאָס מיידעלע האָט איר פֿאַרצויבערטן בליק אַריבערגעפֿירט פֿון דער בעט אויף די באַצירטע ווענט, אויפֿן סופֿיט מיט די אויסגעמאָלטע מענטשן און חײַעס, וואַלד און פֿעלד, פֿייגעלעך און בלומען. דאָס קינד איז געווען אַזוי באַגײַסטערט און אַנציקט פֿון דעם, וואָס זי זעט, אַז ס׳האָט בײַ איר אַרויסגעריסן זיך אַ הויכער אויסגעשריי: „אָך, ווי ס׳איז שיין!” און פֿון האַנאָע האָט זי אַ לאַך געטאָן... זי האָט ניט געקוקט אויפֿן כוילע, אָבער דער כוילע האָט געקוקט אויף איר. דעם מיידעלעס פּאָנעם האָט אויסגעדריקט אַזאַ פֿרייד, דער אויסגעשריי און דער לאַך אירער האָבן דורכגעקלונגען אינעם צימער אַזוי ריין און צוצי׳ענדיק, אַז ער אַליין, דער פֿאַרמאָרעשכוירעטער מענטש, האָט ניט ווילנדיק, אויך אַ שמייכל געטאָן. ער האָט צוגערופֿן דאָס מיידעלע, און ערשט איצט האָט דאָס קינד געוווּנדט אויף אים אירע פֿינקלענדיקע אויגן. זי איז צוגעגאַנגען צו אים אָן אַ מוירע, ווי צו אַ גוטן אַלטיטשקן, וועלכער נייטיקט זיך אין הילף.

— וואָס טוט דיר וויי, זיידעניו, — האָט זי ליבלעך געפרעגט בא אים.
— זעץ זיך צו לעבן מיר און... און לאָך א ביסעלע, — האָט ער געבעטן.
די ביטע זײַנע איז געווען גרינג אויסצופילן, דאָס מיידעלע האָט געלאַכט, איר קלינגענדיקער געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבערן שלאָפצימער, און שטיל האָט איך געלאַכט דער כווליע אין בעט.
— ס׳איז מיר שוין געוואָרן גרינגער, איך ווער, דוכט זיך, געזונט... און דאָס איז אדאנק דיר, אדאנק דײַן קלינגענדיקן, ווי א גלעקעלע, געלעכטער. דו האָסט מיך אויסגעהיילט! — האָט ער א גליקלעכער אויסגערופן צום מיידעלע. — זאָג, וואָס דו פארלאַנגסט, און ס׳וועט זײַן דײַנס! אָדער ווייסטו גאָר וואָס, בלײַב בא מיר אין שטוב, ס׳וועט דיר דאָ זײַן גוט... יעדן פרימאָרגן וועסטו ארײַנקומען צו מיר מיט א שמייכל, מיט א געלעכטער, און ס׳וועט מיר זײַן פריילעך דעם גאנצן טאָג.
— כ׳וויל זייער שטארק, זיידעניו, זײַן מיט דיר, — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט, — בא דיר איז אזוי שיין און גוט, נאָר וויאזוי קאָן איך דאָ בלײַבן און איבערלאָזן די מאמע אליין אין שטוב, זי וועט דאָך בענקען נאָך מיר!
און דאָס מיידעלע, אין אָנגעלאָדענע מיט טײַערע שפּילכלעך, וועלכע זי אליין, לויט איר פארלאַנג נאָך, האָט אויסגעקליבן אינעם פּאלאַץ, איז אוועק אהיים, צו דער מאַמען, וועלכע האָט שוין אויסגעקוקט די אויגן, וואַרטנדיק אף איר...
איגאַריאַק האָט דאָס מײַסעלע ביזן סאָף ניט דערהערט, ער איז אײַנגעשלאָפן. ס׳זײַנען נאָך צו פרי פאר אים אזעלכע מײַסעלעך, ווו קיין העזלעך זײַנען ניט פאראן. „וואָס זשע דול איך א קינד דעם קאָפּ?“ — האָט מענדל שוין א ביסל אָגמעסנפעש. ער קוקט אפן שלאָפנדיקן אייניקל, מיט די אויסגעשפרייטע פינגערלעך, וואָס האָבן זיך ארויסבאפרײַט פון אונטער דער קאָלדרע, אף די צוגעמאכטע אייגעלעך. ער הערט זיך צו צום קינדס אָטעם. א מעכײַדיקער אָטעם, וואָס ניט נאָר מע קאָן אים הערן, נאָר ער האָט, דוכט זיך, א קאָליר. ס׳איז דער העלער קאָליר פון א רויזעלע, וואָס האָט זיך אָקאָרשט פאנאנדערגעעפנט און פארשפרייט איר צאַרטן דופט.
ער, דער זיידע, ווי אלע זיידעס אין דער וועלט, שלאָפט נאָך א צײַט ניט אײַן. אין קאָפּ דרייען זיך פארשיידענע מײַסעלעך, שוין ניט קיין אויסגעטראכטע, נאָר מײַסעס שעהאָיאָ, פונעם אייגענעם לעבן. זיי קיטלען זיך איינע אין דער אנדערער, פארטראָגן גאָר ווײַט. און יעדע דערמאָנונג ווערט באזונדערס באטאמט און קריגט מער וואָג דערפון, וואָס ער, דער זיידע, פילט די גאנצע צײַט דעם אָטעם פונעם אייניקל, וואָס שלאָפט אפן אנטקעגנדיקן בעטעלע. „ווען איגאַריאַק וועט עלטער ווערן, — טראכט דער זיידע, — וועל איך אים דערציילן מײַן ביאָגראַפיע. איך בין דאָך אמאָל געווען ניט קיין קליין שרײַפּעלע. כ׳האָב וואָס צו דערציילן“.

2

טעג גייען, יאָרן לויפן. איגאַריאַק איז שוין אלט זיבן יאָר. די מישפּאָכע גרייט זיך צו א גרויסן יאָמטעוו — דעם ערשטן סענטיאַבער וועט דאָס קינד אָנהייבן לערנען אין שול. אלץ, וואָס א שילער פון ערשטן קלאַס דארף האָבן, האָט ער שוין, נאָר יעדעס מאָל דערמאָנט מען זיך וועגן א זאך, וואָס ער האָט נאָך ניט, און מע כאַפּט זיך פארן קאָפּ:
— ער האָט ניט קיין מעקער אויסצומעקן א גרײַז אינעם העפט!
— ער האָט ניט קיין נײַעם פּלאַמאַסטער, ער וועט דאָך דארפן מאָלן!
— ס׳איז בא אים נאָך ניט אויסגעניצט דער אַלטער פּלאַמאַסטער, — גיט צו וויסן מענדל, און אינגא דערווידערט אים מיט היץ:
— באַם קינד איז א גאנצע איבערקערעניש אינעם לעבן און אלץ דארף בא אים זײַן נײַ!
דעם 31-טן אויגוסט, פארן אוועקגיין אף דער ארבעט, האָט אינגא אָנגעזאָגט:
— פארגעסט ניט, מענדל כאַנאַניעוויטש, צוגיין אפן מארק און קויפן א בוקעט גלאַדיאָלוסן, און ווי נאָר איר וועט אים ברענגען, שטעלט ארײַן אין וואסער, ער זאָל ניט ווערן פארוועלקט. מאָרגן וועט מען שוין ניט קאָנען קריגן...
— ס׳וועט זײַן אן אויסכאפּעניש, — גיט צו באָריס, — און פאר יעדן בלימל וועט מען רײַסן די הויט.
מענדל האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דערבײַ געהאַט זיך זײַנס אין זינען. אויב ער וועט אינדערפרי גיין אפן מארק, איז ביז ער וועט זיך פון דאָרטן אומקערן, דערנאָך א ביסל

זיך אָפרוען, נאָכדעם אָפטאָן א פאָר שטוביקע ארבעטן, וואָס מוזן ווערן אָפגעטאָן, וועט שוין א האַלבער טאָג זײַן א פארפאלענער, און ער האָט באשלאָסן הײַנט, ערעוו ערשטן סענטיאַבער, פארברענגען מיט איגאָריאָקן אין וואלד. דער וועג איז ניט קיין נאָענטער און ניט קיין גרינגער, מע דארף פאָרן אהין מיט אן אווטאָבוס, וועלכער איז שטענדיק איבערפולט, ניט ווינציקער פון א דרײַ פערטל שאָ, אָבער פארן גאנצן זומער איז ער מיטן אייניקל געווען אין וואלד סאַכאַקל צוויי מאָל, און הײַנט האָט ער געוואָלט אָנטאָן א פארגעניגן איגאָריאָקן א דריט מאָל.

נאָכדעם, ווי איגאָריאָקס עלטערן זײַנען אוועק אף דער ארבעט, האָבן דער זיידע מיטן אייניקל אָפגעפרישטיקט, דער זיידע האָט ארײַנגעלייגט אינעם רוקזעקל עסנווארג אין א צעלאָפאַן-פאַקעט, אן עמאַלירטן בידאָנטשיקל פאר וואסער, א יאפאַנישן שירעם, די ראַדיאָ האָט ניט צוגעזאָגט קיין רעגן, נאָר א קאַשע אף א מײַסע, אז מע גייט מיט א קינד, און אין דרויסן האָט זיך טאַקע א ביסל געוואָלקנט. צולעצט, ווען מע איז אראָפגעגאנגען פון די טרעפ, איז אין רוקזאַק ארײַנגעלייגט געוואָרן די צײַטונג „טרוד", וואָס מענדל האָט ארויסגענומען פונעם פאָסט-קעסטל. ס׳איז אויך געווען א בריוו, און דאָ טאַקע, טייקעף, לעבן די טרעפלעך באַם ארויסגאנג, האָט ער אופגעעפנט דעם קאָנווערט, איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, וואָס איז געווען געדרוקט אף א מאַשינקע. אָנגעכמורעט זיך, ארײַנגעוואָרפן דאָס בריוול אין קעשענע, ווי עפּעס ניט קיין גוטע זאך, וועגן וואָס ס׳ווילט זיך ניט טראַכטן און געדענקען, דערנאָך פלוצעם אָנגעבויגן זיך צו איגאָריאָקן, א קוש געטאָן אים אין בעקל, און זייער ערנסט, מיט א טרויעריקלעכער פײַערלעכקײַט אין קאָל, געזאָגט:

— בא מיר וועט אויך מאָרגן זײַן א וויכטיקער טאָג.

— וועסט אויך אָנהייבן זיך לערנען? — האָט איגאָריאָק זיך צעלאַכט.

— דו וועסט מאָרגן אָנהייבן גיין אין אן אָנפאַנג-שול, איך — אין מײַן סאָף-שול...

— וואָס איז דאָס אזעלכס — סאָף-שול? — האָט איגאָריאָק ניט פארשטאַנען.

אפן וועג צום אווטאָבוס האָט איגאָריאָק געהאלטן דעם זיידן פאר דער האַנט, אזוי ווי ער, דער זיידע, וואָלט שוין געוואָלט פארלאָזן אים און אוועקגיין אין זײַן סאָף-שול. דער זיידע, וואָס שטענדיק האָט ער ליב צו ריידן און ער ענטפערט זייער גערן אף אלע פראַגן, וועלכע איגאָריאָק פארגיט, איז איצט געווען פארטראַכט, פארטאָן אין די אייגענע געדאַנקען. איגאָריאָק האָט צוויי און דרײַ מאָל געדארפט איבערכאַזערן א פראַגע, ביז ער האָט זיך אָפגערופן:

— הא, וואָס האָסטו געפרעגט?

די סיבע פון זײַן צעטראָגנקײַט, פארטראַכטקײַט און אויך געוויסער פארומערטקײַט איז געווען א וויכטיקע.

די לעצטע צײַט האָבן זיך אָנגעהויבן סיכסוכים און קריגערײַען אין שטוב, ניט, כאָלילע, קיין הויכע, ניט קיין ליאַרעמענדיקע, אז שכיינים זאָלן זיך צונויפלויפן, נאָר אײַנגעהאַלטענע, ארויסגעבראַכטע מיט ניט קיין פול מויל, אָבער סײַווי אומאָנגענעמע און שווערע. דער שולדיקער פון די קריגערײַען איז ער, מענדל: דער זון און דערהויפּט די שנור זײַנען אומצופרידן. זיי האַלטן, און זיי זײַנען אין א געוויסער מאָס גערעכט, אז דער זיידע דארף שוין מער דאָס אייניקל, ווי דאָס אייניקל דעם זיידן. ס׳קומט אויס, אז ניט ער פירט שפּאַצירן איגאָריאָקן, נאָר איגאָריאָק אים, איז דאָס אוודע אויך ניט שלעכט, ס׳וואָרט דערצויגן באַם קינד אזא גוטע מײַלע, ווי דער פארלאַנג צו העלפן אן אלטן און שוואַכן. אָבער פון דער אנדערער זײַט, וואָס פאר א פארגעניגן קאָן איגאָריאָק האָבן פונעם שפּאַציר, אויב אים קומט אויס צו שלעפּן דעם זיידן, וועלכער שטעלט זיך יעדעס מאָל אָפּ, ווײַל די פיס דינען אים שלעכט. איגאָריאָק האָט גענוג יינגלעך אין הויף, מיט וועמען ארומצולויפן, ארומצושפרינגען. נאָכקוקן נאָכן קינד, אָנהאָדעווען צו דער צײַט קאָן ער אויך ניט, פארקערט, ער שאַפט זיך מיטן יינגל: איגאָריאָק, דערלאַנג מיר דאָס! איגאָריאָק, דערלאַנג מיר יענץ! די מײַסעס, וועלכע דער אַלטער הערט ניט אוף צו דערציילן, ווען זיי ליגן ביידע, איינער אנטקעגן אנדערן אין די בעטן, איז אויך א סאָפעק, צי דארף זיי דאָס קינד האָבן. פריער האָט ער אים אַלץ דערציילט וועגן א קיניגלעכן פאַלאַץ און אן אָרעם מיידעלע... נישט געשטויגן, נישט געפלויגן... איצט דערציילט ער אים נאָר מילכאָמע-געשיכטעס, ווי אזוי ער, דער זיידע, האָט אליין אָנטיילגענומען אין דער מילכאָמע, וויאזוי מע האָט אים פארוואונדעט, און נאָכדעם איז ער ווידער געגאנגען אין אן אטאַקע... דארף דאָס איגאָריאָק אין אזא פריִען עלטער שוין וויסן?

אין שטוב קומט אייניקע מאָל ארײַן אינגעס כאַווערטע, נאָך פון די שול-יאָרן. ביידע האָבן זיי אין איין צײַט כאַסענע געהאַט, איצט האָבן זיי ביידע זיבניאָריקע יינגעלעך. די

כאַווערטע, קלאַווע הייסט זי, איז אינגען מעקאַנע איר נאָמען, א שיינער נאָמען, — אינגא, אָבער מער איז גאָרנישט ניטאָ מיט וואָס זי מעקאַנע צו זײַן.

— מײַן זונעלע, סטאַסיק, — באַרימט זיך קלאַווע, — האָט א באַזונדערן צימער. ווי זשע אנדערש? כ'פאַרשטיי ניט, וויאַזוי דײַן איגאַריאַק שלאָפט מיטן אַלטן, און דאָס אַרט אײַך ניט? עס איז דאָך ניט היגיעניש!

— ער איז זייער א ריינער, מענדל כאַנאַניעוויטש, אַף אנדערע יונגע געזאָגט געוואָרן אָפּצוהיטן זיך אין אזא ריינקײַט. — פּרוּווט אינגא פאַרטיידיקן איר שווער.

— און ער כראָפּעט ניט באַנאַכט? — טוט די כאַווערטע א לאַך.

— אויב ער גיט א כראָפּע, שטערט דאָס ניט איגאַריאַקן, א קינד שלאָפט דאָך שטאַרק, — געפינט אינגא ווידער וואָס צו ענטפערן.

— נו, נו, אויב דו און דײַן באָריס פאַרשטייען, אז אזוי דאַרף זײַן, איז אײַך קענטיקער. אָבער א באַזונדער טישל מוז דאָך א קינד האָבן, — קלאַווע באַקוקט דאָס קליין צימערל, ווו דאָס גרעסטע אָרט פאַרנעמט דער טיש. אַפן טיש ליגן מענדלס ביכער און איגאַריאַקס. באַנאַנד מיטן זשורנאַל „טשעלאָוועק אי זאַקאָן” און „סאָוועטיש היימלאַנד” ליגט א „מורזילקע” און מיכאַלקאָווס „דיאַדיא סטיאָפּא”, — ער הייבט דאָך שוין אָן צו גיין אין שול, איגאַריאַק, אזוי ווי מײַן סטאַסיק. ווו זשע וועט ער מאַכן די אוראָקן? — באַומרויִקט זיך קלאַווע, פּונקט ווי איגאַריאַק וואָלט געווען איר אייגענער זון.

— ער וועט האָבן, ווו צו מאַכן די אוראָקן, — ענטפערט אינגא, א ביסל א באַרויגעזלעכע, וואָס יענע זאָרגט און ווײַזט ארויס איר צופיל געטרײַשאַפט, אָבער אין זיך טראַכט זי, אז די כאַווערטע אירע איז אינגאַנצן גערעכט. טאַקע, ווי גוט וואָלט געווען, ווען איגאַריאַק זאָל האָבן א באַזונדערן צימער, אזוי ווי סטאַסיק. וואָס האָט דאָס פאַר אַן אויסזען, אז אין איין צימערל, א בעט אנטקעגן א בעטל, שלאָפט א קינד מיט א זאַקן? דער אַלטער קריכט וויפל מאָל באַנאַכט אראָפּ פונעם בעט, גאַנצפרי הייבט ער זיך אויף, נעמט שאַרקען מיט די פיס, סקריפּען מיטן בענקל, שטערט איגאַריאַקן רויִק שלאָפן.

אינגא האָט אַלץ אָפטער איבערגערעדט מיטן מאַן אירן, באָריסן, וועגן דעם, וואָס עס האָט זי באַומרויִקט און וואָס עס דאַרף אוודאי אויך באַומרויִקן אים, איגאַריאַקס טאַטן.

— מע דאַרף, מע מוז געפינען עפּעס אַן אויסוועג! — האָט אינגא געטײַנעט.

— מע דאַרף, — איז באָריס מאַסקים געווען, — אָבער וויאַזוי?

וויפל מע האָט ניט מאַרקירט אין דער צווייצימערדיקער דירע, געפּרוּווט מאַכן דעם קלענערן צימער פאַרן שלאָפצימער פונעם פּאַרפאָלק און דאָס גרעסערע אָפּגעבן איגאַריאַקן און דעם זיידן, איז אַלץ ניט געווען אזוי, ווי מע וואָלט באַדאַרפט, איין בעט איז געווען אַן איבעריקע: דעם זיידנס. און, אָפן גערעדט, — ניט נאָר די בעט, נאָר דער אַלטער מענדל אַליין אויך.

— ס'איז פאַראַן א פּאַנסיאָנאַט פאַר אַלטע לײַט, פאַרוואָס זאָל מענדל כאַנאַניעוויטש ניט גיין אהין? דאָרטן, זאָגט מען, איז זייער ווויל, אַן אויסגעצייכנטע באַדינונג, ס'איז ריין, מע איז אין דער וואַרעם... — האָט אינגא ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו זאָגן.

— און מע איז קיינעם ניט צו לאַסט. דאָס האָסטו געוואָלט נאָך צוגעבן? — באָריס האָט דעם טאַטן ליב געהאַט און ס'האָט אים א קלעם געטאָן באַם האַרצן, וואָס מע רעדט וועגן טאַטן, ווי וועגן אַן איבעריקן, פון וועמען מע דאַרף פּאָטער ווערן. ער האָט געוואָלט, אז אינגען זאָל אויך וויי טאָן, און ער האָט גערעדט האַרב און גראָבלעך. — דו לעבסט דאָך אין זײַן דירע, אַלץ, כוץ עטלעכע זאַכן, וואָס מיר האָבן אײַנגעשאַפן, איז זײַנס, זײַן ווייך מעבל, אַליין שלאָפט ער שוין וויפל יאָרן אַף א ברעזענטן בעטל, פאַרגינסטו אים דאָס אויך ניט?

— וואָס האָסטו זיך צעשריִען? — האָט אינגא אויך געהעכערט איר קאָל. — איך וויל אים דען צווינגען, איך טרײַב אים דײַן טאַטן, נאָר ער דאַרף אַליין פאַרשטיין. בא מײַן כאַווערטע קלאַווע איז סטאַסיק א גליקלעך קינד, ווײַל די עלטערן זאָרגן וועגן אים, און אונדזער קינד האָט קיין אייגן ווינקעלע ניט...

מענדל איז געזעסן אינעם אנדערן צימער. דעם געשפּרעך פונעם זון מיט דער שנור האָט ער ניט געהערט, אָבער לויט די באַזונדערע אויפגערעגטע ווערטער, וועלכע האָבן זיך געהערט דורך דער וואַנט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אז די רייד גייט וועגן אים. די לעצטע ווערטער אינגעס, ארויסגעבראַכטע מיט א דערצאָרנטן און וויינענדיקן קאָל: „האָט קיין אייגן ווינקעלע ניט”, האָט ער זייער גוט פאַרשטאַנען, אז זיי האָבן א שײַכעס צו איגאַריאַקן. ער

האָט זיך ניט אײַנגעהאַלטן, אַרײַנגעגאַנגען צום פּאַרפּאַלק אין צימער און ווי ווײַט מעגלעך רויִק געגעבן צו וויסן:

— איגאַריאַק וועט האָבן אַן אייגן ווינקעלע!

אין יענעם טאָג האָט ער אָנגעגעבן א מעלדונג אין סאָבעס, אַז ער בעט אַן אָרט אין א פּאַנסיאָנאַט. און אָט הײַנט, דעם 31-טן אויגוסט, האָט ער געקראָגן דעם ענטפער, אַז זײַן ביטע איז באַפרידיקט. דעם ערשטן סענטיאַבער קאָן ער אַהין אַוועקגיין. „ס'איז ווי צוגע-טראָפן, — האָט ער געטראַכט, — דאָס ייִנגל הייבט אָן לערנען, און ער וועט האָבן אַליין א צימערל. און ס'איז אויך גוט, וואָס פאַרן געזעגענען זיך מיט אים, גייען מיר צוזאַמען אין וואַלד". — אַליק, וועגן וואָס מענדל האָט איצט געקלערט און ס'איז אים געקומען אפן זינען, איז געווען צום גוטן, נאָר אפן האַרצן איז געווען אומעטיק און שווער.

פונעם אָנגעפּראָפּטן דושנעם אויטאָבוס זײַנען זיי אַראָפּגעשטיגן אַף דער אויטאָבוס-סטאַנציע „לעסנאַיאַ" און געלאָזט זיך גיין מיט א ברייטער אויסגעטראָטענער סטעזשקע צום קוועלכל, וואָס ריזלט אין איינעם אַן אָרט אין וואַלד, אין ניט קיין גרויסן און ניט טיפן טאָל, אין דער אַרומרינגלונג פון דרײַ דעמבעס, אַזוי ווי דרײַ גיבורים-היטער. דאָס וואַסערל, וואָס שלאָגט פון דער ערד, האָט מען אַרײַנגענומען אין א טרויב און ס'פּאָנטאַנירט מיט א דין קלאָר שטראַמעלע. מענטשן, וואָס ווילן זיך מעכײַע זײַן מיט א גלאָז טיי ניט פון דער שטאָ-טישער וואַסערלייטונג, נאָר ס'זאָל זײַן אופגעקאָכט פון וואַסער, וואָס האָט אַלע זיבן טאַמען פון „עמעסן" וואַסער, זײַנען ניט פויל און קומען אַהער מיט בידאָנען. אייניקע, די, וועלכע זײַנען געזינטער, קומען מיט עמער. אָבער פאַרגינען זיך אַזעלכס קאָנען דעריקער די, וואָס לעבן אין די נעענטערע, בײַליגנדיקע גאַסן און דאַרפן ניט פאָרן מיטן אויטאָבוס. אין דער הייך, באַם ראַנד פונעם טאָל, שטייען טישלעך און „שטולן" מיט הויכע ווענטלעך, אַזוי ווי די שטולן פאַר די ריכטער אין א געריכט-זאַל. דאָס דאָזיקע מעבל איז אויסגעטעסעט פון אַלטע ביימער-שטאַמען, וועלכע האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן אין וואַלד און זײַנען זויכע געוואָרן אין וואַלד צו פאַרבלײַבן, נאָר שוין אין אַן אַנדערן אויסזען.

מענדל האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ אַזא טישל, איגאַריאַק איז אַוועקגעלאָפן מיטן בי-דאָנטשיקל אָנעמען וואַסער פונעם קוועלכל, נאָר איידער ער האָט אונטערגעשטעלט די קיילע, האָט ער אונטערגעשטעלט דאָס מויל און גוט זיך אָנגעטרונקען, אַרופגעגאַנגען אפן בערגל מיט א באַשפּריצט פּאָנעם און נאַסן האַלדז, די ליפּן האָבן האַנאָעדיק געגלאַנצט, ווי פון עסן מאַראָזשענע.

— געשמאַקע וואַסער, אַ? — מענדל האָט איבערגענומען באַ איגאַריאַקן דאָס בידאָנ-טשיקל, אָנגעגאָסן אינעם גלעזל, וואָס ער האָט ניט פאַרגעסן צו פאַרכאַפּן מיט זיך, און אָנגעהויבן טרינקען, סמאַקעווענדיק יעדן זופּ. — א מעכײַע!

איגאַריאַק איז מיט גרויס כיישעק ווידעראַמאָל געלאָפן צום קוועלכל מיטן בידאָן און דערנאָך, אָפּגערוטע, אָנגעטרונקענע מיטן זעלטענעם געטראַנק, האָבן דער זיידע מיטן אייניקל זיך געלאָזט גיין ווײַטער, טיפער אין וואַלד.

— אָט דער דעמב איז א קראַנקער. — דער זיידע האָט אָנגעוויזן אַף א בוים מיט זייער א גראָבן שטאַם, ברייט פאַנאַנדערגעוואָרפענע צווײַגן, אָבער בלעטער ווינציק און קליינינקע, אויסגעגעסענע.

— פאַרוואָס איז ער געוואָרן קראַנק? — פרעגט איגאַריאַק.

— ביימער זײַנען דאָך אויך לעבעדיקע וועזנס, — דערקלערט דער זיידע. — און ס'טרעפט, עס טשעפּעט זיך צו א ווערעמל. ס'איז אַזא קליינס, קום צו באַמערקן, נאָר ס'נאָגט אויס אַזא מעכטיקן דעמב, פרעסט אויס די קאָרע, קריכט אַרײַן אינווייניק, מאַכט א כורבן פון די שטײַפע געוועבן.

דער זיידע האָט מיטגענומען א הויפן ניסלעך, ער גיט די ניסלעך איגאַריאַקן. אַף איי-נעם א בוים שפּרינגען אום צוויי וועווערקעס, יאָגן איינע נאָך דער אַנדערער, יעדע רעגע טוען א פינקל א פאָר שאַרפע אייגעלעך, ס'טוט זיך א קנויל דורך באַ דער און באַ יענער דער געל-ברוינער נעגידישער עק, וואָס איז גרעסער פונעם כײַעלע גופע. די וועווערקעס זײַנען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער שפּיל, אַז זיי גיבן אפילע א קוק ניט אַף די ניסלעך, וואָס דאָס ייִנגל האַלט הויך אויסגעשטרעקט אַרוף-צו און וויל זיי מעכאַבעד זײַן. מענדל און איגאַריאַק רופן זיי אַזוי לאַנג, ביז די וועווערקעלעך לאָזן זיך אַראָפּ פון בוים אַף דער ערד. פּריִער כאַפּן זיי די ניסלעך פונדערווײַטנס, דערנאָך ביכווידוי וועאַצמוי נעמט שוין איין וועווערקע באַם זיידן פון דער האַנט. די צווייטע וועווערקע ריזיקירט נאָך ניט צו נעמען באַ איגאַ-ריאַקן פון דער האַנט, זי טרויט נאָך דעם ייִנגל ניט אָן.

— פאַרוואָס נעמט דײַן וועווערקע בא דיר יאָ, און מײַנע וויל בא מיר ניט נעמען? — פּילט זיך איגאַריאַק באַליידיקט.

— דײַנע וועט בא דיר אויך נעמען, זאָרג ניט, — באַרויִקט אים דער זיידע. — אײַל נאָר ניט, האַלט די האַנט רויִק און רוף זי מיט א מער צאַרטן קאָל. ס'איז דאָך אַן איידעלע באַשעפעניש און ס'האָט ליב אַן איידעלע באַציִונג.

איגאַריאַק איז גליקלעך, ווען די וועווערקע כאַפּט בא אים פון האַנט א ניסל, דערנאָך ווערט זי שוין אַזא גוטער-ברודער מיט אים, אַז ווען ער האָט ניט געהאַט קיין ניסלעך, איז זי צו אים אַרופגעשפּרונגען אַף אַן אַקסל, געבויערט מיט די אייגלעך, געדרייט מיטן עק און געפּאָדערט: גיב נאָך!

אָנגעהאָדעוועט די וועווערקעס, האָט דער זיידע זיך דערמאָנט:

— מיר האָבן נאָך א וויכטיקע אַרבעט. מיר דאַרפן אָנרײַסן בלומען אַף מאָרגן, ווײַל ביז מיר וועלן זיך אומקערן פון וואַלד, וועט דער מאַרק שוין זײַן פאַרמאַכט און קיין גלאַדיִאָלוסן וועלן מיר ניט קאָנען קויפן.

אַוואַדע איז דאָס געווען אַן אײַנשטעלעניש: פאַרבײַטן די פּרעכטיקע טײַערע גלאַדיִאָלוסן, די שענסטע באַצירונג און מאַטאָנע צו יעדער סימכע, צו יעדן יאָמטעוו, מיט ביליקע פעלד-בלימלעך, שפּעטע רעשטלעך פונעם פאַרגאַנגענעם זומער. וואָס וועט זאָגן די שנור, און דער זון אויך, און ביידע וועלן זײַן גערעכט. אָבער אַלע קינדער, — האָט מענדל געטראַכט, — וועלן דאָך ברענגען גלאַדיִאָלוסן, אַסטרעס, זיי זײַנען טאַקע זייער שיינע, נאָר זיי שמעקן דאָך ניט, — מיט וואָס זשע קאָן פאַרשעמען א דופּטיק ראָמאַשקעלע, א קאָרנבלימעלע, אָדער אַפילע אַזא ליב גרעזל, ווי קלעווער?

אינעם סאָף-זומערדיקן וואַלד האָט דער אָנקומענדיקער האַרבסט קימאַט נאָך זיך ניט געפּילט, נאָר ערגעץ-ווו אָנגערירט א בלעטל אַף א בוים מיט אָנהייבנדיקער געלקײַט, מיט א פּרי פאַרוועלקט קליין אײַנדזועלע גראָז. אַלץ איז נאָך נאָכן וואַרעמען, צו דער מאָס מיט רעגנס, כוידעש אויגוסט געווען גרין און אין א געדיכטן געבלעטער, אָבער פּײַנע בלימעלעך, מיט וועלכע די ערד אין וואַלד איז געווען באַדעקט אָנהייב זומער, איז איצט שוין אויסגעקומען צו זוכן. אָט האָט אַזיווי פון א באַהעלטעניש, ווײַטלעך אָפּגערוקט פון דער סטעזשקע, א ווונק געטאָן א שורעלע ראָמאַשקעס, איינס, און צוויי, און דרײַ, און פיר, און הינטער זיי, צווישן איין צעדערבוים און א צווייטן, עפּשער שוין א גאַנץ צענדליק ראָמאַשקעלעך, ס'איז פאַראַן פון וואָס אויסצוקלײַבן.

— רײַס מיט לענגערע שטענגלעך, אָבער ניט מיטן וואָרצל, — זאָגט דער זיידע צום אייניקל.

ס'טוט זיך א באַווײַז פון צווישן גרינעם גראָז א רעדעלע קאָרנבלימלעך. מיט א צוויי כאָדאָשים צוריק זײַנען זיי געווען אומעטום, איצט זײַנען זיי יאַכסאָנים, זיי רופן און נעמען זיך איבער: „מיר זײַנען געבליבן צוליב אײַך, איר זאָלט פון אונדז, די לעצטע, האַנאָע האָבן, גרינע, זייער דינע שטענגלעך.

באַם בריקל, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן איבער ניט קיין טיפער באַלקע, געפינט מען דאָס גרעזל, וואָס הייסט פּיזשמאַ און וואָס איז שיין און שמעקט, אַזוי ווי א בלום. אַזוי צוסאָף פאַרבן. ווען מענדל און איגאַריאַק זײַנען געפאָרן אין אויטאָבוס, האָבן זיי שטאָלצירט מיט די צונויפגעקליבענע בלומען, אָבער דער פּײַנער בוקעט האָט שיר ניט פאַרשטערט דעם מאָרגנדיקן יאָמטעוו. אינגאַ איז געווען דערצאָרנט און אופגעבראַכט. באַריס האָט געקוקט אַף די בלימלעך מיט א טרויער, ווי מע קוקט אַף א בלומען-קרענצל פאַר א באַרמינען.

— איר ווילט, מענדל כאַנאַניעוויטש, מע זאָל לאַכן פונעם קינד? — איז אינגאַ גרייט געווען צו וויינען פאַר פאַרדראָס. — איך האָב דאָך אײַך געבעטן צוגיין אַפן מאַרק און קויפן. איר זײַט קאַרג פאַר אײַער אייגן אייניקל... כ'וואָלט דאָס געלט אומגעקערט.

— איך בין קאַרג? ס'גייט דען אין קאַרגשאַפט? כ'ווייס ניט, מיט וואָס איז ער שלעכט, דער בוקעט. אין אויטאָבוס האָט מען אים געלויבט.

אינגאַ האָט ניט געהערט די אויסטײַנעכצן פונעם אַלטן אויוועראַבאָטל. זי האָט געכאַפּט באַריסן און אַוועקגעלאָפן מיט אים אַפן מאַרק, נאָר דער מאַרק איז שוין געווען פאַרמאַכט. צו זייער גליק איז לעבן צוגעשלאָסענעם טויער געשטאַנען א בלומען-הענדלערקע, זיי האָבן בא איר געקויפט די לעצטע דרײַ גלאַדיִאָלוסן, וואָס זײַנען בא איר נאָך פאַרבליבן.

אַף צוריקוועגס האָט באַריס זיך דורכגערעדט מיטן ווײַב.

— דו ביסט אַזוי אָנגעפאַלן אַף מײַן טאַטן...

— אז ס'איז פון אים ניט אויסצוהאלטן.
— דו פארגעסט, אז ער איז אן אלטער מענטש. מע דארף דאך האבן דערעכערעץ.
— איך האב דאס מער, וויפל מע באדארף. נאר אז ער טוט קאפויר.
— וואס טוט ער קאפויר?
— אלץ.
— אויב אזוי, מעגסטו זיך פרייען. מארגן גייט ער אוועק אין פאנסיאנאט.
— דו רעדסט ערנסט? ער האט דיר געזאגט? פארוואס האט ער מיר ניט געזאגט?
— ניט באוויזן. האסט דאך געשריִען אף אים.
— איך וועל זיך אנטשולדיקן פאר אים. אויב ס'איז טאקע עמעס... — בא אינגען איז שוין ניט געוועזן קיין פארדראס אפן אלטן, זי איז אים געוועזן דאנקבאר, וואס ער האט אליין פארשטאנען, וואס ער דארף טאן. „ס'איז א סורפריז!” — האט זי געטראכט.

3

אף מארגן איז איגאריאק, אנגעטאן אין דער נייער שילער-אוניפארם — א בלוי העמדל, לאנגע הויזן, אויסגעפרעסטע מיט דער נאט, בלאנקענדיקע שיך, און אונטערגעשוירענער, די טונקעלע האר גלאט פארקעמט, אין דער האנט — דריי גלאדיאלוסן, — געגאנגען עטוואס פארויס מיטן זיידן. און הינטער זיי — די מאמע און דער טאטע. די גאס איז געווען פול מיט קינדער פון פארשיידענעם עלטער, נאר באזונדערס האבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער ערנסטקייט און כאשעוודיקייט די ערשטקלאסניקעס. אזוי ווי אף א פאראד האבן זיי געשפאנט מיט בוקעטן, ניט קיין סאך קלענערע פון די קינדער גופע. די עלטערן האבן געטראגן די פארטפעלן. איגאריאקס פארטפעל האט געטראגן דער זיידע.

די שול, וווּ איגאריאק וועט לערנען, איז א נייע. דאס געסל, ווו מע האט זי אויסגעבויט, איז געווען א דורכפאר-געסל, איצט איז די טעריטאריע ארומגעצאמט מיט א גרינעם שטאכעט, און יעדער מין טראנספארט איז דא פארבאטן. די שול פארנעמט איין גאנצע זייט פונעם געסל, און די הייזער אף דער אנדערער זייט זיינען, דוכט זיך, עלטער, קלענער, גרויער געווארן אנטקעגן דער פינקלענדיקער שיינקייט פון דער נייער געביידע, וועלכע האט מיט אירע צוויי שטאקן אויסגעצויגן זיך אפן לאנגן מעהאלעך. די איינוווינער פונעם געסל האבן זיך צונויפגעהרודעט באם שטאכעט און אי געפרייט זיך, אי געווען באומרויִקט:
— ס'וועט זיין אן אייביקער טומל.
— ס'וועלן פליִען סניעזשקעס אין די פענצטער.
— און שייבעס און פילקעס.
— ס'איז דאך פאראן בא זיי א ספעציִעלער פלאץ צום שפילן...
— זארגט ניט, זיי וועלן שפילן לעבן אייערע פענצטער אויך.

אפן ברייטן שול-גאנעק האט צווישן אנדערע כאשעווע לייט אויך זיך אופגעהויבן איגאריאקס זיידע. איגאריאק איז געשטאנען אין דער פאדערשטער שערענגע פונעם ערשטן קלאס, אמנאענטסטן אנטקעגן דעם גאנעק. ער האט זייער געוואלט זאגן זיין שכיינע — דאס מיידעלע, מיט וועמען ער איז געווען אין פאר, אז דאס איז זיין זיידע, נאר ער האט זיך געשעמט. די רעדעס, וועלכע מע האט געהאלטן, האט איגאריאק שלעכט געהערט און אלץ געוואַרט, ווען דער זיידע וועט ארויסטרעטן. אט האט זיך איבערגערוקט דער זיידע נעענטער צום מיטן גאנעק, פונוואנען מע טרעט ארויס. דעם זיידנס קאל איז עפעס גארניט באקאנט. ער רעדט אזוי פייערלעך. ס'איז דעם זיידנס קאל און ניט דעם זיידנס. א קאל א היימישער, און א פרעמדער, א קאל, געווענדט ניט נאר צו אים, איגאריאקן, נאר צו אלעמען.

— מיט איין און דרייסיק יאר צוריק, — טראגט זיך דעם זיידנס קאל איבערן גאנצן שול-פלאץ, אף וועלכן ס'זיינען אויסגעשטעלט די קינדער לויט די קלאסן, דער ערשטער פון פארנט, די העכערע קלאסן — פון הינטן, דער צענטער קלאס איז אינדערוויִטנס, באם סאמע שטאכעט, אבער אלע, אלע, די הינטערשטע, ווי די פאדערשטע, הערן, וואס איגאריאקס זיידע רעדט. — מיט איין און דרייסיק יאר צוריק האב איך אין דער אלטער געביידע פון דער שול געבראכט לערנען מיין זון. ער האט די שול פארענדיקט, געלערנט ווייטער אין אן אינסטיטוט, איצט איז ער אן אינזשעניער.

איגאריאק דרייט אויס דעם קאפ צום טויער פון שול-הויף. ער וויל דערזען דעם טאטן, נאר ס'איז דארטן אזויפיל מענטשן, אז ער זעט אים ניט. איגאריאק טוט פלוצעם א ציטער. ער האט דערהערט זיין נאמען.

— הײַנט האָב איך אין דער זעלבער שול, נאָר אין דער נײַער געבײַדע, — האָט דער זיידע ווײַטער גערעדט, — געבראַכט אַהער מײַן אייניקל, איגאָריאָקן...

איגאָריאָק האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ הינטערן רוקן פֿונעם מיידעלע, מיט וועלכער ער שטייט, ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און אויפֿגעעפֿנט האָט ער זיי ווידער, ווען דער זיידע האָט פֿאַרענדיקט זײַן רעדע און ס'האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיסמענטן.

דערנאָך איז שוין אַלץ געווען, ווי אין אַ כאָלעם. ניט קיין אַנדערן, ווי דעם זיידן, האָט מען אַרײַנגעגעבן אין דער האַנט אַרײַן דאָס שול-גלעקל, און ער האָט גענומען פּאָכען מיט אים אין אַלע זײַטן און אַזוי שטאַרק קלינגען, אַז מע האָט ווידער גענומען אַפּלאָדירן, ווי ער וואָלט אָפּסנײַ געהאַלטן אַ גרויסע רעדע. דערנאָך האָבן די שילער, לויט די קלאַסן, אַ פֿלייץ געטאָן אין ליכטיקן שול-קאָרידאָר. יעדן קינד פֿונעם ערשטן קלאַס האָט געפֿירט פֿאַר דער האַנט אַ שילער פֿונעם צענטן קלאַס. איגאָריאָקס האַנט האָט פֿעסט געהאַלטן אַ הויך דערוואַקסן מיידל. בײַ דער אָפֿענער טיר פֿונעם ערשטן קלאַס האָט דאָס מיידל זיך אָנגעבויגן צו אים און עפּעס געזאָגט, אָבער איגאָריאָק האָט ניט דערהערט וואָס. ער האָט אַפֿילע ניט ווי ס'באַדאַרף צו זײַן אַ קוק געטאָן אויף איר, צו פֿאַרגעדענקען איר פּאָנעם. אין יאָרן אַרום וועט אים עפּשער באַנג טאָן, וואָס ער האָט ניט פֿאַרגעדענקט, וויאַזוי עס האָט אויסגעזען דאָס מיידל, וועלכע האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין ערשטן קלאַס. ס'ווערט דאָך דאַן אַזוי וויכטיק יעדע דעטאַל פֿון די פֿאַרגאַנגענע קינדער-יאָרן, אָבער איצט איז ער געווען פֿאַרנומען און צעטומלט פֿון זייער-זייער אַ סאַך אַנדערע זאַכן. אַלץ אַרום — די פּאַרטעס, דער טאָוול, דער לערערנס טישל און, פֿאַרשטייט זיך, די לערערין גופֿע האָבן אַזוי צוגעצויגן מיט זייער נײַקייט...

איגאָריאָקס מאַמע, צוזאַמען מיט אַנדערע מאַמעס, איז געבליבן וואַרטן אין שול-הויף, ביז די קינדער וועלן ענדיקן לערנען, קעדיי אָפּפֿירן זיי אַהיים. מענדל מיטן זון זײַנען אַוועק. מענדל, וואָס האָט מיט אַ האַלבער שאָ צוריק געהאַלטן אַזאַ מונטערע רעדע אויפֿן שול-מיטינג, איז איצט געווען פֿאַרכושט, צעטראָגן, און בלויז דער בלויער אויסגעפּרעסטער אָנצוג (אַליין טאַקע אויסגעפּרעסט), די אויסגעפּוצטע געלע טופֿליעס (אויך אַליין אויסגעפּוצט), די בלויע הוט, וואָס ער האָט ניט ליב צו טראָגן און טוט זי אָן פֿון יויצע וועגן אַמאָל אין אַ יויוול, אין זייער אָן אויסטערלישן טאָג, אַזאַ, לעמאָשל, ווי דער הײַנטיקער, — נאָר אָט דער הוילעך זײַנער האָט נאָך דערמאָנט, אַז אַקאָרשט איז געווען יאָמטעוו. דער זון איז אויך געווען פֿאַרטראַכט און אַזויווי ניט צופֿרידן. בײַ ביידן איז די שטימונג געווען ניט קיין געהויבענע.

— עפּשער ווילסטו הײַנט נאָך ניט אַוועקגיין, נאָר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן? — האָט דער זון ניט זיכער געפֿרעגט באַם טאַטן.

— איך קאָן מאָרגן-איבערמאָרגן אויך, ס'וועט פֿון מיר ניט אַנטלויפֿן, אָבער מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט אויף הײַנט, און דאָס צעטל איז אויך אויף הײַנט. די זאַכן, וואָס איך דאַרף מיטנעמען, זײַנען שוין בײַ מיר צוזאַמענגעלייגט און... און... איר ווילט דאָך אונטערטראָגן איגאָריאָקן אַ סורפּריז, איז הײַנט אויף דעם דער בעסטער טאָג, דאָס קינד וועט אים פֿאַרגעדענקען... איגאָרלס צײַט איז גיין אין שול, מײַן צײַט איז גיין אין מוישעוו זקיינים. דאָרטן וועל איך קיינעם צו לאַסט ניט זײַן.

4

ווען דער באַלסימכע, איגאָריאָק, האָט זיך אומגעקערט פֿון שול און איז אַרײַן אין קלענערן צימערל, האָט ער עס ניט דערקענט. אַנשטאָט דעם אַלטן גרויסן טיש איז אַנטקעגן פֿענצטער געשטאַנען אַ קליין שיין נידעריק טישל מיט אַ שופֿלאָדל אינמיטן, און באַם טישל — אַ נידעריק ווייך שטולכל, אויך אַ נײַס. איגאָר האָט זיך אויפֿן שטולכל אַוועקגעזעצט, און ס'איז אויסגעקומען פּונקט פֿאַר אים — ער דאַרף ניט, ווי פֿריִער, ציִען די האַנט און הייבן דעם קאָפּ אין דער הייך צום טיש. בײַ דער וואַנט איז געשטאַנען אַן עטאַזשערקעלע מיט איגאָריאָקס קינדער-ביכלעך. דאָרטן, וווּ ס'איז געווען דעם זיידנס בעט, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ קינדערשע סאָפֿקע. איגאָריאָק האָט אויך געגעבן אַ זעץ זיך אַוועק אויף דער סאָפֿקע, אָנגעשפּאַרט זיך מיטן רוקן צום ווענטל, און מע האָט געזען, אַז דאָס קינד האָט האַנאָע, האָבן אויך האַנאָע געהאַט די עלטערן. איגאָריאָק איז געזעסן אויף דער סאָפֿקע, געהוידעט מיט די פֿיס, און אַ צעפּלאָמטער, אַ פֿרייליך-אויפֿגערודערטער האָט ער דערציילט וועגן דער לערערין מאַריאַ איוואַנאָוונאַ, וואָס זי האָט געזאָגט און וואָס זי האָט

געהייסן צוגרייטן אַף מאָרגן, און וועגן דעם, אַז זײַן פּאַרטע איז די דריטע אין דער מיטלסטער ריי און אַז ער זיצט צוזאַמען מיט שורקען... אַז אַף דער ערשטער פּאַרטע זיצן קאָליע און לידע, זיי זײַנען קורציזיכטיקע און טראָגן ברילן... אינמיטן די רייד האָט איגאָריאָק זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז עפּעס פֿעלט אים אין צימער. ער האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן און געפֿרעגט:

— און ווו וועט שלאָפֿן דער זיידע?

איידער טאַטע-מאַמע האָבן באַוויזן צו ענטפֿערן, האָט איגאָריאָק זיך געכאַפּט, אַז ס'איז ניטאָ אין צימערל ניט נאָר דעם זיידנס בעט, דער זיידע אַליין איז ניטאָ.

— ווו איז דער זיידע? — האָט ער האַסטיק אַ פֿרעג געטאָן און גענומען הויך רופֿן: — זיידע! זיידע!

— דער זיידע איז אַוועקגעגאַנגען, — האָט די מאַמע געזאָגט. — טו זיך, איגאָריאָק, איבער, וואַש די הענט. מיר זעצן זיך עסן. ביסט דאָך שוין הונגעריק.

דאָס ייִנגל האָט ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים, אַרויסגעלאָפֿן אין אַנדערן צימער און אומגעקערט זיך אַ פֿאַרכידעשטער און מיט אַ פֿאַרדראָס אַפֿן זיידן, וואָס גראָד הײַנט, ווען ער, איגאָריאָק, האָט אים אַזויפֿיל צו דערציילן, איז ער ערגעץ אַוועק.

— ער איז אַוועקגעפֿאָרן, — האָט דערקלערט דער טאַטע. — ניט ווײַט... זונטיק וועט ער קומען, אָדער מיר וועלן פֿאָרן צוגאַסט צו אים.

— ווו אַוועקגעפֿאָרן? — האָט איגאָריאָק ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

— דער זיידע... — האָט אָנגעהויבן דער טאַטע און זיך פֿאַרהאַקט, ניט וויסנדיק, וויאַזוי בעסער אויפֿצוקלערן. די מאַמע האָט אַרויסגעהאָלפֿן:

— דער זיידע איז דאָך שוין אַן אַלטיטשקער און פֿאַר אַלטיטשקע איז פֿאַראַן אַ פּאַנסיאָנאַט. דאָרטן וועט דעם זיידן זײַן זייער גוט. גיי, איגאָריאָק, וואַש די הענט און זעץ זיך עסן. וויפֿל מאָל דאַרף מען דיר זאָגן?

דער כעוורעמאַנטשיק האָט זיך ניט גערירט פֿונעם אָרט.

— די מאַמע האָט דאָך דיר עפּעס געהייסן! — האָט געהעכערט דאָס קאָל דער טאַטע.

איגאָריאָק האָט אײַנגעוואַשן די הענט, אָפּגעגעסן און אַרויס אין הויף זיך שפּילן, אומגעלאָפֿן מיט די ייִנגלעך אין סעדל און יעדעס מאָל אַ קוק געטאָן אַף דער באַנק, ווו ס'פֿלעגט זיצן דער זיידע. דערנאָך האָט ער איבערגעריסן די שפּיל, אַרויס פֿונעם הויף אַף דער גאַס און גענומען אײַנקוקן זיך אין די שילדלעך אַף די מויערן, האָפֿנדיק איבערצולייענען אַף איינעם פֿון זיי דאָס וואָרט פּאַנסיאָנאַט. אַ ביסל לייענען האָט ער געקאָנט. אָבער אַזאַ שילדל האָט ער ניט געפֿונען און ער האָט באַשלאָסן בײַ עמעצן פֿרעגן. בעסער פֿון אַלץ בײַ אַ מענטשן מיט גראָוע האָר אַפֿן קאָפּ, אַזאַ ווייסט געוויס. אָבער ער האָט דורכגעלאָזט אַ סאַך מענטשן מיט גראָוע האָר, ביז ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איינעם אַ גראָוון אָפּגעשטעלט. דער אַלטער האָט זיך אָנגעבויגן, קעדיי זײַן טויבער אויער זאָל דערגרייכן צום קינדס מויל, און איגאָריאָק האָט אינעם אויער אַרײַנגעשריִען:

— ווו איז דער פּאַנסיאָנאַט?

— פּאַנסיאָנאַטן זײַנען בײַם ברעג יאַם, — האָט יענער געענטפֿערט נאָכדעם, ווי איגאָריאָק האָט עטלעכע מאָל און אַלץ העכער איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט. — האָסט אַהין אַ פּוטיאָווקע? — האָט דער אַלטער אַ לאַך געטאָן. — איצט איז דאָרטן קאַלט.

— ניין, ס'איז ניט אַזאַ פּאַנסיאָנאַט, — האָט איגאָריאָק געשריִען אינעם טויבן אויער. — ס'איז פֿאַר אַלטיטשקע.

דעם גראָוון מאַן איז געוואָרן טשיקאַווע דאָס ייִנגל, ער האָט אים גענומען פֿאַר אַ האַנט און זיי זײַנען צוזאַמען אַרײַן אין דערבײַיִקן סקווער.

— זוכסט דעם פּאַנסיאָנאַט פֿאַר אַלטע לײַט? וועמען זשע האָסטו דאָרטן? — האָט ער געפֿרעגט.

אין סקווער איז געווען שטיל, און איגאָריאָק האָט שוין ניט געדאַרפֿט אַזוי הויך שרײַען.

— דאָרטן איז מײַן זיידע...

— און דו האָסט זיך פֿאַרבענקט נאָך אים און ווילסט אים זען? אויב אַזוי, ביסטו אַ ווויל אייניקל. קום, וועל איך דיר ווײַזן, וויאַזוי דו דאַרפֿסט גיין אַהין, אין פּאַנסיאָנאַט.

דער אַלטער איז אַרויס מיט אים פֿון סקווער און לאַנג און גענוי דערקלערט דעם וועג. אָבער דאָס איז געווען איבעריק. דער וועג איז איגאָריאָקן געווען גוט באַקאַנט, ניט איין מאָל איז ער מיטן זיידן געגאַנגען צום טײַך, און דאָרטן, בײַם ברעג טײַך, ניט ווײַט פֿון דער אײַזנבאַן-בריק, שטייט אַ הויכער מויער מיט אַ סאַך פֿענצטער און באַלקאָנען. אין יענעם

מויער איז דער פּאַנסיאָנאַט. וואָס מער איגאַריאַק האָט זיך דערנעענטערט צו אָט דער געבײַדע, אַלץ גיכער איז ער געגאַנגען און אַלץ אָפּטער אַרופֿגעקוקט אויבן, צו די פֿענצ־טער. באַלד וועט ער דערזען דעם זיידן! ער איז אַרײַן אין וועסטיביול. דאָ איז געווען שטיל און געראַם. ווייכע בענקלעך אַרום אַ נידעריק טישל, ווי פֿאַר קינדער. אַ גרויסער דיוואַן בײַ איין וואַנט און נאָך אַזאַ דיוואַן בײַ דער אַנדערער וואַנט. אַלטיטשקעס, אײנער עלטער פֿונעם צווייטן, זײַנען געזעסן אויף די דיוואַנען אָדער אומגעגאַנגען פּאַוואָליטשקע, אָדער זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך אופֿגעהויבן אין ליפֿט.

ניט קיין יונגע פֿרוי, אָבער אַ ייִנגערע פֿון די, וואָס ער האָט דאָ געזען אַרום זיך, איז געזעסן בײַ אַ גרויסן טיש אינעם אַנדערן עק פֿון וועסטיביול. איגאַריאַק איז צוגעגאַנגען צו איר.

— וועמען דאַרפֿט איר, יונגערמאַן, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן צו אים.

— איך דאַרף צום זיידן...

— ווי רופֿט מען דעם זיידן?

איגאַריאַק איז געווען צעטומלט און ער האָט געדאַרפֿט האָבן אַ לענגערע ווײַלע אויף צו דערמאָנען זיך. די פֿרוי בײַם גרויסן טיש האָט געדולדיק געוואַרט.

— מענדל קאַנאַניוויטש ראַשעווסקי, — האָט ער מיט פֿרייד זיך דערמאָנט.

די פֿרוי האָט אויפֿגעמישט אַ העפֿט, געבלעטערט די זײַטלעך, געפֿירט מיטן פֿינגער איבערן זײַלעכל פֿאַמיליע־נעמען, נאָכאַמאָל געבעטן איבערכאַזערן, וויאַזוי דעם זיידן רופֿט מען און ווידער געזוכט, אָבער ניט געפֿונען.

— ניין, ייִנגעלע. בײַ אונדז איז דײַן זיידע ניטאָ.

בײַ איגאַריאַקן האָבן זיך באַוויזן טרערן אויף די אויגן. ס'האָבן אים אַרומגערינגלט אַ סך אַלטיטשקעס, געגומען טרייסטן און אויך אויספֿרעגן.

— אַ צײַט, ווי דײַן זיידע איז אַוועק?

— הײַנט איז ער אַוועק... ווען איך בין געווען אין שול...

— ער וועט זיך אָפּזוכן, דער זיידע. ווו וווינסטו? וועסט טרעפֿן אַהיים?

די אַלטע לײַט האָבן אים ניט אַרויסגעלאָזט פֿונעם רעדל, וואָס איז אַלץ מער אַרום־געוואַקסן מיט נײַגעריקע זקיינים און זקיינעס. יעדערער און יעדערע פֿון זיי האָט געוואָלט מיט אים אַ רעד טאָן און עפּעס אויסקלאָרן.

— איר וועט דאָך אים פֿאַרמאַטערן, — האָט די פֿרוי, וועלכע איז געזעסן בײַם טיש, אָנגערופֿן זיך, ווי אַ שטרענגע לערערן צו קינדער, וואָס האָבן זיך צעטומלט. — דער זיידע דײַנער איז מיסטאָמע אַוועק אין אַן אַנדער פּאַנסיאָנאַט, — האָט זי זיך געווענדט צו איגאַ־ריאַקן. — איצט גיי אַהיים, ביז ס'איז נאָך ניט געוואָרן פֿינצטער.

ניט ווינציקער פֿון אַ צענדליק פּאַנסיאָנאַט־לײַט האָבן אים אַרויסבאַגלייט פֿון וועסטי־ביול, געגאַנגען מיט אים אַ שטיקל וועג מיטן ברעג טײַך, אַרויסגעפֿירט אים צו דער גאַס און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גיין נאָר איבערן טראָטואַר. צוויי אַלטע האָבן אים באַגלייט ביזן סקווער, און פֿון דאָרטן הייבט זיך שוין אָן איגאַריאַקס גאַס.

אין שטוב האָבן די עלטערן ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן, אַפֿילו געקלונגען אין מיליציע — פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דאָס קינד! ווען איגאַריאַק איז געקומען אַהיים און זיי האָבן בײַ אים געפֿרעגט, ווו איז ער געווען, האָט ער געשוויגן. טאַטע־מאַמע האָבן פֿאַר־שטאַנען, אַז מע דאַרף אים דערוויל לאָזן צורו. ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, דערנאָך געקוקט אין טעלעוויזאָר דעם קינדערשן פֿילם „ערשטקלאַסניצע" און געהאַט האַנאָע פֿון אים. פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן האָט ער זיך צעשטיפֿט, אָבער עפּעס ניט מיט קיין געוויינלעכער שטיפֿערײַ, נאָר ווי מיט אַ בייזן בעקיוון און צו טאָן אַפּצולאַכעס. ער איז אַרופֿגעשפּרונגען אויף דער נײַער סאָפֿקע און געגומען טופּען איבער איר מיט די פֿיס. די פּרוזשינעס האָבן הויך געקרעכצט. דער טאַטע האָט אים געוואָלט אָנשלאָגן, האָט ער מיט די הענטלעך גע־פּרוווט געבן אויף צוריק, ס'האָט גענומען אים אײַנשטילן די מאַמע, האָט ער הויך זיך צע־וויינט.

באַנאַכט האָט איגאַריאַקן געכאַלעמט זיך אַ גוטער כאַלעם: ער קומט צו לויפֿן פֿון שול און ער זאָגט צום זיידן:

— האָסט דאָך, זיידע, הײַנט נאָך ניט שפּאַצירט. קום זשע, איך וועל דיך פֿירן! — און ער נעמט פֿעסט דעם זיידנס האַנט אין זײַנער.

איציק קיפּניס

נאָוועלן

וואָס מיר האָט זיך געכאָלעמט די נאַכט און יענע נאַכט...

זינט דערציילונגען שרײַבן זיך, קומט זיי אויס צו געבן א נאָמען, און אפילע ווען דעם שריפטשטעלער גלוסט זיך אָנרופן זײַן זאך „אָן א נאָמען", איז עס אויך א נאָמען.

וואָס פאר א נײַ-מאָדנער נאָמען האָט זיך בא מיר דאָ, בא דער דאָזיקער דערציילונג, אויסגעבאקן — פרעגט מיך בעכיירעם...

ס'האָט זיך אזוי ארויסגעכאפּט. בא מיר קומט אויס — רופט מיך „טיש", רופט מיך „בענקל", אבי איר האָט אף מיר ניט קיין שלעכט הארץ.

אָט-אָ לייקנט ער א ביסל, נעכעמיע, זײַנע יאָרן. ער ענטפערט איטלעכן — זיבן און פערציק, נאָר בא זײַנע נאָענטע באקאנטע איז שוין פעסט אָפּגערעדט, אז דערווײַל פארמאָגט ער, ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, א האלבע מייע, אפילע נאָך מיט א סמיטשעק. צוליב וואָס זשע דארף ער עס? — בין איך אײַך אָרעוו, אז ער אליין ווייסט עס אויך ניט. געוויס האָט זיך אים אמאָל אזעלכס ארויסגעכאפּט, און ס'איז אים אזוי געפעלן געוואָרן, אז ער האָט עס איבערגעלאָזט אף שטענדיק. אָט ווי איינער א באקאנטער טאקע פון אונדזער כיידער מיטן נאָמען אווראָם האָט זיך אין 20-יאָריקן עלטער ארויסגעכאפּט, אז ער הייסט בעניע.

איין מאָל, צוויי מאָל, ס'איז אים געפעלן געוואָרן — בעניע — און ביז הײַנטיקן טאָג — ס'שוין דרײַסיק יאָר אינדערינען, ער איז שוין א זיידע פון צוויי אייניקלעך — רופן אים אלע כאווײרים זײַנע — בעניע. בלויז אין די פּאַפּירן און אין מיליציע-צירקל הייסט ער אזוי, ווי מע האָט אים א נאָמען געגעבן.

פון דער שפּערישער יערושע.

דער אָנשטעל איז בא דעם בעניען אלע יאָרן פון א טרוימערישן יונגערמאנטשיק, כאָטש ער האָט אפילע זײַנע סאמע דריבנע איניאָנים קיינמאָל קיינעם ניט פארנארט. ער וועט גיכער יענעם ארײַנארן. נאָר דער אָנשטעל בלײַבט אָן אָנשטעל...

וועגן אים וועט אויך אויסקומען צו שמועסן, נאָר מירן עס אָפּלייגן אף א צווייט מאָל.

קערן מיר זיך אום צו כעמען.

ער האָט זיך קיין נעסט ניט אויסגעבויט, אָט דער כעמע — ניט פארפירט קיין פאמיליע-לעבן, כאָטש באלאָנים האָט ער אף זיך געהאט איבערגענוג. אי מיידלעך, אי יונגע ווײַבלעך, וואָס זײַנען מילכאָמע-צײַט פארבליבן אָן מאנען און האלטן זיך אוף לעם פארמעגלעכע עלטערן...

איינער א ביז גאָר גלוסטיק ווײַבל, געדענק איך, האָט ער א זאָג געטאָן:

— ברײַנדל, דו ווייסט אוואדע, אז איך בין דער עמעסער קאפּצנזאָן!

— יאָ, — זאָגט זי מיט א שמייכל, — מיר איז שוין צײַט צו האָבן וועגן דעם א שטיקל פאַרשטעלונג.

— ווייסטו, הייסט עס, יאָ?.. טאָ געדענק זשע מײַנע ווערטער: דאָס איז נאָך קיין גלײַכן ניט צו דעם, וואָס איך וועל ערשט זײַן.

און מיר האָבן אלע געלאכט פון דעם גוטמוטיקן אויפן, אין וועלכן ס'איז ארויסגעזאָגט געוואָרן.

ער האָט קעגנערס אויך, נעכעמיע. מיר איז אליין אויסגעקומען צו הערן, ווי באקאנטע פרויען זאָגן וועגן אים:

— ריבוינעשעלוילעם! ווען אַט דער כעמע איז איינער אַן איינציקער אין דער גאַנצער וועלט, גלייבט מיר אַף מײַנע נעמאָנעס, וואָלט איך ליבער פאַרזעסן אַלע מײַנע יאָרן און פאַר אַזאַ ניט כאַסענע געהאַט!

יאָ, ס'זײַנען דאָ אויך אַזעלכע, אָבער זיי זײַנען אין דער מינדערהײַט. איך קען פרויען, וואָס קלעפּן זיך צו אים, און ניט דאָס ערשטע יאָר. נעמען אַפילע די קליינע, גאַנץ שיינינקע מוזע לוואָוונע. זי האָט שוין באַוויזן באַגראָבן אַ מאַן ניט קיין שלעכטן. זי אַרבעט און ציט אוף צוויי גוטע יינגלעך. איינער ענדיקט שוין אַ הויכשול, און דאָס קלענערע איז נאָך אין שול אין די מיטעלע קלאַסן... בײַם דער מילכאָמע און אין די נאָכמילכאָמע-יאָרן האָבן זיי זיך ניט געזען. איצט האָט זי זיך גענומען טוליען צו מיר, שיר וואָס זי קושט מיך ניט. זי כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנט און לאָזט זי ניט אַרויס. זי מאַכט מיר כיינדלעך. וואָס איז? — טראַכט איך מיר. — וואָס איז מיט איר געשען? — לאָזט זיך אויס, זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איך בין, דוכט זיך, כעמקעס אַ נאָענטער כאַווער... טאָ לאָמיך איך דערציילן, צי ווייס איך עפּעס וועגן אים. וואָס מאַכט ער? ווו לעבט ער?

איך דערצייל איר מיט באַדויערונג אין דער שטים, אַז יענער האָט נאָך ביז איצט ניט קיין אייגן געזינד...

גיי ווייס, אַז מיט דעם האָב איך איר שטאַרק צוגעטראָפן. גאָר אָנגעזאָגט אַ בסורע!

— איר זעט אים? איר טרעפט זיך מיט אים?

— איך בעט אײַך, — און זי פעסטעט זיך און צערטלט מיך. אַ זײַטיקער וואָלט קאָנען מיינען כ'ווייס וואָס... צום סאָף האָט זי מיך ניט אין דער לינקער פּייע. דאָס גייט די וואַרעמע אויסשטראַלונג אירע דורך מיר צו נעכעמיען. און קאַכהאַווע, נעכעמיע האָט ניט געוואָלט, ניט געוואָלט, און ענדלעך איז ער שוין געקומען פון איר און געבראַכט אַ האַלבן צענדליק זעלטענע ביכער, וואָס ערגעץ אַנדערש איז זיי גאָרניט צו קריגן, און בײַ איר נעמט ער זיי אָן קיינע דינגענישן.

— וואָס איז דאָ פאַר אַ פראַגע? נעם! נעם, וויפל דו דאַרפסט!... נעם נאָך!...

אָבער ער דאַרף ניט מער, ער דאַרף דאָס אויך ניט. אים האָט זיך געוואָלט עפּעס אַנדערש — ער וועט דורכגיין דורך מיר און בײַ מיר טרעפן אויך זעליקאָווסקין, וועלן מיר זיך ניט קאָנען אָפּוווּנדערן — ווו האָט ער עס געפאַקט אַזעלכע אַנטיקן? מירן אים בעטן, ער זאָל בײַ אונדז איבערלאָזן כאָטש איינעם (ס'וועט זײַן אָפּגעהיט — מירן קיינעם ניט געבן)...

אָבער כעמע וויל אַפילע ניט הערן.

— סע וועט גאָרניט זײַן, — ענטפערט ער, — איך האָב עס גענומען פאַר כיירעם!...

מוזע לוואָוונע האָט גראַדע געוווּסט, וואָס זי טוט: איר איז שווער אים אַראָפּבעטן צו זיך. אָבער אָפּטראָגן די ביכער וועט ער דאָך מוזן!

ענדלעך האָט ער זיך באַדאַכט, אַז ער קאָן איר מויכל זײַן די ביכער... צו וואָס דאַרף ער עס? ער וויל ניט קיין ביכער און וויל ניט קיין באַקאַנטע (דאָס הייסט, קיין נאָענטע באַקאַנטע) און וויל צו זיי ניט גיין!...

ער היצט זיך ניט, נעכעמיע, ער רעדט ווייך, ווי ער וואָלט זיך געבעטן, מע זאָל אים כאָטש איין מאָל אין לעבן וועלן פאַרשטיין...

ווײַזט אויס, ניט „ווײַזט אויס" — ס'איז אַזוי. נעכעמיע האָט אַ האַרץ אַפן לעבן, אַף דער וועלט. אַז מע וויל זאָגן, איז אים די וועלט גאָרניט שולדיק, און ער שלאָגט זיך ניט נאָך דערויף, עמעצער זאָל אים זײַן עפּעס שולדיק. נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן? אים איז אין פיל הינזיכטן פּאַסקודנע, באַקומט זיך עס אײַניינעם גוט פּאַסקודנע.

די גאַנצע וועלט איז פּאַסקודנע, כאָטש נעם רײַב אויס אַ שוועבעלע און צינד אונטער אַלץ מיטאַנאַנדער, אַז אַלץ מיטאַנאַנדער זאָל ברענען ליכטיק, וועט עס דיך כאָטש אויפהערן שטיקן...

ער איז עטוואָס קלענער פון מיטעלן וווּקס, נעכעמיע, מיט ברייטלעכע אַקסלען, זעט אויס יונג, ניט לויט די יאָרן. ער איז נאָך קיינמאָל, ווײַל ער לעבט, אין טורמע ניט געזעסן...

איר קנייטשט מיט די אַקסלען, און איר זײַט בעפיירעש געערעכט. איר קענט דאָך אים אויך. וואָס עפּעס פאַר אַ טורמע אײַנמיטנדערינען? וואָס איז? ער איז עפּעס אַ גאַנעוו צי אַ קראַמאַלניק, צי ער האָט עמעצן געסאַמט שטילערהייט?

איר זײַט עמעס געערעכט. צו אַלדי רוכעס! איך נעם צוריק מײַנע ווערטער: ווער טורמע? וואָס טורמע? אויס מאָרעשכוירע! עמעס, די האַכאָנעס צו דער טליע זײַנען דאָך ערגער פון דער טליע אַליין, און עפּעס אַ לונג-און-לעבער האָט מען זיך איינמאָל אויפגעגעבן און זיך לאַנג ניט געקאָנט פון אים אויסדיכען.

שאַט, איר ווייסט גאָר וואָס? טאָמער וואָלטן מיר נעכעמיען אינגאַנצן געלאָזט צורו? ניט ער דאַרף עס, ניט מיר דאַרפן עס... עמעס, איינע אַ געוויסע אומגערעכטיקײַט, אַפילע פאַר אים אַליין, האָט מיך פאַרינטריגירט. און... איך זאָל נאָר וויסן, אַז איך וועל זײַן אימשטאַנד עס מאַכן בעקיצער און זיך וואָס גיכער דערלאַנגען צום שפּיץ, אײַך ניט מוטשען און אַליין מיט דעם פאַרטיק ווערן, וואָלט איך

עס געטאָן. סע נאָר אַ שאָד, וואָס דער „בע-
קיצער" אַליין איז אויך אַ גאָט-זאַך. איינמאָל
גיט זיך עס איַין, און טויזנט מאָל צעציט זיך
עס — סאַקאָנעס... בעקיצער, מיר קענען זיך
מיט אים יאָרנלאַנג. מיר איז ער נאָענט אָן אַ
פאַרוואָס. מיר וואָלט זיך זייער וועלן, ס'זאָל
זיך אים לעבן בעסער... וויאַזוי קאָן עס זיַין
אַ מענטש אַזאַ אַקשן? אין אַ ציַיט פון איבער-
קערעניש, ווען דער אָרעמער און מיטלשיכט
האָבן זיך אַ הייב געטאָן (אָפּן כעזשבן פון אומ-
געוואַלגערטע גרויס-גווירים, נעגידים און
מעיוכאָסים און אָפּן כעזשבן פון דעם, וואָס
דאָס לעבן האָט שטורמיש אַ וואַקס געטאָן).

פונעם אָרעמען שטאַנד זיַינען אויסגעוואַקסן
דאָקטוירים, אינזשעניערן, דירעקטאָרן, פאַר-
אַנטוואָרטלעכע טוער אויף שריט און טריט. און
ער, נעכעמיע, פאַרגינט זיך אַזויפיל יאָרן נאָך
דער רעוואָליוציע שטיין אויף איין אָרט. ווייל
אים אַ כאַווער אינדערשטיל אַריַינשטופּן זיַי-
נעם אַ געניצטן בעגעד, דאַרף ער זיך נאָך
קליגן און אָפּט בליַיבן באַם נאָר, ווייל כעמע
איז ניט באַם כאַווער אין גאַנצן, פאַרקערט —
דער כאַווער קנייטשט מיט די פּלייצעס, כי-
דעשט זיך, פרעגט זיך און איז גערן, אַז נע-
כעמיע טוט אים אָן דעם קאָוועד און קומט
צו אים אַריַין כאָטש איין מאָל אין עטלעכע
וואָכן זיצן און שמועסן אַ ביסל. דער כאַווער
וואָלט עס וועלן כאָטש פאַרן וויַיב וועגן. זי
האָט שוין עטלעכע מאָל געפרעגט: פאַרוואָס
זעט מען עס ניט כעמעלען?

— דו האָסט אים מיט עפּעס באַליידיקט?

— ניין, איך האָב זיך צו אים דאָ ניט לאַנג
צוריק אַריַינגעכאַפּט... ער וויל וואַרפן די אַר-
בעט... ער זאָגט, ער וויל עפּעס טאָן אַ ביסל
פאַר זיך... זיַין גרעסטע הויצאָע איז ציגאַרן,
אייל, פאַרב און ליַיוונט מיט ראַמלעך. מיטיק,
האַלבאַשע, דירע-געלט איז שוין ניט קיין
איניען...

נעכעמיע האָט געקאָנט האָבן העכערע ביל-
דונג. קימאַט ווי ער האָט זי שוין. נאָר זיַין
וויסן איז קעסיידער אין אַן אומציַיטיקן צו-
שטאַנד. ער ברעכט זיך אַמאָל די ציין (אַפילע
מיט אויסגעהאַלטענער אַקשאָנעס) אויף אַ זעלטן
וואָרט אָדער אויסדרוק.

נעכעמיע האָט אַ גאַנץ ברייטע באַקאַנט-
שאַפט.

אַ סאַך יאָרן, אַז ער האָט זיך אופגעצויגן
אין אַ קינדערהויז. צווישן די כעווירע, מיט
וועלכע ער איז געוואַקסן, זיַינען געווען באַ-
גאַבטע, טאַקע הויכבאַגאַבטע מוזיקער. ער
האָט פון יענע יאָרן אָפּגעשפּאָרט ניט קיין
שלעכטע באַהאַוונטקיַיט אין מוזיק. איך בין
אין פאַרגליַיך מיט אים שטאַרק טעמפּיק אין
אָט דער הינזיכט.

דאָרט זיַינען געווען גוטע מאַטעמאַטיקער,
וועלכע זיַינען פיַין אויסגעוואַקסן. אייניקע
האָבן אַ נאָמען ניט נאָר באַ זיך אין שטאַט...
זיי, פון זייער זיַיט, געדענקען אים און נאָך
איינעם אַ יונגערמאַן, ווי פעיקע צוזאָגנדיקע
מאָלערס. נאָר ס'פעלט אים, עפּעס פעלט אים
צו פאַרפעסטיקן זיַינע פּאָזיציעס אויף דעם גע-
ביט... די כאַווײרים אינטערעסירן זיך מיט אים.
אויך ער ווייסט, ווו די מערסטע פון זיי געפי-
נען זיך, וואָס פאַר אַן אָרט זיי פאַרנעמען.
אייניקע פון זיי האָבן שוין אויסגעגעבענע
קינדער. וויאַזוי די יאָרן גייען! באַ אים אין די
אויגן זעט דאָס אויס ווי אַ ווילדע רעטעניש,
נאָר ער רעדט ניט וועגן דעם מיט קיינעם.

איך בין באַ אים אַן אָפּטער אַריַינגייער. באַ
אים אין צימער האַלט זיך אויף די עלטערע
הויכלעכע יידענע שירקע. אַן אָרנטלעכע, אַ
שטילע, אַ שוויַיגנדיקע. זי זיצט גאַנצע טעג
אין די סעדלעך, נאָר אין שטוב איז באַ איר
ריין און אַלץ איז קעסיידער אופגעטאָן.

די באַקאַנטע כעמעס רופן זי באַם נאָמען.
זי קער זיַין פון זיַינע קאָנטן. עפּשער איז עס
זייערע אַ שכיינע פון אַמאָל אָדער אַ קרויווע.
עמעס, ס'איז שוין שווער איצט צו באַשטימען,
צי זי וווינט באַ אים, צי עפּשער איז עס גאָר
איר דירע און זי האָט אים אַריַינגעלאָזט פאַר
פריילעכקיַיט וועגן. מיר האָבן קיינמאָל ניט
געהערט, זי זאָל אים רופן באַם נאָמען. אירצן
אירצט זי אים.

מיט אַ ביסל וואָרעם געקעכטס איז ער,
אַזויאַרום, באַזאָרגט, און מיט אַ ריין צוגעפּאַ-
ריכט פּאָרל וועש אויך.

זיַין געלעגער מיטן טישל, וואָס איז פאַר-
וואַלגערט מיט צעעפנטע ביכער און פאַרשיי-
דענע געמעלן, זיַינען אָפּגעצוימט מיט אַ פּאָר
שטיקער אַלט מעבל. אויף אַרבעטן, עסן, אופ-
נעמען כאַווײרים איז דאָ דער גרויסער גראַ-
מער צימער, ווו די ווענט זיַינען באַהאַנגען
מערסטנטייל מיט זיַינע אייגענע אַרבעטן. אַ
ביסל פּלאַץ פאַרנעמען דאָ רעפּראָדוקציעס פון
באַרימטע און ניט-באַרימטע בילדער, וועלכע
ער האַלט פאַר זיַין „אַני מאַמין".

אין אונדזערע אָפטע שמועסן מיט כעמען
איז זינט יאָרן שוין ניטאָ קיין איין פרישער
געדאַנק, נאָר דעם אַרומיקן שטערט דאָך עס
ניט. אונדז האָט זיך עס נאָך ניט צוגעגעסן.
אַמאָל רעדן מיר פון מיַינע שריַיבעכצן און
זיַינע מאָלעכצן, אָפּט קומען מיר צום אויס-
פיר, אַז די וועלט קאָן זיך זייער גרינג באַגיין
אָן מיַין שריַיבן און אָן זיַין מאָלן.

אין אַזעלכע פאַלן טוט ער אַ לאַך:

— די וועלט, מעגלעך, ווי זי וויל, אַבי מיר
באַדאַרפן עס!

ער דערציילט זייער איידל וועגן זיַין מוטער,



כאַטש צווישן זײַנע ארבעטן זע איך ניט קיין בילד, וואָס זאָל האָבן צו טאָן מיט איר.

יאָ, פון וואָס זשע דערצייל איך איצט?

פון מאָל צו מאָל קומט צו פאָרן אף די אורלויב-טעג אונדזער אלגעמיינע באקאנטע עטעלע פרינץ. נאָך דער מילכאָמע האָט זי זיך באזעצט מיט דער מוטער אין דער ליטע. א פײַנע שטאָט. א גוטע דירע. דער זון ענדיקט שוין גיך, און זיי זײַנען דערווײַל מער ניט ווי אינדרײַען. קימאט יעדעס יאָר באווײַזט זי זיך אף עטלעכע טעג און אָטעם טאָן מיט דער געבורטשטאָט, זיך זען מיט כאווירים. אז מע קוקט אף דער פאָטאָ, ווו זי איז אראָפגענומען מיטן זון, מיינט מען, אז ס'איז א שוועסטער מיט א ברודער. זי זעט אויס זייער יונג און באטאמט.

עטעלע לאָזט מיך אָפּט, איך זאָל זי א געשמאקן גוטן קוש טאָן.

נאָך מײַן אומקערן זיך אהיים איז זי ספּעציעל געקומען צוזאמען מיט כעמען מיך געווירע ווערן, און אויך דאָ האָב איך דערפילט, אז איר ווארעמע באציִונג צו מיר נעמט זיך מערער פון דעם, וואָס זי איז א ביסל אָנגעהאנגען אין נעכעמיען. דאָ וועט גיכער, ווי אין אן אנדער שטעל פון מײַן דערציילונג, מעגלעך זײַן צו מערקן, סארא מוירעדיקער אקשן און צולאָכעסניק אָט דער דאָזיקער כעמע איז. און דער איקער צו וועמען? — צו זיך אליין.

זיי קענען זיך זינט א סאך יאָרן. פון דער צײַט, ווען איר מאן האָט נאָך געלעבט. זי איז אָן אן ערעך יאָמטעוודיקער פון אים. אלצדינג זיצט אף איר שיין. ס'זינגט פון איר. זי איז ווײַבלעך גלוסטיק, ליב און באטאמט.

אז זי קומט צו פאָרן, זוכט זי אים גלײַך אויף. אָבער מײַן צולאָכעסניק איז פון דער ערשטער רעגע אלעמאָל אזויווי ניט גערן, וואָס זי איז געקומען. ערשט דערנאָך צערעדט מען זיך און... ווי ס'ווײַזט זיך ארויס, איז פונסנײַ אלעמאָל דאָ א סאך פון וואָס און פון וועמען צו ריידן.

...שירקע איז אוועק א ביסל מיט כאווערטעס אין סעדל, און ער מיט עטעלען זײַנען געבליבן אינעם אָנגערייכערטן באהאנגענעם צימער. ער גייט ארום פרײַ-היימיש, אָן א רעקל און אין די שטעקשיך, זי — אין איר בלוי געשטריקט לײַבעלע, וואָס פּאסט זייער צו איר קורץ נעזל. אפן טיש שטייט אין א גלעזערנער צוקערניע א ביסל געבעקס, אן אויסגעקילטע גלאָז טיי, וואָס שירקע האָט פארן גאסט וועגן אוועקגעשטעלט. ס'איז שטיל. ס'איז געמיטלעך. מע איז צווישן זיך היימיש, און מע האָט זיך פאמעלעכן צערעדט. ס'איז אוועק א באזונדער מין אָפנהארציקײַט — אָט דאָס, וואָס טרעפט בא מײַן נעכעמיען אָדער קיינמאָל ניט, אָדער זייער, זייער זעלטן.

...ס'ארט אים ניט, דערציילט ער, וואָס ער איז קעסיידער מאטעריעל געענגט... דאָס איז בא אים שוין געוואָרן זײַן צווייטע נאטור. ס'ארט אים ניט, וואָס ער האָט זיך פאר דער גאנצער צײַט ניט אָפּגעשפּאָרט קיין איין-איינציקן רעכטן כאווער (אזא, ווי אים וואָלט זיך וועלן)... איין זאך אָבער קאָסט אים געזונט. עפשער ניט קיין געזונט, עפּעס אנדערש — ער קאָן עס איצט ניט ארומכאפּן מיטן פּאסיקן וואָרט. ער פילט זיך שטענדיק יונג, שיר ניט לײַכטזיניק, וואָס אף אים איז עס ניט ענלעך. און ער מיינט, אז אויב ער וועט אפילע שטארבן צו הונדערט יאָר, וועט ער אויך שטארבן א יונגער. דאָס וואָרט „שטארבן" איז פאר אים גאָרניט אָנגעמאָסטן. ס'האָט זיך בא אים ארויסגעכאפּט גלאט אין דער וועלט ארײַן. נאָר... ער זאָגט עס פאר קיינעם ניט. ער זאָגט עס זיך אליין אויך ניט. אָבער ס'איז דאָ... צי דען וועט ער אזוי פארלאָזן די היגע וועלט און ס'וועט נאָך אים קיינער און גאָרנישט ניט בלײַבן?..

זיי טוען ביידע ניט-צונויפגערעדטערהייט א קוק אף די ווענט. דאָרטן הענגט איינע אן ארבעט זײַנע פון די ייִנגלשע יאָרן. עפשער איז זי פאר א מייוון טעכניש אומבאהאָלפן,

נאַר אונדז אַלעמען געפעלט זי און איז אונדז נאָענט. לעם אַ קנאָכישן בוים אויף אַ בערגל זיצט אַ יידישער אָרעמאַן, אויף אַ פּאַטשיילע ליגט צעלייגט פאר אים זיין ביסל אָרעם-שפּייַז. הינטער זייַנע פּלייצעס פּאַשעט זיך אַ פערד, אויך ניט קיין קראַסאַוועץ, נאָר סייַ דער אָרעמאַן, סייַ דאָס באַלכייַ זייַנען ניט אַליין פאר זיך קיין באַשעפענישן. אַרום, פילט זיך, איז דאָ אַ וועלט און ס׳דאָ אַ לעבן.

— כאָטש, — זעצט כעמע פאָר, — דער-ווייַל איז טויזנט מאָל גלייַכער אַזוי ווי ס׳איז!

ער האָט ווי ניט ווילנדיק מיט דער האַנט אַ קורצן האַסטיקן שנייַד געטאָן די לופט, וואָס פאַרבייַט, ווייַזט אויס, אַן אַראָפּגעשלאָגענעם ניט-אַרויסגעזאָגטן „עדר!"

עטעלע האָט אים לייַכט געגלעט דעם קאָפּ, דאָס פּאָנעם...

צי דען האָט זי געהערט אַלץ, וואָס ער רעדט? צי דען האָט זי עס אַלץ פאַרשטאַנען אַזוי, ווי ס׳באַדאַרף צו זייַן? דעריקער, וואָס ווען דו טוסט אויף זיי אַ קוק פון דער זייַט, קליידט ער איר ניט, איר קומט שענערס, יאָמ-טעוודיקערס!.. נאָר אַז גאָט וויל אַזוי, וואָס קאָנען מיר דאָ אונטערזאָגן?..

און... זי רופט זיך אָן צו אים שטיל, אפילע נאָך שטילער פון שטיל, אַזוי אַז איר קאָל האָט קיין מינדסטן טשעפּ ניט געטאָן די שטימונג, וואָס האָט זיך געבילדעט. און זי האָט אָנגע-הויבן ווי פון אַ מיט:

— ...איך מיין, אַז אין קיין פאַל וועסטו דע-רופ קיין כאַראָטע ניט האָבן... איך — אוואַדע ניט... איך בין דיר אין דעם לעבן מער ווי דאַנקבאַר... קיין לעבעדיקער מענטש, אויסער מיר, ווייסט עס ניט, און ס׳ניט נייטיק, מע זאָל פון דעם וויסן... נאָר אַזוי־ווי דו האָסט ערשט עפּעס געזאָגט... אַ זאַך, וואָס אַרט דיך אָדער קען דיך אַרן... טאָ זאָל עס בלייַבן אויך צווישן אונדז אויף אייביק: מייַן זון איזיע, זייער אַ געראָטן קינד, איז קיינער, אויסער מיר מיט דיר, האָבן אין אים קיין כיילעק ניט...

זי קוקט אויף אים מיט ניט-אויספרוּווּנדיקן, נאָר מיטן אַלץ גלעטנדיקן צוטרוילעכן בליק.

כעמע האָט זיך אפילע ניט קיין וואָרף גע-טאָן. ער האָט אין אַ קליינער ווייַלע אַרום נאָר געזאָגט:

— נו, און לייבל?

עטעלע האָט רויִק געענטפערט מיט דער זעלבער ווייַן-זיסער שטילקייַט אין איר שטים:

— שלאָפערהייט איז לייבל מיט מיר קיין איין מאָל נאָענט ניט געווען... ווען לייבל איז געשטאָרבן, בין איך שוין געווען אין דריטן כוידעש... אין די ענגסטע שאָען האָב איך אויף דעם קיין פּיצעלע כאַראָטע ניט געהאַט. איצט — אוואַדע און אוואַדע ניט...

— וואָס ווייסט די מאַמע?

— קיינער ווייסט ניט און דאַרף ניט וויסן! אַזוי האָט גאָט געפירט. און ער האָט מיר נאָך קיינמאָל קיין בעסערן גוטס ניט געטאָן...

כעמע איז, דאַכט זיך, אפילע ניט געוועזן בלייך. ער האָט איר נישט אַרויסגעוויזן ניט קיין מילדקייַט, ניט קיין ווילדקייַט, נאָר ווען ער האָט זי דורכגעפירט און זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער ערשט דערפילט, אַז ער איז אַ שוואַכער מענטש, ווי אַלע שטערבלעכע...

ער איז די נאַכט שלעכט געשלאָפן (איינע נאָר — די אַלטע שירקע אין צווייטן עק צי-מער — האָט עס גוט געהערט). ער האָט זיך ניט איינמאָל געזאָגט, אַז נעמען זיך ס׳לעבן — צו דעם איז ער ניט צוגעפאַסט. און וואָס קאָן עס געבן? נאָר ערשט איצט ווייסט ער אויף זיכער, אַז זייַן גאַנץ לעבן האָט ער ניט גע-וואָלט לאָזן נאָך זיך קיין שפּור (אפילע ס׳זאָל זייַן אַ מוישע ראַבייני), און איצט... וואָס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאַכט און יענע נאַכט... גיי ריכט זיך, אַז ער אַליין האָט זיך דעראָר-בעט צו אַזוינס, וואָס קיין שום סוינע און קיין שום אויסטראַכטעניש וואָלטן עס אויף אים ניט אַרופגעשלעפּט.

צי דען האָט ער זיך דאַן אין פּאַרק אין דער שפּעטסטער שאָ לעם יענעם בוים געשפּילט מיט עטעלען אויף דער עמעס? יאָ. ער איז גע-ווען יונג. זי — יונג און באַטאַמט. באַביידן איז געווען אַ סאָטן, ניט קיין אַרויסגעבראַכ-טער פאַרן מויל, ווען אַן אוולע, וואָס עמע-צער — ער אָדער זי — באַגייען קעגן איינעם אַ יונגן מאַן, וואָס ליגט דאָרטן, אין יענעם פון לאַנג באַקאַנטן צימער, אויף אַ ווייַסן צע-קנייטשטן לייַלעך און פּיבערט איינער אַליין...

אָבער צי דען האָט עס געקענט האָבן אַ מאַכט?

דער קאָפּ האָט אים געריסן, אין די שלייפן האָט געקלאַפּט, און ער האָט דאָס הונדערט-סטע מאָל ניט געזאָגט, נאָר געפילט, ווי סע שוועבט ערגעץ אינדערלופטן: „וואָס האָט זיך מיר געכאָלעמט די נאַכט און יענע נאַכט"...

גוואַלד, מעשוגענער! עפּשער איז עס נאָך איצט אויך גאָרניט... ניט קיין שטוב, און ניט קיין נעסט?! אָבער אין דער געשאַפענער, שיי-נער, ריינער, אויסערגעוויינלעכער אומגעבונג... וואָס כאַפּט דיך אַזוי דער רועך אוועק?..

אַ וואָך צייַט איז ער פון שטוב ניט אַרויס. געווען ניט קיין געגאַלטער. איצט טרעפן מיר זיך מיט אים ווידער. און אונדזערע שטענדיקע שמועסן האָבן נאָך קיין נייַערע האָריזאָנטן זיך ניט געפונען, נאָר אונדז באַפרידיקן זיי. אַ סי-מען, אַז מיר זעצן זיי פאָר.

דאָס, וואָס איך האָב אײַך מיט אזויפיל מוטשעניש דערציילט, איז צו מיר דערגאנגען ניט דורך אים און ניט דורך א צווייטן. איך ווייס? צי איז עס, אָפּטמאָל, ניט אינגאנצן אויסגעטראכט?..

אזוי האָט זיך בא מיר געשריבן מײַן קאָ-ווערס פּאָרטרעט. בעסער קען איך ניט. איך האָב נאָר מוירע, איך זאָל בא אים ניט כאפּן קיין גאָב... „זא מאַיע זשיטאָ מענע אי פּאָ-ביטאָ".

פאר די פּאָרטרעטן, וואָס ער האָט ניט איין מאָל פון מיר געשריבן, האָב איך אים קיינמאָל ניט פארטשעפּעט. איך ווייס? דאָס איז אויך א נאַטור-זאַך!

סאָרטשע מײַלעכס

...מיט סאָרטשען זײַנען מיר פון איין שטעטל און אפילע א ביסל מעכוטאָנים. סאָרטשיק געהערט צו די, אף וועמען מע זאָגט: אַן אַנגעשפּאָלטענער שארבן וועט איבערלעבן א נײַעם טאָפּ. זי איז אַן איידלינקע און זייער א שוואכע, טאקע א שלאָפע, זינט איך קען זי.

דערצו איז בא איר א גוט הארץ (א מענטש אָן א גאל). אליין איז זי נויטבאַדערפטיק און בא איר וועט זיך קריגן אַפּצועסן און אפילע א נאכטלעגער יעדערער. אויך אזא, וואָס האָט עס נישט די ווערט. סאָרטשע מײַלעכס — אזוי רופט מען זי, און אזוי קענען זי אַלע פון אונד-זער שטעטל און ארום, דערוף איז עס א קליין שטעטל.

איר ביִאָגראַפיע איז מיר טײַלווײַז באַקאַנט. דאָס זעלבע ווייסט זי עפּשער נאָך מער וועגן מיר. ניט בלויז אלע ליכטיקע, נאָר אויך אלע שאָטנדיקע זײַטן: ווו מיר האָבן געוווינט, ווער מײַנע עלטערן זײַנען געווען, וויאַזוי מיט וועמען איך האָב כאַסענע געהאַט, צו וואָס איך האָב געשטרעבט, צו וואָס מיר האָבן זיך דער-לאַנגט.

איך מיין, אז איך דארף זײַן עלטער פון איר מיט א יאָר פיר-פינף. איר איינציקע טאָכ-טער, כײַעלע, האָט שוין אליין א טאָכטער — טאַניעלע. די יאָרן רוקן זיך פּאַמעלעך. ווי לאַנג איז כײַעלע געווען א שול-קינד? איצט איז שוין טאַניעלע אין פיזיש-מאַטעמאַטישן אינסטיטוט. גדאַליע מיט כײַעלען פארקלערן זיך שוין פון מאָל צו מאָל וועגן א טאכלעס פאר זייער איינציק קינד. און סאָרטשע וווינט אלע יאָרן מיט זיי. מע לעבט זייער איבערגע-געבן צווישן זיך, איין גוף און איין נעשאָמע.

זאָגן, אז סאָרטשע האָט אויך אמאָל געהאַט איר מאַן, איר לעבן און איר שטוב?.. אויב ס'איז אפילע אין דער ווירקלעכקײַט אמאָל אזעלכס געווען, זעט עס אויס איצטער ווי א פארגאנגענער כאָלעם.

מערער געדענקט זיך, אז סאָרטשע האָט געלערנט בא אווראָם-בערן שנײַדערײַ, אז זי מיט דער מוטער, דער אַלמאָנע (ראַסל פון מילכען) האָבן זיך אריבערגעצויגן אין שטאָט, אָפּגעקויפט דער זאליאזניטשקעס דירע, גע-קויפט א „זינגער"-מאשין, און סאָרטשע האָט אָנגעהויבן נייען בא זיך און אפילע געהאַלטן איינע אָדער צוויי לערן-מיידלעך.

און אינמיטנדערינען האָט איצט דער דוביער (א באָכער, וואָס פלעגט לערנען אין די דער-פער מיט קינדער), א היזכער, א שטאַלטנער, זאָל ער מיר מויכל זײַן — א ביסל א גאָדלע-ניק, אויסגעשאַדכנט סאָרטשע דער אַלמאָנעס, זיי האָבן כאַסענע געהאַט, געבוירן כײַעלען. און ווער געדענקט עס? ס'האָט דאָך אינעם זעלבן אינמיטנדערינען אויסגעבראָכן די רע-וואָליוציע. מיט פריידן, מיט כידושים. שפּע-טער זײַנען געקומען סרייפעס, טיפוס, לע-ווײַעס, אַלערליי ענדערונגען. איז ווער קאָן אויסקלײַבן אין אזא געווירבל און דערגיין, ווען ס'געווען מײַן ווײַבלס לעווײַע? ווען מע האָט אָפּגעטראָגן אָפן הײליקן אָרט איצלען דעם דוביער, סאָרטשעס מאַן און כײַעלעס טאַטן?

סע זײַנען בעפּיירעש געווען לעווײַעס אין שטאָט, א סאך לעווײַעס, קריִע-רײַסן, שיווע-זיצן, קאַדיש-זאָגן. נאָר גלייבן זאָלט איר מיר, אז נישט אַלע, אפילע פון די נאָענטע אייגענע, געדענקען, וויאַזוי ס'איז געווען, ווען ס'איז געווען און צי ס'איז ביכלאַל עפּעס געווען? ס'איז געווען. אוואדע איז געווען.

און די פּאַגראָמען האָבן זיך פּאַמעלעך אײַנ-געשטילט. די באַנדעס האָט מען אָפּגעראַמט, און די ראַטנמאַכט האָט זיך פארשטאַרקט. די, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, האָבן יעדערער געשלעפּט א פּאַדעם צו א פּאַדעם און געטאָן, וואָס פון א לעבעדיקן פּאָדערט זיך צו טאָן. סאָרטשע האָט געגנייט און געזויגן דאָס

קינד, צוגעזעצן די שטוב, אָפּט געקרענקט, מיט גוואַלד געזונט געוואָרן, אויסגעוויינט זיך די אויגן נאָך די לײַבלעך־אייגענע, און ווײַטער געשלעפּט, און ווײַטער מיט די לעצטע קוי־כעס געהאָרעוועט.

דערנאָך האָבן זיי געוווינט אין איסקאַראָסט, איצט מאַכט מען אַ לעבן אין קיעוו.

עוואַקואַציע־צײַט איז מען געווען מיט באָרעך־אײַזיקס און מיט כיטריקס קינדער אין קאַזאַן. איר ווייסט, וווּ קאַזאַן איז? באָרעך־אײַזיקס קינדער וווינען דאָך דאָרטן ביז איצט. ראַסלען די אַלמאָנע האָט מען ערגעץ פאַרלאָרן בײַ די דײַטשן, סאָרטשע קאָן זיך עס ביז איצט נישט מוחל זײַן, כאָטש ס'איז ניט איר שולד דערבײַ.

יאָר אין יאָר פאָרט זי אויף קיווער־אָוועס צום הוילן, נאָך ביז איצט ניט פאַרצוימטן ברידער־קיווער קיין סלאָוועשנע. ס'איז אונדזער סלאָוועשנע. אויך איך האָב דאָרטן אַ פײַנעם כײַלעק, בעסאַכאַקל בין איך לײַב פון זײַן לײַב און בלוט פון זײַן בלוט.

ווער־ווער, איך ווייס אוודאי, אַז איך האָב נאָך ניט אַ קלאַפּ געטאָן קיין פינגער אין קיין פינגער, אַז דאָס אָרט זאָל כאָטש פאַרצוימט ווערן.

סאָרטשע, כאָטש זי באַוויינט אירע נאָענטע, אומגעקומענע און געשטאָרבענע, זעט זי אין זיי ניט קיין טויטע, פאַרענדערטע מענטשן. זי זעט אין זיי לעבעדיקע, צאַפּלדיק־נאָענטע, וואָס גייען איר שטאַרק אָן. פון די פּאָגראָמען האָט זי אַפּן אַלטן בעסוילעם (אויך מיר געהערן זיי אָן נישט אַבי־ווער) איצלען דעם דוביער, דעם ברודער נאָכעמען — דער ייִנגסטער פון די ברידער, די שוועסטער כײַטשיקן מיט די קלענערע קינדער, די ייִנגערע שוועסטערלעך, ביידע, וואָס האָבן נאָך קיין פּלעק פון קיין זינד אויף זיך ניט געהאַט, מיט יאָסעלען, מיט מײַלעכקען.

דער קוילער האָט דאָ בײַ דער שוועסטער מיט ביידע קינדער צוגענומען דאָס לעבן אויף די פעלדער צווישן די אַנטלאָפענע סאַמע ווען? בײַס אין שטעטל גופא האָט זיך שוין דאָס קוילעניש אָפּגעשטעלט.

אין דאָמבראָוויצע זײַנען בײַ די היטלערן אומגעקומען דער מיטלסטער ברודער פּייסעך־אַרן מיטן ווײַב און מיט די קינדער. געבליבן לעבן איז איין מוישעלע, פאַרשטייט זיך, דורך אַ צופאַל...

אין קיעוו — דער עלטסטער ברודער באָרל. דער לערער באָרל פרידמאַן האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ נאָמען.

אָט דאָס אַלץ ווייס איך וועגן סאָרטשען, וואָס זי האָט עס מיר גאָר פאַרשפּאָרט דערציילן. מיר קומען דאָך פון איין שטעטל. דערצו זײַנען מיר, ווי געזאָגט, אַ ביסל מעכוטאָנעשאַפט.

דערפאַר איז מיר אינגאַנצן ניט באַקאַנט דאָס דערפל „מילכען", וווּ זי איז געבוירן, וווּ איר פאָטער, מײַלעך דער שענקער, מײַלעך דער מילנער האָט געפירט זײַן מעלוכע, אויפגעצויגן און אויסגעגעבן קינדער, געצויגן כאַיונע פריער פון דער שענק, דערנאָך פון עם וויטראַק (ווינטמיל).

מיר ווייסן נאָר: מײַלעך פון מילכען, ראָסל די אַלמאָנע פון מילכען, סאָרטשע מײַלעכס פון מילכען. ווײַל די מענטשן זײַנען אַלע שטילע און ליבע, איז דער נאָמען „מילכען" אויך פאַרבליבן אין האַרצן מיט אַ ליבשאַפט.

סאָרטשע קומט אַמאָל אַרײַן צו אונדז. אַ שוואַכינקע, אַ בלייכינקע. דאָס גוטסקײַט ליגט איר אַפּן פּאָנעם, שוין ניט רעדנדיק פון עם ריינעם, פאַרבענקטן אויסדרוק אין איר בליק.

מיר פאַרהאַלטן זיך נאָענט. איך דערפריי זיך שטענדיק מיט איר קומען.

זי פלעגט מײַן גאָטזעליקער מאַמען אַרויסווײַזן אין איר עלנט און בענקשאַפט נאָך די קינדער אַ סאַך וואַרעמקײַט און פרײַנטשאַפט.

אַז זי קומט, דערפריי איך זיך מיט איר, און מיר רעדן אַרײַן די גוטע פּאָר שאָ וועגן אַלע נאָענטע, וועגן אַלע באַקאַנטע לאַנדסלײַט.

אין איינעם פון אַזעלכע שמועסן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז סאָרטשעס האָרעפּאַשנעקייַט האָט זיך אָנגעהויבן גאָר, גאָר פרי. אַלץ הייסט פרי. זי איז געבליבן יונג אַ יעסוימע. דעם טאַטן געדענקט זי קימאַט ניט. זי געדענקט נאָר אַ מולטער מיט פעדערן. יאַ, מע האָט באַשלאָסן אַראָפּברענגען פונעם טאַטנס וועגן גאָר אַ גרויסן דאָקטער, ריכטיקער געזאָגט — אַראָפּברענגען אַ דאָקטער פון דער גרויסער שטאָט, עפשער אַזש פון קיִעוו.

מע האָט צונויפגעשקראַבעט דאָס לעצטע ביסל געלט, און ס'האָט נאָך אַלץ ניט געסטייַעט. איז געבליבן, אַז מע וועט פאַרקויפן די פעדערן פון דער גרויסער פערענע.

די פעדערן האָט מען אויסגעשאָטן פונעם אייַנשיט אין דער גרויסער מולטער אַרייַן. איז איר דאָס-אָ געבליבן אין זיקאָרן: אינמיטן שטוב אַ מולטער. אַ באַרג מיט פוך. דער טאַטע איז שלאַף. מע דאַרף אַראָפּברענגען אַ דאָקטער פון קיִעוו. ווּ וועט מען נעמען אַף באַצאָלן?.. איין גאָט ווייסט!

דערנאָך איז זי געווען אַ יעסוימע. די מוטער אַן אַלמאָנע, מיט קינדער, איינס קלענער פונעם צווייטן. אַז זי דאַרף העלפן דער מאַמען פאַרקנעטן דאָס ברויט, קומט איר אויס זיך שטעלן אַף אַ בענקעלע, קעדיי צו דערלאַנגען די דייזשע.

נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט. אַז מע דאַרף, דאַרף מען. אָבער סאָרטשע האָט געוואָלט, מע זאָל זי לערנען לייענען און שרייַבן. און ס'איז נישטאָ פון וואָס צו צאָלן, נאָכעמען מוז מען אָפּגעבן אין כיידער. נאָכעם איז אַ ייִנגל, לערנט ער אין שטאָט, און מע טראָגט אים אַהין צוויי מאָל אין וואָך עסן. שאַבעס קומט ער אַהיים.

אָבער ווער וועט זיך אומקוקן אַף סאָרטשען? זי ווייסט עס. זי קען קיינעם ניט מאַכן שולדיק, זי וויל אַזוי לערנען, אַז דאָס כ׳יעס גייט איר אויס.

און דאָ איז ווי אַן אויסלייזער געקומען דאָס, וואָס זי קען אויסנייען. האָט זי אָנגעהויבן אויסנייען פאַר די פויערטעס אַרבל און קעלנער צו העמדער, מאַנישקעס, האַנטעכלעך און סערוועטלעך, צייַג און בייַוועלעך (בליטשקע און זאַפּאַלאַטש מיט גאַרינע) פלעגן די באַשטעלערס אַליין ברענגען, און זי פלעגט גיין אַף אַ האַלבן טאָג קיין בעהון, דאָרט האָט צאַלע-וואָלף געהאַלטן אַ מעלאַמעד פאַר די קינדערס וועגן. פלעג זי צוצאָלן איר כיילעק, און פון דענסטמאָל אָן קען זי דאַווענען, אָנשרייַבן אַ בריוול מיט אַן אַדרעס, און אפילע אַ ביסעלע לאָשן-קוידעש געדענקט זי נאָך אויך פון דענסטמאָל.

אין דבר העומד בפני ההפץ והרצון — קוים ווילסטו עפּעס שטאַרק, ווערסטו זיך דערשלאָגן.

— ווער איז געווען אייַער מעלאַמעד?

— עפּעס איינער אַ וועלעדניקער...

מיט גרויס פלייַס דערציילט מיר די בלייכע שוין שוואַכע סאָרטשע. דאַכט זיך, נאָר די אויגן שטעקן בא איר אין קאָפּ. אַ מענטש אָן אַ גאַל, וואָס לעם איר ווערן געהאָלפן אָן אָן אונטערשייד סייַ גוטע, סייַ שלעכטע, סייַ געזונטע, סיי שלאַפע. און בא מיר איז זי שטענדיק אַ ליבער און אָנגעלייגטער גאַסט.

אַבי איך ריר נאָר אָן די פראַגע וועגן דעם, וויִאַזוי זי האָט זיך אויסגעלערנט דאַווענען, לייענען און שרייַבן, אָנשרייַבן אַן אַדרעס און אפילע אַ ביסעלע לאָשן-קוידעש, צעגלאַנצן זאַך בא איר די אויגן און איך זע, אַז זי אָטעמט גאָר פרייַער.

סע טוט איר אפילע איצט האַנאָע, ווען זי לעבט פאַר זיך אויף דעם שווערן קאַמף אין דער פריִער קינדהייַט. זי האָט דאָך אַזוי געוואָלט לערנען, אַז דאָס כ׳יעס איז איר אויסגעגאַנגען... נו, האָט זי ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס און טאַקע אירס אויסגעפירט!

ערשט פונעם בוים

מעגלעך, אַז זייַן נאָמען האָט אים געפאַסט — שמייַע טיליעס. ווייַל אַזאַ קען אים פון שטענדיק אָן דער, וואָס געדענקט אים.

ער איז געווען אַ באָכער אין די יאָרן. נו, ווערליק אין אַ שטעטל אַ באָכער פון זיבן-אַכט און צוואַנציק יאָר, איז עס שוין ניט קיין יונגער. ער האָט געאַרבעט בא וואַלד.

אין שטעטל, לעם וועלכן זייַן אַרבעט האָט זיך געפונען, איז ער געווען אַ פרעמד, אַ היימיש.

מיט פאַרנאָסע איז ער, לויט יענע צייַטן, געווען באַזאָרגט. געשטאַנען איז ער בא שיפרע זאַרכעס, אַ ווייַבל פון אַ יאָר 32. אַ געפאַקט ווייַבל. אַ שטילע, אַ באַלעבאָסטע. איר

מאן איז יונג אוועק פון דער וועלט און זי גע-
לאָזט מיט צוויי קינדער. ביידע ייִנגלעך, ווילדע
ייִנגעלעך.

די ווּנד האָט זיך מיט דער צײַט ווי-עס-איז פאַרצויגן. אָבער כאַסענע האָבן? פאַר א ווײַבל מיט צוויי קינדער איז עס ניט אזוי גרינג. דער, וועמען דו וואָלסט געוואָלט, וועט דיך ניט וועלן. האָט זי זיך שטיל געפירט איר הויז-ראַד. צוגעזען די שטוב, די קינדער, און אז ס'האָט זיך איר געמאכט דער שאָכן, דער בראַקאַר, ווי מע האָט אים גערופן, האָט זי אין אים ארײַנגעלייגט עפשער מער ווי מע לייגט ארײַן אין אן אייגן קינד.

זי האָט גענומען בא אים ניט טײַער און אים געהאַלטן אף אלעם גרייטן — מיט עסן, מיט טרינקען, א ריין געלעגער, ריין וועש...

זי וואָלט אים אוואדע מיט אלע כּ'יִעסן ניט אָפּגעזאָגט נאָך אין עפּעס, וואָס עס איז טײַערער פון גאָלד און פון רײַכקײַטן. ווי געזאָגט, איז אף קיין אייגן לעבן האָט זי שוין ניט אויסגערעכנט. אָבער א שטעטלדיק שטיל ווײַבל טאָר דאָך פון אזעלכע זאכן מיט קיינעם ניט ריידן, און זיך אליין אָנשלאָגן — זאָל גאָר די שאָ ניט זײַן...

ער פלעגט זי האַלטן אין קאָוועד. אי זי, אי די קינדער, נאָר דאָס, וואָס זי האָט מיט דער צײַט שוין נישט געקאָנט ניט פארשלאָפן, ניט פארעסן, איז ניט געווען קענטיק. ער זאָל זיך אף דעם אליין אָנשטויסן, כאָטש פאַר א באַלן איז זי געווען זייער א טאָכיקער ביסן. זי האָט עפשער ניט פארמאָגט אין זיך דעם דריי, דעם קער און ביכלאַל קיין סימען פון קיין שמאַד-שטיק. פּרווו זיך פּוצן אין א קליין שטעטל, וועט מען דיך מיט די צינגער דערהארגענען.

ווען-ניט-ווען פלעגט שמײַע נעכטיקן אין וואלד, אין קאָנטאָר, אָבער מערער האָט ער גענעכטיקט אף זײַן סטאַנציע. די שטוב, וואָס איז געבליבן שיפרען פונעם מאַן, איז געווען פון עטלעכע כאדאָרים, גאַנץ ליכטיקע, אף א טרוקענער גוטער גאַס. און אז ס'פלעגן קומען צו אים אין די אָוונטן יונגעלײַט א ביסל פאַרברענגען, פלעגן זיי זיך אויך פילן ניט געענגט.

מערסטנטייל זײַנען עס געווען באָכערים מיט הויכע געקרײַזלטע טשופּרינעס, מענטשן אָן א טאכלעס, נאָר מיט א סאך פּליי אין דער נאָז. ווילסטו, רעדט מען פון שאָפּענהאוערן, ווילסטו, איז מען לאכלוטן ניט מאסקים מיט טאָלסטאָיס פילאָסאָפישע ווערק... מע רייכערט א סאך. אמאָל טרינקט מען אויס אף שמײַעס כעזשבן אן אָקע ווײַן. די שמועסן צעפלאַקערן זיך שטאַרקער, נאָר קיין פרייד קומט פון דעם ניט צו...

שמײַע פלעגט זיך אײַנהערן אין אלץ. ער פלעגט עפענען די פענצטער, דער רויך זאָל א ביסל ארויס... עפשער וואָלט ער יאָ געוווּסט, ווי ארײַנשטעלן א וואָרט, נאָר עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן. אומדרייסטקײַט, שעמעוודיקײַט, אָדער ער האָט ווייניק געגלייבט אין זײַן אייגענער ניט-ארויסגעזאָגטער מיינונג. אויב אזוי, איז טאקע בעסער, זי זאָל בלײַבן ניט ארויסגעזאָגט. דערום פלעגט ער זיך באנוגענען מיט איינזילביקע ווערטער, ווי „יאָ", „ניין", „מע קאָן"...

אין וואלד צווישן די מיטארבעטער און די וואָזטשיקעס, וואָס האָבן געוואָלגערט און געפירט געהילץ, איז ער גאָרניט געווען קיין שטומע-לעלע... נאָר גיי און טו עפּעס, אז ס'טוט זיך ניט.

פון די ווינציקע מיידלעך, וואָס פלעגן ארײַנקומען צוזאמען מיט די כעוורע, כאָטש יעדערע האָט פארמאָגט איר באזונדער כיין, איז דעם שויכעטס מיידל כאַנע-לייקע געווען, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, די סאמע באטאמטע. דאָס קאָל, וואָס גיט איר צו זיכערקײַט, די שיין אויסגעלייגטע לאָקן אפן קאָפּ, בא ביידע אויערן, וואָס זײַנען אליין א גרויסער טייל פון מיידלשן רייץ. בא א געלעגנהײַט און מער אפילע שוין ניט אין שטוב, נאָר אפן שפּאציר, פלעגט זי פאַרלייענען זאכן, וואָס האָבן בא איר אויסגענומען. זי איז געווען עפּעס מער ווי גלאַט א מיידל.

שמײַע איז נאָך אין קיינעם ניט געווען פאַרליבט. נאָר אין איר אָנוועזנהײַט פלעגן זיך פאַר זײַנע אויגן בוילעטער ווי שטענדיק (ווי גרויסע וועג-צייכנס אין א ווארעמען זומער-פארנאכט) זיך אויסשטעלן זײַנע אייגענע כעסרוינעס...

אז ער האָט איר הײַנטיקן אָוונט דערלאַנגט א בענקל, האָט זי אים גוט און היימיש באַקוקט און געזאָגט, אז זי האָט כיישעק „אָקופּירן" א האַלבע קאַנאַפע. מע קאָן?

— אוואדע, — האָט שמײַע געענטפערט אויך מיט א שמייכל און קימאַט דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט, ווען ס'האָט זיך אים געשמייכלט גרינג. און זײַן קורצער ענטפער איז אים ניט געווען דערווידער.

ווען דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אף דער האַלבער קאַנאַפע, ווו כאַנע-לייקע איז דעם אָוונט אזוי פרײַ געזעסן און טיילמאָל אפילע געהאַלטן די פיס אונטער זיך.

ס'האָט זיך אים גרינג געקלערט...

שיפרען האָט גאָט געגעבן א נאַטור פון א סאך געדולד אָדער ליבשאַפט: ווי שפּעט דער אוילעם זאָל זיך ניט צעגיין, איז זי שטענדיק דאָ מיט א שטילן קלאַפּ אין טיר און מיט א

גלאָז אײַנגעבריטער מילך אף א ריינער שאָל. ער איז שוין געוווינט צו דעם. זי איז אים בעפיירעש אייגן. נאָר אירע באהאלטענע באגערן האָבן אים עפשער נאָך קיינמאָל ניט פארטשעפעט.

שמײַע שלאָפט שוין ווי א קייסער אף זײַן ריינעם, ווייכן, גוט אויסגעבעטן געלעגער. ווען ער האָט זיך געלייגט, איז ער געווען צופרידן, ווי קיינמאָל ניט ביז אהער.

ווו איז עס די דריבנע אומבאמערקטע אָנצוהערעניש? אָט דער טראָפן גערנקײַט, וואָס האָט אין זײַן גאנצן לײַב-און-לעבן צעפירט אזא שאלווע מיט אזא געפיל פון „גוט, וואָס איך לעב אף דער וועלט". גיי זײַ א בעריע און זוך אים אָפ. כאָטש ס'איז גאָרניט אזוי נייטיק צו זוכן א סיבע, פארוואָס עס איז מיר א ביסעלע גוט אפן הארצן? מיר זײַנען מער געוווינט זוכן די סיבע פונעם פארקערטן.

און... טאקע די נאכט האָט זיך צו שמײַען ארײַנגעשטעלט א כאָלעם, וועלכן ער האָט לעבעדיק, מיט אלע פיצעלעך, דערנאָך פארגעדענקט, מע קאָן זאָגן, אײַנגעזאפט אין זיך אף אייביק. נאָר דער האר פון מענטשלעכע כאלוימעס — בלויז ער איינער, וואָלט עפשער געווען אימשטאנד צו דערקלערן, מיט וואָס עסט מען עס? וויאזוי רופט זיך עס? וואָס האָט אים געבראכט אהער?!

...ער, שמײַע, איז אן איידעם אין ווילנע אין א פײַנער ייִדישער שטוב... דאָרט איז דאָ אלטע יוסטע ייִדישקײַט; דאָרט איז דאָ א פעסטער אײַנגעפונדעוועטער שטאנד. פענצטער הויכע, א שטוב א גרויסע, גאסן — שמאָלע. ס'איז שאבעס גאנצפרי, דער שווער — פולבלעך צו דער מאָס, מיט א געלער גווירישער ייִדישער ניט קיין גרויסער באָרד, זיצט אין עסצימער אין דער יארמעלקע, ניט אויבנאָן, נאָר גראדע בא דער זײַט טיש און איז פארטאָן אין א סייפער. אינעם דריטן אָדער פערטן צימער פונדאנעט איז דאָס יונגע „ציגעלע" וואך. אין צימער שטייט א גרינגע ליבע ווארעמקײַט. זי שפאנט לײַכט איבער די ווייכע אויסגעשפרייטע פעלן. אירע נאקעטע יונגע, ווארעמע, ראָזלעך-באטאמטע פיס, אירע אנטבלויזטע הענט, אירע יונגע בריסטלעך, וואָס טיילן זיך אזוי געשמאק אויס פונעם דינעם אָנשוילעכן העמדעלע, דער איידעלער בייג פון איר יעדער געטלעכן גליד... וויפל הערלעכקײַט! וויפל טאם! און... אים זעט זי ניט... און... ווי זי וואָלט אפילע אף אים ביין ניט געוועז!..

וויאזוי זשע קאָן עס געמאָלט זײַן? — אָט דאָס בילד-שיינע קינד איז אים א ווײַב, און ער? ער איז נאָך קיינמאָל איר קיין מאן ניט געווען. ער האָט פולע אויגן מיט שטומע טײַנעס און קאָן קיין וואָרט ניט ארויסברענגען. איר קאָפ האָר גייט אוף אין אזעלכע ליכטיקע גרינגע קרויזן, וואָס זײַנען די רײַכקײַט אליין, און זיי מאכן זי נאָך לופטיקער-ייִנגער. דאָס פיסקעלע ווייסט אליין ניט, אז ס'איז א רייצנדיק-דופטיקע רויז. זי שפאצירט, ווי אן אומשולדיק יונג ציגעלע איבער דער גערואמער ליכטיקײַט. און צו אים... זי זאָל כאָטש מיט איין בליק זיך א קער טאָן. ניין, ער וועט עס ניט אויסהאלטן. די שטאל מיט די יונגע און שיינע פאנאנדערגעגרויזעטע רויטע בעהיימעס איז צוגעבויט צום הינטער-הויז. זי איז פאר אים אָפן. ער זעט זי דאָ פאר זיך. יאָ, ער וועט ניט קוקן אף גאָרניט און זיך לאָזן צו זיי. די מעלקערן איז שוין אוועק. עפשער וועט איינע — די רויטסטע, די שענסטע, די ייִנגסטע פאר ראכמאָנעס אים לאָזן, ער זאָל אויסגיסן זײַן לײַדנשאפט לעם איר? יאָ, ער גייט דער גאנצער וועלט און זיך אליין אפצולאָכעס. אָבער ניין. מע קאָן ניט. דער שווער רופט אים. דאָס שטוב-מיידל האָט געבראכט פיִן אנטקעגניבער, פונעם טיי-הויז, א קאן מיט אָקרעפ. זיי וועלן אויסטרינקען צו גלעזלעך ווארעמס און גיין אין שול ארײַן! אוואדע גיין. וואָס קאָן דען זײַן פאר א רייד? כאָטש זײַן הארץ מיט אלע געדאנקען זײַנען אים ערגעץ אנדערש.

אפן פאָנעם האָט בא אים א שפיל געטאָן א שטראל...

ער האָט געעפנט די אויגן. שיפרע דרייט זיך ארום מיט אירע לאנגע צעלאָזענע האָרדאָ אין צימער... זי האָט אופגעעפנט א האלבע לאָד...

שמײַע האָט געעפנט די אויגן, זיי צוריק פארמאכט און ווידעראמאָל געעפנט...

— די קינדער? — האָט ער קורץ א פרעג געטאָן בא שיפרען.

— נאָרוואָס אָפגעגעסן און אוועק אין שול! — האָט זי שטיל געענטפערט.

— די טירן?

גיי טו עפעס מיט פרויִשער אײַנגעבוירענער שעמעוודיקײַט און צניִעס! שיפרע האָט גוט געוווּסט, אז די טירן זײַנען צוגעשפארט, נאָר זי איז ארויסגעגאנגען קלוימערשט א קוק טאָן...

— צוגעשפארט... וואָסי דען? — האָט זי שטיל א זאָג געטאָן און זיך גלײַך פארכאפט. זי זאָל כאָטש אליין מיט קיין לעפיש וואָרט ניט קאליע מאכן אלץ...

ער איז אַראָף אינעם ריינעם באַכערשן וועש פונעם געלעגער. ער האָט שטייַף אַרומגעהאַלדזט שיפרען. אירע פייַכטע צעלאָזענע האָר האָבן זייער גוט צוגעשפּילט. ער האָט אירע פינף פוד גרינג גענומען אַף די הענט און זי באַקוועם אינעם אינדערפריִענדיקן אונטערשטן קליידל אַנידערגעלייגט צו זיך אַפן ווייַסן געלעגער.

ער האָט זי לאַנג און געשמאַק געקושט מיט צוגעמאַכטע אויגן...

זיי האָבן זיך געליבט לאַנג, פעסט, אָן קיינע איבערשלאָגן און אָן קיינע אָפּשטעלן. שיפרען איז געווען אַזוי אומעגלעך גוט, אַז זי האָט פון מאָל צו מאָל געשמאַק אונטערגעכליפּעט.

שמייַע איז אויך געווען אין אַן אַנדער וועלט. ער האָט ניט געקאַרגט קיין קויכעס.

שיפרען האָט ער אויך דערנאָך פון זיך ניט געטריבן, ביז זי איז אַן אָנגעזעטיקטע מיט איר בעני‌מעסדיקער שעמעוודיקייַט אַליין ניט אַוועק.

זי איז עטלעכע מאָל געווען אין צימער, זיך אַרייַנגעגאַנוועט אַף די שפּיץ פינגער מיט אַ פריש אָנגעוואַרעמטער גלאָז קאַווע... מיט וואָס פאַר אַ דאָרשט וואָלט זי איצט פונסנייַ אים געקושט?.. אָבער מעג דען אַ מענטש זייַן אַ סוינע זיך אַליין? זי וועט בעסער קושן די טיר פון זייַן צימער פון דער דרויסנדיקער זייַט... נישקאָשע, זי איז אַזוי אויך באַגליקט מער, ווי זי איז עס ווערט.

ערשט צו פאַרנאַכט-צו איז שמייַע געווען אַרומגעראַזירט און פריש אויסגעוואַשן. ער האָט געקוקט גוט אַף זייַן באַלעבאָסטע און אַף די קינדער, נאָר ער האָט, ווי שטענדיק, ווינציק גערעדט. ער האָט אַרויסגענומען פונעם טישקעסטל אַ ריין ניט קיין פאַרשריבענעם קאָנטאָרסקע בוך, אַוועקגעשטעלט קעגן זיך באַקוועם טינט-און-פעדער.

שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער פּרוּווט בעסאָד איבערגעבן זייַנע געפילן דעם פּאַפּיר. ער פאַרמאָגט אין זיך אַזאַ לייַדנשאַפט, וואָס איז געגליכן צו עפּעס אַ מין געהיימער גאָטעס-דינסט. איצט וויל ער דעם כאָלעם, וואָס ער זעט פאַר זיך אַזוי אָנשוילעך, איבערסילען מיט דריבנינקע אויסיִעלעך אַהער אין בוך אַרייַן אַף אַ ריינעם בלאַט פּאַפּיר.

ס'איז אַרייַנגעקומען כאַנע-לייקע (אַף עפּעס האָט זי זיך קענטיק אַנטשלאָסן, כאָטש זי האָט עס נאָך פאַר קיינעם ניט געזאָגט). אירע לאָקן זייַנען זייער שיין געווען אויסגעלייגט אַרום די אויערן. מיט אַזעלכע ווייכע, אויסערגעוויינלעך ווייכע בלישטשענדיקע קנייטשן. איר טראָט, איר שטעל, דער ווייך-אויסגעקייַלעכיקטער בוזעם אינעם טונקעלן זשאַקעטל, וואָס איז אַזוי מייַסטעריש געפּאַסט, איר פאַרצויגענער בליק — אַלץ איז געווען אי מיידלש, אי פרויִש. די הויכע געטאָקטע קנאַפּל זייַנען געווען ווי אַ טייל פונעם מיידל אַליין און ניט פונעם שוך. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט ניט געפערעגטערהייט אינעם פאָרענטש פונעם בענקל, אַף וועלכן ער איז געזעסן, און האָט פרייַ און אָפנהאַרציק אַ זאָג געטאָן:

— אַ מעכייַע! ס'קיינער ניטאָ... — אין אַ ווייַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן: — איר וועט מיר לייענען, וואָס איר האָט אָט דאָ אָנגעשריבן, און איך וועל אייַך לייענען, וואָס לייַטן שרייַבן. גוט? און דערנאָך וועלן מיר ריידן...

שמייַע טיליעס איז גיוווער געווען זייַן שטענדיקע אָפּהענטיקייַט. ער האָט זיך אָנגעגערירט אין כאַנקעס האַנט אַפן ברעג פאָרענטש. אַזאַ איידעלע מילדע וואַרעמקייַט.

זי איז דאָ עפּשער ניט אין אַזאַ מאָס, נאָר זי איז דאָ די גרינגשאַפט פון נעכטן...

אים איז אויך געווען גוט, וואָס קיין אַנדערע, כוץ איר, זייַנען דערווייַל ניט געקומען.

הערן וועט ער זי טאַקע מיט אַלע קאָוועדן. פאַר איר לייענען? ניין. ער שטעלט זיך ניט פאָר, ס'זאָל זיך בא אים עפענען דאָס מויל אַף אַזעלכס...

ער איז אויפגעשטאַנען, באַקוקט זייַן צימער מיט אַ נייַעם יונג-געוואָרענעם בליק.

— איר זייַט געקומען, — זאָגט ער, — צו דער צייַט...

דאָס איבעריקע, וואָס ער האָט ניט געזאָגט, איז געווען אַזויווי געזאָגט:

— איר דערקענט כאָטש, אַז איך בין געוואָרן אַ נייַער מענטש?! אייַער כיילעק איז פאַר אייַך אָנגעגרייט, און אונדזערע ביידע שטיבער וועלן צווישן זיך בלייַבן עמעסע פרייַנט, נאָך מער, ווי ביז איצט...

און אַזוי ווייַטער און ווייַטער...

זאָגן, אַז כאַנע-לייקע האָט אַף אַ קלייניקייַט פאַרשפּעטיקט?

אַזעלכס קאָן זיך אויסווייַזן אי איר אַליין, אי אַ זייַטיקן. דעם מענטשנס האַרץ טוט אָפּט וויטיקדיק אַ ציטער איבער דעם, וואָס ניט אַלץ איז פאַרגעזען. כאַנע-לייקעס מאַזל איז מיט גאָרנישט ניט פאַרטשעפּעט, עס איז נאָך אין וועג און גייט אָן שום אָפּווענדונג גלייַך צום שויכעט אין שטוב אַרייַן, גלייַך צו איר מיידלש האַרץ.

איך וויל דאָ זאָגן עפּעס אַנדערש. מיר זייַנען צום האַרצן ביידע — די ווילע שיפרע און דאָס אויסגעשפּילטע שטעטלדיק מיידל מיטן טונקעלן צוציִענדיקן געזיכט, מיטן פאַרגיבע-

ריש טיפן בליק כאנע-לייקע דעם שויכעט זאָרעכס, ביידע יעסוימים. ווילע קינדער, זיי זאָלן וואקסן געזונט. נאָר איך בין ניספּאָעל פון שמייַעס אָרנטלעכקייַט. דער מענטש, וואָס איז קיינע שקאָלעס ניט דורכגעגאנגען, איז זייער אָנשטענדיק, און ער דאַרף זיך אָף דעם ניט אָנשטרענגען. ס'קומט אים אָן ניט אזוי שווער. וויאזוי א מענטש נעמט זיך פיר, אזוי העלפט אים גאָט.

אין אָוונט, ווען כאנע-לייקע איז אוועק, די קינדער זייַנען שוין געשלאָפן, איז שיפרע, א ריינע, א צעבליטע, אריַין מיט איר פרישער גלאָז קאווע. שמייַע האָט זי צוגענארט נעענטער און היימיש-ליב זי אוועקגעזעצט צו זיך אָף די קני. שיפרע איז געוואָרן רויט, ווי א פייַער, נאָר זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן. אָנשטאָט זיך א נייג טאָן צוריק האָט זי זיך א צי געטאָן און איז מיט איר גאנצער ווארעמקייַט צוגעפאלן צו זייַן ברוסט.

שמייַע האָט זי געגלעט ווי א קינד, א ווייַלע געשוויגן און אָנגעהויבן ווייך און צארט, קימאט לעם איר סאמע אויער:

— שיפרע, טייַערע! מיר כאָלעמט זיך א שיינער כאָלעם... א זיסער און א ליבער... מירן שטעלן א שטילע כופּע. קיינער וועט אונדז ניט שטערן. און דו וועסט זען. די קינדער וועלן צו דיר ניט דערלייגן. און אונדזער ווילטיק, אזוי זאָגט מיר דאָס הארץ, ווי שטיל ער וועט זיך ניט אָנהייבן, וועט ער אונדז קעסיידער ליכטן... אָן אן אופהער.

שיפרע איז איַינגעטונקען אין איר גליק מיט אלע איווורים, מיט לייַב און מיט לעבן. א באנייַטע פונעם קאָפּ ביז די שפּיץ פינגער פון די פיס. אייגנטלעך, זייַנען זיי ביידע באַנייַט. א יונגשאפט האָט זיי ביידן ארומגענומען: אָדעם מיט כאווען, נאָרוואָס פון א בוים אראָפּ און אָדעם האָט דערקענט כאווען.

ווי נאָענט און טייַער איר זייַט מיר איצט ביידע. גליק איז פאר איַיערטוועגן אָנגעגרייט. און מענטשן, וואָס קענען אייַך? פריִער וועלן זיי קבייטשן מיט די אקסלען, דערנאָך וועלן זיי זיך צוגעווינען, און דערנאָך וועט מען זיך מיט איַיך בענטשן.

די מילנערס

1

אין יענעם אנומלטן, נאָך אמאָל, האָט אין איינעם א דאָרף געווינט א דייַטש א מילנער. ברוט האָט ער געהייסן. געווען איז ער הויך, ווי אלע הויכע, און גרויס, ווי אלע גרויסע. געהאט האָט ער א ווייַב און אן איין-און-איינציקע טאָכטער, א באסיעכידע. כוץ דעם, האָט ער געהאט הייַזער און שטאלן, פערד און בהיימעס, גענדז און קאטשקעס, און וואָס נאָר א מויל קאָן אויסרעדן פון שטוביקע כייַעס איז בא אים ארומגעגאנגען.

די מיל זייַנע איז געשטאנען הינטערן דאָרף אינמיטן פעלד מיט גרויסע צעלאָזענע פליגל. טוט נאָר א קליין ווינטעלע א בלאָז, נעמען זיך די פליגל דרייען, און פון דער געגנט פון גאָר ארום לאָזט מען זיך מיט זעק און זעקלעך אין מיל אריַין. ווער ס'האָט אָקסן — שפּאנט ער,

און ווער ניט — פאַרוואַרפט דעם זאַק אַף די פּלייצעס און טראָגט.

די מיל האָט געמאָלן, און דער דײַטש איז פון טאָג צו טאָג רײַכער און גראָבער געוואָרן. ער איז אָבער א בייזער, דער דײַטש, געווען און אזא נאַטור געהאַט: ברענגט א געמיינער מאַן א קליין זעקעלע טווע — וויל ער ניט מאָלן און טרײַבט נאָך אים דורך פון מיל. בעט אים דאָס ווײַב, ער זאָל ניט טרײַבן קיין געמיינע לײַט, ווערט ער אַף איר אין כּעס, קומט אים די טאָכטער בעטן, קאָן ער איר ניט אָפּזאָגן, ווײַל זי איז בא אים זייער טײַער.

האָבן שוין די געמיינע לײַט געוווּסט: ניט געגאַנגען אין מיל, נאָר געגאַנגען פרי׳ער אין דאָרף אַרײַן צו דער טאָכטער.

ניט אַלע יאָרן זײַנען אָבער גלײַך. קומט אָן א הונגער-יאָר, אַף די פעלדער האָט קיין ברויט ניט געראָטן. פוסטע שטרוי די זאַנגען. איז דאָס ווינציק: די רײַכע האָבן צו אײַנע פורן אַראָפּגעפירט, און די געמיינע האָבן אין א בינטל דאָס ברויט צונויפגעבונדן און פאַרטראָגן. ווײַנען אַלע דערפער אַרום. מע קלײַבט ניס און זשאָלודן. מע זוכט אַלע אייצעס ווי זיך פונעם הונגער פאַרהיטן. און ברוט דער מילנער ליגט אַפן פעלד לעם דער מיל בייז און באַרויגעז און וויל קיינעם אין מיל אַרײַן ניט לאָזן: קליינע זעקעלעך טווע ברענגט מען!

קומט דאָס ווײַב בעטן, טרײַבט ער זי דורך. און אַפילע די טאָכטער וויל ער ניט הערן — אַזוי איז ער צערייצט.

ליגט ער אַזוי איינמאָל אַפן פעלד, און די הינט זײַנען די בייזע דרייען זיך אַרום אים. פאַלט אַף אים אָן א שלאָף און ס׳כאָלעמט זיך אים: א פויגל מיט פיר גרויסע פליגל איז געקומען צו אים, געבראַכט צו טראָגן א קליין זעקעלע טווע און שטייט צו אים צו — מאָל און מאָל! טרײַבט ער אים און קאָן זיך פון אים ניט אָפּטרײַבן, כאַפּט ער דעם שטעקן און דערלאַנגט א זעץ דעם פויגל און האַקט אים אונטער א פליגל. דער פויגל קריכט אַלץ. א צווייטן זעץ — און אונטערגעהאַקט נאָך צוויי פליגל, און דער פויגל טרעט ניט אָפּ. ווערט ער שטאַרק אין כּעס און וואַרפט דעם שטעקן אַף אים, וויל טרעפן אין קאָפּ אַרײַן און אים דערהאַרגענען אַף טויט.

ערשט דער פויגל וואַרפט זיך אַרויף צו אים אַפן האַרצן און נעמט אים וואַרגן, רײַסן פאַרן גאָרגל, אָט-אָט דערוואַרגט ער אים. פאַר שרעק האָט זיך דער מילנער אויפגעכאַפּט פון זײַן בייזן כאָלעם, זיך אַרומגעקוקט און גיך אַוועק אַהיים דעם כאָלעם דערציילן. דערציילט דעם כאָלעם, וויל אים דאָס ווײַב עפּעס נע-



מען זאָגן, ווייסט ער אַפרי׳ער, וואָס זי וועט זאָגן, און ער הייסט איר, זי זאָל שטומען. הייבט אָן די באַסיעכידקע רעדן, דערוויסט ער זיך, וואָס זי וועט זאָגן, און ער אַנטלויפט פון שטוב.

לויפט און לויפט גלײַך אין פעלד אַרײַן, ווו די מיל שטייט, ער לויפט, און א בינטל כמאַרעס, ווי זעק שוואַרצע, האָבן זיך גענומען צעוויקלען איבערן הימל און שפּאַרן זיך צו דער מיל. געוואָרן אַף א רעגע פינצטער דער טאָג. די פאַסטעכער האָבן זיך גענומען רוקן מיט די טשערעדעס אַהיים, ווער ס׳איז ווי געווען האָט זיך גענומען זוכן אָן אָרט, ווי זיך פונעם שטורעם פאַרשטעלן. דאָס פעלד איז געוואָרן שמאָל, און די הימלען נידעריק. ברוט קוקט ניט — לויפט אין מיל. פונוואַנען, פון וואָס יאָגט אַרויס א באַהאַלטענער ווינט, רײַסט אַראָפּ א פליגל פון מיל און טראָגט אים צו דעם מילנער צו די פיס, רײַסט אַראָפּ א צווייטן פליגל און וואַרפט אים אַפן צווייטן פעלד. דער מילנער לויפט אין מיל זיך באַהאַלטן, יאָגט אַרום איבער אַלע ווינקלען און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער קריכט אין קויש — איז ענג. שלעפּט ער א זאַק אַפן קאָפּ — איז דער זאַק א לעבעדיקער. און אין דרויסן האָט א דונער זיך א בייזער געגעבן, האָט די מיל אָנגעהויבן טרעשטשען, א צווייטער דונער האָט געגעבן א זעץ, האָבן זיך

צעבראָכענע טרעפּ גענומען שיטן איבערן קאָפּ און טראָפּנס אײַנגעהאַלטענער רעגן פּיקן מיט אײַנגעהאַלטענעם קאַס אין דאַך, ביז ס'האָט דער רעכטער דונער געטאָן, און א בליץ האָט די מיל אָנגעצונדן, אופגעריסן און צעבראָכן אַף שטיק-שטיקלעך. א וואַרעמער גוסרעגן איז אַוועק און דעם מילנער פאַרשוווּנקט אָן א זייכער און אָן א געביין.

2

דאָס ווײַב מיט דער טאָכטער האָבן אָפּגעוויינט דעם ערשטן כוידעש און דאָס ערשטע יאָר, און דערנאָך האָבן זיי אופגעהערט. לעבן האָבן זיי די ערשטע צײַט געהאַט פון וואָס, אָבער אַזויווי ברוט האָט די אויצרעס זײַנע פאַרגראָבן און קיינעם ניט אויסגעזאָגט ווו, האָבן זיי גיך פאַרנוצט דאָס גרייטע און זײַנען געבליבן באַ גאָרניט. פלעגן זיי פון דער צעבראָכענער מיל דאָס האָלץ קלײַבן, און דאָס ווען קיינער זעט ניט, און טראָגן אין שטאָט ארײַן פאַרקויפן.

אין א נאָענטן דאָרף, ניט ווײַט פון מיל האָט געוווינט א יונג א שמיד. א גרויסער גיבער איז ער געווען. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געקאָנט א בוים אויסברעכן און מיט דער לינקער — אין צווייטן וואַלד אים פאַרטראָגן.

איינמאָל, ניט פונוואַנען, ניט פון וואָס, ווייסט ער ניט וואָס איז אים. זיצט ער אַף דער באַנק לעם דער קוזניע, ווײַל קיינעמס אַרבעט ניט נעמען און שווײַגט.

די מוטער האָט געוווּסט, וואָס אים פעלט, קלערט זי: זי וועט שוין שווײַגן. זאָל ער זיך שטאַרקער פאַרבענקען. זיצט דער שמיד א טאָג, זיצט צוויי, ניט ער עסט, ניט ער טרינקט, דער האַלדז איז אים צעכראַסטעט, און אַליין ווערט ער שיר ניט צעריסן פאַר בענקשאַפט. זעט די מוטער — מע קאָן ניט מער, רופט זי זיך אָן:

— גיי, מײַן זון, אַהין, ווו ברוטס מיל איז געשטאַנען, זעץ זיך אַוועק אַפן שטיין, אַז די לעוואָנע וועט אופגיין, וועסטו עפּעס זען.

אַוועק דער יונג אַהין, ווו ברוטס מיל איז געשטאַנען, זיך אַוועקגעזעצט אַפן שטיין, און וואַרט. די לעוואָנע איז אַרויס — ערשט פלאָרע, ברוטס טאָכטער, קומט אָן האָלץ קלײַבן.

די לעוואָנע שײַנט, און איר פּאָנעם איז שענער. ווי א גלײַכער בוים, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און גענומען זיך אַרומקוקן. דערזען זי דער יונג, אַז אַזאַ איז זי, פלאָרע, טוט ער א זאָג:

— פלאָרע! א שטאָט וועל איך כאָרעוו מאַכן, און צען וועל איך אויסבויען, זײַ מײַן ווײַב!

קלערט פלאָרע און קלערט און רופט זיך אָן:

— קיין שטאָט דאַרף מען ניט כאָרעוו מאַכן, קיין צען דאַרף מען ניט בויען — בוי אויס א מיל, וועט זײַן גענוג פאַר אונדזערטוועגן.

איז אַוועק דער יונג אין וואַלד און האָט גענומען ברעכן ביימער מיט די וואָרצלען אַיינעם. מיט איין האַנט ברעכט ער, מיט דער צווייטער ברענגט ער צו טראָגן. אָנגעוואָרפן פאַר דער נאַכט א פולן פלאַץ מיט ביימער, דאַרף מען, בויערס זאָלן קומען די מיל בויען. גייט ער אַוועק אין דאָרף, רופט צונויף בויערס:

— גייט בויט מיר אויס ברוטס מיל. פריער האָט זי געמאָלן פון איין קויש, איצט וועט זי מאָלן פון פיר קוישן.

— מירן זיך באַקלערן, — זאָגן די בויערס און גייען זיך דערווײַל אַוועק, געווען זײַנען זיי אַף ברוטן אין קאַס און ניט געוואָלט ברוטס מיל בויען.

קלערט זיך דער שמיד:

— איר וועט שוין דאַפקע גיין די מיל בויען. — און א געזונטער איז ער געווען. צו זעקס פינגער האָט ער געהאַט אַף די פיס און צו זעקס אַף די הענט. האָט ער נאָר דערוואַרט די שאָ, ווען די בויערס זײַנען אַוועק אַפן פעלד, האָט ער גענומען שטריק, פאַרוואָרפן אַף זייערע הײַזלעך און זיי פאַרטראָגן אין צענטן דאָרף ארײַן.

קומען צו גיין די בויערס.

ווו זײַנען זייערע הײַזער?

קיין פײַער האָט ניט געברענט, קיין רויך איז ניט געגאַנגען, און ליידיקע פלעצער שטייען מיט נאַקעטע אויוונס און קיין הײַזער זײַנען ניטאָ. האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און זײַנען אַוועקגעלאָפן צום שמיד.

— קער אונדז אום, שמיד, אונדזערע הײַזער, ווו וועלן מיר אונדזערע ווײַבער מיט די קינדער אַהינטאָן?

— און ווער וועט גיין די מיל בויען?

— מיר וועלן גיין.

— גוט.

האָט ער געבראַכט די הײַזער, צוריק אַף די קוימענס זיי אָנגעטאָן, גאַנץ, ניט גערירט, און דאָס דאָרף איז אַוועק די מיל בויען. זעגערס האָבן געזעגט, העקערס האָבן געהאַקט און בויערס האָבן געבויט. האָט נאָך דער שמיד א גרויסן קעסל אַראָפּגעבראַכט, האָט מען אים אין ציגל אַרײַנגעמויערט, אַף די רעדער פאַסן אָנגעצויגן און א גרויסן קוימען

אופגעשטעלט. קאָן קיינער די שטיינער ניט ארופטראָגן. האָט גענומען דער שמיד אַף איין האנט איין שטיין, אַף דער צווייטער — דעם צווייטן, אזוי אלע אכט שטיינער אָנגעטאָן. טווע פארשאָטן, איידער מ׳האָט די מיל געלאָזט, האָט דער קעסל א פּייף געטאָן און אופגערופן די שכיינים בראנפן טרינקען. האָט פלאָרע צו די שכיינים אזוי געזאָגט:

— זײַט אונדז מויכל, שכיינים, אונדזער טאַטנס בייזקײַט. דעם טאַטנס מיל האָט געמאָלן פון איין קויש, און אונדזערע וועט מאָלן פון פיר. די פארמעגלעכע וועלן מיר טווע אָפּשיטן, און די איבעריקע וועלן מאָלן אומזיסט.

— רעכט אזוי! — האָבן די שכיינים אויסגערופן. — זאָלן אלע דערפער קומען די כאַסענע פראווען.

זײַנען אלע דערפער געקומען. אזא כאַסענע איז שוין לאַנג אין דער געגנט ניט געווען.

הענט האָבן גאנצע טאָרטן געטראָגן און ווײַן הונדערט עמער. איינער האָט אומיסטן געציילט.

און גוט איז געווען און וויל.

דער אלטער קאַטשער

ער האָט טאַקע געהאַט שיין קאָוועד, דער אלטער קאַטשער — פאַר זײַן געטרײַשאַפט, פאַר זײַן וויסן, פאַר זאָרגן וועגן דעם יונגן דאָר. אָבער אַפן הארצן איז אים אָפט געווען שווער: די שלעק, וואָס די יינגערע פלעגן גיך איבערלעבן און גלײַך אַפן אָרט פארגעסן, האָט ער לאַנג געטראָגן אין זיך און געוויי-טיקט פאַר דעם... האָט א פוקסל זיך אונטערגעגאַנווערט צום טײַך און מיט פלינקע שמאַדשטיק א כאַפּ געטאָן אַן ענטל, איז דאָך דער שלאַק פאַר איטלעכן געווען גרויס, נאָר אַז דער פיטערנער עק פונעם רויבער האָט א שווינדל געטאָן צווישן די ערשטע ביימלעך פונעם יונגן וואלד, דאָס לעצטע געשריי פונעם ענטל האָט א הייזער געטאָן אין דער לופט, האָט זיך אַף דעם טײַך אלץ צוריק אײַנגעשטילט. דאָס האַווען גייט שוין ווײַטער...

און אַף וואָס דאַרף מען דעם פוקס, אַז די באַלעבאָסטע אליין טראָגט ארויס א שיסל עסן צו דער קאָרעטע, אלע טוען זיך א לאָז צו איר, און זי קלײַבט אויס רויִק, מיטן איינעם בליק, דאָס געשמאַקסטע ענטל, טוט עס א כאַפּ פאַר די פליגל און טראָגט עס אוועק אין קיך ארײַן... דאָ מעגסטו שוין זײַן זיכער, אַז דער טײַך, די לופט און די ליכטיקע שײַן זײַנען שוין פארפאַלן פארן ליבסטן יונגן ענטל. און וואָס, מיינט איר, זאָגט אַף דעם די שאַרע ענטלעך — גאָרניט. מאָרגן וועט מען ארויסטראָגן אין דער שיסל מיטן עסן די קישקעלעך, די ביינדעלעך פון דער יונגער שוועסטער, וועלן זיך אלע א לאָז טאָן צו דער שיסל, צו דער קאָרעטע מיט שפּײַז. דער הונט וועט זיך אויך צוריקן, ווי א גאַנצער שטאָט-באַלעבאָס, און זיך אויסקלײַבן פאַר זיך ווו א בעסער ביינדל. די יונגע שוועסטער, וואָס איז נאָך נעכטן אזוי שיין געשווומען איבערן גלאַנץ פון דער וואַסער, אזוי פײַן אויסגעשטעלט דאָס הערצעלע, דאָס קעפּעלע, איז שוין אזויווי אַף דער וועלט ניט געווען.

— וואָס טוט זיך עס מיט מײַנע קאַטשקעס און מיט מיר אליין? — פארקלערט זיך אָפט דער אלטער, — ווי לאַנג איז עס געווען, אַז אונדזערע עלטערן זײַנען געפלויגן איבער וועלדער און פעלדער, איבער יאַמען און טײַכן אונטערן סאַמע הימל!.. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן די שענסטע וואַסערן, די בעסטע פיטער-ערטער... אויך איצט פליִען נאָך שמײַדיק איינציקע קאַטשקעס-שוואָטים, און מיר? מיר טראָגן די פליגל נאָר פאַר א צודעק איבער די פלייצעס! די שיסל מיט שפּײַז, די קאָרעטע האָט אונדז פארקישעפט, און מיר קאָנען זיך פון איר נישט אָפּטאָן. איצט קאָנט איר טאָן מיט אונדזערע שוועסטער, מיט אונדזערע ברידער אלץ, וואָס אײַער הארץ גלוסט: שנײַדט אונדז די העלדזער, פליקט אונדז די לײַבער, בראָקט אונדז, קאָכט אונדז און זויגט דעם מאַרך פון אונדזערע ביינדעלעך — מירן לויפן צו דער קאָרעטע, מירן זיך ניט מיִעסן פון די נעכטיקע קאַרטאָפליעס צוזאַמען מיט די שטיקלעך געדערים, וואָס די באַלעבאָסטע וואַרפט ארויס.

אין איינעם א הארבסט-טאָג, א שפּעטן און קאַלטן, האָט זיך דער באַלעבאָס געקליבן נאָך עפּעס אין שטאָט ארײַן. האָט ער מיטגענומען מיט זיך וואָס-עס-איז אַפן מאַרק צו פארקויפן: א צענדליק אייער, אַן ארבעלע מאָן, א פּאָר צענדליק ווינטער-באַרן און... אַן אַף וואָלט אויך ניט שאַטן נעמען!.. ניט געוואָלט, ניט

געוואַלט און דאָך באַשלאָסן נעמען... וועמען? — דעם אַלטן קאַטשער! דעם הויפּט פון דער מישפּאָכע!

פּאַרטריבן אין שטעלכל אַרײַן, אים געכאַפּט, פאַרבונדן די פיסלעך מיט א בענדל פון קלאַטשע און אים אײַנגעמאַסטעט אין דעם ענגן קײַלעכדיקן קאַרב פון דינעם ליקאַ.

דער באַלעבאָס האָט אָנגעטאָן דעם קאַרב אף די פּלייצעס (מיטן שטריקל איבערן האַלדז) און זיך געלאָזן גיין צום באַן.

דעם קאַטשער איז דאָס האַרץ פאַרלאָפן געוואָרן מיט ביטערקײַט, כאַרפּע און באַליידיקונג. אָבער סײַווי האָט ער באַמערקט, אז זינט ער לעבט, איז ער נאָך ניט געווען אף אזא הייך, ווי איצט אינעם קאַרב לעבן דעם באַלעבאָס׳ האַלדז-און-נאַקן. האָט ער באַטראַכט דעם שליאַך, איבער וועלכן מ׳איז אַזויפיל יאָרן געגאַנגען צום טײַך. לעם טײַך האָבן זיך נאָך איצט אויך געבאָבערעט גענדז און קאַטשקעס, כאָטש דאָס וואַסער איז שוין פאַרצויגן מיט א הײַטעלע אײַז, נאָר סײַווי — פאַר לעבעדיקע קאַטשקעס איז אויך דער ווינטער פול מיט אַלע כּיעסן, וואָס דערקוויקן דעם גאַנצן גוף מיט אַלע איווּרים.

דער קאַטשער האָט אויסגעצויגן דעם האַלדז — באַקוקט די הוילע פעלדער און דערזען די ווײַסע כמאַרעס אפן הימל. ער האָט זיך אזש א טרייסל געטאָן אין דעם קאַרב:

— אַך! איין פלי טאָן צום הימל, ווי מײַנע אורעלטערן פלעגן דאָס טאָן. דערפאַר אַליין איז ניט צופיל אָפּגעבן דאָס גאַנצע לעבן!

אין באַן, אונטער דער באַנק, איז שוין געווען אינגאַנצן קלאָגעדיק. ענג און פינצטער, ווי אין א טיפער גרוב. דאָ האָט זיך דעם קאַטשער זייער געוואָלט אויסלאָזן דעם קאַס צו זײַן באַלעבאָס. נאָר וואָס קומט אַרויס פונעם וועלן? ער האָט נאָר אינמיטן פאָרן צווישן איין סטאַנציע און דער צווייטער זיך א פּאָר מאָל א ברייע געטאָן און, כאָטש געבונדענערהייט, האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויספאַלן פונעם קאַרב אף דער האַרטער קאַלטער ערד. די רעדער קלאַפּן גלײַך אין די ברעטער אַרײַן. דאָך איז דאָ גערעאַמער. און עפּשער וועט דעם באַלעבאָס אויסקומען פון דעם כאָטש א שטיקעלע צולאָכעס?!

און ווירקלעך, דער באַלעבאָס האָט, ווײַזט אויס, געדרעמלט אין דער ענגשאַפט, און אַז מע איז געקומען צו דער שטאָט-סטאַנציע — האַלב אוילעם איז שוין לאַנג אַרויס — האָט ער זיך א צעפּאַלאָכעטער אופגעכאַפּט, א ריס געטאָן דעם קאַרב פון אונטער דער באַנק און איז אוועק מיט די רעשטלעך פאַרשוינען ווי אַן אָפּגעבריטער...

אז דער וואַגאָן-באַדינער האָט גענומען ראַמען און קערן דאָס מיסט, האָט ער דערזען דעם פאַרגעסענעם פויגל... קיין פרעמדס דאַרף ער ניט, האָט ער געגעבן א שפּרונג צו די טרעפּלעך לעם טאַמבור:

— היי! ווער האָט דאָ פאַרגעסן א לעבעדיקן פויגל?

אף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך שלעפּערדיק אַרומגעדרייט אן אָפּגעריסענער לומפּ — א האַלבער גאַנעוו. רופט ער זיך אויס:

— א-אַ! יאַ, יאָ! זײַט זשע מויכל! דאָס האָב איך טאַקע אים פאַרגעסן!

— א סימען?

— א סימען? ביטע! איין קעפּל, צוויי פיסלעך, צוויי אויגן!

דער וואַגאָן-באַדינער האָט א שמייכל געטאָן.

— נעם דיר אים, — זאָגט ער, — איך דאַרף ניט קיין פרעמדס!

דער לומפּ איז מיטן קאַטשער אונטער דער האַנט אוועק אפן מאַרק און גענומען אויסרופן זײַן סכוירע הויך אף א קאָל:

— אָן אַף — טאָם גאַניידן! יונג און פריש, סע צעגייט זיך אין מויל! פון איין לעפל ווערט מען געזונט! פון צוויי — לעבט מען אייביק!

פאַר דער צײַט, וואָס דער קאַטשער איז געווען באַם לומפּ אונטערן אָרעם, האָט ער זיך אָנגעקוקט צווישן די טישלעך מיט אַזעלכס, וואָס ווי צו די אויגן, וועלכע זענען עס: לעבעדיקע קאַטשקעס! געקוילעטע קאַטשקעס! שטיקלעך פון קאַטשקעס, געפּליקטע קאַטשקעס!..

עמעס, פון אייניקע זאַק נעמען די פאַרקויפערס אַרויס אויך הינער, אינדיקעס און געגנדז. הייסט עס, אז דער צאַרן האָט זיך אויסגעלאָזט ניט נאָר צו די קאַטשקעס...

דערווײַל איז צוגעגאַנגען א מענטש און אָנגעהויבן דינגען דעם קאַטשער. זיי זײַנען צווישן זיך גיך מושעווּ געוואָרן.

דער קוינע האָט געקוקט נאָר אף איין אויג. דער קאַטשער אונדזערער, כאָטש ער איז געווען גענוג צעטומלט און אויסגעמאַטערט, האָט ער דאָך געקוקט אף ביידע אויגן. ער האָט נאָך אויסגעצויגן העכער דעם האַלדז, ער זאָל וואָס מער אָנקוקן די וועלט אין די לעצטע שאָען פון זײַן לעבן.

דער קויפער האָט צוליבן פאַרמאַכטן אויג זיך שיר ניט אַראָפּגעגליטשט אין א גרוב אַרײַן, ווו אַרבעטער האָבן זיך דערגראָבן צו דער וואַסערלייטונג. דאָס דערזען, האָט דער קאַטשער אופגעהויבן א ליאַרעם. דער נײַער באַלעבאָס זײַנער האָט זיך גלײַך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען, וואָס פאַר א געפאַר אים איז פאַרגעשטאַנען. דאָס האַרץ

האָט אים גענומען קלאפּן, און ערשט איצט האָט ער איין אויגנבליק באשלאָסן, אז אזא פויגל קוילעט מען ניט! נישקאָשע. אף הייַנט האָט ער נאָך א ביסל געקעכטס, און אף מאָרגן קאָן ער זיך פארגינען קויפן עפּעס אנדערש. געקומען אין שטוב צו זיך, האָט ער צעבונדן דעם פויגל די פיס און אים אראָפּגעלאָזט. דער אלטער איז א ביסל געזעסן אף די פארקליאקנעטע פיסלעך. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, געמאכט א פּאָר טריט. יאָ, ער קען נאָך גיין. און... אין דער נייַער אויפירונג פונעם באלעבאָס האָט ער דערפילט, אז זייַן לעבן איז אויסער געפאר.

צום גאָט פון די קאטשקעס, וואָס איז אויך דער גאָט פון דער גאנצער וועלט, האָט דער אלטער, וואָס האָט שוין א סאך געזען אין זייַן לעבן, אָפּגעריכט זייַן דאנק-געבעט. און דער נייַער באלעבאָס מיט דעם איינעם אָפּענעם אויג האָט אים דערלאנגט אין א בלעכענער קיילע א פּאָר שטיקלעך אייַנגעווייקט ברויט, א פּאָר קאלטע אָפּגעקאָכטע קארטאָפל און אויך א טרונק. אף דער עלטער איז א טרונק נאָך בילכער ווי עסן!..

און דער קאטשער האָט געקריגן זייַן ווינקל אינעם פּאָדערהויז ניט ווייַט פון דער שטובטיר. ער האָט געהאט זייַן עסן ניט רייַך, נאָר אויך ניט צו פארזינדיקן. באטאָג פלעג ער קאָנען ארומגיין אין הייפל פאר דער שטוב. די ווינטער-טעג זייַנען געווען אלערליי: אי שיינע, פּרעכטיקע, אי פינצטערע, ביטערע, אז מע קאָן די נאָז ניט ארויסשטעקן אף דער גאס. אָבער דער קאטשער האָט דאָס געשענקטע לעבן געשעצט בא זיך אין הארצן זייער הויך, און דאָס איבעריקע איז שוין געווען א בייַזאך.

אין די לאנגע נעכט האָט ער א סאך געהאט צו קלערן און צו בענקען נאָך זייַן היימדאָרף, נאָך זייַנע ברידער און שוועסטער, אייניקלעך און אורייניקלעך. דעם עמעס געזאָגט, זייַנען זיי אים געווען ניט נאָר פרייַנט. זיי זייַנען אים געווען א סאך, א סאך נענטער ווי פרייַנט. די אייגנקייַט פון אן אייגענעם שטאם, פון אן אייגענעם שיוועט איז אים געווען נענטער, ווי די אייגנקייַט פון א זון אָדער פון א טאָכטער...

אין איינעם א שנייִקן ווינטער-טאָג, אזוי ווי דער קאטשער מאכט זיך דורך זייַן אינדערפריִענדיקן שפּאציר פארבייַ די האָלץ-שטאלן באם פּלויט, וואָס צווישן שטאל און צווישן הויף, דערזעט ער פּלוצעם אינעם שכיינישן הויף ניט מער און ניט ווינציקער ווי א פור פון זייַן אייגענעם דאָרף (דער שפּאן בא די פערד איז דאָך אין זייַן דאָרף א ביסל אנדערש, ווי אין אנדערע דערפער), און אפן שליטן דערזעט ער א האלדז, א קאָפּ און אויגן לעבעדיקע פון א גאנדז אויך פון זייַן דאָרף. יענע פלעגן קומען צום טייַך פונעם צווייטן עק דאָרף.

עמעס, אין געוויינלעכע צייַטן האָט מען זיך געהאלטן גאנץ פרעמד צווישן זיך. די גענדז פלעגן ארויסווייַזן אומאָנשטענדיקע גרויסמאכערייַ, נאָר וואָס דאָס לעבן לערנט אים ניט אויס?! וואָלסט דען אמאָל געגלייבט, אז אזא ווארעמקייַט וועט זיך צעגיין אין הארצן און אין אלע אייוורים — צו וועמען? צו א גאנדז פון די סאמע גרויסמאכערישע גענדז?! ניין, ס'איז ניט קיין גאנדז, ס'איז א לייַבלעכע שוועסטער! און ער איז איר א לייַבלעכער ברודער! דער קאטשער איז שוין געווען לעם נידעריקן שליטן. ער האָט געהאָלפן דער גאנדז זיך אראָפּקאטשען פונעם שליטן. מיטן פּיסק האָט ער ווי-עס-איז געהאָלפן לויז מאכן דאָס בענדל פון קלאָטשע, און מיט די פארקליאקנעטע פיס האָט זיך די גאנדז מיט די לעצטע קייכעס אוועקגעשלעפּט נאָכן קאטשער. א באהעלטעניש האָט דער קאטשער פאר דעם גאסט וועגן גלייַך געפונען צווישן אן אָפּגעריסן ברעטל הינטער די פּאָדוואלינעס פון דער שטוב לעם סאמע פּלויט. און ס'איז געוואָרן צווישן זיך איין גוף און איין נעשאָמע, מע האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן. ווו האָט זיך נאָר די שפּראכן-צעשיידנקייַט אהינגעטאָן? מע פארשטייט זייער גוט איינס דעם צווייטן.

די טעג זייַנען געוואָרן אָנגעזעטיקטער מיט כאווערשאפט און מיט אלגעמיינעם אינטערעס. די נעכט זייַנען שוין געווען ניט אזוי איינזאם און... ווי די זון וואָלט גענומען א ביסל פריִער אויפוואכן. פון די דעכער האָט אָנגעהויבן קאפּען, האָבן די צוויי באפרייַנדעטע לייַט גענומען אָפן רעדן וועגן זיך לאָזן אהיים (כאָטש וואָס פאר א היים איז עס געווען? אָבער פּאָרט א היים!).

מע האָט אלץ ארומגעטראכט, און ווען דער טאָג האָט זיך אָט-אָט געדארפט אויסגלייַכן מיט דער נאכט, האָט מען, ווי עס האָט נאָר גענומען שאריִען אף טאָג, זיך געלאָזט אין וועג.

א ביסל איז געווען א מוירע דאָס ארויסגיין פון שטאָט. ס'איז דען ניט פארדעכטיק, אז אזעלכע צוויי פארשוינען שפּאנען איבערן ברייטן מעלוכישן טראקט איינע אליין, אָן א באלעבאָס, אָן א קאָרב, אָן א שליטן — אליין, מיט די אייגענע פיס.

אָבער דער קאיאָר איז געווען א כמארנער, א שלעפּערדיקער. באגעגענישן זייַנען געווען ווינציק, און מ'איז בעשאָלעם ארויס פון שטאָט און גענומען גיין מיט זייַטיקע שליאכן. באטאָג צעגייט דער לעצטער שניי. אין די קאליוזשעס קאָן מען זיך א שווענק טאָן, א פריש טאָן.

— מיר וועלן עפשער צוביסלעך פליִען? — גיט אויף די גאנדז. אָבער דער קאַטשער שלינגט אראָפּ זייַן כאַרפּע, וואָס ער און זייַנע ברידער האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן די מעלאָכע פון פליִען, און קעדיי זיך ארויסדרייען מיט א טערעץ, ענטפערט ער:

— פליִען איז א געפאַר. יעגער קאָנען אונדז אופנעמען ניט פאַר די, וואָס מיר זייַנען... מירן בעסער שווימען. ס'פילט זיך שוין נאָענט א טייַך.

און ווירקלעך, מיט מידע גלידער, גענוג אויסגעמאַטערט און גענוג אָנגעהונגערט, האָבן זיי זיך דאָך דערלאַנגט צו א טייַך.

דער טייַך איז געווען ווילד צעפלייצט און צעשפילט, אָבער ס'איז שוין דאָ אַף וואָס זיך זעצן און זיך לאָזן שווימען. מע שווימט דורך אן ארבל פונעם טייַך, איז דער ראש א ביסל קלענער. לעם א דערפל נעכטיקט מען אונטער, מע טרעפט זיך מיט טשערעדעס גענדז און קאַטשקעס. די געסט ווערן גוט אופגענומען. מע גאַגעט, מע קראַקעט. מע דערוווסט זיך, וואָס עס איז פאַר דער צייַט פאַרגעקומען אין די היימישע קאַנטן, וואָס זייַנען אופגעשווומען פאַר א נייַס, וואָס פאַר אן ענדערונגען אין לעבן.

די אייַנגעזעסענע ווילן הערן, וואָס איז פאַרגעקומען אינעם לעבן פון די צוויי וואַנדערנדיקע געסט.

און אזוי פון דאָרף צו דאָרף, פון יישעוו צו יישעוו, ביז ס'האָט זיך שוין דערפילט די לופט פונעם אייגענעם דאָרף.

גאָט מייַנער: בענטשן גוימל אין א שאָ פון אזויפיל מידקייַט און איבערגעלעסטיקטקייַט, מיט פאַרכט און מיט טויט-געפאַר!

מ'איז ארויס אפן ברעג. מע האָט אָפגעטרייסלט דאָס וואסער פון די פעדערן. ס'איז שוין געווען טונקל אין דרויסן. די גאנדז איז אוועק אין איר עק דאָרף און אפילע פאַרגעסן זיך זעגענען און אָפרעדן וועגן ווידערזען. דער קאַטשער איז אוועק צו זייַן דאָרף-ווינקל. געטראָפן צו זייַן הויף, און גיי ריכט זיך, אז דער הונט וועט אים ניט וועלן אריינלאָזן! גיי ריכט זיך, אז פאַר אָט דעם קלוימערשט צוגעלאָזענעם הונט וועט דער אַלטער קאַטשער זיך דאַרפן מיסנאַצל זייַן און מיט האַכנאָע דערווייַזן, אז ער איז אַלע יאָרן א היגער, א היגער געבוירענער און האָט אופגעצויגן אזויפיל דוירעס מיט קאַטשקעס! נייַן, ס'האָט ניט געהאָלפן. דוכט זיך, א צוגעלאָזענער הונט, און דאָך א הונט! געמוזט איבערנעכטיקן לעם פּלויט פון דער דרויסן-זייַט.

אינדערפרי האָבן די קאַטשקעס דערזען זייער זיידן, פאָטער און לערער. זיי האָבן אים געמאַכט די גרויסע וואָרע, אים אריינגענומען



צווישן זיך און אריינגעפירט גלייַך אין הויף אריין.

— דו וועסט ניט גיין אַליין, דו וועסט גיין מיט אונדז... דו וועסט לערנען מיט אונדזערע קינדער!

אייניקע האָבן אפילע געזאָגט:

— די קרוין פון אונדזער קאָפּ האָט זיך צו אונדז אומגעקערט.

דער באַלעבאָס האָט זיך געפאָרעט אין הויף, געריכטעוועט דעם אקער און אויך ניט געמאַכט קיין שייַלעס.

קאָן מען שוין, אויב אזוי, אַלע גיין צום טייַך.

דער אַלטער קאַטשער איז מיט באַנייַטע קויכעס אוועק פאַרויס פאַר דער שאַרע. ער איז געקומען צום טייַך און גלייַך אין וואסער אריין. ארום דעם קאַטשער זייַנען זיך צוניפגעשווומען די מער געשטעלטע מישפּאָכעלייַט.

— וועסט לערנען, — זאָגן זיי, — דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר.

דער קאַטשער דערווידערט ניט, נאָר ער קלערט צו זיך אַליין.

— לערנען, — קלערט דער קאַטשער, — וואָס איך האָב שוין אַליין פאַרגעסן... אונדזערע עלטערן זייַנען דאָך געפלויגן אונטערן סאַמע הימל בעשאַס איך מיט מייַנע ברידער זייַנען פאַרשלונגען מיט דער שיסל שפּייַז, וואָס

די באַלעבאַסטע טראָגט אונדז ארויס, מיט די פּאַמאַיעס, וואָס זי גיסט פאר אונדז אויס אין קאָרעטע... מיר טראָגן אַף זיך פליגל, נאָר מיר ווייסן אפילע ניט, צוליב וואָס זיי זײַנען אונדז געגעבן געוואָרן...

אָבער סײַווי האָט ער באַשלאָסן געבן א ביסל רו דעם אלטן הארץ זײַנעם, די מידע גלידער.

דער הימל שפּיגלט זיך אזוי רײַך אין וואַסער... עמעס, פאר קאַטשקעס איז עס קיין נײַס ניט, אָבער ווי גוט, וואָס ער איז צוריק צווישן זײַניקע! זע, וויאַזוי די יונגע קאַטשקעס, קיין אײַנהאָרע, שווימען און שטעלן אויס מיט שטאָלץ זייערע שיינע בריסטלעך. די קאַטשערס מיט די קוטשערלעך באם עק, מיט די שווארצע סאמעטענע קעפּלעך שטיפּן און זוכן, וויאַזוי בא זיי צו נויסע כיין זײַן. אייגענע ברייטבײַכיקע אויסגעפּוצטע דאמען פוילן זיך ניט א פּוץ טאָן די שפּראַך מיט געזונטע אָפּשפּיצלעך. זיי זײַנען, קענטיק, זיכער, אז די גענדז קומען ארויס פון א געהויבענערן גראַד...

יאָ, מע וועט דארפן א ביסל צוהאָרעווען: יונג איז מען. זייער שיינקײַט טוט דאָך פרייען דאָס הארץ. נאָר וויאַזוי בילדעט מען זיי אײַן, אָט די יונגע און היציקע קעפּ, אז מע דאַרף ניט זײַן אזוי לאָעט צו דער שיסל, וואָס די באַלעבאָסטע טראָגט ארויס? מע דאַרף באַנײַען די גלוסטונג צום פליִען. אונדזערע עלטערן זײַנען דאָך אלע געווען פרײַ, זיי זײַנען אלע געפלויגן!..

כ׳ווינטש דעם יונגן דאָר

פרילינג זאָל זײַן

האַלעווײַ, האַלעווײַ,
זאָל צוויי מאָל אין יאָר זײַן
דער פרייִלעכער מײַ,
זאָל ווייניקער זײַן מיט א כּודעש א טריבן,
וואָס האָט פון די ביימער די בלייונג צעטריבן
און ווינציק געלאָזט פאַר זיי שײַן.
איך וויל, אַז די ערד זאָל א גאַנץ יאָר זיך קוויקן
מיט פרוכטבאַרע זאַפטן, און פרילינג זאָל זײַן.

דאָס לעבן שפּראָצט ארויס

אַלץ, וואָס די ערד דעקט צו,
ווערט אָף אייביק פאַרפאַלן...
אַזוי האָט מײַן זיידע, אָפּן הייליקן אָרט מיר געזאָגט,
ווען ער האָט די אַלטיטשקע זײַנע,
מײַן טײַערע באָבע, באַהאַלטן,
מיט קאַלטער צעגראָבענער ערד
פאַרשאָטן איר גרוב.
נאָר איך האָב מיט קינדערשן ציטער פאַרשײַטן
דערווידערט מײַן אַלטיטשקן זיידן,
אַז ניט אַלץ, וואָס די ערד האָט פאַרדעקט,
ווערט אָף אייביק פאַרפאַלן.

גיב א קוק, זאָג איך, זיידע, אָף אָט דעם דערבײַיקן פעלד,
וואָס ווערט אַזוי ווארעם מיט שטראַלן באַהעלט.
ווען ס׳וואָלטן די קערנער געקאָנט כאָטש א ביסעלע ריידן,
זיי וואָלטן געקומען אונדז ביידן דערציילן,
אַז זיי, אָט די קערנדלעך קליינע,
וואָס ליגן ניט ווײַט פון איר קייווער,
פאַרדעקט מיט דער זעלביקער ערד,
ברענגען דער וועלט פולע, ווויקסיקע זאַנגען,
ווען ס׳וואַרעמט זיי אויסעט דער ערדישער צודעק.
ניט אַלץ, וואָס די ערד האָט פאַרדעקט,
ווערט אָף אייביק פאַרפאַלן.

כ׳האָב מײַן ײדן געטרײסט
און פאַרגרינגערט עטוואָס זײַן געמיט.
אונטער ערדן פאַרדעקטע ליגט באַהאַלטן מײַן באָבע,
און פאַרגראָבענע קערנער, ניט װײַט פון איר קיווער,
שפּאַרן אַרויס מיט די בלימעלעך צוױט...

װי װײַט זי זאָל ניט זײַן

װען ס׳צינדן אָן זיך אויף די װעגן אָוונטיקע פײַערן
און אומגעריכט אין האַרצן אַ פאַרטרויערטקײט גײט אום,
דאַן — װי װײַט זי זאָל ניט זײַן איצט,
געפֿין איך זי, מײַן טײַערע,
און מיט װאַרעמקײט, דוכט אויס מיר,
נעמט זי מיך אַרום,
כאָטש פון נאָענטקײט פון אונדזערער
איז בלויז אַ װאָלקנדל געבליבן,
דורך װעלכן ס׳איז אַדורכגעגאַנגען די זון.
שטײ איך בײַ דעם ראַנד פונעם פלאַקערדיקן הימל,
לעם דעם װאָלקנדל,
װאָס פלאַמט נאָך באַם פאַרגאַנג,
און עס דוכט מיר, אַז עס טראָגט זיך מיט געװימל
פון דער יוגנט דאָס געזאַנג —
פון מײַן ליבע פון מײַן ערשטער,
װאָס פאַרשװוּנדן איז פון לאַנג.

קידער־װידער

װען רעדער זאָלן ניט פאָלגן די אַקסן,
װאָלט דער װאָגן זיך פון אָרט ניט גערירט.
װען אַ בוים זאָל ניט פאָלגן די ערד אין זײַן װאַקסן,
װאָלט דער װאַלד ניט געװאָרן געדיכט.
װען פעדערן זאָלן ניט פאָלגן די פליגל,
װאָלט דער פויגל געפאַלן, װי אַ שטײן צו דער ערד.
װען דאָס פּיצעלע קינד, װאָס ליגט נאָך אין װיגל,
זאָל ניט פאָלגן די מוטער און טאָן אַלץ פאַרקערט, —
איז צו װאָס װאָלט דערפירט אַזאַ קידער־װידער?
און װאָס װאָלט געשען מיטן הימל־געצעלט?
ס׳װאָלטן שטערן געפאַלן פון דער הײך אין דער נידער,
ס׳װאָלט אײנער דעם צװײטן די װעגן פאַרשטעלט.
איז דען מעגלעך צו לעבן אין אַזאַ קידער־װידער,
װען דער מענטש, דער באַלכײַ זאָלן טאָן אַלץ פאַרקערט?
נײן, װײַל דאָס לעבן פאַרויס גײן מוז װידער,
ס׳מוז אַ קלוגע האַסקאָמע באַהערשן די װעלט.

צי בין איך אויך געװען אַזאַ מין?

צי בין איך אויך געװען אַזאַ מין,
װי דאָס ייִנגעלע, װאָס יאָגט זיך אויף אַ שליטן פונעם באַרג
און מיט אָרעמס, טרײַ־צעשפּרײטע, כאַפּט אים אויף זײַן מאַמע,
ער זאָל, כאָלילע, זיך קײן קלאַפּ ניט געבן ערגעץ שטאַרק, —
פאַרהאַלט זי יעדעס מאָל זײַן שליטל באַם צופוסנס פונעם באַרג?

צי בין איך געווען אזא מין,
ווי דאָס באַכערל, וואָס וואַלגערט זיך אין שניי,
און אַן שום רוגזע טרייסלט אָפּ די מאַמע
דעם שניי דעם פּוכיקן פון זײַנע האָר,
און ער מיט העגטעלער פאַרפרוירענע
שטייט לעם דעם שליטעלע און וויינט
(עס שטראָפט אים עטוואָס אויס די מאַמע
און טרייסלט אים טייקעף שטילערהייט)?

צי בין איך אויך געווען אזא מין,
ווי אָט דער באַכער דער דערוואַקסענער, וואָס ווארפט די שנייעלקעס אף איר?
נאָר מיט א שמייכלענדיקן גוטמוט זאָגט צו אים די מאַמע:
— ס'איז, שטעל זיך פאָר, דײַן כאַווערטע די בעסטע,
וועלכע כיינדלט זיך צו דיר,
איז הער שוין אוף צו ווארפן נאסע שנייעלקעס אף איר.

צי בין איך אויך געווען אזא מין,
ווי דאָס ייִנגל מיט די גליטשערס ניקלנע דאָרט אפן טײַך,
ווען מיט פאַרגאַפטע אויגן קוקט אף אים די מאַמע,
זי גלייבט, אז ווערן וועט איר ייִנגל א באַרימטער פיגוריסט נאָך
און דעמלט וועט זײַן נאָמען קלינגען אין דער וועלט?

צי בין איך אויך געווען אזא מין,
ווי אַלע קינדער שטיפעריש פאַרשײַט?
צי האָב איך אויך אף גליטשערס זיך
געגליטשט
און אף א שליטל זיך געשטעלט
און אָפטמאָל זיך געקײַקלט פונעם
אויסגעשנייטן באַרג?

יאָ, איך בין אויך געווען אזא מין,
כ'האָב געהאַט א מאַמע,
וואָס האָט געהיט מיך, כ'זאָל ניט פאַלן,
ניט כאַפּן כאַסכאָלילע ערגעץ-ווו א קלאַפּ.
ווו נעמט מען יענע טרײַשאַפט,
יענעם מאַקריוודיקן בליק,
וואָס דער טאַליען האָט צעשאָסן
לעם דער שטעטלדיקער בריק?

ס'יאָגן קינדערלעך אף שליטלעך
פון א ווינטערדיקן באַרג
און, ווי זיי, איך פיל זיך גליקלעך,
און מיט זיי איך פריי זיך שטאַרק.

לעבט זשע, קינדערלעך, צופרידן,
כ'וועל ניט לאָזן, אז די קינדהײַט אײַערע
זאָל זײַן פאַרשטערט.
ניט דערלאָזן כ'וועל צעצינדן
אַטאָם-פלאַמען אף דער ערד.

●

ווערק פֿון אויסלענדישע שרײַבער

מוישע גיציס
(טשיקאַגאָ)

דער טאַבו

(דערציילונג)

מערקין איז אַרײַנגעקומען אין דער קאַפעטעריע, אַ קוק געטאָן אויף דעם ווינקל צי „זײַן" טישל איז ניט פֿאַרנומען. צוגעגאַנגען, אַוועקגעלייגט דעם זשורנאַל אויף דעם טישל, אויסגעטאָן דעם מאַנטל און געלאָזט זיך גיין נעמען זײַן פֿאַרנאַכטיקן מאָלצײַט: געבראָטן פֿלייש, אַ געבראָטענע קאַרטאָפֿל, ברויט מיט פּוטער, אַ שטיקל עפּל־שטרודל און אַ טעפּעלע קאַווע. צוריקגעקומען מיט דער טאַץ, אַנידערגעזעצט זיך, און איידער ער האָט זיך גענומען עסן, אויפֿגעמישט אין דעם זשורנאַל אַן עסיי, וועלכן ער האָט נאָך אײַנדערפֿרי אָנגעהויבן צו לייענען.

קעגניבער אין גרויסן שפּיגל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זײַן לענגלעך פּנים, די גרויסע טשופּרינע בלאָנדע האָר; זײַן לאַנגע, דינע נאָז, מיט די גרויסע אין אַ ברוין רעמל אײַנגעפאַסטע ברילן; די שמאָלע אַקסלען, די לאַנגע הענט מיט די לאַנגע דינע פֿינגער; דאָס געקעסטלטע רעקל און דער ברוינער שניפּס.

ער האָט געגעסן לאַנגזאַם און געלייענט. ער האָט געהאַט גענוג צײַט. און דאָ איז געווען פּונקט אַזוי אָנגענעם צו לייענען, ווי דאָרט בײַ זיך אין צימער בײַ דעם אַלטן פֿאַרפֿאַלק מיסטער און מיסיס גרין. ער איז געווען אַ לײַדנשאַפֿטלעכער לייענער. ער האָט עס ליב באַקומען צוליב זײַן שטענדיקן קאָנטאַקט מיט ביכער דאָרט, אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, וווּ ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער און וואָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו טראָגן זיך פֿון איין בוך צום צווייטן. זײַן אויסוואַל פֿון ביכער איז שטענדיק געווען אַ צוגעקליבענער — ביכער מיט פּראָבלעמען, מיט אידייען; ביכער מיט פֿילאָסאָפֿישן, פּאָליטישן אינהאַלט; און אויך מיט קינסטלערישן, דראַמאַטישן און פּאָעטישן אינהאַלט.

זײַן געהאַלט האָט אים קוים געקלעקט אויף צו דערנערן זיך, עס איז אים אָבער קיינמאָל אויפֿן געדאַנק ניט געקומען צו זוכן עפּעס אַ שטעלע מיט אַ העכערן געהאַלט. אין זײַנע אַכט און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך ניט געקימערט, ניט פֿאַרטראַכט זיך ערנסט וועגן שאַפֿן אַ היים פֿאַר זיך, אַ היים, ווי זײַן פֿרײַנט סאַטלער, אַשטייגער, דער לערער, האָט זיך געשאַפֿן; דער פֿרײַנט, מיט וועמען ער האָט דורכגעמאַכט אַ שוידערלעך שטיק צײַט אין די בלוטיקע דזשונגליעס פֿון וויעטנאַם.

ער איז געוווינט געווען צו זײַן אַליין. צו צוועלף יאָר איז ער געבליבן אַ יתום. זײַן פֿאָטער און מוטער זײַנען אומגעקומען אין אַן אַווטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפֿע. האָט ער זיך אויפֿגעצויגן בײַ זײַן זיידן — אַ רײַכן מאַנופֿאַקטור־קרעמער, אָבער אַ מענטש, וואָס האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער אַלטער ליטע לאַמדאָנעס און אויך אַלגעמיינע קענטעניש, סײַ טראַדיציאָנעל יידישע, סײַ וועלטלעכע. און, האָבנדיק גענוג צײַט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט זײַן אייניקל, מיט זײַן סימכעלען, און פּרובירט אײַנפֿלאַנצן אין אים די ליבשאַפֿט צו

לערנען און לייענען. און ס'איז אים געלונגען. און דערנאָך, ווען דער זיידע איז געשטאָרבן און די צוויי זין און צוויי טעכטער האָבן זיך גענומען טיילן מיט דער ירושה, איז ער ווידער געבליבן אַליין. די באָבע איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר פריִער פאַר דעם זיידן.

אין ער געבליבן אַליין. אַן איינזאַמער. ער איז שוין, ווי זײַן פרײַנט און כאַווער סאָט-לער, געווען געגוג אַלט ווערבירט צו ווערן אין דער אַרמיי; אַ האַלב-רויער, אַ ניט-צוגעגרייטער אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין וויעטנאַם, און אַ לײַכט-פאַרוווּנדעטער צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין ניו-יאָרק, אַן אַנגעזאָפּטער מיט דערפאַרונג, מיט טרויער, מיט עפּעס אַ קלוגשאַפט, וואָס איז געלעגן אין אים שטיל, ווי צוהערנדיק זיך צו עפּעס, מיט אַ געפיל פון אַן אַנטפּלעקונג, אין וועלכער, ווי עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער האָט געפונען דעם זין פון לעבן. געפונען אַ שטעלע אין דער שטאָט-ביבליאָטעק און באַרויִקט זיך. ער האָט מיט-אַמאָל דערזען די זינלאָזיקייט פון מענטשלעכן יאָגן זיך; די זינלאָזיקייט פון האַס, פון פאַרורטייל, פון מוירע און שרעק פאַר געזעלשאַפטלעכע מאַסן, פון מאַראַל. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַף דורך און דורך די מענטשלעכע היפּאָקריטסטווע און אויסגעלאַסנקייט.

ער האָט געגעסן אין דער קאַפעטעריע קימאַט יעדן אָוונט. ס'איז געווען נאָענט פון דער ביבליאָטעק. נאָענט צום מעטראָ. לייענענדיק, האָט ער געררייכערט די ליולקע. ווילנדיק ניט ווילנדיק צוגעהערט זיך צו דער מוזיק, וואָס איז געקומען פון דער ראַדיאָ. ווען-ניט-ווען געכאַפּט אַ קוק אַף די מענטשן אַרום. עס זײַנען געווען מאָמענטן, ווען ס'איז געווען אַנגענעם און אינטערעסאַנט צו קוקן אַף די מענטשן אַרום. מענטשן האָבן גאַנץ אָפט געבראַכט מיט זיך אינטערעסאַנטע באַאָבאַכטונגען, געדאַנקען, באַטראַכטונגען, טרוימען און אַפילע עמאָציעס.

מערקין האָט פאַרענדיקט לייענען דעם עסיי. אַ קוק געטאָן אין דעם גרויסן, ברייטן פענצטער און דערזען, אַז עס שנייט. ווײַסער, פוכקער שניי איז געפאַלן מיט גלאָסענער רויִקייט, אַ באַלויכטענער פון בלאָוון עלעקטרישן נעאָן-ליכט. אַ קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל. דערזען, ווי צום טישל באַם שפּיגל איז צוגעקומען מיט אַ טאַץ שפּײַז אַ יונגע פרוי. עפּעס אין איר האָט דאָ מיטאַמאָל פאַרכאַפּט זײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט אויסגעטאָן איר שוואַרצן מאַנטל מיט דעם קאַפּיושאָן פון איבער איר קאָפּ און איז געבליבן שטיין אין איר גרויען קלייד, אַ מיטלוווקסיקע, אַ שלאַנקע, מיט אַ צוצייענדיקן, פראַפּאַרציאַנאַל גוט פאָרמירטן קערפּער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר. איר גלאַט-פאַרקעמטער שוואַרצער קאָפּ האָט שאַרף אַרויסגעבראַכט איר דין מאַט-טונקל פּאָנעם מיט די הויכע קינבאַקן, פולע, רויטע ליפּן און גרויסע אויגן, אונטער לאַנג-געשלענגלטע ברעמען. עס איז געווען ניט נאָר די שיין-געשניצטע שיינקייט פון דעם קאָפּ און געזיכט, וואָס האָט אים פאַרכאַפּט, נאָר אויך די „אַטמאָספער און שטימונג", — ווי ער האָט אַ טראַכט געטאָן, — אַרום איר פּאָנעם, אין אירע אויגן און ליפּן. עפּעס אינטעלעקטועלס, גײַסטיקס, טרויעריקס און מיסטישס אַפילע, ווי בײַ אַ יונגער אינדישער פרוי, וואָס ער פלעגט אַמאָל טרעפן אַף די גאַסן פון דער מעטראָפּאָליע — פרעמד און עקזאָטיש.

עסנדיק, האָט זי אויך געעפנט אַ בוך און גענומען לייענען. און מערקין האָט, ווי עס פלעגט מיט אים אָפט טרעפן, ווען ער האָט געקוקט אַף מענטשן, אָנגעהויבן צו וועבן אַרום איר אַן עפּיזאָד נאָך עפּיזאָד, וואָס האָבן ווי אַף אַן אומזעבאַרן עקראַן אופגעלעבט און מיט-געריסן מיט נאָך קיינמאָל ניט דורכגעלעבטער ראָמאַנטישקייט. ער האָט אָנגעשטרענגט די אויגן איבערצולייענען דעם נאָמען פון דעם בוך אַף דעם טאָוול — עס איז אים אָבער ניט געלינגען.

ווען זי האָט זיך אופגעהויבן און גענומען איר מאַנטל, האָט ער זיך אויך אופגעהויבן. אַ טראַכט געטאָן: שוין? אַהיים גיין? צו וואָס אײַלן זיך? ער האָט אָבער אויך אָנגעטאָן זײַן מאַנטל און איז איר נאָכגעגאַנגען. געהאָלפן איר עפענען די טיר. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צום מעטראָ. די וואַגאָנען זײַנען געווען קימאַט ליידיק. דאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אַף אַ באַנק לעבן איר און אַ זאָג געטאָן:

— אויב מיר האָבן געגעסן אין דער זעלבער קאַפעטעריע און מיר פאָרן מיט דער זעלבער באַן און זיצן אַף דער זעלבער באַנק, איז עפּשער מעגן מיר אַ שמועס טאָן?

— מע מעג. — האָט זי אַ שמייכל געטאָן. און ווען זי האָט אים אַ פרעג געטאָן ווי ווײַט ער פאָרט, האָט איר דאָרעמדיקע, ספּעציפיש נעגערישע אויסשפּראַך מיטאַמאָל אַנטפּלעקט דעם סאָד. — זי איז אַ נעגערטע, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. אָבער גראָד די

אנטדעקונג האָט אים אָנגעפּילט מיט עפּעס א ווארעמקייט און נאָענטקייט צו איר. אירע גרויסע אויגן, ווי בא א ווילדן הירש, האָבן אים געצויגן ווי אין אן אומבאַקאַנטן וועג אריין.

ער האָט איר געזאָגט ווי ווייט ער פאָרט. אויב אזוי, זיינען זיי דאָך שכיינים קימאט, האָט זי זיך דערפרייט אפילו. די זעלבע קאפעטעריע, די זעלבע באַן, די זעלבע באנק און אפילו די זעלבע אומגעבונג... — האָט זי, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, געלאַכט איראָניש, אנטפּלעקנדיק אירע ווייסע, שטאַרקע ציין אין א יאַם מיט קיין.

דאן האָט ער שוין א פרעג געטאָן, וואָס פאר א בוך זי לייענט. און ער איז ווידער דערפרייט געוואָרן — אן ערנסטן בוך. ער האָט אים אויך געלייענט, דעם בוך. האָט ער געגומען אנטוויקלען זיין מיינונג וועגן דער פּראָבלעם, וואָס דער אוטאָר פונעם בוך האָט באַהאַנדלט. אירע אויגן האָבן א שיין געטאָן מיט פרייד, ווען ער האָט א זאָג געטאָן:

— איין זאַך דאַרפן מיר האָבן אין זינען, אז געזעלשאַפטלעכע מאָראַל און ספּעציפיש אינדיווידועלע מענטשלעכע מאָראַל זיינען צוויי באַזונדערע פאַליוסן. געזעלשאַפטלעכע מאָראַל קאָן אָפט זיין פאַלש און פאַרדאַרבן, היפּאָקריטיש און שקלאַפיש, און אינדיווידועלע מענטשלעכע מאָראַל קאָן זיי ערלעך, ווי די נאַטור אליין.

זי האָט אויך געוואָלט עפּעס צוגעבן, אָבער זיי האָבן באַמערקט, אז זיי דאַרפן ארויס-שטייגן, האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער טיר פון באַן. ער האָט איר געהאָלפן ארופגיין אף די טרעפּ פון דעם מעטראָ.

עס האָט נאָך געשנייט. די ביימער אף דער גאַס זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסן. געפינקלט ווי מיט בריליאַנטן אונטער דער שיין פון לאַמטערנס. די גאַס איז געווען שטיל, פאַרלאָזט. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, און די ווארעמקייט פון איר אָרעם, וועלכן ער האָט אָנגענומען מיט אן אומבאַוווסטזיניקן געפיל פון נאָענטקייט, האָט זיך דורך זיין אָרעם געגאָסן איבער זיין גאַנצן קערפּער.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— דאָ איז די גרענעץ. אדאַנק פאר צופירן מיך ביז אהערצו. פונדאַנען וועל איך שוין אליין גיין. האָט זי געזאָגט שטיל און רויק.

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן צוגעפירט אייך צו אייער הויז, אויב איר ווילט.

— ניין. אדאַנק. — האָט זי געשמייכלט. — א שאָד געווען איבערצורייסן דעם גע-שפּרעך מיט אייך, וואָס אינטערעסירט מיך זייער, אָבער אזוי טרעפט עס... און אזוי איז דאָס — פאַרבאָטענע גרענעצן, וועלכע ס'איז שווער אריבערצוטרעטן. גוד-ביי.

— גוד-ביי, מיס...

— קאַרא טיילאָר.

— און מיין נאָמען איז מערקין.

ער איז געשטאַנען א ווייל און געקוקט ווי זי דערווייטערט זיך און ווערט פאַרהילט אין דער ווייס-פלאַטערנדיקער שנייִקער וואָל, ביז זי איז שוין געווען ווייט פון יענער זייט „גרענעץ"...

ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, געזען אירע הירש-אויגן — גרויסע ווייסלען מיט צוויי טונקל-ברוינע קאַרעלן אין זיי. געטראַכט: א מולאַטקע. האָט זי דערפאַר בעקיוון דערמאָנט די „פאַרבאָטענע גרענעץ".

און, ליגנדיק שוין אף זיין געלעגער, האָט ער געטראַכט וועגן איר. געזען איר, ווי פון א סקולפּטאַר אויסגעפורעמטן, קאָפּ אין דעם שוואַרצן קאַפּיושאָן, אירע ליפּן און שמייכל... און ער האָט ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן.

אף דעם צווייטן טאָג פאַרנאַכט, ווען ער איז אריינגעקומען אין רעסטאָראַן, האָט ער גלייך געוואָרפן זיין בליק צום טישל באַם שפּיגל. זי איז אָבער דאָרט ניט געווען. אויך מיט א שאָ שפּעטער איז זי ניט געקומען. האָט עס אים פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט זי ניט געפרעגט ווער זי איז, מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך, פונוואַנען זי קומט. ער האָט דעם גאַנצן אָוונט ניט אראָפּגענומען דעם בליק פון דער טיר, ניט צו פאַרפעלן צו זען, צי זי קומט אריין, אָדער גייט שוין עפּשער ארויס פון דער קאַפעטעריע. אין דעם אָוונט האָט ער שוין ניט געלייענט און איז אהיימגעפאָרן אן אנטוישטער. דאָס זעלבע אין די צוויי פאָלגנדיקע אָוונטן.

אין דעם פערטן אָוונט, ווען ער איז אריינגעקומען אין דער קאַפעטעריע, האָט ער זי דערזען באַם טישל לעבן שפּיגל און צעשמייכלט זיך פון פרייד. זי האָט אים ניט באַמערקט. ווען ער איז שוין אָבער געגאַנגען מיט זיין מאָלצייט אף דער טאַץ צו זיין טישל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, באַגריסט זי און געפרעגט, צי ער וועט איר ניט שטערן, אויב ער וועט זיך אנידערזעצן לעבן איר בא דעם זעלבן טישל. ער וועט איר ניט שטערן, האָט

זי געזאָגט. פאַרקערט, זי קוקט אַף אים, ווי אַף אַן אַלטן באַקאַנטן. און זי וואָלט זיך עפּשער באַליידיקט גאָר, ווען ער וואָלט זי איגנאָרירט.

— איר האָט מיך אַנטוישט די לעצטע עטלעכע אָוונטן. — האָט ער געזאָגט.

— יאָ? וויאַזוי?

— איר זייַט ניט געקומען.

— איך האָב דען געזאָגט, אַז איך וועל קומען?

— איר האָט ניט געזאָגט, אָבער... איך האָב אייַך דערוואַרטעט.

— מיר זאָלן פאַרזעצן אונדזער געשפּרעך?

— דאָס אויך.

— וואָס נאָך? — האָט זי געשמייכלט.

— איך ווייס ניט, וויאַזוי צו פאָרמולירן מייַן... בענקעניש נאָך אייַך.

— אָ, איר שפּאַסט.

— ניין, איך שפּאַס ניט. איך בין ניט געוווינט צו שפּאַסן. איך בין איינער אַליין אין דער וועלט און איך בין געוווינט צו זאָגן דעם עמעס.

— אַמאָל מיינט מען, אַז מ'זאָגט דעם עמעס, — האָט זי אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס איז אויך אַן עמעס. דאָס האָט שוין צו טאָן מיט דעם בליק אויף לעבן, אַף דער מאָראַל פון פּערזענלעכן, אינדיווידועלן שטאַנדפּונקט. מיט וואָס אָבער וועט איר דערקלערן מייַן מאָדנעם צושטאַנד פון הערן אייַער שטים, ווען עס איז שטיל אַרום און איך לייען, און פון זען אייַער געשטאַלט, אַפילו ווען מייַנע אויגן זייַנען פאַרמאַכט.

— אָ, איר זענט אַ וואָלף... ניין, איר זעט ניט אויס ווי קיין וואָלף. איז דאָס עפּשער עפּעס אַ מין... פלירט פון אייַער זייַט. איר זאָגט, אַז איר זענט אַן איינזאַמער... אויב מ'זאָל עס גלייבן... פילט איר ווי צו פאַרשפּילן זיך מיט אַ ביסל ראָמאַנטיק.

— יאָ... עס איז זיכער פאַראַן אַן עלעמענט פון ראָמאַנטיק אין מייַן געפיל, אין מייַן טראַכטן און אויך אין מייַן ריידן. אָבער איך זאָג דעם עמעס. איך האָב פּריוואַט — געציילטע. איך האָב אַ צימער בײַ אַ פּאָר אַלטע לײַט, וואָס קאָנען ניט צאָלן קיין דירע־געלט, האָבן זיי מיך אַרײַנגענומען. איך בין אַ שטילער. איך בין געווען פאַרוווּנדעט אין וויעטנאַם. איך אַרבעט אין דער שטאָט־ביבליאָטעק. איך לייען אַ סאַך. איך האָב אַ ראַדיאָ. האָב ליב צו הערן באַנאַכט גוטע מוזיק... שטיל... שטיל... כ'זאָל קיינעם ניט אויפוועקן. איך עס דאָ אין דער קאַפעטעריע, ווײַל זיי האָבן גוטע שפּײַז. ס'איז ביליק. ס'איז נאָענט פון דער ביבליאָטעק. איך האָב דאָ אין שטאָט עטלעכע קרויווים. גאַנץ רײַכע, אָבער איך האַלט זיך פונדערווײַטנס. זיי זײַנען מיר פרעמד סײַ מיט זייערע אָנשויונגען, מיט זייער טראַכטן, סײַ מיט זייער סטיל פון לעבן. איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען פאַרליבט. ניט געהאַט קיין צײַט און קיין געלעגנהײַט. אָבער איך האָב אַ פּאָר גוטע פרײַנט, ווי איך האָב שוין געזאָגט. יונגע מענטשן: אַ לערער, מיט וועלכן איך בין געווען אין זעלבן באַטאַליאָן אין וויעטנאַם, און זײַן פרוי; און נאָך איינעם — ער אַרבעט מיט מיר אין דער ביבליאָטעק. אויך אַן איינזאַמער און אַ ביסל אַ מאָדנער. די איבעריקע, וועלכע איך טרעף בײַ קאָנצערטן, בײַ לעקציעס, — זיי זײַנען... אָט ווי די ביכער אין דער ביבליאָטעק. אייניקע — גוטע, אינטערעסאַנטע; די אַנדערע — נודנע, אַ שאָד די צײַט צו פאַטערן מיט זיי. אָט דאָס איז, ווי איך האָב דאָ פּאַר אײַך אַרויסגעלייגט, די גאַנצע סטרוקטור פון מײַן פּערזאָן, אַזוי צו זאָגן. די אינערלעכע, די טיפערע — דאָס וואָלט גענומען לענגער צו דערציילן, אויב איך וואָלט געווען פון די מענטשן, וואָס דערציילן וועגן זיך, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ שמייכל.

זי האָט געטרונקען איר קאַווע און געקוקט אַף אים מיט בליקן, וואָס האָבן באַהאַלטן הינטער זיך אַ קלוגשאַפט, ווי אַ סוידעספול ליכט, וואָס האָט אים אינטריגירט און געצויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אונטער זײַן אָפּענעם, וואַרטנדיקן בליק און געשוויגן.

ער האָט געטראַכט: זי שווײַגט, ווײַל ס'איז איר אומהיימלעך עפּשער. זי איז ניט צוגעוווינט עפּשער צו אַן אָפּנהאַרציקן שמועס מיט אַ ווײַסן. זי געטרויט ניט און גלייבט ניט אין מײַן אופריכטיקײַט.

— איר אַרבעט ערגעץ דאָ ניט ווײַט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— יאָ... — האָט זי זיך ווי אויפגעכאַפּט פון פאַרטראַכטונג. — איך אַרבעט אין דעם „דזשעי־בי״ דעפּאַרטאַמענט קראָם. איך פאַרקויף מוזיק־פּלאַטן.

— הא, דאָס דאַרף זײַן אַן אָנגענעמע אַרבעט.

— מער אָדער ווייניקער.

— אויב אַזוי, זײַט איר דאָך פרײַ אין די זונטיקן.

— יאָ.

זיי האָבן געשוויגן א ווײַלע. קעדיי אָנצוהאלטן דעם געשפּרעך, האָט ער א פרעג געטאָן:
— האָט איר דאָרט די מוזיק־פּלאַטן פון פאַל ראַבסאָן?
זי האָט זיך שטיל צעלאַכט.
— פארוואָס לאַכט איר? — האָט ער געפרעגט.
— א... גלאַט אזוי. אָבער... לאָמיך אײַך זאָגן: איך האָב געלאַכט, ווײַל... ס'איז א מאָדנער שטריך, א קלישע קימאַט בא אלע... ווײַסע. איר האָט מיך ניט געפרעגט, צי מיר האָבן דאָרט די מוזיק פון א שאַליאַפּין, צי פון א שובערט, צי פון א יאשע כייפעץ. איך מיין ניט צו באַליידיקן אײַך, אָבער אויך איר, ווי אלע אנדערע, מיינט, אז בא א נעגערטע דאַרף מען פרעגן וועגן א נעגערישן קינסטלער; אז עס וועט זיי דערמוטיקן אין זייער צושטאַנד, ווען איר וועט זיי לאָזן וויסן, אז איר ווייסט, אז אויך זיי האָבן גרויסע קינסטלער.
— קאַרא... קאָן איך אײַך רופן קאַרא? קאַרא, פּסיכאָלאָגיש גערעדט, זײַט איר גע־רעכט, באַמערקנדיק אָט דעם שטריך אין אונדז, צי, לאָמיר זאָגן, אין מענטשן אין אלגעמיין. איר זענט אָבער צו פּילבאַר, קאַרא. און איר דאַרפט ניט אופהייבן יעדעס מאָל די האַנט צו... צו...
— צו ווײַזן די נעגל, — האָט זי זיך צעלאַכט. — אנטשולדיקט מיר, איר זענט גע־רעכט. אין דער באַמערקונג מײַנער איז עפּשער שולדיק מער מײַן אייגענער באַגער צו ווײַזן אײַך, ווי גוט איך באַטראַכט די דאָזיקע שטריכן.
— און אין מײַן אונטערבאַוווּסטזײַן איז מיסטאָמע געלעגן דער באַגער צו דערנעענטערן זיך צו אײַער נעשאָמע, צו אײַער גײַסט דורך דער פּריזמע פון קונסט, צי וויסן וועגן קונסט, קאַרא. מיר געפעלט אײַער נאָמען. ער האַרמאָנירט מיט אײַער פּערזענלעכקײַט. געדענקט איר מײַן נאָמען?
— אײַער נאָמען איז מערקין.
— איר געדענקט. גוט. מײַן ערשטער נאָמען איז סימור.
— אַלרײַט. סימור.
— איך וואָלט געוואָלט ריידן מיט אײַך מיט דער ביבלישער שפּראַך, ווען דאָס וואָלט מעגלעך געווען פאַר אונדז.
— צוליב וואָס? — האָט זי זיך פארוווּנדערט.
— אין אונדזער טאָגטעגלעכער שפּראַך רעדט ניט איינער צום צווייטן אויף „דו". „דו" איז דאָך נעענטער, האַרציקער, — אָט, ווי די קווייקערס דאָ אין לאַנד ריידן. זאָלט איר וויסן, קאַרא, אז פון איצט אָן און אויף ווײַטער, אויב מיר וועלן זיך טרעפן, זאָלט איר אין מײַן ווענדונג צו אײַך הערן בלויז דעם „דו", אפילו ווען אויף אונדזער ענגלישער שפּראַך מיינט עס „איר".
— מיט מײַן מאַמען וואָלט איך געקענט ריידן אויף דער שפּראַך פון דער ביבל, — האָט זי זיך צעלאַכט.
— ווער וויל ריידן מיט דײַן מאַמען מיט דער שפּראַך פון דער ביבל? — האָט ער אויך געלאַכט. — האָסט באַמערקט ווי איך האָב איצט גערעדט צו דיר אויף „דו"?
— באַמערקט.
— און ווי קומט עס צו אײַער מאַמע אזא קענטעניש פון דער ביבל?
— מײַן מאַמע לעבט מיט דער ביבל און אין דער ביבל. זי איז נאָך א יונגע, קוים פופציק יאָר אלט. אָבער איר קאָנט מיינען, אז זי איז הונדערט יאָר אלט. זי איז זייער טעטיק אין דער קירך. זי זינגט זייער שיין, ווי א יונג מיידל. זי פלעגט מיך שטענדיק מיטנעמען מיט זיך און איך האָב אויך געזונגען אין כאָר. ביז איך בין אונטערגעוואַקסן.
זי איז אנשוויגן געוואָרן. געקוקט ערגעץ אין א ווײַטקײַט, ווי דערמאָנענדיק זיך עפּעס. און ווידער גענומען ריידן:
— מײַן מאַמע...
זי איז א קליינינקע איר מאַמע. און איר דאַכט זיך, אז קיין שענערע און ערלעכערע נעשאָמע האָט זי נאָך ניט באַגעגנט, זי טיילט זיך מיט איר לעצטן ביסן מיט די אָרעמע שכיינים ארום. זי שטייט אויף זייער פרי. זי גרייט צו דעם פרישטיק. דערנאָך ראַמט זי צו די צימערלעך. זי לאָזט זיך צום מעטראָ און פאָרט ארבעטן — וואַשן, פרעסן, ראַמען די הײַזער פון דעם האַלב צענדליק, צי צענדליק רײַכע פרויען־באַלעבאַסטעס, צו וועלכע זי גייט יעדער איינער א טאָג ערגעץ דאָרט, אין די רײַכע קוואַרטאַלן. און יעדע באַלעבאַסטע איז אַן אנדער מענטש, מיט אירע ספּעציפישע מעשוגאַסן. זי איז אָבער א גוטהאַרציקע, א גאָט־מוטיקע, די מאַמע. זי קומט אהיים, קאָכט וועטשערע פאַר זיך און פאַר דעם ייִנגערן ברו־דער, וועלכער עסט אינדערהיים דרײַ מאָל אין דער וואָך. דער ברודער... ער האָט איצט א

גוטן דזשאָב. ער קאָן אָבער ניט שפּאָרן. ער האָט זיך זײַנע כאַלוימעס. ער איז שוין געווען א טאַקסיסט. איצט איז ער אַן אויטאָבוס-שאָפער. עס איז שווער מיט אים אויסצוקומען. ער איז א זייער טעמפּעראַמענטפולער און אַן עגאָיִסט. קומט איר אויס אָפּט צו אַרגומענטירן מיט אים, צו קריגן זיך מיט אים צוליב זײַן הייס בלוט. איבערהויפּט קריגט זי זיך מיט אים צוליב די פרײַנט זײַנע, וואָס ער ברענגט אין הויז אַרײַן. עס גייט איר ניט אין זײַן כאַוועריאָרן. א געגעטער. ער דערגייט איר די יאָרן, דער ברודער, אַז זי זאָל מיט דעם האַלב-כעמיקער הייראַטן... (זי איז אַנשוויגן געוואָרן אַף א ווײַלע, ווי איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם.) דער צווייטער איז א מוזיקאַנט, א סאַקסאָפאָניסט אין עפּעס אַן אָרקעסטער. ער איז אָבער א ווינטיקער... ער טרינקט און ווייסט ניט, און וויל ניט וויסן, פון זײַנע פליכטן צו זײַנע אייגענע און צו דער געזעלשאַפט ביכלאַל. און א דריטער... ווייסט איין גאָט, וואָס דער דאָזיקער מענטש טוט און פון וואָס ער לעבט. ער קומט אָבער אָפּט אין הויז אַרײַן און כאַפּט אין מויל אַרײַן, וואָס די מאַמע גרייט צו, און רעדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער, פאַנטאַזירט און זאָגט איר, קאַראַן, צו גליקן, אויב זי וועט כאַסענע האָבן פאַר אים. אָט, צווישן אַזעלכע מענטשן קומט איר אויס אויסצולעבן זיך אינדערהיים, ווען זי קומט פון דער אַרבעט און אין די זונטיקס. שוין א פּאָר מאָל געקליבן זיך צו זוכן א צימער פאַר זיך ערגעץ אין אַן אַנדער געגנט, אָבער דער ברודער סטראַשעט, אַז ער וועט איר אָנברעכן די ביינער, אויב זי וועט אַוועק וווינען אַליין ערגעץ אַנדערש-ווו. די איינציקע סיבע, פאַרוואָס זי גייט ניט אַוועק, איז די מוטער. זי וועט לײַדן, די גוטע טאַכטער אירע, איינע אַליין צווישן פרעמדע מענטשן ערגעץ — זי קאָן נאָך אַראָפּ פון וועג... יאָ, אַמאָל לאָזט זי זיך מיט איר כאַווערטע, קאָרנעליִא הייסט זי, און זי איז זייער א שיינע, לאָזט זי זיך גיין מיט איר צו א קלוב, ווו מע טרעפט יונגע מענטשן פון בעסערן קלאַס; ניין, ניט קיין רײַכע, נאָר מער ערנסטע; זיי לייענען גוטע ביכער, זיי דיסקוטירן; פאַראַן דאָרט אויך א פּאָעט, וואָס לייענט זײַנע פּאָעמעס. א יונגער מענטש פון אַלאַבאַמאַ. מע רעדט וועגן די לויפנדיקע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע געשעענישן; אַמאָל טאַנצט מען, אַמאָל גייט מען צוזאַמען צו א פּאָרשטעלונג, צו אַן אויסשטעלונג, אָדער א לעקציע; און אַמאָל, אָבער זייער זעלטן, קומען אַרײַן אין קלוב אויך ווײַסע סטודענטן צו באַאָבאַכטן און דורכלעבן, אַזוי צו זאָגן, א פּאָר שטונדן אין א נײַער און פרעמדער אַטמאָספער. האָט דער ברודער אויסגעפונען דעם קלוב און ער איז א פּאָר מאָל געקומען מיט זײַנע פרײַנט, און גענומען מאַכן סקאַנדאַלן. — זיי זײַנען קאָמוניסטן, — שרײַט ער. — זיי זוכן בלויז צו פאַרפירן, אופצורייצן אומוויסנדע מענטשן, פירן פרײַע ליבעס! — און ער איז געווען גרייט צו שלאָגן זיך, צו פאַרגיסן בלוט... — האָט זי דערווײַל אופגעהערט צו גיין אַהינצו. בלײַבט, הייסט עס, מוזיק, ביכער, די סינעמאַ און דער מאַמעס טפילעס. דאָ, אין דער קאַפעטעריע, ווו עס הענגען די שיינע קרישטאָלענע ליוסטרעס און עס הערט זיך די שטילע מוזיק, קאָן זי לייענען און אַפילע שרײַבן — זי פּרוּווט דערציילן וועגן איר לעבן אין א שטעטל אין דאָרעם, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און געלעבט דאָרט ביז דער עלטער פון צוועלף יאָר... די דאָרעמדיקע אויסשפּראַך און דער אַקצענט איז איר פאַרבליבן, ווי א באַזונדערער דיִאַלעקט... און דאָ, אין ווינקלען פון באַזונדערער אָריגינעלער קולטור, ווו זי פילט זיך איצט ניט אַהין, ניט אַהער... — אויך אין א מין איינזאַמקײַט...

זי איז אַנשוויגן געוואָרן. א קוק געטאָן אַף זיך אין שפּיגל און צעשמייכלט זיך.

— עס געפעלט מיר דײַן געהיימניספולער שמייכל, — האָט ער א זאָג געטאָן, צובייגנדיק זיך צו איר. — אַן אייגנאַרטיקע מאָנאַ ליזאַ. זאָגט מיר... — האָט זיך אים ניט געוואָלט פאַרלירן דעם אָנגעצויגענעם פאָדעם אין איר אָפנהאַרציקן געשפּרעך מיט אים, — האָט איר דאָרט אַמאָל אין דעם „דזשעי-בי” צו שאַפן זיך פרײַנט. עס זײַנען דאָך פאַראַן דאָרט אַזויפיל אָנגעשטעלטע... אַלערליי מענטשן...

— פּרובירט, — האָט זי געזאָגט. — די פּרויען, סײַ די עלטערע, סײַ די יִינגערע, לאָזן גראָדע פילן זייער פרײַנטשאַפט. און ס׳איז מיר זעלטן אויסגעקומען צו הערן פון זיי אינסינואַציעס, אָדער אָפענע רייד וועגן מײַן ראַסע. די מענער אָבער, איבערהויפּט די יִינגערע, האַלטן זיך פרײַנטלעך, אָבער ביז א געוויסן גראַד... מיט געוויסע פאַרמאַסקירטע רעזערוואַציעס, קיינמאָל ניט איבערצושפּאַנען די טאַבו — די פאַרבאָטן אין דער עפנטלעכקײַט שטענדיק צו בלײַבן שטיין בא די ראַסן-שוועלן, בא דער גרענעץ. אָט האָב איך ניט לאַנג צוריק ניט ווילנדיק אונטערגעהערט א געשפּרעך צווישן צוויי יונגע מענער. איך בין זיי ביידן געפעלן. איך האָב עס געקאָנט זען, און געקאָנט אַפילע פילן... ווען איינער פון זיי האָט זיך איינמאָל, ווען קיינער איז ניט געווען אַרום, באַנוצט זיך מיט דער געלעגנהײַט

און אָנגעכאַפּט מיך בײַ די הענט מיט אַזאַ קראַפט, אַז מיר איז געוואָרן שווער אַרויסצורײַסן זיך פון אים. יאָ... ווײַטער וועגן זײער געשפּרעך: אײנער האָט אַ זאָג געטאָן צום צווייטן: — זי איז אַ שײנע, קאַרא. — יאָ, יאָ, — האָט געזאָגט דער צווייטער. — ס'איז קימאַט ניט צו דערקענען, אַז זי איז אַ נעגערטע. איך האָב אַ גאַנץ לאַנגע צײַט געמײנט, אַז זי איז פון דער לאַטײַנישער ראַסע. אָבער ווייסט דאָך... פריִער אָדער שפּעטער דערקענט מען. — און וואָלסטו געקאָנט פאַרליבן זיך אין איר? — האָט געפרעגט דער צווייטער. — נאָך וויִאַזוי! — האָט דער ערשטער געענטפערט. אָבער... טאַקע בלויז פאַרליבן זיך, פאַרבינדן זיך מיט איר וואָלט איך ניט געקאָנט. איך וואָלט מיסטאָמע קײן מוט ניט געהאַט. — ביסט גערעכט, — האָט צוגעגעבן דער צווייטער. — ס'איז עפּשער נאַריש, אָבער אַזוי איז די מענטשהײַט און אַזוי זײַנען מיר — ניטאָ קײן מוט. אָט אַזוי אומגעפער האָבן זיי, אויב ניט מיט די זעלבע ווערטער, גערעדט וועגן מיר. און דאָס איז דער ענטפער אויף אײַער פראַגע. איך, פון מײַן זײַט, האָב, דאַכט זיך, מוט. ווו געפינט מען אָבער אַ ווײַסן מיט דעם זעלבן מוט?

— עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע... — האָט מערקין געזאָגט.

— מע וואָלט זיי באַדאַרפט אַרויסשטעלן אויף כידעש ווי זעלטענע עקזעמפּליאַרן.

— עס וווּנדערט מיך, ווי איך וואָלט אויסגעזען אויף אַזאַ מין אויסשטעלונג. — האָט מערקין געזאָגט, שמייכלענדיק.

— איר האָט אַ פײַנעם הומאָר, — האָט אויך קאַרא געשמייכלט.

— איז אײַער מאַמע אויך אַזוי שײן און קלוג, ווי איר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— מײַן מאַמע אין איר טונקל-ברוינקײַט איז, דאַכט זיך מיר, געווען נאָך שענער פון מיר. אַ ביבלישע שײנקײַט, ווי איך שטעל זיך מיר פאָר. אַז מיר ווילן זיך נאָך טרעפן, וועט איר מיך אָפט הערן ריידן וועגן מײַן מאַמען און וועגן איר ביבל. מײַן מאַמע פלעגט אָפט לייענען פאַר מיר די ביבל, ווען איך בין געווען אַ יונג קינד. איך קען אויך אַ סאַך פּסאַלמען אויף אויסווייניק.

— טראָגט איר אַ צײלעמל, קאַרא?

— נײן. אָבער איך באַוווּנדער יעזוסן און זײַן מאָראַל. מיר דאַרפן אָבער ניט טראָגן קײן צײלעמלעך צו דערמאָנען זיך אין די טראַגישע לײדן פון מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

— ביסט קלוג, ווי דער טאָג, קאַרא, און איך וואָלט דיך אַ קוש געטאָן, ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז ס'וועט דיך ניט ברענגען אין פאַרלעגנהײַט.

— מײַן מאַמען וואָלט זײער געפעלן, ווי איר רעדט. מיט דעם "Thou". ווי קומט עס צו אײַך?

— פון לייענען דעם נײַעם און דעם אַלטן טעסטאַמענט אין ענגליש אין דער אַוטאָריזירטער ווערסיע פון דעם קיניג דזשיימס דעם ערשטן.

— עס איז צו באַוווּנדערן.

— איך בין געווען און פאַרבליבן אַ וווּנדערקינד. זאָג מיר בעסער, וואָס טוסטו מאָרגן, קאַרא? מאָרגן איז דאָך זונטיק.

— אינדערפרי וועל איך עפּשער גײן מיט דער מאַמען אין קירך. דערנאָך... בין איך פרײַ.

— וואָלט איר עפּשער געוואָלט גײן מיט מיר צו דעם קונסט-מוזיי, צו אַ נײַער אויסשטעלונג?

— גוט. איך בין שוין דאָרט לאַנג ניט געווען. איך וועל גײן מיט פאַרגעניגן, אויב איר ווילט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט, ווו און ווען צו טרעפן זיך. דערנאָך ווידער געגאַנגען בײדע צום מעטראָ; דערנאָך ווידער געגאַנגען בײדע ביז צו דער „גרענעץ" און געזעגנט זיך; און ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זײַנער מיט צאַרטקײַט, מיט וואַרעמקײַט, זי זאָל ניט פילן קײן קלאַמערן... און זי איז ווידער פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקײַט, און ער האָט געשפּאַנט אַהײם, געשפּאַנט און געטראַכט: וועגן עמעס, וועגן מענטשלעכער פרײַהײַט און ווירדע... איז דאַרף ער זיך פרעגן, שטעלן די פראַגן צו זיך און ענטפערן זיך, אָט ווי זי האָט דערציילט וועגן די צוויי יונגעלײַט, וועמעס געשפּרעך זי האָט, ווילנדיק ניט ווילנדיק, אונטערגעהערט. געפעלט זי אים? — יאָ. — וואָלט ער זיך געקאָנט פאַרליבן אין איר? — ער איז, דאַכט זיך, שוין פאַרליבט. — פאַרליבט בלויז צוליב... פירן אַ ליבע... צוליב סעקסועלן פאַרגעניגן?... — נײן, ניט בלויז צוליב סעקס, נאָר אויך צוליב גײַסטיקער און עסטעטישער נאָענטקײַט און אינטימקײַט, וואָס גײט פון יאָר צו יאָר אין דעם לויף פון אַ צוזאַמענלעבן אונטער די בליקן פון מענטשנהאַסער, פון קלײנע מענטשעלעך, וואָס קאָכן זיך אין זײער אײגענעם פאַרסאַמטן בלוט...

זי איז געקומען צו דער צײַט. ווען זיי זײַנען געגאַנגען פֿון בילד צו בילד, האָט מערקין געקוקט מער אויף איר, ווי אויף די בילדער. געטראַכט: אַך, ווען ער וואָלט געווען א קינסטלער, א מאָלער... ווי גוט, ווי וווּנדערבאַר עס וואָלט געווען צו מאָלן זי. אָט אַזוי, ווי דאָס מיידל אויף יענעם בילד, אויך אײנע פֿון איר ראַסע... ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. געגאַרט צו דערזען עפּעס א באַקאַנט פּנים — זאָלן זיי זען, מיט וואָס פֿאַר א שיינער, עקזאָטישער יונגער פֿרוי ער גייט דאָ אַרום. ער האָט אָבער קיין באַקאַנטע ניט געזען.

אויך אין דעם קליינעם רעסטאָראַנדל, וווּהין זיי זײַנען דערנאָך אַרײַנגעגאַנגען, האָט ער קיין באַקאַנטע ניט געטראָפֿן — פֿונוואַנען פּלוצעם זאָלן זיך צו אים נעמען באַקאַנטע אין די מוזייען און רעסטאָראַנען, האָט ער וועגן זיך אַליין מיט כּויזעק א טראַכט געטאָן. דאָס אָרט איז געווען ווי פֿאַרלאָזט און בלויז איין קעלנערין איז געזעסן בײַ א ווײַט טישל און צונויפֿגעלייגט סאַלפֿעטקעס. דערזעענדיק די צוויי געסט, האָט זי זיך אויפֿגעהויבן און איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען.

זיצנדיק שוין בײַ א טישל, האָבן זיי שטיל גערעדט. זי האָט דאָס מאָל געטראָגן א ווײַסן סוויטער. גאָלדענע אויריינגלעך. אירע לאַנגע פֿינגער מיט די פּאָלירטע נעגל האָבן זיך ניט גערוּערט, ווען ער האָט זיי גענומען אין זײַנע הענט, געגלאַשטשעט זיי און געטראָגן צו זײַנע ליפּן; אירע אויגן און איר שמייכל האָבן אָבער געוועלטיקט איבער זײַן גאַנצן געמיט און איבער זײַן געדאַנק און וואָרט.

— זי קוקט אויף אונדז און שמייכלט, די קעלנערין, — האָט קאַרא געזאָגט.

— ניט גענוג. איך וואָלט געוואָלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל קוקן אויף אונדז.

— ווי אויף די בילדער אין דעם קונסט-מוזיי? — האָט זי געשמייכלט.

— ניטאָ אין מוזיי אַזאַ שיין בילד, ווי דו ביסט.

— ס'א פֿאַרבלענדעניש אַזאַ, כאַ-כאַ... א קונסט-בילד קאָן לעבן אייביק, און איך וועל פֿאַרוועלקט ווערן מיט דער צײַט. און... איר וועט מיך ניט זען אַפֿילו, ווען איך וועל שוין זײַן פֿאַרוועלקט, אָט, ווי מײַן פֿאָטער זעט ניט מײַן מוטער...

— איך וואָלט געוואָלט זען אײַער מוטער.

— נײַגעריק צו זען די... וואָרצלען?

— פֿלאַנצן און ביימער באַהאַלטן זייערע וואָרצלען, אָבער מענטשן, דאַכט זיך מיר, האָבן א שטאַרקן באַגער צו אַנטפּלעקן די וואָרצלען און די טיפֿקייטן, אין וועלכע די וואָרצלען גייען פֿון דורותּס. און וואָס טיפֿער און ווײַטער די וואָרצלען זײַנען, אַלץ שטאָלצער זײַנען זיי. דאָס גיט זיי עפּשער מער קויעך, עפּשער אילוזאָרישן קויעך, אין וואָס אָנצוהאַלטן זיך.

— איך וועל איר זאָגן, אַז איר וואָלט געוואָלט זי זען. זי וועט מיסטאָמע א זאָג טאָן: אַזוי ווי מיט איר מאַמע אין איר יוגנט, אַזוי איז אויך מיט איר טאָכטער...

— איך בין איצט נאָך מער נײַגעריק.

— וועלן מיר זען. עפּשער מאָרגן, אַז מיר וועלן זיך טרעפֿן אין דער קאַפֿעטעריע, וועלן מיר אַהיים גיין צוזאַמען. וועלן מיר שוין אויך אַרופֿגיין זען די מאַמע.

אויף דעם צווייטן טאָג אין אָוונט איז זי אָבער אין דער קאַפֿעטעריע ניט געקומען. ער האָט געוואַרט, געמיינט, אַז זי האָט מיסטאָמע בלויז פֿאַרשפּעטיקט. און, ניט דערוואַרטנדיק זיך, איז ער אַהיים געפֿאָרן. געטראַכט, אַז ווער ווייסט, עפּשער איז זײַן פּלוצעמדיקער באַגער צו זען איר מוטער, וואָס איז פֿון זײַן זײַט עפּשער ניט מער ווי אַן אומבאַוווּסטזיניקער זשעסט אַזאַ, צו דעמאָנסטרירן זײַן פֿאַרינטערעסירונג, עפּשער האָט דאָס אין איר מוטערס אומרויִקײַט און אומבאַקוועמלעכקײַט, פּונקט פֿאַרקערט, געשאַפֿן א באַריער... און צו וואָס דאַרפֿן זיי דאָס...

דעם דריטן טאָג, אין אָוונט האָט ער זי דערזען אין דער קאַפֿעטעריע. ער האָט געזוכט אין אירע אויגן אַן ענטפֿער אויף דער שטומער פֿראַגע און ניט געפֿונען. האָט ער א זאָג געטאָן:

— איך האָב שוין געבענקט.

— איך אויך, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אים דערנאָך דערציילט, אַז איר מוטער איז קראַנק געוואָרן. עס טרעפֿט מיט איר. זי האָט א שוואַך האַרץ. זי פֿילט זיך שוין אָבער בעסער.

אין דעם אָוונט איז ער אַריבערגעטראָטן די „גרענעץ", די פֿאַרבאָטענע שוועל... געבראָכן דעם טאַבו. בלויז צוויי, צי עפּשער דרײַ קוואַרטאַלן, און עפּעס האָט מיטאַמאָל אויפֿגעוואַכט אין אים מיט אַן אומבאַקאַנטער שטימונג. אין דער אָוונטיקער גאַס — דאָ און דאָרט באַגעגנט אָרעם געקליידטע מענער און פֿרויען. א פּאָר האָבן זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט. דערקענט קאַראַן. באַגריסט זי און געוווּנדערט זיך מיסטאָמע, ווער דער בלאָנדער, ווײַסער יונגערמאַן איז...

זיי זײַנען צוגעקומען צו א גרויסן וווינונגס־הויז, וואָס האָט זיך ווייניק אונטערשיידט פון די אנדערע וווינונגס־געבײַדעס. אַף די טרעפּ שוין, וואָס האָבן געפירט צום פּערטן שטאָק, האָבן זיי זיך אָנגעשלאָגן אין א קאָפּטע שווארצטשיינעוודיקע קינדער, וואָס זײַנען מיט טומל ארונטערגעלאָפן צו דער דרויסנדיקער טיר: — האי, האַרא! האי, מאַן!... קאַראס מוטער, דערהערנדיק דעם קלונג (קאַרא האָט אָנגעקלונגען), איז שוין געשטאַנען בא דער אָפענער טיר.

— דאָס איז מיסטער מערקין, מאמע, — האָט קאַרא געזאָגט.

די מוטער האָט געקוקט אַף מערקינען, און מערקין האָט געקוקט אַף איר: א טיפּישע נעגער־פרוי, ווי יענע פרויען, וועלכע ער באגעגנט אָפט אין מעטראָ אין די פרימאָרגנס, ווען ער פאָרט צו דער ארבעט, צי אין די אָוונטן, ווען ער פאָרט פון דער ארבעט. גלאַט פארקעמט, ווי קאַרא. געקליידט אין שווארצן. אירע אויגן האָבן אים א פארכאַפּ געטאָן מיט עפּעס אן אויסדרוק ווי געבעט, זי האָט אויסגעזען איידל און קליין. און מיטאמאָל האָט זי א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— גיט מיר אײַער מאנטל, איך בעט אײַך.

ער האָט אראָפּגענומען זײַן מאנטל, געגעבן איר און, ארומקוקנדיק זיך, אנידערגעזעצט זיך. זי האָט זיך אנטשולדיקט און איז מיטן מאנטל ארײַן אין אנדער צימער, קאַרא איז איר נאָכגעגאנגען.

מערקין האָט זיך ארומגעקוקט. א טיפּישער צימער, אָט ווי בא זײַנע יידישע באַלעבאַטים, ווו ער וווינט. א סאָפע, א פּאָר ווייכע שטולן, א פּאָר קליינע טישעלעך, א פּאָר לאָמפּן מיט גרויסע אבאַזשורן; א ביליק בילד אַף דער וואנט; א טעלעוויזאָר אין א ווינקל; א פּאָר טעפּלעך מיט בלומען — וואזאָנעס אַף א פענצטער; דער טעפּיך — אַלט און אָפּגעריבן; די וואנט שוין אויך ניט פריש און ווי פארויכערט. קאַרא און איר מוטער זײַנען צוריק ארײַנגעקומען.

— מײַן מאמע זאָגט, אז איר זעט אויס צו זײַן א גוטער. — האָט קאַרא געזאָגט. די מוטער האָט געשמייכלט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

— א דאנק, מיסיס טיילאָר, ס׳איז זייער אָנגענעם צו הערן דאָס, — האָט מערקין געזאָגט, און צו קאַראן: — זי פארלאָזט זיך מיסטאמע אַף איר אינטויציע. און וואָס דענקט איר וועגן מיר, קאַרא?

— איך וואָלט אײַך ניט געבראַכט אהערצו צו אונדז, ווען איך וואָלט געהאַט א שלעכטע מיינונג וועגן אײַך.

די מוטער האָט זיך ווידער אנטשולדיקט. זי וועט גיין אין קיך צוגרייטן עפּעס.

— עפּשער ווײַן... מיסטער מערקין, צי עפּשער קאַווע מיט זיסע קיכלעך...

— קאַווע, קאַווע, — האָט מערקין געזאָגט.

קאַרא איז געזעסן קעגן אים אין איינעם פון די ווייכע שטולן, געקוקט אַף אים א שווײַגנדיקע, ענדלעך א זאָג געטאָן:

— א גאַסט דאַרף מען פארווײַלן, אָבער גראָדע איצט ווייס איך ניט, וויאַזוי און פון וואָס אָנצוהייבן.

— פילט זיך פרײַ, פילט זיך, ווי בא זיך אינדערהיים, קאַרא. — האָט מערקין האַלב־שפּאַסנדיק געזאָגט. — מיך דאַרף מען ניט פארווײַלן. איך קאָן האנאָע האָבן אפילו ווען איך שווײַג, און אז מע שווײַגט צוזאמען, ניט פילנדיק דעם דרוק פון דעם שווײַגן, איז עס נאָך מער אָנגענעם.

די מוטער האָט געבראַכט קאַווע, און קאַרא האָט אוועקגעשטעלט אַף דעם טישל די קוכנס. די מוטער האָט זיך אוועקגעזעצט אַף א ווייכן שטול אין דעם ווינקל בא א לאָמפּ און גענומען פון טישל די ביבל.

— איר וועט מיר אנטשולדיקן, — האָט זי א זאָג געטאָן. — איך האָב נאָך הײַנט ניט ארײַנגעקוקט אין דעם הייליקן בוך — די ביבל. זי איז דאָך מער אײַערע, ווי אונדזערע, מיסטער מערקין. קוקט איר אמאָל ארײַן אין איר?

— ווען איך בין געווען א יינגל, האָט מײַן זיידע מיט מיר געלערנט פון דעם הייליקן בוך. ווען איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך שוין אליין גענומען לייענען דעם נײַעם טעסטאמענט. איצט בין איך יעדן טאָג קימאַט ארומגערינגלט מיט אריבער א מיליאָן ביכער דאָרט, אין דער ביבליאָטעק, ווו איך בין אָנגעשטעלט און איך האַלט אין איין לייענען און לערנען.

— איר זענט, מיסטאמע, זייער געלערנט. איך זאָג אָבער אָפט קאַראן: דאָס הייליקע

בוך האָט אין זיך אַלע ענטפערס צו אַלע פּראָבלעמען, צו אַלע מענטשלעכע לײַדן, מענטשלעכע פרייַדן, זייער דערהויבונג און געפאַלנקייט. איך האָב זיי ליב, די ייִדן.

— מייַן מאַמע, ווי איר זעט, איז א טיף-גלויביקע. — האָט קאַרא געזאָגט.

— „געבענטשט זייַנען די דאַזיקע, וואָס גלויבן", — האָט דאָך יעזוס געזאָגט. — האָט מערקין פון זייַן זייַט צוגעגעבן.

— זעצט, טאָכטער... — האָבן דער מוטערס אויגן אופגעשייַנט. — ער ווייסט. — זי האָט א ווייַלע געקוקט אף אים א שמייכלענדיקע און געעפנט די ביבל.

— לייענט איר עפּעס גוטס לעצטנס? — האָט זיך מערקין געווענדט צו קאַראַן.

— הא... איך האָב מיר מייַן קליינע ביבליאָטעק בא זיך אין צימער, אין שלאָפצימער, אייגנטלעך, איר ווילט עפּשער זען מייַנע ביכער און מייַנע מוזיק-אַלבאָמען?

— מיט פאַרגעניגן.

זיי האָבן זיך אופגעהויבן און זייַנען אַרייַנגעגאַנגען אין איר צימערל. זיי זייַנען דאָרט געווען א פּופצן מינוט, ווען מערקין האָט דערהערט, ווי ס'האָט זיך געעפנט די פראָנט-טיר און א מענערישע שטים האָט אויסגעשריגן:

— האַי, מאַם!..

— מייַן ברודער... — האָט קאַרא א זאָג געטאָן און פאַרמאַכט די אויגן, ווי וועלנדיק באשיצן זיך פון אן אומאַנגענעם געפיל.

זי איז מיט מערקינען צוריק אַרייַנגעקומען אין פראָנט-צימער, און איר ברודער, א מיטלוווּקסיקער, א שווער-לייַביקער, מיט א גרויסער נאָז און דינע ליפּן האָט, דערזעענדיק מערקינען, צעעפנט ברייט די אויגן און געגומען ווארפן פאַרוווּנדערטע בליקן צו דער מוטער און פון דער מוטער צו קאַראַן.

— דאָס איז מייַן ברודער עמעט. — האָט קאַרא געזאָגט. — און דאָס איז מיסטער מערקין, עמעט.

— זייער אָנגענעם. — האָט מערקין אויסגעשטרעקט די האַנט.

עמעט האָט אים געגעבן די האַנט און שנעל צוריקגעצויגן דעם האַנט-דרוק.

— איך אַרבעט הייַנט באַנאַכט ביז אכט אינדערפרי, מאַם... — האָט ער זיך געווענדט צו דער מוטער. — האָב איך געטראַכט, אז איך וועל זיצן דאָ א פּאָר שאָ און קוקן דעם טעלעוויזאָר.

— ווילסטו עפּשער עסן, אָדער טרינקען א טעפּעלע קאַווע? — האָט זיך די מוטער אופגעהויבן.

— ניין, ניט עסן. איך וועל טרינקען א טעפּעלע קאַווע. — האָט ער אָנגעשטעלט דעם טעלעוויזאָר און אנידערגעזעצט זיך שווער אף א שטול. א זאָג געטאָן: — איך וועל דיר און דייַן פרייַנט ניט שטערן, קאַרא?

— ניין, דו וועסט אונדז ניט שטערן, — האָט זי געזאָגט. — מיסטער מערקין האָט עפּשער אויך ליב צו זען ווי מענטשן בוכטשען זיך איינער דעם צווייטן אין די קעפּ און אין די זייַטן.

— ווי האָסטו אייַנגעהאַנדלט דייַן איראָניע, בא די „דזשו-בי"? — האָט עמעט א פרעג געטאָן. — איר, מיסטער מערקין, אַרבעט דאָרט מיט קאַראַן אין דעם זעלבן פּלאַץ, בא די „דזשו-בי"? — האָט ער אים א פרעג געטאָן.

— עמעט, — האָט קאַרא א זאָג געטאָן שטרענג, — וויפל מאָל האָב איך דיך געבעטן, זאָלסט ניט זאָגן „דזשו-בי"? דער אייגנטימער פון דעם פּלאַץ איז טאַקע א „דזשו" — א ייִד, דער נאָמען פון פּלאַץ איז אָבער ניט „דזשו-בי", נאָר „דזשיי-בי".

— איך זע ניט קיין אונטערשייד, — האָט עמעט געזאָגט. — אפילע ווען עס איז עמעס-דיקער, ווי איך זאָג עס. ווער דען האָט עס אזעלכע גרויסע דעפּאַרטאַמענט-קראָמען אויב ניט די ייִדן?

— עמעט!.. — איז קאַרא בלייך געוואָרן און, א קוק טוענדיק אף מערקינען, א זאָג געטאָן: — גאַט מייַנער, וואָס פאַר אן אידיאָט ער איז.

— נעמט עס ניט צום האַרצן, קאַרא, — האָט מערקין געשמייכלט. — מענטשן כאַפּן אוף דאָ און דאָרט פראַזן, אויסדרוקן, מיינונגען אפילע, וואָס באַליידיקן ניט מער. לאָמיר עס אָננעמען ווי א שפּאַס.

— אוי, ער איז א ייִד?! — האָט עמעט א זאָג געטאָן מיט א נאָכגעמאַכטן ייִדישן אַקצענט, און דער „אוי" און דער „ייִד" האָט געקלונגען קימאַט ווי א פראַזע אין ייִדיש.

— ער איז מייַן פרייַנט, — האָט קאַרא פּרובירט צו באַהערשן זיך און רייַדן רויִק. — ער איז א ייִד און ער איז דער שענסטער מענטש צווישן אונדזערע אומוויסנדע מענטשן...

— קאַרא, מ'דאַרף ניט, — האָט מערקין פּרובירט אָפּשטעלן זי.
— אָ, יאָ! — האָט זיך עמעט האַסטיק אופגעהויבן. — דער ייִד איז דער רײַכסטער, דער שענסטער, דער גערעכטסטער... טפו מיט זיי! ער מעג זײַן דײַן פרײַנט, כ'האָב גאָרניט צו אים פּערזענלעך. אָבער דערציילט מיר ניט, וואָס ייִדן זײַנען! איך טרעף זיי אומעטום... איך פיר זיי... איך קויף בא זיי... איך וווין בא זיי... איך ווייס, ווי זיי באַשווינדלען אונדז... און איך ווייס וואָס זיי טראַכטן וועגן אונדז און וואָס זיי זאָגן וועגן אונדז! און... און... איך וויל ניט זען דיך א... באַליידיקטע... דו נאַר, דו. וואָס האָסטו געבראַכט א ייִדן צו זיך? דו מיינסט, ער וועט מיט דיר אַרויסגיין? ער וועט דיך נעמען אין זײַנע רעסטאָראַנען, צו זײַנע פרײַנט? מ'וועט דיך אַרײַנלאָזן? מיינסט, ס'איז מיר ליב... צו מאַכן א סקאַנדאַל? מיינסט, אַז איך בין טאַקע געקומען קוקן אין טעלעוויזאָר? די מאַמע האָט מיר היינט געזאָגט, אַז דו קלײַבסט זיך צו ברענגען אים, בין איך געקומען א קוק טאָן און זאָגן דיר — עס וועט ניט גיין. אויב דו ווילסט פאַרפירט ווערן, מעג ער זײַן א שוואַרצער.
ער האָט א כאַפּ געטאָן זײַן זשאַקעט און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז, א טראַסק טוענדיק מיט דער טיר.
די מוטער איז געשטאַנען אין קיך מיט צונויפגעלייגטע הענט, ווי אין געבעט.
קאַראַס אויגן זײַנען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן.
מערקין האָט אָנגענומען איר האַנט און האָט געזאָגט:
— איך פאַרשטיי אים גוט. און ס'איז מיסטאָמע ניט זײַן שולד, וואָס ער איז ניט ראַפינירט ווי איר. מיך וווּנדערט בלויז, וואָס א מענטש פון א ראַסע, וואָס איז אַזוי דערני-דעריקט און באַליידיקט, קאָן פאַרפירט ווערן פון ראַסן-העצער און באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך אין באַצוג צו מענטשן, וואָס גייען, וואָס זײַנען גרייט צו גיין מיט אים אויף זײַן מאַר-טירער-וועג.
ער האָט אָבער, ווען ער איז אַנשווייגן געוואָרן, גלײַך א טראַכט געטאָן: האָבן מיר דען ניט אויך אַזעלכע ייִדן? זײַנען זיי דען בעסער? — און א זאָג געטאָן:
— איך וועל איצט גיין, קאַרא.
— יאָ... איך בין אויך ניט אין א צושטאַנד צו זיצן און פאַרברענגען...
זי האָט אַרויסגעבראַכט זײַן מאַנטל און א זאָג געטאָן צו דער מוטער:
— מאַם... איך וועל אַרויסגיין באַגלייטן אים. איך וועל זיך ניט פאַרזאַמען.
— גיי, גיי, קאַרא, — איז זי אַרויסגעקומען פון דער קיך, און, ווענדנדיק זיך צו מערקינען, האָט זי געזאָגט: — איר זענט א גוטער מענטש, גאָט זאָל אײַך בענטשן.
ער האָט איר געגעבן די האַנט, דערפילט אירע קאַלטע, ציטערדיקע פינגער און געפילט ווי צו דערוואַרעמען זיי.
די באַנאַכטיקע גאַס איז געלעגן א טונקעלע, א קאַלטע, א פאַרפרוירענע. מערקין און קאַרא זײַנען געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און קימאַט ניט גערעדט. אין זייערע אויערן האָבן נאָך געקלונגען עמעטס געשרייען, דער נאָכגעקרימטער ייִדישער אַקצענט און די באַ-ליידיקונגען, וואָס האָבן געקלעקט.

עס זײַנען אָנגעקומען די פאַרקריסטוס-טעג, און מערקין האָט זיך ניט געקאָנט טרעפן אַזוי אָפט מיט קאַראַן. זי האָט געאַרבעט קימאַט אַלע אָוונטן, פלעגט ער זיצן אין דער קא-פעטעריע און לייענען, דערנאָך אַהיים פאָרן און ווידער לייענען.
איינמאָל, זיצנדיק באַם טישל אין דער קאַפעטעריע, האָט ער געזען אַרײַנקומען זײַן פרײַנט סאַטלער. זיי האָבן זיך דערפרייט מיט דער באַגעגעניש און מיט דער געלעגנהײַט א שמועס צו טאָן. סאַטלער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס זײַנען זײַנע פרײַע וווּנדערבאַרע טעג. די פּובליק-שול איז געשלאָסן צוליב די קריסטלעכע יאָמטויווים, פאַרברענגט ער מיט זײַן פרוי א טאָג-צוויי אין שטאָט. דאָס איז זייער ווינטערדיקע וואַקאַציע, אַזוי צו זאָגן, וואָרעם דאָרט, אין פאַרשטעטל, ווו זיי וווינען, איז ווי אין א דאָרף. די ביימער, די וועגן, די הײַזער זײַנען באַדעקט מיט שניי... ס'איז גוט און רויִק, מ'זעט ניט אָבער דעם גרויסשטאָטישן קישעף מיט די מיליאָנען ליכטיקע פענצטער אין די הימלקראַצערס, וואָס שטייען ווי בערג אין דעם באַנאַכטיקן הימל. איז אָט, כאַפּט מען זיך אַראָפּ אַהערצו א קוק צו טאָן. אינדערהיים אין די אָוונטן איז א מעכײַע... ווען ער, מערקין, וואָלט געזען זײַן, סאַטלערס, היים-ביבליאָטעק (כאַ, א ביסעלע קלענער ווי זײַן, מערקינס, שטאָט-ביבליאָטעק) און ווען ער, מערקין, וואָלט געהערט די וווּנדערבאַרע, קלאַסישע מוזיק-רעקאָרדירונגען, וואָס ער, סאַטלער, און זײַן פרוי פאַרמאָגן, וואָלט ער פאַרשטאַנען, ווי דאָס לעבן קאָן אָפּילע אין א דאָרף זײַן אינטערעסאַנט און אָנגענעם. איצט איז שאַראָן, זײַן פרוי, אין איר צושטאַנד פון דערוואַרטעניש... אויף א בײַ-

בי'... זיינען זיי ביידע פול מיט פּראָבלעמען, טרוימען און פּלענער. יאָ, אויפן ניי־יאָר־אָוונט האָבן זיי איינגעלאַדן עטלעכע פריינט, אויך לערער — באָב בערג מיט זיין פרוי און דעם דאָקטער יורי מיט זיין פרוי. ער קען דאָך, מערקין, דעם דאָקטער יורי? וואָלט גוט געווען, אַז אויך ער, מערקין, זאָל קומען. וואָס נאָך האָט ער צו טאָן דער „אַלטער באָכער" איינער אַליין דאָרט ערגעץ אין אַ צימערל? וואָס? ער וועט זיך אַרומדרייען עפּשער אין די גאַסן און הערן דאָס קלאַפּן און פייפעריי, וואָס קאָן לעכערן די אויערן? אַוודאי וואָלט גוט געווען, ווען ער קומט מיט אַ קאָמפּאַניאָן פון דעם שענערן געשלעכט... אָבער... האָט ער שוין עפּשער עמעצן מערקין? ניין, בעעמעס... האָט ער זיך שוין פאַרטשעפּעט, צי פאַרטשעפּעט געוואָרן פון אַ מיידל, וואָס זאָל אים אַרופירן אויף די מאַטרימאָניאַלע רעלסן, צי זאָל ער עפּשער זאָגן מיט דעם שוין באַנאַלן זאָג, אויף די קוואַליטעס פון דעם שטורעמדיקן מאַטרימאָניאַלן יאָם?

מערקין האָט זיך צוגעהערט צו סאַטלערן מיט אַ מאָדנעם שמייכל — האַלב־פריידיקן, האַלב־טרויעריקן שמייכל און אַ זאָג געטאָן:

— איך דאַנק, איך וועל קומען, סאַטלער, און איך וועל ניט קומען אַליין.

— וווּנדערבאַר! — האָט סאַטלער אויסגעשריגן. — מיט וועמען?

— וועסט זען.

— אַזאַ סעקרעט?

— יאָ. אַזאַ סעקרעט.

— גוט. וועלן מיר דערוואַרטן דיך. פאַר שאַראָן וועט דאָס זיין אַ גאַר גרויסער סיורפּריז.

— פאַר דיר אויך.

— יאָ?! עפּשער זאָל איך גאָרניט זאָגן, אַז דו קומסט, וועט דער סיורפּריז זיין גרעסער?

— ווי דו ווילסט.

אין דעם דאָזיקן אָוונט, נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון דער קאַפעטעריע, האָט זיך מערקין געלאָזט גיין צו דער „דזשי־בי'". אין דעם טומל און גערויש פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס פּלאַץ פון ביזנעס, האָט ער געפונען דאָס ווינקל, ווו ער האָט דערזען קאַראָן. זי האָט אים אויך באַמערקט און מיט פרייד אַ שמייכל געטאָן. ער איז צוגע־גאַנגען צו איר און געזאָגט:

— איך וועל וואַרטן לעבן מעטראָ. מיר וועלן פאָרן צוזאַמען.

— גוט, — האָט זי געזאָגט.

זיצנדיק שוין מיט איר אין באַן, האָט ער איר דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט סאַטלערן, וועגן דער איינלאַדונג צום ניי־יאָר־אָוונט און וועגן זיין צוזאָג צו קומען צו זיי מיט אַ וווּנדערבאַרן סיורפּריז. זי האָט געהערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און געשוויגן.

— וועט איר גיין מיט מיר? — האָט ער געפרעגט.

— אויב איר ווילט. אָבער... צי דאַרפן מיר... צי איז דאָס באַקוועם...

— פאַרוואָס ניט?

— דאַרף איך דען אַנטוויקלען פאַר אייך דעם גאַנצן פיינלעכן... איך ווייס ניט ווי אָנצורופן עס... איבערהויפּט, ווען איר האָט אים ניט דערציילט וועגן מיר.

— מיר מוזן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין, קאַראַ. מיר גייען צוזאַמען. און איך מיין ניט בלויז היינט און מאָרגן. און אין יענע טירן, וואָס וועלן זיך עפענען פאַר אונדז מיט פריינטשאַפט, וועלן מיר אַריינגיין. דאָס איז אונדזער ערשטער טעסט, אונדזער ערשטע פּרווו־שוועל, לאָמיר זאָגן. אונדזער ערשטער עקספּערימענט מיט זיי, מיט אונדזערע פריינט.

— גוט. אויב איר ווילט, וועל איך גיין מיט אייך. אין קריסטוס־אָוונט וואָלט איך ניט געגאַנגען. יעדן קריסטמעס פאַרברענג איך מיט מיין מאַמען און מיט אונדזערע קרובים, אָבער ניי־יאָר־אָוונט קאָן איך גיין מיט אייך.

עס איז געווען אַרום ניין אין אָוונט, ווען מערקין, שטייענדיק באַם אַריינגאַנג צום מעטראָ, האָט דערזען קאַראָן. זיין גאַנצער וועזן האָט אַ ציטער געטאָן מיט פרייד, ווען ער האָט זי דערזען, ווי שיין און אָנגעצויגנט זי האָט אויסגעזען.

אין מעטראָ האָט זי, זיצנדיק לעבן אים, געעפנט אַ פּעקל, וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך, אַרויסגענומען אַ גרויסן וואָלענעם שאַרף און אָנגעטאָן אים אויף זיין האַלדז. האָט ער, לאַכנדיק, גענומען זוכן אין זיין קעשענע און אַרויסגענומען אַ שאַכטעלע און געגעבן עס איר. און ווען זי האָט דאָס שאַכטעלע געעפנט, האָט זי קוים אויסגעשריגן:

— אוירינגלעך! רובינען! איך בין פאַרליבט אין אוירינגלעך. ווי האָט איר געוווּסט, אַז איך בין פאַרליבט אין רובינען...

— אינטויִציע, קאַרא... — האָט ער געשמייכלט.
— זאָל איך זיי איצט אַנטאָן?
— ווי איר ווילט.
זי האָט אראָפּגענומען אירע גאָלדענע אוירינגלעך און אָנגעטאָן די רובינען, דערנאָך אַרײַנגעשאַרט איר האַנט אין זײַנער און צוגעדריקט זיך צו אים.
ווען זיי זײַנען אָנגעקומען צו די סאַטלערס, זײַנען שוין דאָרט געווען דער לערער באָב בערג און דער דאָקטער יורי מיט זייערע פרויען. סאַטלער און זײַן פרוי שאַראָן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט מערקינען און מיט קאַראָן. און ווען זי האָט אראָפּגענומען איר קאַפּישאָן און מאַנטל און איז געבליבן שטיין ווי אַן אויסגעטאָקטע סטאַטועטקע אין איר גאָלד-קאָליר-טער, שטײַף-געפּאַסטער בלוזע און גרינעם לאַנגן קלייד, האָט שאַראָן און אויך די איבע-ריקע, אײַנשליסנדיק מערקינען, ניט געקאָנט אָפּרײַסן זייערע בליקן פון איר.
— ווו האָט איר זי געפונען, מערקין? — האָט שאַראָן געפרעגט מיט פאַרוווּנדערונג.
— ווו האָסטו זי געהאַלטן און וואָס האָסטו געשוויגן? — האָט אויך סאַטלער א פרעג געטאָן.
דער לערער בערג און דער דאָקטער יורי מיט זייערע פרויען האָבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיט דער באַקאַנטשאַפט, און ווען קאַרא האָט געענטפערט אויף דעם דאָקטער יוריס פרוי בעטי עפּעס א פראַגע, האָט דעם לערער בערגס פרוי פעני אויסגעשריגן, ווי אין אנציקונג:
— און וואָס פאַר א שיינעם, געשמאַקן דאָרעמדיקן אַקצענט זי האָט!
סאַטלער און שאַראָן האָבן זיך בליציק איבערגעקוקט, אָבער גלײַך פאַרפירט עפּעס א געשפּרעך אַרום.
מע האָט דערנאָך געטרונקען ווײַן. מ'האָט גערעדט וועגן נײַ-דערשינענע ביכער, וועגן שאַראָנס און סאַטלערס קומענדיק מיידעלע, צי ייִנגעלע. מ'האָט געהערט א פּאָר רעקאָר-דירונגען אויף אַן עלעקטראָנישן מאַגניטאָפאָן, געשמועסט וועגן קריזיס און הויכע פרײַזן אויף וווינונגען און וועגן דער. שרעקלעכער אינפלאַציע אין אַלגעמיין, וועגן דעם נײַעם דראַנג פון יונגע מענטשן, איבערהויפּט יונגע פּאָרלעך, צו באַזעצן זיך אין די קלענערע הינטער-שטעטלעך.
און שאַראָן האָט גענומען פירן קאַראַן איבער די צימערן, געוויזן איר דאָס שלאָפצימער, דעם טואַלעט-צימער, די קיך און דאָס צימערל מיט געבלימלטן גאָלדענעם וואַנט-שפּאַליר, וואָס איז שוין געשטאַנען פאַרטיק אויפצונעמען דאָס קומענדיקע בייבעלע.
און גלײַך נאָך דעם האָט שאַראָן גערופן אַלעמען צום שיין-געגרייטן טיש, און א שוואַרצע יונגע פרוי האָט געהאָלפן איר אַרײַנצוברענגען די צוגעגרייטע געשמאַקע מײַכאָ-לים, צו וועלכע זיי האָבן זיך אַלע צוגעכאַפּט מיט גרויס אַפּעטיט. און אויך זיצנדיק באַם טיש, האָט מען עסנדיק דיסקוטירט איבער די לויפנדיקע געשעענישן פון טאָג. פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָבן זיי זיך אַלע איינציקווײַז און צו צוויי אַוועקגעזעצט אויף די שטולן אין דעם גאַנץ גרויסן פראָנט-צימער, ריידנדיק און וואַרטנדיק אויף דעם מאָמענט, ווען פונעם טעלעוויזאָר וועט זיך דערהערן דער צייכן, דער אָנזאָג און דער פאַרטויבנדער טומל, אַז סע קומט, אַז ס'ווערט געבוירן דאָס נײַע יאָר.
און אָט איז אָנגעקומען די מינוט. און סאַטלער גיסט ווידער אָן די באָקאַלן מיט רויטן ווײַן, און אַלע האַלטן זייערע בליקן אויף דעם אָנגעשטעלטן טעלעוויזאָר און אַלע אין צימער האָבן אופגעכאַפּט דעם געשריי „העפּי ניו-יירר!" און, אויסטרינקענדיק דעם ווײַן, גענומען קושן זיך און האַלדזן זיך. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס מערקין האָט דער-פילט קאַראַס פײַכטע אין ווײַן-געטונקענע ליפּן און אירע הייסע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז.
— אָ, קאַרא...
— אָ, סימור...
אין דער דערהויבונג פון דער נײַ-יאָר-שטימונג, וואָס האָט געטראָגן מיט זיך עפּעס ווי א טרויער און האָפענונג פון א נײַעם דערוואַרטעטן קומענדיקן גליק, האָבן די פרויען דאָך ניט פאַרפעלט אויסצוגעפינען עפּעס מערערס וועגן קאַראַן. דעם דאָקטערס פרוי בעטי האָט געפרוווט דערמאָנען זיך און טרעפן, אויף וועלכער אַקטריסע קאַרא איז ענלעך. און דעם לערערס פרוי פעני האָט דערמאָנט א פּאָר שוואַרצע זינגערנס, וואָס זײַנען פאַרהייראַט פאַר ייִדישע מענער. צוביסלעך האָט זיך דער געשפּרעך גענומען צעוויקלען אַרום דער ראַסן-פּראָבלעם אין דעם לאַנד און אין די דאָרעם-שטאַטן איבערהויפּט.
קאַרא איז געווען די איינציקע, וואָס איז געזעסן א שווײַגנדיקע און מאָמענטנווײַז געוואָרפן שמייכלענדיקע בליקן צו מערקינען, וועלכער האָט אויך ווייניק גערעדט, ניט גע-

וואָלט אַרײַנגעפּלאָכטן ווערן אין דער פּלוצעמדיקער דיסקוסיע און אויסזען אין קאַראַס און אין זייערע אויגן ווי אַן אַדוואָקאַט אָדער טאַקע ווי איינער פון זיי, פון די פרײַנט זײַנע דאָ, וואָס האָבן זיך באמת אויסצושפּילן פאַר קאַראַן זייערע הומאַניטאַרע און פּראָגרעסיווע בליקן אין באַצוג צו די קאָלירטע פעלקער.

ס'איז געוואָרן שפּעט. און ווען דער דאָקטער יורי מיט זײַן פרוי האָבן זיך גענומען גרייטן אַהיימצופאָרן און פאָרגעשלאָגן צוצופירן אין זייער מאַשין מערקינען און קאַראַן צום מעטראָ, האָט מערקין מיט דאַנקבאַרקײַט צוגעשטימט.

זיצנדיק שוין אין דעם באַן, אײַנגעטוליעט איינער אינעם צווייטן, ווי זוכנדיק וואַרעמקײַט און נאָענטקײַט, האָט קאַראַ אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר צופרידן פון הײַנטיקן אָוונט און פון דעם „עקספּערימענט”?

— עס איז געווען, ווי איך האָב עס דערוואַרטעט. זיי האָבן אונדז ניט באַלעסטיקט מיט פּערזענלעכע און אינטימע פראַגן. זייער דיסקוסיע איז געווען נאַטירלעך אונטער די אומשטאַנדן און דער דירעקטער רעזולטאַט פון זייער אימפּולסיווער און נאַטירלעך-מענטש-

לעכער נײַגעריקייט צו באַווײַזן זיך אין דער ליכט פון פּראָגרעסיווע אידייען. אזוי ריידן אָפּט קריסטן וועגן ייִדן, וועגן א ייִד, אָדער צוויי איז אין זייער געזעלשאַפט. מיר דאַכט זיך אָבער, אז גראָד אָט דער מין מאָראַלישער צוגאַנג ווערט אָפּט דער פאַרקערטער פאַקטאָר — ער ווערט אמאָראַליש. מע פאַרדעקט מיט שיינע מאָראַליש-עטישע, אָפּט היפּאָקריטישע פראַזן די געדאַנקען פון טיפן פאָרורטייל אין זיך. אין דער זעלבער צײַט, עמעס, דאַרפן ניט די מענטשן אָפּהאַלטן זיך פון אַזעלכע דיסקוסיעס בלויז דערפאַר, ווײַל א ייִד, אָדער א נעגער געפינט זיך צווישן זיי.

— לאָמיר עס ניט נעמען פון דער פּסיכאָלאָגישער זײַט, — האָט זי געזאָגט. — לאָמיר עס נעמען פּאַשעטער. זיי זײַנען געווען פרײַנטלעך און אפילו ליבלעך צו אונדז. און מיר דאַכט זיך, אז איך בין זיי געפעלן געוואָרן.

— זיי האָבן אײַך געגעסן מיט די אויגן, ווי איך אליין האָב אײַך געוואָלט אײַנ-שלינגען...

— און... ריידנדיק וועגן דעם נײַעם יאָר... האָט איר שוין געמאַכט אײַער נײַ-יאָר-רע-זאָלוציע, ווי עס פירט זיך?

— מיר דאַרפן עס מאַכן צוזאַמען.

— פאַרוואָס צוזאַמען?

— ווײַל די רעזאָלוציע דאַרף זײַן וועגן אונדז ביידן.

— א פאַנטאַסטישע, צי פּראָבלעמאַטישע?

— אויב עס איז א פּראָבלעמאַטישע, דאַרף מען זי לייזן ווי מענטשן מיט מוט און מיט פאַרשטאַנד. אָבער מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם... ביסט ניט שלעפערדיק? שפּאַר אָן דײַן קאָפּ אָף מײַן אַקסל, שלאָף, אויב דו ווילסט. ס׳איז שוין דרײַ פאַרטאָג.

— די מאַמע, בין איך זיכער, וועט זיצן און וואַרטן אָף מיר...

עס זײַנען אוועק עטלעכע טעג. קאַרא איז אין דער קאַפעטעריע ניט געקומען. עס האָט אים אָבער ניט באַאומרויִקט. זײַן געזעגענען זיך מיט איר פאַרטאָג בא דער „גרענעץ”, אירע הענט ארום זײַן האַלדז און אירע ליפּן, אײַנגעזאַפּטע אין זײַנע האָבן ווי פאַרבונדן זיי מיט שטאַרקע קנופּן.

אָף דעם פערטן טאָג אין אָוונט, וואַרטנדיק אָף איר, איז ער געווען זיכער, אז זי וועט קומען. אָבער אַנשטאָט איר איז גאָר אַרײַנגעקומען סאַטלער. ווען ער איז צוגעקומען צו מערקינס טישל מיט זײַן מאָלצײַט, האָט מערקין גלײַך באַמערקט, אז ער איז אָנגעלאָדן מיט עפּעס אַן ערנסטקייט.

— וואָס מאַכט שאַראָן? — האָט מערקין געפרעגט.

— א... זי האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן. — האָט סאַטלער געזאָגט. — דער נײַ-יאָר-אָוונט האָט זי אינגאַנצן אויסגעמאַטערט. די בערגס זײַנען געזעסן בא אונדז און גערעדט ביז פאַרטאָג.

— וועגן וואָס האָט איר גערעדט ביז פאַרטאָג?

— וועסט ניט גלייבן — וועגן דיר און וועגן קאַראָן.

— א, איך פאַרשטיי.

— דעם עמעס זאָגנדיק, בין איך, זײַענדיק דאָ אין געגנט, געקומען ווידער א שמועס טאָן וועגן דעם אויך מיט דיר.

— איך הער.

— זי איז זייער א שיינע, קאַרא, ניט פון די געוויינלעכע באַנאַלע, וואָלט איך געזאָגט, שיינהייטן. א וואונדערבאַר מיידל. — האָט סאַטלער געזאָגט.

— זי איז מער ווי א שיינע, — האָט מערקין געזאָגט, קוקנדיק גלײַך אין סאַטלערס אויגן. — זי איז פול מיט עפּעס אַזאַ כיין, וועלכן עס איז מיר שווער צו דעפינירן אפילו.

— ווי האָסטו זיך באַקאַנט מיט איר?

מערקין האָט אים אינקורצן דערציילט וועגן זײַן באַקאַנטשאַפט מיט איר. דערציילט, ווו זי אַרבעט, דערציילט וועגן איר מוטער. ניט דערמאָנט דעם ברודער.

— איך וואָלט דיר ניט געראַטן צו ווערן צו נאָענט באַפרײַנדעט מיט איר. — האָט סאַטלער געזאָגט.

— פאַרוואָס ניט? — האָט מערקין א קוק געטאָן אָף אים א פאַרוואונדערטער.

— דו ווייסט, וויאַזוי מענטשן קוקן אָף אַזאַ מין פרײַנטשאַפט.

— וועלכע מענטשן?

— נו, צו וואָס פּרעטענדירן? דו ווייסט — אַלע דײַנע פּרײַנט און באַקאַנטע, פּרעמדע אַפילו.

— און פאַרוואָס קאָנסטו דיר ניט אויסמאָלן אַ פּרײַנטשאַפט, אַן עמעסע, אופּריכטיקע פּרײַנטשאַפט צווישן מיר און איר?

— וווהין קאָן דאָס פירן?

— אַהין, וווהין עס פירן אַלע אַזעלכע פּרײַנטשאַפטן צווישן אַ מאַן און אַ פרוי.

— דו שפּאַסט?

— איך שפּאַס ניט.

— ווען איך וואָלט דיך ניט געקענט, וואָלט איך געמיינט, אַז דו רעדסט, ווי אַ... קאָמוניסט, אַ ראַדיקאַל.

— פאַרוואָס גאָר פלוצעם ווי אַ קאָמוניסט?

— ווײַל זיי זײַנען די ערשטע צו פאַרטיידיקן און צו קעמפן פאַר די שוואַרצע, פאַר די קאָלירטע און צו באַרעכטיקן אַזאַ מין פּרײַנטשאַפט און פאַרבינדונג.

— כאַ! דו זעסט ניט, וואָס פאַר אַ שיינעם קאָמפּלימענט דו גיסט זיי. — האָט מערקין געזאָגט. — יאָ, זיי זײַנען עס די דאָזיקע, וואָס זײַנען ווי דו זאָגסט וועגן זיי.

— כאַ-כאַ-כאַ... — האָט שוין אויך סאַטלער געלאַכט. — ווען סע לוינט זיך זיי. פּרוביר אָבער זאָגן אַ קאָמוניסט, אַז זײַן זון וויל הייראַטן פאַר אַ נעגערטע, וועסטו הערן, וואָס ער וועט דיר זאָגן.

— מ'מוז ניט הייראַטן אַ נעגערטע בלויז צו איבערצײַגן, אַז ביסט אַ טאָלעראַנטער יוישערדיקער מענטש. איך דערמאָן זיך, ווי ווארעם און אַפילו הייס דו האָסט גערעדט אין דער נײַ-יאָר-נאַכט בײַ זיך אין הויז וועגן רעכט און אומרעכט און וועגן די באַציִונגען צווישן פעלקער און ראַסן.

— דו פאַרמישט צוויי באַזונדערע קאָנצעפּציעס. צווישן פעלקער און פעלקער, צווישן ראַסן און ראַסן דאַרפן טאַקע הערשן האַרמאָניע, פאַרשטענדעניש און שאָלעם, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט... מיט... מיט...

— ס'אַ ראַכמאָנעס אויף דיר, סאַטלער, קאָנסט ניט געפינען דאָס וואָרט, וואָס ס'זאָל טרעפן אין פּינטל. איין זאַך האָב איך אָבער גאַנץ גוט באַמערקט: איך האָב געזען, ווי אַנציקט איר זײַט אַלע געוואָרן, קוקנדיק אויף איר.

— אַוואַדע קאָנען מיר ווערן אַנציקט פון איר, איבערהויפּט די מענער, — האָט סאַטלער געזאָגט. — יעדער מאַן ווערט אַנציקט פון אַ שיינער פרוי. אָבער פאַרגעס ניט און פאַרשטיי מיך: די שיינקײַט אַליין עפנט ניט אַלע טירן און פענצטער אין דער געזעלשאַפט, אין וועלכער מיר לעבן. דאַרפסט זיך רעכענען מיט די מענטשן, מיט זייערע אײַנגעבוירענע זיטן און טראַדיציעס, אײַנגעזאַפּטע מיט זייער מאַמעס מילך: און די אַלע קאָנצעפּציעס וועגן ווײַס און שוואַרץ... דו וועסט ניט האָבן גענוג קויעך און גײַסטיקן מוט אָפּצושלאָגן און באַקעמפן דעם געזעלשאַפטלעכן אײַנגעבוירענעם פאָרורטייל. וועסט זיך ארומשלעפּן מיט איר און וועסט ווערן, ווי זי, אַ פּאַריִע.

— איך וואָלט דיר געקאָנט אָנווײַזן בײַשפּילן פון אונדזער איצטיקן לעבן און פון דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען אַזעלכע פאַלן האָבן פּאַסירט, און די פּאַריִעס האָבן מאָראַליש און גײַסטיק געזיגט.

— איך בין דיר מויכל אַזאַ זיג, — האָט סאַטלער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. — אַ גאָגען, אַ קינסטלער האָט זיך געקאָנט אוועקלאָזן צו די ווילדע... נו, ניט ווילדע, אָבער אומקולטורעלע, ניט ציוויליזירטע מענטשן, צוליב קונסט; נו, האָט ער זיך געוואָלט מאַקריוו זײַן צוליב זײַן קונסט; און זײַן קונסט האָט געזיגט. אָבער וואָס, אייגנטלעך, פאַרבינדט דיך מיט קאַראַן? עפּעס אַ מיסיאָנערשאַפט, צי עפּשער בלויז סעקס?

— דו פאַרגעסט, סאַטלער, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ וואָרט אין אונדזער לעבן, וואָס הייסט „מענטש". מענטש, מיט זײַן נעשאָמע, מיט זײַן גײַסט, מיט זײַן וואָרט, מיט זײַן בליק, מיט זײַן שמייכל און טרערן; מיט זײַן צאַרטקײַט, קלוגשאַפט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט אידיי, מיט מיסיאָנערשאַפט און אַפילו ניט מיט סעקס. ווי האָט עס מאַקסים גאָרקי געזאָגט: „מענטש — דאָס קלינגט שטאָלץ"...

— מיר האָבן שוין דאָס געהערט, — האָט אים סאַטלער איבערגעשלאָגן.

— אַ מענטש, וואָס קעמפט פאַר זײַנע איבערצײַגונגען, — האָט מערקין פאָרגעזעצט, — אַ מענטש, וואָס זעט דעם מענטשן און לעבט זיך אויס ניט נאָר אין שיינע פראַזן, נאָר אויך אין שיינע טאַטן, אַזאַ מענטש ברענגט אין דער זעלבער צײַט אויך דעם עמעס און מענטשלעכקײַט צו זײַנע פרײַנט און צו זײַן סוויווע.

— שיינע טאַטן רופסטו עס! כאַ! די געזעלשאַפט וויל ניט און איז ניט מויכל אַזעלכע שיינע טאַטן.

— שרעק מיך ניט מיט קאָנפליקטן, סאַטלער. אַ נעגעריש קינד, וואָס לאָזט זיך גיין איינער אַליין אין אַ שול פון וויִיסע, אין דעם דזשונגל פון די וויַיסע ראַסיסטן, אַזאַ קינד האָט מער מוט, ווי איך און ווי דו. קאַרא איז ניט קיין קינסטלערן, ניט קיין טענצערן און ניט קיין זינגערן — בין איך עס אויך ניט. זי האָט אָבער אין זיך אַזעלכע טיפע שיינע מענטשלעכע ניואַנסן, וואָס זיַינען זעלטענער און טיַערער פון צווייפלהאַפטער קונסט.

סאַטלער האָט ניט געענטפערט. ער האָט געשוויגן אַ פּאַרטראַכטער. דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— איך וויל נאָך אַ טעפּעלע קאַווע. ווילסט, וועל איך ברענגען אויך פאַר דיר.

— יאָ. ס'איז מיר שוין טרוקן אין מויל פון... מיַין אָנשטרענגונג צו איבערציַיגן דיך אין מיַין גערעכטיקיַיט.

— זעלבסטגערעכטיקיַיט... — האָט סאַטלער אַ שמייכל געטאָן, און געלאָזט זיך גיין נעמען קאַווע.

מערקין האָט אַ קוק געטאָן צו דער טיר, ווי עס איז שוין געוואָרן זיַין אומבאַוווּסטזיניקע געוווינהייַט. אַף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט געזען קאַראָן אַריַינקומען, אָבער גלייַך איז אָנגעקומען סאַטלער מיט צוויי טעפּעלעך קאַווע און, נאָך ניט אַנידערזעצנדיק זיך, האָט ער שוין גערעדט:

— פאַרשטיי, מערקין... עס איז איין זאַך — אַ פּראַקטישער צוגאַנג צום לעבן, און עס איז גאָר אַן אַנדער זאַך — אַן אידעאַליסטישער צוגאַנג. אידעאַלן זיַינען אַבסטראַקציעס. אָט ווי די אַבסטראַקטע קונסטבילדער, וואָס די מאָדערנע מאָלער מאָלן. קאָנסט זיי איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און די אַבסטראַקציע וועט פאַרבלייַבן, ווי זי איז געווען, — אָן לאָגיק, אָן זין, און ווען איך זאָג „פּראַקטיש", מיינט עס ניט זינלאָזיקייַט, צי פאַרדאָרבעניש. עס מיינט מאַכן, אויב ס'איז נייטיק, קאָמפּראָמיסן. אָבער זען ניט אַרויסגעשטויסן ווערן פון דיַין סוויווע, ניט אָפּגעריסן צו ווערן פון דיַינע מענטשן אַרום, פון דיַין קולטור, מיט וועלכער דו אָטעמסט. און לאָמיך דיר נאָך עפּעס זאָגן: דער אומגליק מיט דיר איז דיַין נאַיוויטעט. דו האָסט זיך קימאַט ניט געטראָפן מיט פרויען; ווייניק געגאַנשט פון די פאַרבאָטענע פרוכטן און.... אין די באַציִונגען מיט איר... דאַרפסטו זיַין פאַרזיכטיק — זי איז אַ טאָכטער פון אַ היציק, טעמפּעראַמענטפול פאָלק.

— סאַטלער, דו פאַרשטייסט ניט. איך וויל הייראַטן מיט איר, — האָט מערקין רויק געזאָגט.

— דו ביסט מעשוגע.

— גוט. דאָס זאָל זיַין דאָס לעצטע וואָרט.

— זיַי ניט אַזוי... קאַטעגאָריש. האָסט איר שוין געזאָגט, אַז ווילסט הייראַטן מיט איר?

— ניין, נאָך ניט געזאָגט... קאַטעגאָריש.

— שאַראָן האָט דיך געוואָלט זען. קום ווידער — אַליין. וועסט נעכטיקן בא אונדז און מיר וועלן אַ שמועס טאָן.

— אַ דאַנק פאַר דער איַינלאַדונג. איך וועל איַיך טעלעפאָנירן. וואָרעם, דעם עמעס זאָגנדיק, האָב איך ניט קיין בעסערע פריַינט פון איַיך.

— פאַרוואָס, מיינסטו, נעם איך זיך די רעכט צו ריידן מיט דיר אַזוי? נו, ס'איז שפּעט. איך דאַרף פאָרן אַזוי וויַיט. אַ גוטע-נאַכט.

— אַ גוטע-נאַכט, סאַטלער. איך וועל נאָך בלייַבן דאָ. ניטאָ וווּהין צו איַילן זיך.

סאַטלער איז אַוועקגעגאַנגען, און מערקין איז געגאַנגען נעמען נאָך אַ טעפּעלע קאַווע. געזעסן און געלייענט און געטריבן פון זיך ווי בייזע פליגן סאַטלערס אַרגומענטן.

מערקין האָט זיך פאַרקילט, געהוסט און געזעסן בא זיך אין צימער, לייענענדיק און צוהערנדיק זיך צו דער ראַדיאָ. אין דרויסן האָט שוין אַ פּאָר טעג געבושעוועט אַ שניי-שטורעם. מיסיס גרין, זעענדיק זיַין צושטאַנד, האָט אים געבראַכט עסן און פרוכט-געטראַנקען און צום וויפלסטן מאָל גערעדט צו אים וועגן אַ שידוך — ער איז שוין אין די יאָרן, ווען מע דאַרף כאַסענע האָבן. מערקין האָט גוטמוטיק געשמייכלט און פאַרזיכערט, אַז ס'וועט שוין ניט דויערן לאַנג.

ער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון קאַראָן. ער האָט געוווּסט, אַז זי האָט אַ טעלעפאָן אין הויז, ער האָט אָבער ניט געקענט באַשליסן צו טעלעפאָנירן. אָבער אין אָוונט,

ווען זי האָט שוין, לויט זײַן אויסרעכענונג, באַדאַרפט זײַן אינדערהיים, האָט ער איר אָנגע-
קלונגען.

— האַלאָ... — האָט ער דערהערט. ער האָט ניט געוווּסט, צי ס'איז קאַראַס, צי איר מוטערס שטים.

— קאַראַ? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן.

— יאָ. ווער רעדט עס?

— דאָס בין איך — מערקין.

— הא, מערקין... ווי גוט, וואָס איר האָט אָנגעקלונגען. ערשט געטראַכט וועגן אײַך.

— און איך וועגן אײַך — קלינג איך. איך בין אינדערהיים מיט אַ פֿאַרקילונג, גע-
וואָלט וויסן, וואָס איר טוט. זענט איר געווען די לעצטע צוויי טעג אין דער קאַפּעטעריע?

— ניין. דורכגעגאַנגען און אַרײַנגעקוקט אין פֿענצטער. ניט געזען אײַך. בין איך גע-
ווען שטאַרק אַנטוישט. איך האָף, אַז איר זײַט ניט שטאַרק פֿאַרקילט?

— ניין. ניט שטאַרק. איצט פֿיל איך זיך רויִקער... דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט וויסן. ס'איז מיר שווער איצט צו ריידן. דער טעלעוויזאָר אין צווייטן צימער באַ מיסיס גרין גייט אין פֿולער קראַפֿט... איך האָף צו זען דיך מאָרגן... ניין, נאָך ניט מאָרגן, איבערמאָרגן... באַ אונדזער טישל. אַ גוטע-נאַכט, מײַן זיסער...

— אַ גוטע-נאַכט, מײַנן...

ער איז אַרײַנגעקומען צוריק צו זיך אין צימער (דער טעלעפֿאָן איז געווען אין דער קליינער פֿאַיע), אַנידערגעזעצט זיך אויף אַ ווײַלע באַם פֿענצטער. געקוקט אויף דעם פֿאַלנדיקן שניי. דערזען, ווי אין אַ נעפּל, אין דעם ליכט פֿון עלעקטרישן לאַמטערן, שלעפּט זיך אַן איינ-און-איינציקער מענטש: אַן אײַנגעהויקערטער, מיט אַן אויפֿגעשטעלטן קאָלנער, גייט אין טיפֿן שניי לאַנגזאַם און שווער. אַזוי גייט אַ מענטש, וואָס זעט ניט גאָרניט פֿאַר זיך. עפּשער אויך אַן איינזאַמער, גייט צו זיך אין צימערל, וואָס ער האָט אויך געדונגען באַ אַן אַלט פּאָרפֿאָלק, וואָס לעבט זײַן אייגן לעבן... עסט... קוקט אין טעלעוויזאָר... רעדט אין טעלעפֿאָן מיט די קינדער...

דער פֿאַרבײַגייענדיקער מענטש איז שוין ערגעץ פֿאַרטושירט געוואָרן אין דער שנייענ-דיקער נאַכט. דער מענטש טאָר ניט זײַן אַליין. אַ מענטש דאַרף האָבן עמעצן לעבן זיך... זאָל זײַן עמעצן, צו וועמען ער זאָל קאָנען ריידן, טעלעפֿאָנירן. אָט האָט ער אָנגעקלונגען צו קאַראַן... צו וועמען נאָך? צו סאַטלערן? צו בערגן? סאַטלער איז אַ פּרײַנט... פֿרײַנטשאַפֿט האַלט זיך דאָרט, ווו געדאַנקען, עמאָציעס, ליבשאַפֿט, מוירע, האָפֿענונג, הילף און צוטרוי פֿאַרפֿלעכטן זיך און פֿאַרקנופּן זיך ווי וואָרצלען אין דער ערד און ווי צווײַגן אין דער לופֿט אונטער די שטראַלן פֿון דער זון, צי אין דעם רעגן, אין שטורעם און אין בליצן... אָט אַזוי ווי סאַטלער שטורעמט... געוואָרנט, באַליידיקט, געגלעט, געשלעפּט און דאָך געזוכט די האַנט... ווי דעמלט... אין גרוב... דאָרט אין שלאַכטפֿעלד ערגעץ אין וויעטנאַם... אַזוי ווײַט איצט פֿון יענער צײַט...

עס זײַנען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. דער שניי איז נאָך געלעגן דאָ און דאָרט אין גרויסע, שמוציקע קופּעס. עס האָט זיך שוין געבענקט נאָך זוניקע טעג, נאָך אַ בלויען הימל. די שטימונג אַרום איז אויך געשטאַנען אַ גרויע, אַ נאַסע, אַ ציטערדיקע: די שטונדן אין דער קאַפּעטעריע זײַנען געווען פֿאַר מערקינען די וואַרעמסטע און אָנגענעמסטע, זיי פֿלעגן אָבער פֿליִען שנעל און איבערלאָזן אַ בענקעניש.

אין איינעם פֿון די דאָזיקע אָוונטן, אַהיימברענגענדיק קאַראַן צו איר טיר, האָט מערקין באַמערקט, ווי זי אײַלט אים, אַז ער זאָל שוין אַהיימפֿאָרן און אירע ווערטער זײַנען געווען ווי אײַנגעוויקלט אין עפּעס אַ מוירע, אַ צעדרודערטקייט. האָט ער זי געפֿרעגט, וואָס עס באַאומרויִקט זי, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. און אין דעם קאַרגן ליכט האָט זיך אים אויסגע-וויזן, אַז אירע אויגן זײַנען פֿאַרטרערטע.

— ס'איז גאָרניט. קלינג מיר אָן, ווען וועסט אַהיימקומען.

אויף דעם וועג אַהיים האָט ער געטראַכט וועגן דעם: ווער ווייסט, פֿון וואָס אַ מענטש קאָן באַאומרויִקט ווערן, איבערהויפּט קינדער פֿון אַ פֿאַרפֿאַלגט פֿאָלק. ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ באַליידיקונגען עס פֿאַלן דאָ און דאָרט אויף איר אין דעם „דזשיי-בי", באַליידיקונגען, וואָס פֿאַרשטעלטער און ראַפֿינירטער זיי זײַנען, אַלץ טיפֿער דרינגען זיי אַרײַן... און דערצו דאַרף זי נאָך, מיסטאָמע, שמייכלען, זײַן אָנגענעם און העפֿלעך אויף דעם דזשאַב.

ער איז שוין קימאַט אַריבער די צוויי קוואַרטאַלן צום מעטראָ, ווען ער האָט פּלוצעם דערזען אין דער טונקלקייט צוויי געשטאַלטן, וואָס זײַנען אַרויס פֿון ערגעץ אַ ווינקל... וואָס

האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים... אַ שטויס געטאָן אים — אײנער אין דער ברוסט, דער צווייטער אין דער פּלייצע... און מיטאַמאָל, ווי אין עפּעס אַ כאַלאַשעס, האָט ער דערפילט ווי עס פאַלן אויף זײַן קאָפּ און ברוסט שרעקלעכע קלעפּ... האַרטע... שווערע... שנעלע, ווי אָנגעליטע אין פײַערן... און ווי אין כאָלעם האָט ער געהערט: „דאָס איז בלויז אָן אָנהייב... שטיי אָוועק, דו ווײַסער ייִדישער שמוץ... דו ווייסט, וואָס מיר מיינען...

ער האָט ניט געקענט אָטעמען און ניט געקענט שרײַען אויך, פאַלנדיק, ווי אין אַ קאָשמאַר, געפילט אויף זיך ווי צוויי פײַערדיקע אויגן פון אַן אָוטאָמאָביל נעמען אים אַרום מיט שנײַדנדיקער און אין דער זעלבער צײַט באַפרײַענדיקער ליכט, און צוויי מענטשן קריכן אַרויס און הייבן אים אויף.

— איר זענט אָלרײַט? — האָט ער דערהערט.

אַ ווײַלע האָט ער ניט געקענט ענטפערן. ענדלעך אַ זאָג געטאָן:

— אָלרײַט...

— זיי האָבן אײַך באַרויבט, די באַנדיטן? — האָט אײנער געפרעגט.

— ניין... ניין...

— ניט געהאַט גענוג צײַט, די מאַמזיירים. דערזען אונדז אָנקומען, דערשראָקן זיך און אַנטלאָפן.

— יאָ... עס ווײַזט אויס אַזוי... אַ דאַנק... אַ דאַנק...

זיי האָבן אים פאָרגעשלאָגן אַהיים צו פירן. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט און באַדאַנקט — ער איז געווען שוין בײַ דעם אַרײַנגאַנג צום מעטראָ. זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין צום מעטראָ. געטאַפּט מיט דער ציטערדיקער האַנט דאָס צעשלאָגענע און אָנגעשוואָלענע פּנים, גייענדיק קוים אויף די ציטערדיקע, אָפּגעשוואַכטע פיס.

מיסיס גרין האָט פאַרבראָכן די הענט, ווען זי האָט אים דערזען, געשריגן, אַז מ׳דאַרף רופן די פּאָליציי. געבראַכט אַ ריינעם האַנטעך, געשטופּט אים צום וואַש-צימער. מערקין האָט זיך אַרומגעוואַשן, געקוקט אויף זיך אין שפּיגל, געטאַפּט די בלויע, אויפגעלאָפענע פוכירן אונטער די אויגן; צוביסלעך צוריקגעקראָגן זײַן געוויינלעכע רויִקײַט און אַפילו אַ שמייכל געטאָן. דערנאָך אַנידערגעזעצט זיך אויף אַ בענקל און געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן מיט אַ האַנטעך, אײַנגעווייקט אין אײַז-קאַלטן וואַסער און דורך די פאַרמאַכטע אויגן געזען שוועבנדיקע רויטע, גרינע, בלויע און ווײַס-בליצנדיקע קײַלעכער, וואָס האָבן זיך געדרייט... און געדרייט... אין ספּיראַלן מיט אומגעהייערער שנעלקײַט... אין מויעך האָבן פּלוצעם אויפגעוואַכט ווערטער, וואָס זײַנען געקראָכן אויף אים ווי שווערע, בייזע הענט: שטיי אָפּ... שטיי אָפּ, שטיי אָפּ...

ניין, דאָס זײַנען ניט געווען קיין באַנדיטן. זיי האָבן ניט געמאָנט, געזוכט צי געטאַפּט די קעשענעס זײַנע... זיי האָבן אים גאַנץ קלאָר געזאָגט: שטיי אָפּ, דו ווײַסער, שמוציקער ייִד... עס האָט זיך אים ניט געכאָלעמט. האָט זי עפּעס געוווּסט, קאַרא? האָבן זיי איר עפּשער געזאָגט, אַז מ׳גייט זיך אָפּרעכענען מיט אים... זאָל דאָס זײַן איר ברודערס, עמעצס, אַרבעט?..

עפּשער האָט ער געדונגען אַ פּאָר פון זײַנע כאַוויירים, קעדיי אָנצולערנען אים? עפּשער דערפאַר האָט זי, קאַרא, געאײַלט אים אַהיים צו פאָרן... און עפּשער דערפאַר האָט זיך אים ניט אויסגעוויזן, נאָר ער האָט טאַקע געזען טרערן אין אירע אויגן... עפּשער דערפאַר האָט זי אים געבעטן אָנצוקלינגען, ווען ער וועט אַהיים קומען? זי האָט אים ניט געקענט וואָרענען, ווײַל זי האָט ניט געגלייבט, אַז מ׳וועט אים צעשלאָגן, וואָלט זי ניט געלאָזט אַהיים פירן זי... אַזוי, צי אַזוי... סאַטלער וואָלט זיך גערייבן די הענט פון צופרידנקײַט, אַז אָט ער איז געווען גערעכט, ווען ער וואָלט געוווּסט וועגן דעם... וואָלט ער געשריגן: זעסט, כ׳האָב דיר געזאָגט! כ׳האָב דיך געוואָרנט! אַנטלויף. פאַרגעס. שטיי אָפּ.. .שטיי אָפּ...

מערקין איז אין דער דאָזיקער נאַכט קימאַט ניט געשלאָפן. געדרייט זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער און געפילט, ווי עס כאַפּט אים אַרום אָט אַ היץ, אָט אַ קעלט... פאַרטאָג איז ער אײַנשלאָפן געוואָרן. און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, לויט דער געוווינהײַט צו דער שאָ, ווען ער שטייט אויף צו גיין צו דער אַרבעט, איז ער אַראָפּ פון בעט, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, דערזען שוואַרצע צוויי פלעקן אונטער די אויגן. איין אויג קימאַט אינגאַנצן פאַרשוואָלן און פאַרמאַכט... האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן און ווי פאַרקלעמט זיך, און אַ מאָרעשכוירעדיקע שטימונג האָט זיך גענומען רוקן אויף אים. מיט אַ פּאָר שאָ שפּעטער האָט ער טעלעפאָנירט אין דער ביבליאָטעק, גערעדט מיטן פאַרוואַלטער פון זײַן אָפּטייל, געזאָגט, אַז באַנדיטן זײַנען אים באַפאַלן און צעשלאָגן אים אַזוי, אַז אַ פּאָר טעג וועט ער מוזן זײַן אינדערהיים. קאַראַן האָט ער ניט אָנגעקלונגען.

עס איז אַוועק קימאַט אַ וואָך, ביז דאָס פּאָנעם האָט זיך באַ איִם פאַרהיילט. ערשט דעמלט האָט ער אָנגעקלונגען צו קאַראַן און געזאָגט איר, אַז, ליידער, איז ער געווען פאַר־נומען די גאַנצע וואָך. ניט געקענט טעלעפאַנירן און טרעפן זיך מיט איר. אין דער קאַפע־טעריע, אָבער איצט...

זי האָט איבערגעשלאָגן זײַנע רייד. גערעדט צו איִם ווי אַ קראַנקע, שטיל... מיט אַ מין פלעגמאַטישקייט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט רעזיגנאַציע. אָבער די ווערטער, ווי אין טרערן געוויקעט, האָבן זי פאַראַטן, און מיטאַמאָל האָט ער דערהערט איר כליפּען און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך פאָר אַוועק אויף אַ קורצער צײַט... אויף עטלעכע וואָכן עפּשער... צו מײַן מומען קיין פלאָרידע. איך פאָר מיט מײַן מאַמען. מאָרגן. איך וועל אײַך עפּשער שיקן אַ בריוו, צי אַ פּאָטשטקאַרטל, אָבער זאָגט מיר... זאָגט מיר... האָט איר גאָרניט וואָס צו זאָגן מיר? גאָרניט?..

— גאָרניט, קאַראַ. גאָרניט דערווײַל.

— זענט איר אַלרײַט? עס איז גאָרניט געשען די גאַנצע וואָך?

— גאָרנישט.

— איר זאָגט מיר ניט דעם עמעס. איר האָט מיר אין יענעם אָוונט ניט טעלעפאָנירט. האָט עפּעס פּאַסירט?

— עס האָט גאָרניט פּאַסירט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך ווידעראַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— איך וואָלט אײַך אַזוי געוואָלט זען... אָבער... ניט איצט. ווען איך וועל צוריקקומען, עפּשער. זעט, אַז קיינער זאָל ניט פאַרנעמען אונדזער טישל, ליבער... אויב דאָס טישל האָט אַרײַנגעבראַכט עפּעס שטימונגען, באַדײַטונגען אין אײַער לעבן, ווי עס האָט געבראַכט צו מיר.

— קיינער וועט ניט פאַרנעמען אײַער פּלאַץ באַם טישל, קאַראַ.

— איז... צום ווידערזען.

— צום ווידערזען, קאַראַ.

מערקין האָט אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל און איז געבליבן שטיין. געקוקט ערגעץ, ווי זעענדיק עמעצן. אַרײַנגעגאַנגען צוריק אין זײַן צימער און אַנידערגעלייגט זיך אויפן בעט. פאַרמאַכט די אויגן. אַלץ געהערט נאָך איר שטים און געטראַכט: וואָלט דען אַ יונגע פרוי, פון וואָס פאַר אַ ראַסע, צי פאָלק זי זאָל ניט זײַן, אַזוי געפּליסטערט מיט עמאָציעס, מיט ליבשאַפט, ווי זי, דאָס טונקל־הויטיקע נעגעריש, צי האַלב־נעגעריש מיידל?

דער ווינטער איז שוין פון לאַנג אַוועק. אין דער צײַט האָט מערקין געקראָגן איין פּאָטשטקאַרטל פון קאַראַן. זי האָט געשריבן: „איך ברען זיך אויף דער זון. איך בין איצט אינגאַנצן שאָקאָלאַד־ברוין, ווי אַן עמעסע דאַרעמדיקע טאָכטער, ווי אַן עמעסע נעגערטע. ווען איר וואָלט מיך געזען, וואָלט איר מיך ניט דערקענט. מײַן מאַמע גריסט דיר. זי זאָגט מיר: ווער שוואַרץ. אינגאַנצן שוואַרץ. און זאָל ער דיך זען, ווי דו וואָלסט באַדאַרפט זײַן און ווי ער האָט דיך נאָך ניט געזען".

מערקין האָט געלייענט דאָס קאַלירטע קאַרטל, וואָס זי האָט געשיקט אין אַ קאָנווערט, און ער האָט פּרובירט פאַרשטעלן זיך ווי זי, קאַראַ, זעט איצט אויס אַ טונקל־ברוינע, ווי אַן „עמעסע נעגערטע", און ווי פון זיך אַליין איז איִם אופגעקומען אַ געדאַנק: און אַז זי וועט אויסזען ווי אַן עמעסע נעגערטע, וועט זי דען פאַרלירן איר כיין, איר שמייכל און דעם קישעף פון אירע אויגן? זי איז אַזוי ניט זיכער מיט זיך, דאָס זיסע מיידל.

ער איז געווען אַ פּאָר מאָל באַ סאַטלערן און איין מאָל געגעסן מיט איִם דאָרט. אין יענעם אָוונט האָט שאַראָן אָנגעפּירט מיט דער „אַטאַקע" אויף זײַן נאַיוון אידעאַליזם, ווען זיי זײַנען ווידער אַרויף אויף דעם געשפּרעך וועגן קאַראַן. זי האָט אַרויסגערוקט די טעאָריע, אַז די נאַטור אַליין איז קעגן דער אויסמישונג פון לעבעדיקע מינים.

— אָבער ניט פון מענטשן, אַפילו ווען זיי זײַנען פון פאַרשיידענע ראַסן. — האָט מער־קין געלאַכט. — ווייסט איר דען, פון וואָס פאַר אַ פעלקער איך און איר קומען? אַנטשולדיקט, שאַראָן... ווייסט איר, אַז די יידן, וואָס וווינען פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר אין כינע, זעען שוין אויס ווי כינעזער? און די יידן פון מאַראָקאָ זעען אויס ווי מאַראָקאַנער, און מיט אַ טויזנט יאָר שפּעטער וועלן די ווײַסע עפּשער אינגאַנצן פאַרשווינדן?

— טאָ וואָס וואַרט איר ניט אויס אַ ביסל, ביז איר וועט ווערן אַ שוואַרצער? — האָט שאַראָן האַרציק געלאַכט.

— שפּאַסערייַ אין אַ זייַט. — האָט זיך סאַטלער אָנגערופן. — לאָמיר ניט ריידן פון ווייַטע אוטאָפּישע עפּאָכעס. מיר לעבן הייַנט מיט אונדזערע הייַנטיקע, פון דער ניט ווייַטער פאַרגאַנגענהייַט געננומענע טראַדיציעס. מיר האָבן אונדזערע קולטור-סטאַנדאַרטן, מיר אונטערשיידן זיך איין פאָלק פון דעם צווייטן מיט געוויסע מאָראַלישע און עטישע אַטריבוטן. און אין דעם ליגט דער אונטערשייד, וועלכן ס'איז שווער איבערצושפּאַנען, קעדיי צו פאַרייניקן זיך. הייראַט מיינט ווערן איינס.

— איינס — אין געדאַנק, אין געשמאַק, אין וועלט-אָנשויונג און אַפילע אין דעם אויך ניט שטענדיק. ווי קאָן מען ווערן איינס? און מיר זאָלן נעמען ווי אַלס בייַשפּיל פעלקער, איז מיט וואָס איז, לאָמיר זאָגן, אַ דייַטש מיט זייַן הויכער קולטור בעסער פון אַ נעגער?

— איך מיין עס ניט... און איך וויל עס אַפילע ניט זאָגן. אָבער בא מיליאָנען איז אייַנגעוואָרצלט אַ מיינונג, אַז די אַנדערשקייַט איז דייַן יידישקייַט.

— מייַן יידישקייַט?! וועלכע יידישקייַט?! וואָס איז מייַן יידישקייַט?

— כאַ... דעם עמעס זאָגנדיק, וואָלט איך ניט געקענט דעפינירן, וואָס עס איז און וואָס עס באַטייַט יידישקייַט, אַפילע ווען עס קומט צו מייַן אייגענער יידישקייַט. מע זאָגט אָבער: אונדזער הויכע (אַנטשולדיק — הויכע?) מאָראַל... מיר האָבן געגעבן דער מענטשהייַט אַ ביבל.

— כאַ! — האָט מערקין אַ לאַך געטאָן. — ערשטנס, גלייב איך ניט, אַז די ביבל טראָגט מיט זיך די אַבסאָליוטע מאָראַל; און די ביבל איז שוין ניט מער בלויז אונדזערע. אָט איז קאָראַס מוטער מער אַרייַנגעטאָן און פאַרגלייבט אין דער ביבל, ווי איך און דו. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן אַ ביליאָן קריסטן, וואָס שווערן בא דער ביבל. און אינדערעמעסן פּרעטענדירן אַלע, אַז זיי זייַנען מאָראַליש לויט דעם אַלטן, צי לויט דעם נייַעם טעסטאַמענט, וואָס איז עפּשער מאָראַלישער.

— לאָמיר זיך פאָרשטיין איינער דעם צווייטן, — האָט זיך סאַטלער צוגערוקט נעענטער צו מערקינען. — דו און איך — מיר זייַנען יידן, פּונקט ווי אַנדערע זייַנען, לאָמיר זאָגן, גריכן, שפּאַניער צי איטאַליענער... צי דו ווילסט, צי דו ווילסט ניט, — דייַן וועג, דער וועג פון דייַן פאָלק, איז אַ היסטאָרישער, אַ מאַרטירערישער אַפילע.

— איך פאַרשטיי דיך און נאָך אַזעלכע, ווי דו, און איך וועל ניט אָנהייבן די דיסקוסיע מיט דיר און אַ פראַגע טאָן: איז פאַרוואָס איז אָט דער אייביקער אַנטיסעמיטיזם איבער אונדז? און זייַנען מיר דאָס איינציקע פאָלק אין דער מענטשהייַט, וואָס גייט אָף מאַרטירערישע וועגן, מער אָדער ווייניקער, גרויסע פעלקער אַפילע? איך קוק אַרייַן, און לייען, און לערן די געשיכטע פון אַנדערע פעלקער. איך פאַרטראַכט זיך און פאַרגלייַך אָפּט, און איך זע, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, וואָס האָבן זיי זייערע בירגער געגעבן; זייערע פילאָסאָפן, זייערע ליטעראַטורן, זייערע קונסטן, זייערע לערער, זייערע הומאַניסטן... איך ווייס ניט, מיט וואָס איך קען זיך איבערנעמען און זייַן מער שטאָלץ. פאַרגעסן צו דערמאָנען די שאַפער פון אונדזער אומגלויבלעך-קישעפדיקער ציוויליזאַציע און טעכנאָלאָגן.

— איר האָט פאַרגעסן אויך די היטלערס, — האָט זיך שאַראָן אָנגערופן.

— ניין. איך האָב גלייַך באַם אָנהייב דערמאָנט דעם אַנטיסעמיטיזם.

— איז אונטערפירנדיק דעם באַלאַנס וועגן דיר און דייַן פילאָסאָפיע וועגן דיר, קען מען זאָגן, אַז דו ביסט אַ וועלט-בירגער, אַ הומאַניסט, אָן שום אָנגעהעריקייַט צו אַ באַשטימט פאָלק.

— וואָס עס קומט מיר איצט אָף דעם געדאַנק, סאַטלער: ווען איך בין געפאָרן אַהערצו, האָב איך דאָך געוווּסט, אַז מיר וועלן ריידן וועגן קאָראַן. און זע, אין וואָס פאַר אַ טיפער, פּראָבלעמאַטישער דיסקוסיע פירט אונדז און קען אונדז פירן גאַנצע טעג און יאָרן אַפילע. איך געדענק ניט, ווו איך האָב עס געלייענט און ווער עס האָט עס געזאָגט: „דו אַליין דאַרפסט אָנצינדן מיט פלאַם דעם פאַקעל, וואָס דו האָסט געבראַכט מיט זיך”. אָט די דאָזיקע ווערטער מיט דעם סימבאָלישן זין זייַנען פאַר מיר פּערזענלעך די עמעסע וועגווייַזער אָף מייַן וועג אין מייַן, נאָך ניט ווייַט אָוועקגעגאַנגענעם אָבער אַ סאַך געזעענעם לעבן. מייַנע פרייַנט, איך קען אויסדריקן און אָרגאַניזירן מיט לאָגיק מייַנע ווערטער אין מייַנע דיסקוסיעס מיט אייַך. קאָראַ קאָן דאָס ניט, זי זעט דאָס לעבן. זי פילט דאָס לעבן. זי קאָן דערקלערן עס אין אַ פּראָזע — עמאָציאָנעל, צי רויִק. פאַר איר איז די פּראָבלעם שוואַרץ און ווייַס — אָן אייביקע פּראָבלעם, אַזוי צו זאָגן, זי איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן און לעבט זיך מיט אָט דעם געדאַנק און געפיל, ווייַל די מענטשהייַט אַרום דערמאָנט איר די גאַנצע צייַט וועגן דעם, פּונקט ווי מע טוט עס מיט יידן. שוואַרץ פאַר איר מיינט זייַן דיסקרימינירט, פאַרפאָלגט און אונטערדריקט. זי איז צוגעוווינט צו דעם אָט ווי מיר

זײַנען צוגעוווינט צום אַנטיסעמיטיזם. איך ווייס, אַז פֿאַר מיר און אויך פֿאַר איר וועלן אויס־וואַקסן אַן אַ שיר קאָנפֿליקטן. אָבער זאָגט מיר: ווער איז דער דאָזיקער, צי די דאָזיקע, וואָס קאָנען איצט, הײַנט זאָגן מיר, ווי-אַזוי אַריבערצוגיין די גרענעץ צו איר? ווײַל איך וויל זי... און אין דער זעלבער צײַט אויסמײַדן די קאָנפֿליקטן, וואָס וועלן שטיין אויף מײַן וועג, אויס־מײַדן זיי הײַנט און מאָרגן און ניט ווען-עס-איז אין דער ווײַטער צוקונפֿט, ווען מיר וועלן שוין דאָ ניט זײַן. מיר זײַנען דאָך יונג, מיר ווילן דאָך לעבן הײַנט, געניסן הײַנט... און ווער איז דער דאָזיקער אין דעם הײַנטיקן טאָג, אויב ניט איך און אויב ניט זי? איך בין דער דאָזיקער, וואָס טראָגט דעם פּאַקעל, און איך בין דער דאָזיקער, וואָס דאַרף אים אָנצינדן מיט דעם פֿלאַם.

— מערקין, דו ביסט גערעכט. ס'איז, אייגנטלעך, דײַן לעבן און דײַן פּראָבלעם, — האָט סאַטלער געזאָגט. — עמעס, יעדע אינדיווידועלע פּראָבלעם ווערט אָפּט אין איר לײַ־זונג א מוסטער פֿאַר טויזנטער אַנדערע, אָבער איצט איז שוין ווײַט נאָך האַלבער נאַכט, צו א קאָנקרעטן שלוס און פֿאַרשטענדעניש וועלן מיר סײַ־ווי ניט קומען און שאַראַן האָט שוין פֿון לאַנג באַדאַרפֿט שלאָפֿן... איז וועלן מיר גיין שלאָפֿן.

— און עפּשער א ביסל כאָלעמען וועגן דער ווײַטער, ווונדערבאַרער צוקונפֿט, — האָט מערקין געזאָגט שמייכלענדיק.

דער סאַף אַפּראָל איז געשטאַנען א זוניקער. עס האָבן געבלאָזן ווינטעלעך, וואָס האָבן מערקינען אָנגעפּילט מיט מוטיקײַט, מיט ענערגיע און געשלעפּט צו די טרוקענע אַספֿאַלטענע ראָגן צו שפּאַנען און זײַן מיט מענטשן, דערזעענדיק דאָ און דאָרט א געשטאַלט פֿון א צו־ציִענדיק-שיינער און יונגער נעגערישער פֿרוי, געקוקט אויף זיי און געזוכט אין זייערע פּנע־מער שטריכן, וואָס וואָלטן אים דערמאָנט אין קאַראַן. ער פֿלעגט טראַכטן און וואַרטן אויף דעם אָוונט, ווען זי וועט צוריקקומען און ווען זי וועט זיך באַווײַזן פֿאַר אים.

אויך אין דעם דאָזיקן אָוונט איז ער געזעסן און געוואַרט. באַם זעלבן טישל אין דער קאַפֿעטעריע. באַ דער זײַט פֿון טישל איז געלעגן די ביבל. די לעצטע טעג ווידער געלייענט. געוואָלט ווידער לייענען זי, ווען ער איז שוין עלטער, רײַפֿער — שטודירן זי, אייגנטלעך — די מענטשלעכע מאָראַל אין איר, אויב זי איז ווירקלעך דאָרט פֿאַראַן, וועט ער עפּשער גע־פֿינען אַן אָנווײַזונג, אַן אָנדײַטונג ווי צו לייזן זײַן אייגענע פּראָבלעם, לייענענדיק דאָרט די שיינע געשיכטעס און לעגענדעס; געלייענט וועגן די מילכאָמעס, וואָס האָבן אָפּגעמעקט גאַנצע שוואָטים און פֿעלקערלעך. און אַלץ אין דעם נאָמען פֿון דעם איין-און-איינציקן גאָט. ער האָט נאָכגעפֿאָלגט די דראַמעס און די טראַגעדיעס אין די לעבנס פֿון די קיניגן, זייער אופֿשטײַג און זייער נידערן אויף די וועגן פֿון פּאַראַט, מאָרד און מעשוגאַס... אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט די געזאַלבטע הערשער אין ענגלאַנד, אין פֿראַנקרײַך, אין אַלטן רוים, אין רוסלאַנד... אַזוי ווי דער גענ-אַלער שעקספּיר האָט עס געשילדערט אין זײַנע אומשטערבלע־כע טראַגעדיעס און וואָס זײַנען אים, מערקינען, גוט באַקאַנט.

מיטגעריסן געוואָרן אויך מיט די שטראָף-רייד און מיטן פּאַטאָס פֿון די נעווי-ים. און אָט מיטאַמאָל — א שיין מײַסעלע וועגן דעם קיניג אַכאַשווייראָש און וועגן זײַן ייִדישער געליבטער צי קעפּסווײַב עסטער. און פֿון דעם אַנטוישטן, פֿאַרמאַסקירטן קויהעלעס — דעם פֿילאָסאָפֿישן פּעסימיסט, וואָס רײַסט אַרונטער מיט אַזויפֿיל מוט דעם פּאַרהאַנג, וואָס הענגט איבער דער בינע פֿון די אילוזיעס אין מענטשלעכן לעבן.

און באַלד ווערט דער גרויליקער פּעסימיזם פֿאַרזיסט מיט דער זינגעוודיקײַט, מיט דער ווונדערבאַרער שיינער עקזאָטיק פֿון א באַנאַכטיקער ליבע, וואָס רײַסט זיך פֿון בסולעדי־קײַט צום פֿלאַמיקן פֿײַער, אויסגעקושט צו ווערן, אויסגעברענט צו ווערן... — אין דעם „שיר-האשירים”... שולאַמיס אין דעם „געזאַנג פֿון געזאַנגען”. און ער, מערקין, לייענט שוין צום וויפֿלסטן מאָל אירע ווערטער: „שוואַרץ בין איך, טעכטער פֿון יערושאָלאַ-ים”... און ער נעמט טראַכטן, מערקין, וועגן סאַטלערן און וועגן שאַראַן — פֿאַרוואָס האָט ער זי ניט גע־בראַכט פֿאַר זיי, אָט די דאָזיקע שיינע, עקזאָטישע שוואַרצע שאַראַן, וואָס איז געווען גוט פֿאַר א קיניג?...

און ער, מערקין, מישט אויף די בלעטער וועגן „רוט”... און ער זעט פֿאַר זיך די באַ־נאַכטיקע פֿעלדער אין פֿאַסטאָראַלער שיינקײַט און אין ליבע... אויך, דאַכט זיך, פֿון צוויי פֿרעמדע צווישן די אַראָמיקע שוואָטים, מענטשן, וואָס פֿאַרשליסן זיך איינער אין צווייטן מיט מענערישער און פֿרויִשער ליבשאַפֿט, ווי די נאַטור וויל עס, ווי דער גריכישער גאָט „פּאַן” וויל עס... — עס איז דאָך ליטעראַטור... ליטעראַטור... — טראַכט מערקין. און... ער טוט, שוין לויט דער געוווינהײַט פֿון דערוואַרטעניש, א קוק צו דער טיר און ער דערזעט

קאַראַן, ווי זי קומט אַרײַן און דערנעענטערט זיך צו אים, א טונקל־ברוינע, א שמייכלענדיקע. די ווײַסע ציין אירע ווי א בליץ. די אויגן נאָך גרעסער אַף דער טונקלקייט פון איר פּנים.

— קאַרא... — איז ער אופגעשפּרונגען און איר אנטקעגן געגאַנגען.

— דערקענט מיך? בין איך די זעלבע?

— די זעלבע און נאָך שענער.

— איר האָט געוואַרט אַף מיר?

— יעדן אָוונט. כ'האָב זיך שוין ניט געקענט דערוואַרטן.

— וואַרט נאָך א ביסל. כ'וועל גיין נעמען פאַר זיך עפּעס עסן. ווילט איר אויך א קאַווע?

— גוט.

ער האָט איר נאָכגעקוקט. זי האָט אויסגעזען אין איר ברוינקייט נאָך שענער, ווי פריִער. אויך די כאַראַקטעריסטישע האַלב־נעגער־שטריכן און אויסדרוק האָבן זיך אנטפּלעקט שאַרפער. ער האָט געטראַכט: זי איז אינטערעסאַנטער אזוי... אָט, טאַקע, ווי שולאַמיס אין „שיר־השירים"...

זי איז צוריקגעקומען מיט דער שפּײַז און מיט צוויי טעפּעלעך קאַווע. געקוקט אַף אים אייניקע מינוטן און געשוויגן. דערנאָך גענומען דערציילן וועגן איר לעבן דאָרט, בא איר מומען אין פלאָרידע.

— איר ווייסט... איך געהער צו זיי דאָרט אין פלאָרידע... — האָט זי געזאָגט. — איך געהער צו יענעם קלימאַט, צו די פּאַלמעס, צו דעם יאַם. דאָ בין איך צו שטאָטיש, צו ציוויליזירט, צו פרעמד אפילו. דאָס זאַמד דאָרט, ווײַזט זיך מיר אויס, איז מיר אייגענער, נאַטירלעכער פאַר מײַן אויסזען און אויך פאַר מײַן בלוט, דאכט זיך.

— וועלן מיר זיך באַזעצן אין פלאָרידע.

— מיר?.. איר שפּאַסט. אפילו דאָ אין שטאָט, אין דער ריזיקער מעטראָפּאָליע קאָנען מיר זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון בליקן און קאָמענטאַרן. טוט א קוק, אָט דאָרט באַם טישל, ווו יענע צוויי פעטע פרויען זיצן... זעט, ווי זיי קוקן אַף אונדז. ווי אַף ווילדע באַשעפענישן. זיי ווונדערן זיך מיסטאָמע אַף דער קאָמבינאַציע...

— עפּשער פאַרקערט, עפּשער באַוווּנדערן זיי אונדז.

— ניין, ס'איז ניט פאַרקערט. דאָרט — ניט אַרײַנקומען אין דעם זעלבן האָטעל, ניט זיצן אין דעם זעלבן רעסטאָראַן, ניט באָדן זיך אין דעם זעלבן פּאַס יאַם. דאָ, זעט איר, זײַנען שוין פאַראַן איצט סטעזשקעס און ווינקלען מיט אויסגעקעמפטע רעכט פאַר אונדז, אָט ווי דאָ. און דאָך נעמט מען ניט אַראָפּ די בליקן פון אונדז... עס איז עפּעס אומנאַטירלעכס אין אונדז...

— מע דאַרף ניט זײַן אזוי סענסיטיוו און ניט אָן אופהער טראַכטן וועגן דעם. מיר דאַרפן עס איגנאָרירן...

— איגנאָרירן, סימור? איגנאָרירן עס די ייִדן? דאַרפן זיי דאָס איגנאָרירן?

— דעם עמעס זאָגנדיק — איך האָב ניט קיין ענטפער אַף דעם.

זי האָט אים אויך דערציילט, אז אינדערפריִ איז זי געגאַנגען צו דעם „דזשיי־בי", צוריק צו איר דזשאַב.

מערקין האָט געהאַלטן אין איין קוקן אַף איר און עס האָט זיך געריסן פון אים דער דראַנג צו זאָגן איר: — קאַרא... עס מוז דאָך געשען, טאָ לאָמיר הייראַטן. ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט. אין דער זעלבער צײַט געטראַכט: לאָמיר נאָך וואַרטן א וואָך, צוויי... זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַפעטעריע. דער אָוונט איז געווען מילד. זיי האָבן שפּאַצירט אַף די ראַגן און געקוקט אַף די באַלויכטענע, רײַך־אויסגעפּוצטע פענצטער פון די קראָמען. דאָ און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט. געקוקט אַף די רײַכע פרויען־קליידער. און קאַרא, אָוועקמאַכנדיק מיט דער האַנט, האָט אים געשלעפּט ווײַטער:

— קומט... דאָס איז ניט פאַר מיר.

און מערקין האָט געקוקט אַף איר שלאַנקער פיגור אין ברוינעם גוט־געפּאַסטן קאָסטיום; אַף איר קורצער טאַלמע, וואָס איז געפאַלן פרײַ אַרום אירע אַקסלען, ביז די היפטן; אַף איר ברוין בערעטל, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון איר שוואַרצן ניט־געשוירענעם קאָפּ...

דער וועג אַהיים מיטן מעטראָ האָט אויסגעוויזן שנעל און קורץ. און אָט זײַנען זיי בא דער „גרענעץ", ווו זי איז מיטאָמאָל געבליבן שטיין.

— דאָ וועלן מיר זיך צעשיידן, — האָט זי געזאָגט.

— ווילט איר ניט, איך זאָל אײַך אַהיים פירן דעם ערשטן אָוונט פון אײַער אַהיימקומען?

— ניין. דאָ וועלן מיר זיך זאָגן: צום ווידערזען ביז מאָרגן.

ער האָט ניט געוואָלט פרעגן, פאַרוואָס זי וויל ניט. ער האָט ניט געוואָלט ערגערן זי, צעשטערן איר שטימונג — וואָרעם עס קאָן דאָך זייַן, אַז זי האָט זיך דערוווּסט וועגן יענער נאַכט, ווען מ׳האָט אים צעשלאָגן.

— גוט. זאָל זייַן הייַנט ווי איר ווילט. — האָט ער געזאָגט. — זאָל דערווייַל זייַן אַזוי, מיר וועלן זיך זען מאָרגן אין אָוונט, און דערנאָך נאָך אַן אָוונט, און נאָך אַן אָוונט, און אין איינעם אַן אָוונט וועל איך זאָגן: גענוג. איך פיר אייַך מער ניט צו אייַער מאַמען. איר זענט שוין אַ גרויס מיידל. און אין דעם שיינעם אָוונט וועסטו בלייַבן באַ מיר.

— אַף אייביק? — האָט זי צוגעלייגט זייַן האַנט צו איר באַק און דערנאָך צו אירע ליפּן און פאַרמאַכט די אויגן.

קאַרא האָט שוין געאַרבעט. און מערקין איז זייַן אַרבעט איז אין דער זעלבער צייַט געווען פאַרפּלאָנטערט אין אַ נעץ פון צערודערטע געדאַנקען וועגן דעם ענדלעכן שריט, וואָס ער האָט זיך געגרייט צו מאַכן. זי האָט ניט געוואַגט צו ריידן וועגן דעם. עפּשער האָט זי געטראַכט, אַז ס׳איז בעסער, אַז ער אַליין, אָן איר באַשטימונג און פּלאַנירן, זאָל דורכ-טראַכטן און דורכפירן דעם באַשלוס פאַר זיך און פאַר איר; דעם באַשלוס און דעם פּראַק-טישן פּלאַן, וויִאַזוי אייַנצואָרדענען זייער לעבן.

און דער הויפּט-געדאַנק זייַנער איז געווען וועגן אַ היים. דאָס וואָרט, דער באַגריף „היים" האָט אים אַמערסטנס געשראָקן. ער האָט ניט געקענט געפינען פאַר זיך אַן ענדלעכן ענטפער: אָט דאָרט וועט זייַן אייַער היים.

עס זייַנען פאַראַן, האָט ער געוווּסט, גאַנצע שטרעקעס פון לאַנגע, „שוואַרצע" קוואַר-טאַלן, ווו זיי האָבן געקענט אויסמישן זיך און בלייַבן דאָרט שטעקן, גאָט ווייסט אַף ווי לאַנג; עס וואָלט אָבער ניט אָפּגעשטעלט דעם דיסאָנאַנס. ערגעץ-ווו וואָלט זייַן ווייַס פּאָנעם און בלאָנדער קאָפּ געריצט, און קאַרא אין איר שיינקייַט וואָלט באַדאַרפט גיין ווי אַף אַ שטריק איבער דעם אָפּגרונט, ווו עס וואָלטן געלעגן און געוואַרט אַף איר פאַרשווינען פון העפקער און לייַדנשאַפט, מיינענדיק און זייַענדיק איבערצייַגט, אַז אין איר צוזאַמענלעבן מיט אַ ווייַסן, איז זי, מיסטאָמע, אַ פרייַער פויגל און אַמאָראַליש.

זיי, ער מיט קאַראַן, וואָלטן געקענט אויך פּונקט אַזוי לייַכט אַרייַנשטעקן זיך אין די קוואַרטאַלן פון „ווייַסן מיסט", פון די דעגענערירטע ווייַסע, ווו דאָס לעבן ווערט אויפגענו-מען מיט אַפּאַטיע און מיט ציניזם; און זיי וואָלטן אויך געקענט אַרייַנשטופּן זיך אין די קוואַרטאַלן פון די קינסטלער, די באָהעמען, ווו, ווער אין רייַכטום, ווער אין אָרעמקייַט, שפּייַט דער קליינבירגערלעכער, קאָנסערוואַטיווער אָנשטענדיקייַט אין פּאָנעם אַרייַן... אָבער גראָד דאָרט זייַנען די דירעס טייַער, אַפילע ווען זיי זאָלן זיך באַנוגענען בלויז מיט איין צימער; און זיי וואָלטן געקענט פאַרקלייַבן זיך אין אַ קליינעם, אָרעמען האָטעל פון נידעריקער און צווייפלהאַפטער רעפּוטאַציע... וואָרעם קענען זיי דען גיין אין די ווייַסע באַלעבאַטישע קוואַר-טאַלן (מערסטנס יידישע), ווו עס הערשט די אייַזערנע רעסטריקציע?..

אַ היים... אַ היים טאָר דאָך ניט זייַן בלויז אַ בעט. אַ היים, פאַר אים און פאַר קאַראַן, דאַרף זייַן אָט אַזאַ ווי באַ סאַטלערן, אויב ניט אַזוי שיין און רייַך, דאַרף זי אָבער זייַן אָנ-שטענדיק, מיט אַן אַטמאָספער פון היימישקייַט, פרייַנטלעכקייַט און קולטור...

אין איינעם אַן אָוונט, זיצנדיק מיט קאַראַן באַם טישל אין דער קאַפעטעריע, האָט מערקין אָנגענומען אירע ביידע הענט און, קוקנדיק אין אירע אויגן, געזאָגט:

— קאַרא, הייַנט איז עס דער אָוונט פאַר אונדזער באַשלוס.

— יאָ, טייַערער?..

— אין אונדזער פאַל איז אַ רעליגיעזע צערעמאָניע אויסגעשלאָסן. מיר וועלן גיין צו אַ ריכטער און ער וועט דורכפירן די לעגאַלע צערעמאָניע. ווילסט, דייַן מאַמע און דייַן ברודער עמעט זאָלן אָנוועזנד זייַן?

— ניין. — האָט זי געזאָגט. — דער מאַמען וועט עס ניט געפעלן אָן רעליגיע, אָבער זי וועט פאַרשטיין. זי איז טאָלעראַנט. און עמעטן וויל איך ניט.

— מיר וועלן דאַרפן צוויי איידעס. דער ריכטער, גלייב איך, קען דאָס באַזאָרגן. מיר וואָלט זיך אָבער געוואָלט אייַנלאַדן סאַטלערן און מייַן קאָלעגע פון דער ביבליאָטעק, מי-לערן. וואָס דענקסטו וועגן דעם?

— ווי דו ווילסט און פאַרשטייסט.

— איך וועל מאָרגן זאָגן מיסיס גרין, אַז איך גיי הייראַטן. עס וועט דיך ניט אַרן די ערשטע צייַט צו וווינען דאָרט באַ איר?.. אין מייַן צימער?

— עס וועט זײַן גוט. דער מאמען וועט עס אויך געפעלן. — האָט זי מיט איר באַקאַנטן פאר אים זשעסט צוגעטראָגן זײַן האנט צו איר באק, דערנאָך צו די ליפּן.

— וועט א פיר קאראט ברילױאנטענע רינג דיך צופרידנשטעלן?

— מאך זיך ניט נאריש, מײַן ייִנגל. דו ביסט דער שענסטער ברילױאנט.

— איצט טו א קוק, — האָט ער אָנגעוויזן אין שפּיגל. — דו זעסט דאָס פּאָרל דאָרט אין שפּיגל? דעם הויכן, בלאָנדן יונגערמאן און די גאָלד-ברוינע שיינהייט ווי פון דער ביבל? מיט א וואָך שפּעטער וועלן זיי זײַן מיסטער און מיסיס מערקין.

— איימען! — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן: — אזוי וואָלט געזאָגט מײַן מאמע.

מערקין און קאָרא — ער אין זײַן בלויען יאָמטעוודיקן אָנצוג, זי — אין א גרויען קאָסטיום, אין א בלויז בערעטל, מיט בלומען אין די הענט, וואָס שאראָן האָט געשיקט מיט סאטלערן, — זײַנען ארויסגעקומען פון דעם ריכטערס אָפּיס.

מילער, מערקינס ביבליאָטעקן-כאווער, וואָס איז אויך געקומען צו מערקינס הייראט, איז, ניט וויסנדיק גאָרניט וועגן דער קאלע, די גאנצע צײַט געשטאנען א פאַרוואונדערטער און שוויַיגנדיקער, מיט א מאָדנעם אויסדרוק. ער האָט אין אײַלעניש געגומען דריקן מערקינס און דערנאָך קאָראס הענט. אין אײַלעניש עפּעס א זאָג געטאָן און איז אוועק.

סאטלער, פאַרקערט, איז געווען (אָדער ער האָט סימולירט) אין א גוטער שטימונג. געזאָגט, אז ער וויל, זיי זאָלן פאָרן מיט אים אין א גוטן רעסטאָראַן. בלויז א שאָד, וואָס שאראָן האָט ניט געקאָנט קומען צוליב איר צושטאנד. קאָרא האָט א קוק געטאָן אף מערקינען, ווי פרעגנדיק אים מיטן בליק, וואָס ער דענקט וועגן דעם.

— מיר וועלן פאָרן מיט דיר, סאטלער, — האָט ער געזאָגט. — עס איז דאָך א באַזונדערע געלעגנהייט אין אונדזערע לעבנס.

פאָרנדיק מיט סאטלערן אין זײַן אווטאָמאָביל, האָט מערקין באמערקט, אז קאָרא נעמט ארויס פון איר האנט-טאַש א וואָאַל, פאַרבינדט אים ארום איר בערעטל, שלעפּט אים אראָפּ איבער די אויגן, אזוי אז עס זײַנען געבליבן אופגעדעקט בלויז איר נאָז, אירע רויטע ליפּן און איר ווײַס-צייניקער שמייכל. ער האָט געשמועסט מיט סאטלערן און ניט א טראכט געטאָן אפילע, צוליב וואָס קאָרא האָט אָנגעטאָן דעם וואָאַל. מיסטאמע איז דאָס די מאָדע איצט אזא. אָבער זיצנדיק שוין אין דעם שיינעם רעסטאָראַן, באם ווײַס-געדעקטן טיש און טרינקענדיק די „קאָקטיילס", וואָס סאטלער האָט באשטעלט, האָט ערשט דעמלט זיך מערקין געכאַפּט, פאַרוואָס זי זיצט נאָך אַלץ אין איר וואָאַל.

— מיסיס מערקין... — האָט ער א זאָג געטאָן, — מיר וואָלטן גליקלעך געווען, ווען איר וואָלט אראָפּגענומען דעם וואָאַל און וואָלט אונדז געלאָזט וואַרעמען זיך אונטער די זוניקע בליקן פון אײַערע אויגן.

— דערלויבט מיר הײַנט צו טראָגן דעם וואָאַל, מיסטער מערקין, — האָט זי געלאכט. — בלויז הײַנט. איך וויל, אז דער הײַנטיקער טאָג זאָל אוועק אָן א טרער אין מײַנע אויגן. איך האָב זיך געגרייט צו אָט דעם טאָג און צו אָט דער שאָ.

סאטלער האָט א קוק געטאָן אף מערקינען און אראָפּגעלאָזט די אויגן. און מערקין האָט א זאָג געטאָן:

— אָ, קאָרא, קאָרא... זאָל זײַן ווי דו ווילסט. אָבער נאָר הײַנט. וואָרעם הײַנט איז דער ספּעציעלער, לאנג-דערוואַרטעטער טאָג. אָבער אין די אַלע איבעריקע קומענדיקע טעג פון אונדזער לעבן ווילט זיך מיר, זאָלסט קוקן מיט דײַנע וווּנדערבאַרע אויגן מוטיק און אומדערשראָקן. אויגן, קאָרא, זײַנען דאָך, ווי מע זאָגט, די פענצטער פון דער נעשאָמע.

זיי האָבן געגעסן, גערעדט און געשפּאַסט. געטרונקען וויַין און געטרונקען קאַווע און געמאכט פּלענער פאר דעם צווייטן טאָג, פאר דעם גאנצן צווייטן טאָג, וואָס איז געווען זייערער, א פרייער פון ארבעט — א האָניק-טאָג, אזוי צו זאָגן.

עס איז געקומען די צײַט פאר סאטלערן אהיים צו פאָרן — שאראָן וועט דאָך מיט אומגעדולד וואַרטן אף אים, וועט ער זיי שוין, „די מערקינס", נעמען און אהיים פירן צו זייער נעסט.

ווען סאטלער האָט זיי געפירט אהיים, צו מערקינס צימער, איז שוין די זון געשטאַנען גאנץ נידעריק. זי האָט געגנידערט אין פּורפּורנע פלאַמען צום האָריזאָנט, ווו עס האָבן זיך באוויזן שווערע וואָלקנס פון אָן אָנקומענדיקן שטורעם. מערקין האָט זי אָנגענומען באם אָרעם און זיי זײַנען ארופגעגאַנגען אף די טרעפּ צום הויז. מיט קלאַפּנדיקע הערצער געבליבן שטיין בא דער טיר. אופגעשלאָסן די טיר און דערזען שטיין מיסטער און מיסיס גרין.

זי איז געשטאַנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים; און מיסטער גרין מיט זײַן יאַרמעלקע אויפֿן קאָפּ איז דערוואַרטעניש.

— מזל־טובֿ! זאָל זײַן מיט גליק! — האָט מיסיס גרין געזאָגט. און אָנעמענדיק קאַראַס האַנט, האָט זי אָפּגעטראָטן אַ ביסל און אַ זאָג געטאָן: — לאָמיך אַ קוק טאָן אויף איר, אויף דעם יונגן ווײַבל...

אין דעם מאָמענט האָט קאַראַ אַרופֿגעצויגן דעם וואַל פֿריידיק אַ שמייכל געטאָן, און אָנגעוואָרעמטע פֿון די גוטע ווערטער. מיסיס גרינס פּנים איז מיטאַמאָל ווי פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין פֿאַרווונדערונג און זי האָט שוין שטילער אַ זאָג געטאָן:

— נו, זאָל זײַן מיט גליק, זאָל זײַן... — און נאָך אַלץ קוקנדיק מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אויף קאַראַן, האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן, ווי טראַכטנדיק וועגן עפּעס, און ווידער אַ זאָג געטאָן: — איך האָב צוגעגרייט טיי... זיסע זאַכן... צו פֿאַרבײַסן... עפּשער שפּעטער אַ ביסל?

— שפּעטער, שפּעטער, מיסיס גרין, — האָט מערקין געזאָגט. — מיר ווילן זיך פֿריִער אַ ביסל אָפּרוען.

מיסטער גרין האָט געשוויגן, ניט אַראָפּנעמענדיק דעם קאַלטן בליק פֿון קאַראַן.

— וויאַזוי הייסט זי, כ'מיין אײַער... ווײַבל? — האָט מיסיס גרין אַ פֿרעג געטאָן.

— קאַראַ, — האָט קאַראַ געזאָגט.

— אַ שיינער נאָמען קאַראַ, — האָט מיסיס גרין אַ שמייכל געטאָן.

מערקין האָט אַרײַנגעפֿירט קאַראַן אין זײַן צימער. גענומען העלפֿן איר אויסטאָן די טאַלמע. זי האָט אוועקגעלייגט איר בערעטל אויפֿן טישל באַם שפּיגל און איז געבליבן שטיין קעגן מערקינען מיט אַן אָפֿענעם וואַרטנדיקן בליק. האָט ער זי אַרומגענומען צאַרט. געפֿילט די עלאַסטישקייט פֿון איר קערפּער. די ליפּן זייערע האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט אין ליבשאַפֿט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן בעט, האַנט אין האַנט, נאָך אַלץ קוקנדיק איינער דעם צווייטן אין די אויגן. דערנאָך געלאָזט זייערע קערפּערס פֿאַלן לאַנגזאַם צו די קישנס. געבליבן ליגן אַזוי קאָפּ צו קאָפּ, אַ פּאָר מינוט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיט אַן אומבאַקאַנטן געפֿיל פֿון עפּעס אַ נאָענטקייט, וואָס האָט זי, קאַראַן, געפֿירט צו טרערן...

— סימור... — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — קאָן איך פֿונדאַנען טעלעפֿאָנירן מײַן מאַמען? גראַטולירן זי און ווערן גראַטולירט... כ'וויל איר זאָגן, אַז מיר ווילן קומען צו איר מאָרגן. אויך דו וועסט, אויב דו ווילסט, ריידן מיט איר אַ פּאָר ווערטער.

— אַוודאי, טײַערע, — האָט מערקין געזאָגט.

זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער קליינער פֿאַיע צו טעלעפֿאָנירן. דערנאָך, ווען זיי זײַנען צוריק געקומען אין צימער, האָט זי גענומען באַטראַכטן זײַנע ביכער, כאָטש אין די אויערן איז נאָך געשוועבט דער מוטערס בראָכע און איר אײַנגעהאַלטענער געוויין... דערנאָך האָט זי געעפֿנט די שופֿלאָדן אין דער שאַפֿע, וווּ עס זײַנען געלעגן מערקינס העמדער און אונטערוועש. דערנאָך געעפֿנט די טיר פֿון דער וואַנט־שאַפֿע, וווּ עס זײַנען געהאַנגען מערקינס קליידער. דערזען דאָרט שטיין אירע אייגענע צוויי אײַנגעפּאַקטע וואַליזעס מיט אירע קליידער און זאַכן, וועלכע זי און מערקין האָבן מיט אַ טאָג פֿריִער אַריבערגעבראַכט מיט אַ טאַקסי אַהער צו אים. זי האָט נעכטן ניט געוואָלט אַרופֿגיין צו אים אין צימער. געזאָגט, אַז זי וועט ניט אַרופֿגיין, ביז זי וועט ניט ווערן זײַן פֿרוי און זי וויל ניט, אַז מיסיס גרין זאָל זי זען, ביז זי וועט ניט זײַן זײַן פֿרוי. האָט ער געשמייכלט און גענומען טראָגן די סאַקוואַיאַזשן אַרויף. איצט שטייען זיי, די סאַקוואַיאַזשן, אין וואַרטעניש: אַט דאָס איז איצט דײַן היים — ווער היימיש.

מערקין האָט אַרויסגעשלעפּט די סאַקוואַיאַזשן, געעפֿנט זיי און זי האָט גענומען מאַכן פּלאַץ אין דער שאַפֿע און אין די שופֿלאָדן פֿאַר אירע קליידער. זיי האָבן גערעדט שטיל און געשפּאַסט. דערנאָך אַנידערגעזעצט זיך ביידע אין גראַמען ווייכן שטול און אָנגעשטעלט די ראַדיאָ. זיי האָבן דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דערזען די מיסיס גרין מיט אַ טאַץ — טיי און פֿאַרבײַסן. זי האָט געקוקט אויף קאַראַן נאָך מיט מער נײַגער און מיט אַן אַנטשלאָסענער זיכערקײַט, אַז איר פֿאַרדאַכט איז אַ פֿעסטגעשטעלטער, אַ באַשטימטער. געמיינט: עפּשער איז זי אַ טיימענער, פֿון יִשׂראל... ניין. זי האָט אַנידערגעשטעלט די טאַץ, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— טרינקט און פֿאַרבײַסט און האָט הנאה... איר דאַרפֿט ניט צוריק ברענגען גלײַך די טאַץ מיט די גלעזער. אינדערפֿרי וועט אויך זײַן גוט. אין טעלעוויזאָר וועט איר הײַנט זיכער ניט זײַן פֿאַרינטערעסירט. און עפֿנט ניט די פֿענצטער... עס קומט אָן אַ שטורעם און אַ רעגן... אַ גוטע־נאַכט.

— אַ גוטע־נאַכט, — האָבן מערקין און קאַראַ געזאָגט.

זיי זײַנען געבליבן אליין. זיי האָבן געטרונקען די טיי, און מערקין האָט ארויסגענומען פון שופלאַד אין טישל א פעקל מיט אָנגעשניטענעם שווייצארישן קעז, וואָס ער האָט אײַנ-דערפּרי ארויסגענומען פון מיסיס גרינס אײַזקעלטער, ווו ער האלט זײַנע אײַנגעקויפטע אייער, מילך, קעז, ווען עס פארגלוסט זיך אים אמאָל אליין צו מאכן פאר זיך פרישטיק, צי עפּעס א ביסן פארן שלאָף...

זיי האָבן זיך ווידער ארײַנגעזעצט אין דעם גרויסן, ווייכן שטול. ארומגענומען זיך. פון דער ראַדיאָ האָט זיך געטראָגן אָנגענעמע מוזיק... זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מאָרגנ-דיקן טאָג... דער אינדערפרי, וואָס וועט זיי אָפּוועקן און פירן זיי צו א רעסטאָראַן, דערנאָך צו דער מוטער... דערנאָך...

אין צימער איז געווען האלב-טונקל. דער קליינער לאָמפּ אויף א טישל אין ווינקל האָט געוואָרפן דאָס קאַרגע אָבער אָנגענעם ליכט. דורך די צוויי פענצטער האָט ארײַנגעקוקט די נאכט און זיי האָבן אָט געזען, אָט ניט געזען די לעוואָנע און די שנעל שווימענדיקע שוואר-צע וואָלקנס... א בוים אונטן וויגט זיך און א פּאָר מענטשן אפן ראָג שטעלן זיך קעגן דעם אטאקירנדיקן ווינט...

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאכט. מיסיס און מיסטער גרין האָבן שוין פון לאַנג פארמאכט דעם טעלעוויזאָר און ס'האָט זיך שוין ניט געהערט דאָס ברומען און, ווי עס האָט זיך עפּשער אויסגעוויזן, די אופגערעגטקײַט אין זייער ריידן.

שטיל. בלויז דאָס ווײַטע קאַטשען זיך פון דעם דונער און דער בלויער אופבליץ האָט מיט אינטערוואַלן ארײַנגעריסן זיך אין דער שטילקייט פון צימער. קאַרא איז שוין געלעגן אין בעט. געזען ווי אין א כאָלעם, ווי ער דערנעענטערט זיך צום בעט, צו איר. און ווען ער איז שוין געלעגן לעבן איר, האָט זי אָנגעריר־ט זײַן האנט, און מיט איר אַנריר זײַנען אים אויף דעם געדאַנק געקומען סוידעספּולע, ווי פון א וויאָלע ארויסגעזונגענע ברוסטיקע ווער-טער פון „שיר-השירים": שווארץ בין איך... אָ, טעכטער פון ירושלאָים... ער האָט זי ארומגענומען. דערפילט איר הייסע גלאַטקײַט, ווי זײַד...

און מיטאמאָל האָט זיך די נאכט צעריסן, צעיאָגט, צעבליצט מיט ווײַס-אָנגעגליטע זיגזאַגן... דער שטורעם האָט זיך געריסן אין די פענצטער און דער רעגן האָט געקלאַפּט מיט טויזנטער פינגער... און שפּעטער... שוין גאַנץ שפּעט אין דער נאכט, רוענדיק מיט איר קאָפּ אויף זײַן אקסל, האָט זי שטיל א זאָג געטאָן:

— אז מיר וועלן אמאָל האָבן קינדער... ווי דענקסטו וועלן זיי זײַן — ווײַס אָדער שווארץ?..

האָט ער געקושט אירע אויגן און געענטפערט:

— אז מיר וועלן האָבן קינדער, וועלן זיי זײַן מענטשן... ווי איך און ווי דו.

זיי האָבן זיך אופגעכאַפּט פאַרטאָג. געקוקט אין דער בלויקײַט פון קלאָרן הימל... גע-שמייכלט און געשוויגן. זײַנען זיי געלעגן און געקוקט ווי די ליכטיקײַט גיסט זיך אין די פענצטער... און צום ערשטן ער, דערנאָך זי האָבן גענומען אָנטאָן זיך. און ווען זיי זײַנען שוין געשטאַנען, נאָך דעם שפּריץ, אָנגעטאָנענע און פארפוצטע, ווי אָנגעפילטע מיט עפּעס א האָפענונג, א גלויבן, אז דאָס לעבן איז גוט, פול מיט צוזאָג, מיט שיינקײַט און מיט ליב-שאפט, האָט ער זי ארומגענומען, צוגעדריקט צו דער ברוסט און געהאלטן זי אזוי לאַנג אין זײַנע אָרעמס, פילנדיק ווי זייערע הערצער קלאַפּן.

— קום, — האָט ער א זאָג געטאָן. — עס איז א ווונדערבארער טאָג.

זיי האָבן געעפנט די טיר. ארויסגעקומען אין דער פאָיע און דערזען מיסיס גרין.

— גוט-מאָרגן. — האָבן זיי ביידע געזאָגט.

— א גוט-מאָרגן. — האָט זי געענטפערט און צוגעגעבן: — מיסטער מערקין, קאָן איך עפּשער ריידן מיט אײַך א פּאָר מינוט?

— אוודאי, מיסיס גרין, אוודאי... — האָט ער געענטפערט. — ווארט דאָ, טײַערע... — האָט ער געזאָגט צו קאַראָן און איז נאָכגעגאנגען מיסיס גרין צו איר עסצימער.

— עס טוט מיר זייער לײַד, מיסטער מערקין... — האָט זי געזאָגט, ווען זיי זײַנען ארײַנגעקומען אין עסצימער, — איך האָב נעכטן ניט געוואָלט צעשטערן דעם ערשטן טאָג, האָב איך אײַך ניט געזאָגט. עס האָט אָבער אזוי פּאסירט, אז מיר דארפן דעם צימער. מײַנע א שוועסטער קומט וווינען מיט אונדז... איז... זײַט אזוי גוט און זוכט פאר זיך אן אנדער צימער. מײַן שוועסטער קומט מיט א פּאָר טעג שפּעטער.

מערקין האָט אויסגעהערט. געשטאַנען א ווײַלע א שווײַגנדיקער, קוקנדיק אויף איר, און ענדלעך א זאָג געטאָן:

— ס'איז אָלרײַט, מיסיס גרין. מיר װעלן זוכן א צימער.

ער איז ארויסגעגאנגען מיט קאַראַן אױף דער גאס. די זון האָט געשפּילט מיט די שאָטנס. ער האָט אָנגענומען קאַראַן בא דער האנט. געשטאנען א װײַלע פארטראכט:

— זי דארף דעם צימער, — האָט ער א זאָג געטאָן. — איר שװעסטער קומט אין א פּאָר טעג ארום.

קאַראַ האָט א קוק געטאָן אין זײַנע אױגן און שטארקער אײַנגעקלאַמערט זיך מיט אירע פינגער אין זײַן האנט, צוגעטוליעט זיך צו אים מיט איר גאנצער ליבשאפט. געשטאנען אזױ א װײַלע, ניט קאָנענדיק אָפּרײַסן זיך, און ענדלעך א זאָג געטאָן:

— קום, טײַערער, לאָמיר גײן. ס'איז דאָך הײַנט אונדזער האָניק־טאָג! — און צוגעגעבן מיט א שמײכל: — דו װעסט האָבן א שװערן װעג צו גײן מיט מיר... מײַן זיסער...

כראָניק

א גאסטראָל־רײַזע פון מאָסקװער ייִדישע ארטיסטן

דער מאָסקװער ייִדישער דראַמאטישער אנסאמבל אונטער דער אָנפירונג פון יאקאָװ גובענקאָ האָט גאסטראָלירט אין א רײ שטעט פון דער רוסלענדישער פעדעראציע. דער קאָלעקטיװ האָט באװיזן זײַן קונסט אױף די בינעס פון סיזראַן, קױבישעװ, אָרענבורג, סאראטאָװ, װאָלגאָגראד און אסטראכאַן. עס זײַנען באװיזן געװאָרן די ספּעקטאקלען „דער דאַמען־שנײַדער" („די נאכט ערעװ באבי יאר") פון אלעקסאנדער באָרשטשאגאָװסקי, „קאָמעדיאַנטן" (לױט מאָטיװן פון שאָלעם־אלײכעמס „בלאָנדזנדע שטערן") און א נײַע שטעלונג פונעם אנסאמבל — די פּיעסע פון אלעקסאנדער װאָלאָדינען „צעשײדט זיך ניט מיט געליבטע", װעלכע בארירט די פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער סאָװעטישער יוגנט.

װי עס מערקט אָפּ די צײַטונג „װאָלגאָגראדסקאיא פּראװדא", זײַנען די ארױסטרעטונגען פונעם מאָסקװער ייִדישן טעאטער־קאָלעקטיװ דורכגעגאנגען מיט גרױס דערפאָלג.

ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס

לייזער וואָלף
(1943—1910)

מייער אלבערטאָן
(1947—1900)

יִיצחאָק קאַצענעלסאָן
(1944—1885)

לייזער וואָלף

אײַזיק-מייער דיק און די אלמאָנע ראָם

א ברייטע באָרד, א מילדער בליק,
ער זיצט און שאַפט. ס׳איז פרײַטיק.
זײַן יידענע איז דאָ צוריק
פון גאַס, ס׳איז הײַנט איר שרײַ-טאָג;

„קיין כאַלע — ניט, קיין טשאָלנט — ניט!" —
א שטורעם ווערט איר שטערן, —
„ער זיצט און שאַפט, דער שיינער ייִד!
מעשוגע קאָן מען ווערן!"

„שאַ, נעם דערווײַל אָפּ באָרג אין קראָם.
איך גיי צו דער אַלמאָנע ראָם".

ער הייבט זיך אוף, ער גייט ארויס,
זײַן הארץ הייבט אָן צו קלאַפּן,
און ווי ער קומט נאָר צו איר הויז —
ער נעמט דעם אָטעם כאַפּן.

ער גייט ארײַן, ער אָטעמט אָפּ,
ער פרעגט, ער שמייכלט איידל.
„ניין, די מאַדאַם איז איצט אראָפּ
אין גאַס", — זאָגט בייז דאָס מיידל.

ער זיצט. דער ווילנער גאַען קוקט
פון וואַנט א בלייך-פאַרקלערטער;
ער הייבט זיך אוף, ער שפּרײַזט, ער צוקט,
די ליפּן קלײַבן ווערטער...

זי קומט ארײַן, און אים באַפאַלט
א שרעק, ער ציטערט זייער...
„אַך, אײַזיק-מייער, — זאָגט זי קאַלט, —
וואָס מאַכט איר, אײַזיק-מייער?"...

„אַ עט, מע לעבט... ניטאָ, מיט וואָס
די הענט פאַנאַנדערנעמען,
ס'איז שווער צו לעבן פון דעם אַס,
דער טײַוול זאָל עס נעמען!..."

„גייט, אײַזיק-מייער, — שטייט זי שלאַנק,
א פרוי, וואָס האַלט אין וויאַנען, —
מע זאָגט, איר לייגט דאָך געלט אין באַנק
פון אײַערע ראַמאַנען".

„איר זעט דאָך וויפל געלט איך האָב,
אז כ'קום נאָך א האַלוואַע".
„וואָס רעדט איר?" — דרייט זי מיטן קאָפּ,
און ליפּן האָט זי בלויע.

„איז איר פאַרשטייט?
מײַן קאָפּ האָט גרייט
אײַן הערלעכע געשיכטע!
א יודע אין א זאַק פאַרנייט
אינטריגעס אומגעריכטע.

ווי אײַן ראַזבויניק דער באַלשעם
וויל פאַר אײַן קיניג זאַלבן!..
איז וואָלט איך וועלן איצט אָף דעם
א רובל... אַנדערהאַלבן..."

„מײַן פרײַנט! מיך קאָסט די דרוקערײַ,
איך גיב אויס געלט א מאַסע,
און וואָס פאַרבלײַבט מיר? קײַ און שפּײַ,
וואַסער בלויז אָף קאַשע".

„יאָ, ריכטיק, אָבער דאָס איז דאָך
א זאַנדערבאַרע זאַכע...
ווי אײַנע יודין אַלע וואָך...
זי נעמט פון הערצאָג ראַכע..."

„נו, גוט, איר וועט עס, מירצעשעם,
נאָך שאַבעס קענען ברענגען,
און מיר ריידן וועגן דעם..."
זי גייט. זײַן בליק בלײַבט הענגען.

ער אײַלט ארויס פון איר פאַרשעמט
און לויפט אזש ביזן שול-הויף,
ס'איז נאַס אָף אים דאָס גאַנצע העמד,
ער ציטערט ווי א לולעוו.

ער גייט אהיים ווי צו א טהאָם
פון דער אַלמאָנע ראָם.

צוויי אָפּרופן אָף דער שאַפונג פונעם דיכטער

פאַרוואָרט פון א. קושניראָוו
צו דער זאַמלונג „לייזער וואָלף.
ליריק און סאַטירע. מעלוכע-פאַרלאַג
„דער עמעס". מאָסקווע, 1940"

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין די באַ-דינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירקלעכקײַט לעבט א מיטעלער מאַסן-מענטש. די עקאָנאָמישע לאַגע זײַנע איז שטענדיק אָן אָפּהענגיקע און ניט-זיכערע. זײַן אידייען-וועלט איז אָפּטמאָל א באַגרע-נעצטע און ניט-אויסגעקלאָרטע. דער קאַפּיטאַליסטי-שער געזעץ, די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע קולטור, די פּרעסע, די קונסט טוען אַלץ, קעדיי צו דערווײַטערן אים פון דער אַקטיווער קעמפנדיקער אידעאָלאָגיע פונעם אַרבעטער-קלאַס.

לעבט ער, דער דאָזיקער אָרעמער מאַסן-מענטש, ניט זעענדיק פאַר זיך קיין פּערספּעקטיוו און קיין אויסוועג. און די קאַפּיטאַליסטישע וועלט ארום איז אזוי גרויזאַם און דאָס לעבן איז אזוי גרוי! וואָס זשע בלײַבט אים איבער, אויב ניט פאַרבלענדן זיך אַמאָל דאָס האַרץ כאָטש מיט א פאַרביקער אילוזיע, מיט א שיינעם טרוים וועגן גליק, וואָס מע קאָן דערגרייכן ניט דורך שווערן און געפערלעכן קאַמף, נאָר אזוי זיך — דורך עפּעס א וווּנדער.

קומט אזא פּאָעט ווי לייזער וואָלף, א פּאָעט מיט א קלאָר און קלוג אויג, און דערזעט און דעקט אויף פאַר אַלעמען די נאַקעטקײַט פון דער אילוזיע. ער ווײַסט נאָך עפּשער אַליין ניט קיין ריכטיקן און רעאַלן אויסוועג. נאָר זײַן שאַרפער קינסטלערישער פאַרשטאַנד זאָגט אים אונטער, אז די „בלויע שוואַלב" — דער שיינער טרוים, איז ניט בעקוועם אַוועקצוטראָגן און באַפרײַען פון דער גרויזאַמער און גרויער ווירקלעכקײַט. אָף פּרוכטלאָזיקײַט זײַנען פאַרורטיילט אַלע פּאַסיווע טרוימען. די דאָזיקע אַנטפּלעקונג זײַנע ברענגט ער פאַרן לייענער.

א קינסטלער אָן עכטער, טוט ער דאָס, לייזער וואָלף, אָפן שטאַרקסטן און טרעפלעכסטן אויפן. אזוי ליריש-צאַרט און הומאַניטאַריש-מילד שילדערט ער דעם הילפלאָזן פאַרלוירענעם מענטש און זײַן פּוסטן, נאָר בלענדיקן טרוים. און אזוי, אַנטשיידן און אומ-בעראַכמאָנעסדיק, רײַסט ער אַראָפּ אַלע באַפּוצונגען פון אָט דעם טרוים מיט שאַרפער און קלוגער איראָ-ניע, מיט שנײַדנדיקער סאַטירע.

אָט די זעלטענע צונויפפאַרונג פון ליריק מיט סאַטירע טיילט אויס לייזער וואָלפן ווי א דיכטער זייער אָן אייגנאַרטיקן מיט אָן אויסגעשפּראָכענער אינדיווידועלער פּאָעטישער שטים.

זײַנע לידער, וועלכע זײַנען אָנגעשריבן אין בורזשואַזן פּוילן, האָבן פאַר אונדז א דערקענטעניש-ווערט און דערבײַ א גרויסע עסטעטישע ווערט.

צען רידלען

באַגינען.
אין א רינג פון רויטע שפּיזן —
די זון האָט זיך געוויזן אפן סטעפּ, —
האָט מען זיי ענג ארויסגעפּירט צעשיסן.
געגאנגען איז מען שטאָלץ,
מיט הויכע קעפּ.

עס איז געווען אומעטיק,
אָקטיאבער.
עס איז געוואָרן נעפּלדיק און קאַלט.
מיט פּיַכטקייַט און מיט גאַלדענעם געזשאווער
האָט זיך דערנעענטערט ברויגעזדיק א וואלד.

מע האָט זיי בייז דערלאַנגט די שווערע רידלען,
געהייסן גראָבן יעדערן א גרוב.
די יידן האָט מען אָנגעהויבן זידלען:
— באַזונדער! —
האָט מען זיי ארויסגעשטופּט.

מע האָט געגראָבן לאַנגזאַם,
נאָר פאראקשנט.
די הענט באַם גראָבן
האָבן ניט געצוקט.
צען טיפע גריבער זיַינען אויסגעוואקסן,
די יונגע האָבן טעמפּ אַריַינגעקוקט.

דער לייטענאַנט,
א רויטער און א דיקער,
האָט זיך געריסן הייזעריק די קעל:
— די יידן זאָלן קריכן אין די גריבער! —
האָט ער ארויסגעגעבן דעם באַפעל.

די יידן שטייען שטיל.
די ביימער רוישן
מיט לעצטע רויטע בלעטלעך אין דער הויך,
מע האָט די יידן ווילד אריַינגעשטויסן,
זיי זיַינען דאָרט געפאַלן אפן בויך.

פאָרוואָרט פון ע. פינינבערג צו דער זאמלונג
„לייזער וואָלף. די ברוינע בעסטיע.
מעלוכע-פארלאַג „דער עמעס". מאָסקווע,
1943"

פרילינג 1943 איז אין אוזבעקיסטאַן געשטאָרבן דער ווילנער ייִדישער דיכטער לייזער וואָלף.

אין 1940 איז לייזער וואָלף געקומען קיין מאָסקווע, די לידער, וואָס ער האָט דאָ געלייענט אף ליטערארישע אָוונטן און זיי אָפּגעדרוקט אין א בוך אין פארלאַג „עמעס", — סיַי די געשאפענע אונטערן פויליש-פּריצישן יאָך, סיַי די ניַיע, די פרישסאָוועטישע, — זיַינען באַליבט געוואָרן בא אונדזערע שריַיבער און לייענער. געפרייט האָט אונדז אין לייזער וואָלפס לידער זיַין פיַינע אייגנאַרטיקע סאטירע און זיַין עכטע פארבונדנקיַיט מיטן ייִדישן פאָלקסגעזאַנג. אויך אין די סאָוועטישע לידער לייזער וואָלפס האָט זיך געלאָזט הערן אַן אָרגאַנישער, פריַישער טאָן.

...די זון גייט אוף, זי נעמט די שטראַלן שטריקן
אין יעדער שטוב, אף יעדן קינד פון לאַנד,
א לויב, א לויב די רויטע רעפּובליקן
פון פריַי- און פריידיק-מוטיקן פארבאַנד...

אינעם ביכל „די ברוינע בעסטיע" ווערן געגעבן אַנטיפאַשיסטישע באַלאַדעס און סאַטירעס. לייזער וואָלפס האַס צו די ברוינע וועלט-מערדער האָט זיך דאָ אויסגעדריקט שאַרף און הייס. באַזונדערס זיַינען אונדז טיַיער די דאָזיקע לידער, וויַיל זיי זיַינען טיף-אינערלעך פארבונדן מיטן פאָלקס-געזאַנג — מיט דעם געזאַנג, וואָס קאָן ניט און וועט ניט פארטיליקט ווערן, ווי ס'קאָן ניט און וועט ניט פארטיליקט ווערן אונדזער פאָלק.

ס'טוט זייער וויי דאָס האַרץ, וואָס דער טאַלאַנטפולער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער לייזער וואָלף איז געשטאָרבן. זיַין גאַנצע שאַפונג וועט בליַיבן אין אונדזער ליטעראַטור אַלס צאָרן- און קאַמפּס-אויסגעשריי, אַלס שיינער אָנדענק דעם דיכטער לייזער וואָלף.

דער לייטענאַנט,
פון צאַרן אַזש אַ גרינער,
האָט זיך געריסן, ווי אַ הונט פון קייט:
— און איצטער, פרײַנט און בירגער
אוקראַיִנער,
פאַרשיט די ייִדן לעבעדיקערהייט! —

די יונגען האָבן שטיל געשאַרט די היטלען,
די בליקן האָבן זיך באַ זיי צעברענט.
זיי האָבן בלויז די בליצנדיקע רידלען
אַרײַנגענומען פעסטער אין די הענט.

— דאָנער-וועטער!
דומע הינט!
וואָס קלערט איר?!
אויב אַזוי,
טאָ הערט זשע
מײַן באַפעל:
זאָלן זיך דאָ בײַטן מיט די ערטער
די אוקראַיִנער
מיט די ייִדן שנעל! —

עס שטייען אין דער הייך די יונגע ייִדן,
און די בלאָנדע סלאַוון — אין דער טיף.
— איינס און צוויי
זאָלט איר מיר זיי
פאַרשיטן! —
שרײַט אויס
דער ווילדער לייטענאַנט מיט גיפט.

פינף יונגע ייִדן קוקן אין די גריבער
און האַלטן פעסט די רידלען אין די הענט.
צען בליקן קוקן כאַווריש זיך איבער,
צען שטאָלצע בליקן האָבן זיך דערקענט.

— שיסן, שיסן,
אַלעמען,
ביז איינעם! —
שרײַט אויס דער לייטענאַנט מעשונע בייז, —
ארויסשלעפן,
ניט איבערלאָזן קיינעם,
צעפערטלען
און צעפאַרפלען זייער פלייש! —

זיי זײַנען שוין געשטאַנען
אין אַ שורע,
כאַווײרים צען
מיט רידלען אין די הענט.
עס האָט ניט אָפּגעשראָקן זיי
די קוורע.
באַ יעדן האָט דער בליק
מיט האַס געברענט.

דער לייטענאַנט
האָט זיך גענומען זידלען:
— די רידלען וואַרפט אַוועק,
געמיינע הינט!
— אָט האָסטו דיר, געמיינער הונט,
די רידלען! —
זײַן קאָפּ איז רויט
געפלויגן אָפּן ווינט.

מע האָט אַפילע שיסן ניט באַוויזן.
ווו האָט מען דאַרטן שיסן גאָר געקענט?
עס האָבן זיך צעפּאַכט
צען יונגע ריזן
מיט צען צעבליצטע רידלען
אין די הענט.

מע האָט צעהאַקט, צעשמעטערט
ציין און צורעס,
עס האָבן זיך געקײַקלט
פיס און קעפּ.
דערנאָך האָט מען
אין פינף געציילטע שורעס
גענומען שטאַלן די ביקסן
און אוועק.

מיכאַל זאַרין

די געשיכטע פֿון איינער א פֿאָטאָגראַפֿיע

קוקט זיך אײַן אין אָט דער פֿאָטאָגראַפֿיע: דער באַרימטער גענעראַל פֿון דער סאָוועטישער אַרמײ, צוויי מאָל העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַלעקסאַנדער איליטש ראָדימצעוו, צווישן מיליטערישע זשורנאַליסטן און שריפֿטשטעלער. די פֿאָטאָגראַפֿיע איז געמאַכט געוואָרן אין טיפֿן האַרבסט פֿון 1945 אין דער שטאָט טשקאַלאָוו (איצט אָרענבורג), אין דער רעדאַקציע פֿון דער טעגלעכער רויטאַרמייִשער צײַטונג פֿון דעם דאָרעם-אוראַלער מיליטער-קרײַז.

דער ערשטער פֿון רעכטס אין דער ערשטער ריי זיצט דער באַוווּסטער ייִדישער שרײַבער מייער אַלבערטאָן, וועלכער האָט אין די מילכאָמע-יאָרן געלעבט צוזאַמען מיט זײַן מישפּאָכע און אָרענבורג.

די מילכאָמע האָט געטראָפֿן מייער אַלבערטאָנען אין דניעפּראָפּעטראָווסק. ער איז געווען א קראַנקער מענטש און ניט געטויגט צו דינען אין מיליטער. דער סוינע האָט זיך דערנענטערט צום דניעפּער, עס זײַנען געגאַנגען פֿאַרביטערטע שלאַכטן. מייער אַלבערטאָן מיט זײַן פֿרוי און זייערע צוויי קינדער האָבן זיך עוואַקויִרט אױף מיזרעך. סטאַנציעס, באָמבאַרדירונגען, קאַלטע נעכט, דער ערשטער האַרבער ווינטער אין בײַ-אוראַלער קאַנט.

איך האָב אין אָט דער צײַט געאַרבעט אַלס מיליטערישער קאָרעספּאָנדענט אין דער רויטאַרמייִשער צײַטונג פֿונעם דאָרעם-אוראַלער מיליטערישן קרײַז. מיטאַרבעטער פֿון אונדזער צײַטונג זײַנען געווען ברייט באַקאַנטע רוסישע שריפֿטשטעלער — וואַלעריאַ גראַסימאָוואַ, אַלעקסיי פּאַטיאַנאָוו, אַלעקסאַנדער קאָוואַלענקאָוו.

אין פֿעברואַר 1942 האָט זיך באַוויזן מייער אַלבערטאָנס ערשטע פֿאַרצייכענונג „פֿרויען", וועגן יענע, וועלכע זײַנען פֿאַרבליבן אָנשטאָט די מענער, ברידער און זין אינעם אָרענבורגער דאָרף. פֿון דעמלט אָן האָט דער נאָמען פֿונעם ייִדישן שריפֿטשטעלער זיך אָפֿט באַוויזן אויף די שפּאַלטן פֿון די אָרטיקע צײַטונגען — סײַ פֿון דער רויטאַרמייִשער, סײַ פֿון דער געגנטלעכער „טשקאַלאָווסקאַיאַ קאָמונאַ".

אַלבערטאָן האָט געשריבן א סאַך. ער האָט באַזוכט האָספּיטאַלן און פֿאַרשריבן די דערציילונגען פֿון פֿאַרווונדעטע, געשאַפֿן רעפּאָרטאַזשן וועגן די מאַרשעווע איינהײַטן, וועלכע פֿלעגן זיך גרייטן אַוועקצוגיין אויף פֿראָנט, געשריבן וועגן די אַרבעטער פֿון די שוך-זאַוואָדן. זײַנע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן זײַנען טאָמיד הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן.

אין 1943, אין א ווינטער-פֿאַרנאַכט, האָט אין דער רעדאַקציע זיך געוויזן א מענטש פֿון ניט-הויכן וווּקס, אָנגעטאָן אין א רויטאַרמייִשער שינעל, מיט קורסאַנט-פּאַגאָנעס. דאָס איז געווען דער ייִדישער שרײַבער פּייִוול סי-

טאָ. ער האָט זיך געלערנט, אויב כ'האָב קיין טאָעס ניט, אין דער אקטיובינסקער אינפאַנטעריע־שול, וועלכע איז אַרייַנגעגאַן אין דאָרעם־אוראַלער מיליטער־קרייַז. פּיַוול סיטאָ איז געקומען אין אונדזער רעדאַקציע לויטן אַרויסרוף פונעם שעף פון דעם פּאָליטישן אָפּטייל פונעם קרייַז פּאָלקאָווניק פּראָטאַסאָוו, וועלכער האָט פאַרגעלייגט דער רעדאַקציע צוציִען צו דער אַרבעט דעם שרייַבער.

אַזוי האָבן אין אונדזער רעדאַקציע זיך באַגעגנט אַלבערטאָן און סיטאָ. אין זיכּאָרן האָט זיך פאַרקריצט אָט די באַגעגעניש. פּיַוול סיטאָ — אַ אימפּעטיקער, עמאָציאָנעלער, שמייכלענדיקער, אין אַ ווינטערדיק היטל, אַ מיליטערישער קורסאַנט, און מייער אַלבערטאָן, שוין דעמלט אַן אונטערגעטאָטשעטער פון דער קראַנקייַט, אַ באַיאָרטער ניט לויט זייַן עלטער, אַ לייַכט הוסטנדיקער, מיט אַ הויכן, אָפענעם שטערן און מיט קינדעריש־פרײדיקע שמייכלענדיקע אויגן, אָנגעטאָן אין אַן אַלט אָפּגעניצט לייַכט פאַר אָרענבורג מאַנטל.

דאָס איז געווען די לעצטע באַגעגעניש צווישן די צוויי ייִדישע שרייַבער.

— אינגיכן אַפן פראָנט, — האָט געזאָגט פּיַוול סיטאָ.

אין אָרענבורג זייַנען קעסיידער געשטאַנען שטאַרקע פרעסט. אַלבערטאָן האָט זיי איבערגעטראָגן זייער שווער. אָבער ער האָט זיך ניט געקלאָגט. ער איז געווען מאָגער, בלייך, אַ ביסל אַן אייַנגעהויקערטער, אָבער טאָמיד איז אויף זייַן קלוגן פּאָנעם געווען אַ שטילער שמייכל. אַן אייַנגעהאַלטענער אויף אַ וואָרט, מער אַ שווייַגנדיקער, איידער אַ באַרײדעוודיקער, האָט ער געבראַכט זייַנע מאַנוסקריפּטן אין רעדאַקציע, געזעסן און געוואַרט, ביזוואַנען מע וועט זיי דורכלייענען. זעלטן האָט ער אַרייַנגעשטעלט אַ פראַזע, ניט אָן הומאָר, ווי, לעמאָשל, אַז באַ אַ ברענענדיקן פראָסט ווילט זיך באַזונדערס וואַרעם שרייַבן וועגן מענטשן.

אַלבערטאָן האָט, נאַטירלעך, געשריבן פאַר די אָרטיקע צייַטונגען אויף רוסיש, אָבער מע דאַרף זאָגן, אַז אויך אין רוסיש האָבן זיך זייַנע אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען אונטערשיידט מיט נייַקייַט, פרישקייַט, מיט אַ גוטן סטיל.

אין 1945, נאָך דעם זיג איבערן היטלער־דייַטשלאַנד, איז געקומען אין אונדזער מיליטער־קרייַז דער צוויי מאָל העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד גענעראַל־לייטענאַנט אַלעקסאַנדער ראַדימצעוו. נאָך זייַן אַרומפאָרן די מיליטער־טיילן האָבן מיר זיך געווענדט צום רומפולן העלד פון דער מילכאָמע, ער זאָל קומען צו אונדז אין רעדאַקציע. די באַגעגעניש איז פאַרגעקומען אין סאָף אָקטיאַבער. עס זייַנען אייַנגעלאַדן געוואָרן שרייַבער, זשורנאַליסטן, קולטור־טוער. איינער פון די ערשטע איז געקומען מייער אַלבערטאָן.

נאָך ראַדימצעווס אַרויסטרעטונג האָבן די בייַוועזנדע פאַרשאָטן אים מיט פראַגן. מייער אַלבערטאָן האָט די גאַנצע צייַט געפרעגט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע:

— אייַך האָט ניט געבראַכט אין פאַרלעגנהייַט דאָס, וואָס די דיוויזיע אייַערע האָט געהאַט דעם נומער דרייַצן?

ראַדימצעוון איז געפעלן די פראַגע. ער האָט געענטפערט:

— די פאַשיסטישע גענעראַלן האָבן ווי פאַרן טייַוול מוירע געהאַט פאַר אָט דער ציפער. און מיר האָבן אין דער דרייַצנטער אַרמיי זיי געשלאָגן, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן דעם. ווי איר זעט, איז די זאַך באַשטאַנען ניט אינעם נומער, וועלכן עס טראָגט דער מיליטער־טייל...

בייַס דער באַגעגעניש האָבן אַרטיסטן פונעם געגנטלעכן טעאַטער אַפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי באַוויזן סצענעס פון סימאָנאָווס פּיעסע „אַזוי וועט זייַן". אויף אָט דער פאָטאָגראַפיע שטייט דער ערשטער פון רעכטס דער הויפּט־רעזשיסער פונעם טעאַטער מיכאיִל קוליקאָווסקי, איצט פאָלקס־אַרטיסט פון פּססר, הויפּט־רעזשיסער פונעם קראַסנאָדאַרער טעאַטער; דער פּאָעט ניקאָלײַ קלעמענטיעוו (צווייטער אויף לינקס פון ראַדימצעוון אין דער ערשטער ריי, מיט אַ פּאַפּיראָס אין דער האַנט) האָט געלייענט קאַפּיטלען פון זייַן פּאָעמע, געווידמעט דעם סטאַלינגראַדער גענעראַל ראַדימצעוו.

...אין אַ טיף האַרבסטיקן טאָג פון 1947 האָבן מיר געבראַכט צו קווורע אין אָרענבורג מייער אַלבערטאָנען. נאָך דער לעוויע איז זייַן פרוי אָפּגעפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט זיך געטראָפן מיט פאַדייעוון — אין יענער צייַט איז ער געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם שרייַבער־פאַרבאַנד פון פּססר. פאַדייעוו האָט פערזענלעך געהאָלפן מאַטעריעל דער מישפּאָכע. געווייצעט, ס'זאָלן באַם צונויפזאַמלען אַלבערטאָנס ליטעראַרישע ירושע ניט דורכגעלאָזט ווערן זייַנע פאַרצייכענונגען פון דער מילכאָמע־צייַט.

מוישע אַלבערטאָנס קינדער — די טאָכטער און דער זון — האָבן פאַרענדיקט אַ מעדיצינישן אינסטיטוט און געוואָרן דאָקטוירים. אַלס אָנדענק וועגן זייער פאָטער, וועלכער איז אומגעקומען פון טובערקולאָז, האָבן זיי געווידמעט זייער לעבן דעם קאַמף מיט אָט דער בייזער קראַנקייט.

יִצכאַק קאַצענעלסאָן

די ערשטע אומצוברענגען

פון דער פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהארגעטן ייִדישן פאָלק״

די ערשטע אומצוברענגען זײַ׳ן געוועזן קינדער, יעסוימים פארלאָזענע, עס הייסט
דאָס בעסטע אויף דער וועלט, דאָס שענסטע, וואָס די ערד, די פינצטערע פארמאָגט!
אָ, פון די עלנטסטע יעסוימימלעך און קינדערהיימען וואָלט געוואקסן אונדז א טרייסט,
פון די אומעטיקסטע, שטומע פּנעמלעך, די כוישעכדיקע וואָלט געטאָגט אונדז, וואָלט
גטעאָגט!

איך האָב געזען דעם גרויסן עלנט דאָרט אין קינדערהיים אין יענעם, כ׳בין אריַין
אין צווייטן זאל — דאָרט אויך, דאָרט אויך — עס האָט געיאָגט א ביטערע קעלט,
פון ווײַטן האָט אן אויוון אף א בלעך געוואָרפן אף א הײַפל קינדער העל א שײַן,
עס האָבן קינדערלעך האלב-נאקעטע באַם קאָקס, באַם גליִענדיקן זיך ארומגעשטעלט.

עס האָט געגליט דער קאָקס. דער האָט א פיסעלע, דער א געפרוירן הענטעלע
ארויסגעשטעקט,
דער א נאקעטע, א פּלייצקע; און יענער א שווארץ-אויגיק, א בלאס ייִנגעלע, נאָך א גאָר יונגס,

זיי זײַ׳ן געוועזן די ערשטע אומצוקומען, די ייִדישע קינדער, אלע זיי, דאָס ראָוו
און טאַטע-מאַמע, קינדער אופגעגעסענע פון קעלט, פון הונגער, און פון לײַז —
מעשיכים הייליקע, געהייליקטע אין ליידן... אָ, זאָגט, פארוואָס די שטראָף?
פארוואָס אין אומקום-טאָג די ערשטע צאָלן אים, דעם בייז, דעם העכסטן פרײַז?

געדענקסט

כ׳האָב ליב דיך רופן באַ דײַן נאָמען. כ׳האָב ליב ארויסזאָגן אים: כאַנעלע! כ׳האָב ליב
צו דיר זיך ווענדן נאָך דײַן אוועקגענומען ווערן מיט מײַן פאָלק, דו ענטפערסט מיר, דו שענקסט
דײַן בליק פון דײַנע אויגן מיר די ליכטיקע, דײַן אומעטיקן גוטן שמייכל אף דײַן ליפּ,
כ׳האָב ליב דיך רופן אין מײַן איינזאַם זײַן, אין עלנט מײַנעם פרעגן דיך: געדענקסט?

געדענקסט? כ׳האָב ליב דיך פרעגן צי געדענקסטו? כאַנעלע, אַ קום, קום נעענטער צו מיר צו,
לייג אפן אקסל מיר דײַן הערצלעכן דײַן קאָפּ און דײַנע האָר די שווארצע מיטן ווײַסן שרונט —
נעם אין אַרעמס מיך, באַלעב מיך, שטארק מיך... כ׳האָב דיך ארויסגערופן פון דײַן רו,
רו ניט, כאַנעלע, אַ ניט פארהיילט זאָל ווערן אין פארגעסנהײַט די אייביקע די וווּנד.

זעץ מיט מיר אוועק זיך, איך האָב דאָך ליב אזוי דיך... אין מײַן ליבע גוואַלדיק, הער מיך,
וואָס איך זאָג,
דו הערסט! דו הערסט! באַגליקסט אין גרויסן אומגליק מיך, מײַן כאַנעלע, מײַן פרוי!
אין גרויסן ווי אין אונדזערן, אין אופהערן, באַפרוכט איך דיך פאר אלע וועלטן — טראָג
די פרוכט פון אָנקלאָג, ווי מײַנע זין אין דיר, טראָג, פארטראָג אין אלע וועלטן זינדיק,
רוי און גרוי!..

געדענקסט דאָס גרויזאַמסטע, דאָס שוידערלעכסטע, דאָס אומבעראַכמאָנעסדיקע אף דער
וועלט?
געדענקסט? איך ווייס, אז דו געדענקסט, דו האָסט אין אלע אייביקייטן מיטגענומען עס —
דו און מײַנע זין, איר וועט געדענקען אייביק אים, דעם מאָרד פון אײַער פאָלק און וועגן
דעם פארגעלט,
איך אויך! איך וויל׳ס אויך און האָב אלץ מוירע — ס׳זאָל די שאָ ניט זײַן — און איך פארגעס...

געדענקסט דאָס הויז אין קליינעם געטאָ, דאָס הויז אף טווארדא, דאָס יעסוימים־הויז?
די פופציק ייִנגעלעך? געזונט א שטאָם! איך האָב פאר זיי געשריבן א טעאַטער־שפּיל,
געדענקסט די קינדער אין „מיך ציט אין גאָס!"? זיי זײַנען שפּילנדיק געוואַקסן,
אויסגעוואַקסן גרויס,
מיט זיי מײַן ווערק... זיי האָבן מער ווי איך דאָרט הארץ ארײַנגעלייגט און מער געפיל...

געדענקסט דעם טאָג: מע האָט אונדז אָנגעזאָגט: זיי אויך! מע האָט אוועקגעפירט אויך זיי,
צוזאמען מיט דאַמבראָווסקין און זײַן פרוי — זייערע צוויי לערער טרײַע — מײַנע פרײַנט.
כ׳בין אוועק באַלד צו דער בריק אף כלאָדנא, איך האָב דיר ניט געזאָגט וווהין איך גיי...
אין קליינער געטאָ זײַנען הינט ארומגעלאָפן נאָך און קעץ, די זון האָט נאָך געשײַנט.

ס׳איז גאָרנישט ניט פאַרגעסן!

פרעסע-קאָנפערענץ פונעם אנטי-ציוניסטישן קאָמיטעט
פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט דעם 9 אַפּרעל 1985

„די באַפרייונג-מיסיע פון דער סאָוועטישער אַרמיי
און די רעטונג פון די אסירים פונעם נאַציזם", שט. מאָסקווע

אַרייַנפיר-וואָרט פון ד. א. דראַגונסקי, פאָרזיצער פונעם אַנטי-ציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט, אַלע, וועמען ס׳איז טייַער דער שאַלעם אויף דער וועלט, גרייטן זיך פייַערלעך אָפּצומערקן דעם 40-טן יאָרטאָג פון דעם גרויסן זיג איבערן פאַשיסטישן דייַטשלאַנד. דער זיג פונעם 9 מייַ 1945 איז געווען איינער פון די אַנטשיידנדיקסטע קערפּונקטן אין דער געשיכטע פונעם XX יאָרהונדערט. דער דאָזיקער זיג איז אונדז אָנגעקומען מיטן פּרייַז פון אומגעהייערע אָנשטרענגונגען, אָנצאָליקע קאָרבאָנעס און לייַדן, ער איז באַוואַשן מיט די טרערן פון מוטערס און אַלמאָנעס. אָבער דאָס איז געווען ניט נאָר אַ זיג פון אונדזער וואָפן. דאָס איז געווען אַ זיג פון פרייַהייט און דעמאָקראַטיע איבער באַרבאַריי און ווילקיר, אַ ניצאָכן פונעם זינען איבערן אומזין.

דער סאָוועטנפאַרבאַנד, זייַנע רומפולע באַוואָפנטע קרעפטן, אויף וועמעס פּלייצעס עס איז אויסגעפאַלן די גרעסטע היסטאָרישע מיסיע — צעשמעטערן, אַרויסטרייַבן די פאַשיסטישע אַגרעסאָרן פון זייער לאַנד און אַרויסהעלפן די פעלקער פון די אָקופּירטע לענדער אין זייער קאַמף פאַר פרייַהייט און אומאָפּהענגיקייַט, האָבן אויסגעהאַלטן די הויפּט-שווערקייַט פונעם קאַמף קעגן היטלערישן דייַטשלאַנד.

הייַנט-צו-טאָג איז אין די מייַרעוו-לענדער ניטאָ קיין מאַנגל אין פאַרשיידענע, מישטיינס-געזאָגט, „היסטאָרישע" אויספאָרשונגען, מיט דער הילף פון וועלכע מע פּרוווט זיך פאַרמינערן די ראָליע און דעם באַדייַט פונעם קאַמף פון דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער צעשמעטערונג פונעם פאַשיזם אָדער אפילו פאַרשעט מאַכן דערפון אַ שוייַג. נאָר פונקט, ווי מע קאָן ניט פאַרשטעלן מיט דער האַנט די זון, אַזוי קאָן מען ניט פאַרשווייַגן דעם גרויסן עמעס וועגן דעם אַנטשיידנדיקן בייַטראָג פונעם סאָוועטישן פאָלק אינעם ניצאָכן איבער די היטלעראָוצעס.

די געשיכטע ווייסט ניט מער קיין בייַשפילן פון אַזאַ דערהייבענעם הומאַניזם, ווי דער, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעוויזן דער סאָוועטנפאַרבאַנד בייַסן אַרויסהעלפן די פעלקער פון אַנדערע לענדער צו ליקווידירן די פאָלגן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, צו שאַפן נאָרמאַלע לעבנס-באַדינגונגען פאַר דער באַפעלקערונג פון די לענדער, וואָס ווערן באַפרייַט.

הייַנט רוקט אַרויס די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכער עס ווערט אויסגעטיילט אַ באַזונדער אָרט אין דער פּאַנאַנדערגעוויקלטער אין די מייַרעוו-לענדער רעקלאַמע-קאַמפּאַניע אויף צו פאַרקריפּלען די געשיכטע, אַ פאַלשע ווערסיע וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע קאָמאַנדירשאַפט האָט קלוימערשט ניט געהאַט בעדייע צו ראַטעווען די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די קאָנצלאַגערן און געטאָס.

די פאַקטן פרעגן אָפּ די דאָזיקע באַהויפּטונגען. די גרויסע באַפרייונג-מיסיע פון די סאָוועטישע באַוואָפנטע קרעפטן איז באַשטאַנען אויך דערין, וואָס זיי האָבן געראַטעוועט מיליאָנען מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע עס האָט געדראָאָט פאַרניכטונג אין די פאַשיסטישע קאָנצלאַגערן — אין אָט דעם טייַוולאָנישן ווערקצייַג פון גענאָציד.

פאַלסיפיצירנדיק די געשיכטע, פּרוּוון

הײַנט די ציוניסטן זיך צושרײַבן פֿאַרדינסטן אינעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם, פֿאַרדינסטן, וועלכע געהערן קלאָל ניט צו זיי...

ס'זײַנען דורך פֿערציק יאָר, און איצט ווילן די ציוניסטישע לידערס, ספּעקולירנדיק אויפֿן מיטגעפֿיל צו די קאָרבאָנעס פֿונעם פֿאַשיסטישן ווילקיר, זיך צוויגענען דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פֿון די ייִדן, וועלכע זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן אין אייראָפּע, די איבערוועגנדיקע מערהייט פֿון וועלכע האָבן קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צום ציוניזם. נאָך מער, זיי טײַנען, אַז אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד ווערט פֿאַרשוויגן גופֿע דער פֿאַקט פֿון היטלערישן גענאָציד. סאַראַ לעסטערונג!

אָפּמערקנדיק דעם פֿערציקסטן יאָרטאָג פֿונעם גרויסן זיג, דערמאָנען מיר זיך אין די מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן דערהאַרגעט, מיר דערמאָנען זיך אין דעם, אַז דער זיג פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט גענומען אויף זיך די גרונטשווערקייט אינעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם, האָט געבראַכט רעטונג די פֿעלקער.

אין אונדזער פּרעסע-קאָנפֿערענץ וועלן זיך באַטייליקן אַקטיוויסטן פֿונעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פֿון דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿטלעכקייט — אָנטיילנעמער און איידעס פֿון די געשעענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער מילכאָמע, בירגער פֿון אויסלאַנד, געוועזענע אַסירים פֿון קאָנצלאַגערן און געטאָס, באַפֿרײַט געוואָרענע דורך דער סאָוועטישער אַרמיי. זיי וועלן אונדז העלפֿן צו באַקומען אַ היסטאָריש-ריכטיקע פֿאָרשטעלונג וועגן די געשעענישן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען, וועגן דער נאָבעלער ראָליע, וואָס ס'האָט געשפּילט אונדזער לאַנד באַם ראַטעווען פֿון פֿאַשיסטישן גענאָציד די פֿעלקער פֿון אייראָפּע, און דערונטער די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון פֿיל לענדער.

א פראגע צו אירינא מיכײַלאָוונא כארינא — וויצע-פּרעזידענט פֿונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פֿון געוועזענע אַסירים פֿון אָשווענצים, דירעקטאָר פֿון דער מעלוכישער עפֿנטלעכער וויסנשאַפֿטלעך-טעכנישער ביבליאָטעק פֿון פֿססר:

— איר זײַט געוועזן אַן אַסירע אין אָשווענצים און אויסגעפּרוווט אויף זיך די גאַנצע אַכזאָריעס פֿון די נאַציסטישע הענקער. וואָס האָט אײַך געהאָלפֿן אויסצושטיין? מיט וואָס האָט איר פֿאַרבונדן די האָפֿענונגען צו באַפֿרײַען זיך.

(„סאָוועטסקאַיאַ זשענשטשינאַ")

א פראגע צו גריגאָרי דאַווידאָוויטש יעליסעוועטסקין — פּאָלקאָווניק אין דעמיסיע, געוועזענער פּאָלק-קאָמאַנדיר פֿון דער 60-טער אַרמיי, וועלכע האָט באַפֿרײַט אָשווענצים:

— איר זײַט געוועזן קאָמאַנדיר פֿונעם פּאָלק, וועלכער האָט באַפֿרײַט אָשוועצים. וואָס האָט פֿאָרגענומען די סאָוועטישע קאָמאַנדירשאַפֿט, כדי אײַנצוהיטן דאָס לעבן פֿון די אַסירים?

(אַפּן — פּרעסע-אַגענטור „נאָוואָסטי")

סאָוועטישע אָפֿיצערן מיט באַפֿרײַטע פֿון אָשווענצימער לאַגער

א פראַגע צו דאַניִיל דאַווידאַוויטש קלאַווסקין — געוועזענער אַסיר פון אַשוועניצים, דאָקטאָר פון טעכנישע וויסנשאַפטן, פּראָפּעסאָר פון קויבישעווער פאַרבינדונג-אינסטיטוט:

— אײַערע קינדער־יאָרן זײַנען אַדורך אין געטאָס און אין קאָנצלאַגערן. ווי האָט שפּעטער זיך צונויפגעלייגט אײַער גורל?

(„מאָסקאָווסקי קאָמסאָמאָלעץ“)

א פראַגע צו דאָקטאָר אילאָנאַ בענאָשאַווסקי — געוועזענע אסירע פון בודאַפּעשטער געטאָ, בירגערין פון דער אונגאַרישער פאָלקסרעפּובליק, היסטאָריקער:

— איר זײַט געווען צווישן די, וועמען ס'האָבן אין 1945 געראַטעוועט די סאָוועטישע קריגסלײַט, וואָס האָט זיך אײַך פאַרגעדענקט?

(אונגאַרישע טעלעגראַפן־אַגענטור)

א פראַגע צו סאַמויִל לאַזאַרעוויטש זיוון — פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון יורידישע וויסנשאַפטן, ערשטער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון אנטיציִוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט:

— צי זײַנען פאַראַן דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, וועלכע באַשטעטיקן, אַז דער זיג איבערן נאַציזם האָט געראַטעוועט די ייִדן אין אייראָפּע פון ענדגילטיקער אויסראָטונג?

(אַפּן)

א פראַגע צו דאַוויד אַבראַמאָוויטש דראַגונסקין — פאָרזיצער פונעם אנטיציִוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט, צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, גענעראַל-פּאָלקאָווניק:

— ווי באַוווּסט, האָט דער רומפולער זיג פון דער רויטער אַרמיי הינטער סטאַלינגראַד געצוווּנגען די דײַטשישע און איטאַליענישע פאַשיסטן אָפּשטעלן זייער פאָרויסבאַוועגונג אין צפון-אפריקע. אַזוי־אַרום האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד געראַטעוועט אַלע אַראַבישע פעלקער אַפן נאָענטן מיזרעך פון נאַציסטישער אָקופּאַציע און די ייִדישע באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינע פון פאַרניכטונג. צי וואָלט איר ניט געקאָנט זאָגן עטלעכע ווערטער אין צוזאַמענהאַנג דערמיט?

(אָרגאַנען פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל „זו הדרך“, „אל־איטיכאד“)

א פראַגע צו יורי אַנטאָנאָוויטש קאָלעסניקאָוו — שרײַבער, שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון אנטיציִוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט:

— בייס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט איר אין באַשטאַנד פון פּאַרטיזאַנישע פאַרייניקונגען זיך געפונען אַף דער אָקופּירטער טעריטאָריע. וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דעם, וויִאַזוי די באַפעלקערונג און די פּאַרטיזאַנער האָבן אַרויסגעהאָלפן די קאָרבאָנעס פונעם גענאָציד?

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“)

א פראַגע צו געאָרג בימאַנען — פּובליציסט, פעדעראַטיווע רעפּובליק פון דײַטשלאַנד:

— ס'איז באַוווּסט, אַז פיל נאַציסטישע פאַרברעכער געפינען זיך נאָך אַלץ אַף דער פרײַ. ווער העלפט זיי אויסבאַהאַלטן זיך פון דער יוסטיץ?

(„סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ“)

א פראַגע צו אילאַריאָן איוואַנאָוויטש דודטשענקאָ — גענעראַל-פּאָלקאָווניק, פּאָלק-קאָמאַנדיר פון דער 53-טער גוואַרדייִשער דיוויזיע:

— צי איז אין דער שלאַכט-אויפגאַבע פונעם סאָוועטישן מיליטער געווען פאַרפּלאַנירט צו ראַטעווען די אסירים פון די קאָנצלאַגערן?

(מאָסקווער ראַדיִאָ)

א פראַגע צו מאַרק גריגאָריעוויטש טילעוויטשן — געוועזענער אַסיר פונעם קאָנצלאַגער זאַקסענהאַוזן, שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט-רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „זאַ רוליאָם“, פאַרדינסטפולער קולטור-טוער פון רסספר:

— אינעם לאַגער זאַקסענהאַוזן זײַנען די אסירים געווען בירגער פון פאַרשיידענע לענדער. וואָס האָט זיי צוזאַמענגעהאָפטן? פונוואַנען האָבן זיי דערוואַרט געראַטעוועט צו ווערן?

(ראַדיִאָסטאַנציע „שאַלעם און פּראָגרעס“)

א פראַגע צו נאַטאַן סאַלאָמאָנאָוויטש פּאָליאַנסקין — געוועזענער מיליטער-דאָקטער, פּאָדפּאָלקאָווניק פון מעדיצינישער דינסט אין דעמיסיע, קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן:

— אַפן פראָנט האָט איר געראַטעוועט ניט ווייניק מענטשן — פאַרוווּנדעטע קריגסלײַט. צי איז אויסגעקומען די סאָוועטישע מיליטערישע מעדיקער געבן הילף דער ציווילער באַפעלקערונג, די קאָרבאָנעס פון נאַציסטישן גענאָציד?

(„מעדיצינסקאַיאַ גאַזעטאַ“)

א פראַגע צו סאַמויל לאַזאַרעוויטש זיווסן:

— די ציוניסטן באהויפּטן, אַז אינעם סאָ-וועטנפאַרבאַנד פאַרשווייַגט מען דעם עמעס וועגן גענאָציד קעגן די ייִדן, וועלכן ס'האָבן בייס דער צווייטער וועלט-מילכאָמע דורכגעפירט די היטלעראָווצעס, וואָס קאָן מען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זאָגן?

(„נאָוואָיע ווּרעמיא")

א פראַגע צו דאַוויד אבראַמאָוויטש דראַגונסקין:

— צי וואָלט איר ניט געקאָנט זאָגן וועגן דער ענלעכקייַט צווישן פאַשיזם און ציוניזם בא הייַנטיקן טאָג, ווען די ציוניסטן באַגייען יעדן טאָג פאַרברעכנס קעגן די ליוואַנער און פּאַלעסטינער?

— פאַריקע וואָך האָט ייִסראַעל איבערגעפירט דעם קאָנצלאַגער אַנסאַר און בא 1200 זייַנע אסירים צו זיך אַף דער טעריטאָריע. ווי שאַצט איר אַף דעם דאָזיקן שריט?

(„אַן-נידאַ", ביירוט)

פון אי. מ. כאַרינעס ארויסטרעטונג. פאַר אונדז, געוועזענע אסירים פונעם פאַשיסטישן קאָנצלאַגער אַשווענצים, איז הייַנטיקס יאָר אויך דער 40-טער יאָרטאָג זינט דער באפרייַונג פונעם פכאָדימדיקן טויט-לאַגער. אָפּט, ווען מע פרעגט אונדז וועגן דעם געבוירן-טאָג, זאָגן מיר, אַז אַלע יאָר דעם 27 יאַנוואַר מערקן מיר אָפּ אויך דעם טאָג פון אונדזער צווייטן געבורט.

פאַר אונדזערע אויגן פלעגן מענטשן אומקומען פון הונגער, פון אָפּסאַמונגען, פון שוידערלעכע פּייַניקונגען. די פאַשיסטן האָבן פאַרטיליקט אין אַשווענצים העכער 4 מיליאָן בירגער פון 24 מעלוכעס. דאָקטוירים-סאַדיסטן פלעגן מאַכן אין לאַגער אַזויגערופענע „מעדיציניש" עקספּערימענטן איבער לעבעדיקע מענטשן — מאַנצבלען, פרויען און קינדער.

אָפּט פאַרגיט מען א פראַגע: וואָס האָט אייַך מיטגעהאָלפן צו בלייַבן לעבן, אויסצוהאַלטן?

פרייַער פון אַלץ — די הילף, די מאָראַלישע, גייַסטיקע שטיצע פון פרייַנט, פרויען-קאָמוניסטן. אין ברידערלעכער באַנעמונג, אין סאָלידאַרישקייַט און קעגנזייַטיקער הילף האָבן פראַנצויזנס, טשעכנס, דייַטשקעס, פּוילקעס, רוסנס, סערבקעס, ייִדישקעס געקאָנט געפינען זיך אַליין, אָנהייבן גלייבן, אַז עס איז מעגלעך אויסהאַלטן, לעבן בלייַבן אין אָט דעם פינצטערן געהענעם. און פאַרשטייט זיך, מיר אַלע האָבן געגלייבט, אַז די רויטע אַרמיי וועט קומען, די סאָלדאַטן וועלן צערייַסן דעם שטעכלדראָט, וועלן עפענען די טויערן פונעם לאַגער און מיר אַלע וועלן זייַן פרייַ. מיר האָבן געלעבט מיט אָט דער האָפענונג, מיר האָבן געוואַרט און דער איקער — געגלייבט!

מיר, געוועזענע אסירים, רופן אַלע אָרנטלעכע מענטשן אַף דער וועלט טאָן אַלץ, קעדיי ניט דערלאָזן צו קיין מילכאָמע, טאָן אַלץ, ס'זאָל מער קיינמאָל זיך ניט איבערכאַזערן קיין גענאָציד, ניט איבערכאַזערן זיך די גרוילן פון אַשווענצים.

פון ג. ד. יעליסאַוועטסקיס ארויסטרעטונג. ס'איז אָנגענומען צו מיינען, אַז דער זיקאָרן, אפילע דער, וואָס עלטערט זיך ניט, קאָן אונטערפירן. ער פאַרהיט אָבער שטענדיק דאָס, וואָס פלעפּט דעם מענטשלעכן דימיען...

שאַבעס, דעם 27 יאַנוואַר 1945 יאָר, איז דער טאָג, ווען דאָס מיליטער פון דער 60-טער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל-פּאַלקאָווניק (איצט גענעראַל פון אַרמיי) א. פּ. קוראָטשקין האָט בייַגעקומען דעםווידערשטאַנד פונעם קעגנער און אייַנגענומען אַשווענצים — אָט דעם צווישנפעלקערלעכן טויט-קאָמבינאַט.

אַף דער טעריטאָריע א מענגע באַראַקעס. בא 500, ווי זיי וואָלטן אָנשוילעך פאַרקערפּערט דעם טייַוולאָנישן פאַשיסטישן פּלאַן פון אונטערדריקן און אויסראָטן גאַנצע פעלקער.

אין די באַראַקעס האָבן מיר געפונען עטלעכע טויזנט ביז לעצט אויסגעצערטע פון דיסטראָפיע, פיזיש און מאָראַליש צעקאַליעטשעטע מענטשן. מע האָט זיי דרינגענדיק באַדאַרפט ראַטעווען...

בלויז אין אַשווענצים אַליין זייַנען אַדאַנק די באַמיונגען פון די סאָוועטישע מענטשן אומגעקערט געוואָרן צום לעבן 2819 מאַן פון אַלע אייראָפּעישע נאַציאָנאַליטעטן. זיי האָבן זיך געפונען אַפן ראַנד פון טויט.

פון ד. ד. קלאָוסקיס ארויסטרעטונג. קינדווייַז האָב איך דורכגעמאַכט די געטאָ, בין געווען צוזאַמען מיטן טאַטן אין די טויט-לאַגערן — שטוטהאָף, אַשווענצים און בוכענוואַלד. אַף זיך זעלבסט האָב איך דערקענט די גרוילן פונעם נאַציסטישן גענאָציד, אָבער, זייַענדיק אין די פאַשיסטישע טויט-לאַגערן, האָב איך זיך דערוווּסט אויך עפּעס אַנדערש, דאָס, וואָס ס'האָט מיר געהאָלפן לעבן בלייַבן צווישן דעם קאָשמאַר, וואָס די פאַשיסטן האָבן אָנגעגרייט פאַר מיליאָנען מענטשן. און ניט בלויז בלייַבן לעבן פיזיש, נאָר אויך געפינען דאָס אָרט פאַר זיך אינעם ווייַטערדיקן לעבן, אייַנהיטן דעם גלויבן אין מענטשלעכער גוטסקייַט און וואָרעמהאַרציקייַט...

מיט עטלעכע טעג, איידער ס'איז געקומען דאָס סאָוועטישע מיליטער, האָט מען אונדז דרינגענדיק אויסגעשטעלט אין א קאָלאָנע און גענומען טרײַבן אף מײַרעוו.

אזוי זײַנען מיר צוגעקומען ביז צו גלייוויץ. אלעמען, ווער ס'איז אָפּגעשטאנען, ווער ס'האָט קיין קויעך ניט געהאט צו גיין, האָבן די פאשיסטן דערשאָסן דאָ טאקע אפן וועג...

אין גלייוויץ האָט מען אונדז ארײַנגעזעצט אין אן עשעלאָן, וועלכער איז געגאנגען קיין בוכענוואלד. איך וועל קיינמאָל ניט פארגעסן אָט דעם וועג...

נאָר אדאנק דעם זיג פון דער סאָוועטישער ארמיי בין איך, פונקט ווי פיל אנדערע אסירים פון די קאָנצלאגערן, געבליבן לעבן.

פון אילאָנא בענאשאָווסקיס ארויסטרעטונג. אין בודאפּעשט אף דער גאס דאָכאן הענגט אף דער וואנט א מירמלנע ברעט, אף וועלכער ס'זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס אויסגעקריצט די ווערטער וועגן דעם, אז דעם 18 יאנוואר 1945 האָט די סאָוועטישע ארמיי צענומען דעם טויער פון דער לעצטער אין אייראָפּע יידישער געטאָ און אויסגעלייזט אירע אסירים... דעם 18 יאנוואר האָבן די אײַנוווינער פון בודאפּעשט צום פערציקסטן מאָל זיך צונויפגעזאמלט אף אָט דעם אָרט, קעדיי ארויסזאָגן די דאנק-ווערטער, וואָס קומען זייערע באפרײַער און אויסלייזער.

פארווירקלעכנדיק דעם גענאָציד, האָבן די פאשיסטן צונויפגעטריבן אין דער בודאפּעשטער געטאָ פיל צענדליקער טויזנט יידן פון בודאפּעשט. דאָס איז געווען אן אָרט, ווו, לויט ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער אָנפירער פון די אונגארישע פאשיסטן סאלאשי, „מע קאָן בלויז ארײַנגיין, נאָר ניט ארויסגיין", אלע האָבן געזאָלט דאָ אומגעבראכט ווערן...

שוין ווען דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט געפירט שלאכטן אף די גאסן פון בודאפּעשט, האָבן אין געטאָ זיך ארײַנגעריסן מיט פּאָגראָמען די פאשיסטן און סאלאשיסטן.

אזויארום איז די געטאָ געוואָרן א טויטלאגער, ווו עס זײַנען פאר אָנדערהאלבן כאדאָשים אומגעקומען 20 טויזנט מענטשן.

דער אָנגריף פון דער סאָוועטישער ארמיי האָט ניט דערלאָזט קיין ווײַטערדיקע מענטשנפארניכטונג. איבער דער געטאָ האָט זיך פארשפרייט א יעדיִע, וועלכע איז דערנאָך באשטעטיקט געוואָרן אפן פּראָצעס פון די מערדער, אז אינעם האָטעל „ראָיאל", ניט ווײַט פון דער געטאָ, האָבן זיך צונויפגעזאמלט 500 נילאשיסטן און דײַטשן. לויט די פאשיסטישע טראדיציעס האָבן זיי באשלאָסן צו פארניכטן אלע געטאָ-אײַנוווינער.

די וואך פון די נילאשיסטן, וועלכע איז געשטאנען באם טויער, האָט באקומען א באפעל 19 פארלאָזן מיט צוויי שאָ פארן אופרײַס די פּאָסטן און שטערן דעם מעגלעכן דורכרײַס פונעם סאָוועטישן מיליטער. ווען מע האָט וועגן אָט דער נײַס זיך דערוווּסט אין געטאָ, האָבן א סאך מענטשן אָנגעשריבן זייערע געזעגענונגס-בריוו און זיי באהאלטן צווישן די ציגל פון די ווענט. די פרומע האָבן געדאוונט... נאָר גערעטעוועט האָבן אונדז ניט קיין טפילעס. די סאָוועטישע ארמיי האָט געשטערט די סאָנים אויספירן זייערע פארברעכערישע מײַסים און האָט אונדז, 70 טויזנט מענטשן, פארורטיילטע צום טויט, באפרײַט. ווען דער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער וואָלט זיך פארהאלטן אף א טאָג אָדער אפילע אף עטלעכע שאָ, איז א גרויסער סאָפעק, צי וואָלט פארבליבן אין געטאָ כאָטש איין לעבעדיקער נעפעש...

די שלאכטן זײַנען געגאנגען בוכשטעבלעך פאר יעדן הויז. אין דער נאכט אפן 18 יאנוואר 1945 זײַנען די ערשטע סאָוועטישע קריגסלײַט ארײַן אין געטאָ, דורכברעכנדיק די ווענטלעך פון די קעלערס. און באטאָג האָבן די סאָוועטישע טאנקען אומגעוואלגערט די פארהאסטע וואנט, וועלכע האָט אָפּגעצוימט די געטאָ. אזוי איז געקומען די רעטונג. אין אָנדענק פון געשעענעם האָבן מיר געשאפן א מוזיי.

פון ס. ל. זיווס' ארויסטרעטונג. דעם 20 יאנוואר 1942 איז אין בערלין אין דער ווילע לויטן אדרעס: אם גראָסען וואנזעע, הויז 56/58 דורכגעפירט געוואָרן א צווישנאמטלעכע בעראטונג אפן ניוואָ פון סטאטס-סעקרעטארן פון א ריי מיניסטעריִומס און העכערע באאמטע פון דער אימפּערישער זיכערהײַט-פארוואלטונג. אינעם פּראָטאָקאָל פון דער בעראטונג איז געווען פארפיקסירט: „בייסן פארווירקלעכן די ענדלייזונג פון דער יידן-פראגע אין אייראָפּע איז נייטיק אויסרעכענען אן ערעך אף 11 מיליאָן יידן". און ווײַטער ווערט די צאָל פון די קינפטיקע קאָרבאָנעס פאנאנדערגעטיילט לויט די לענדער...

צווישן די לענדער, אין וועלכע עס האָבן אין העסקעם מיטן אָנגענומענעם באשלוס פון די נאציסטישע רעדלפירער געדארפט געטייט ווערן די יידן, האָבן פיגורירט ניט בלויז די לענדער, מיט וועלכע דאָס נאציסטישע דײַטשלאנד האָט געהאלטן מילכאָמע (פססר, ענגלאנד), נײַן, אין דעם צעטל האָט פיגורירט גאנץ אייראָפּע.

עס איז אויך נייטיק צו דערמאָנען, אז דער סאָוועטנפארבאנד האָט רעפּאטרייִרט 817 844 בירגער פון די פארבינדעטע מעלוכעס, וועלכע

די סאָוועטישע אַרמיי האָט באַפרײַט פון דער פאַשיסטישער געפענקעניש. ס'זײַנען דערבײַ אַפּגעשיקט געוואָרן אַהיים 24 422 ענגלענדער, 22 279 אַמעריקאַנער, 294 690 פראַנצויזן, 33 155 בעלגיער, 32 464 האָלענדער.

*פון ד. א. דראַגונסקיס אַרויסטרעטונג.*ווירקלעך, נאָך דעם זיג הינטער סטאַלינגראַד איז ראָמעלס פּאַרויסבאַוועגונג אין צפון-אַפריקע אָפּגעשטעלט געוואָרן. דעם פעלדמאַרשאַלס מיליטער-טיילן זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן דורך די אַרמייען פון אונדזערע פאַרבינדעטע. נאָך סטאַלינגראַד איז פאָרגעקומען די קורסקער שלאַכט. די דאָזיקע געשעענישן האָבן באַוואָרנט, עס זאָל סײַ די אַראַבישע פעלקער, וועלכע וווינען אינעם באַסיין פונעם מיטללענדישן ים, סײַ אויך דער ייִדישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע ניט דראָען די געפאַר פון פאַשיסטישער אָקופּאַציע.

פון יו. א. קאָלעסניקאָווס אַרויסטרעטונג. אין גאַנג פון דער צוגרייטונג צו דער דאָזיקער פּרעסע-קאָנפערענץ האָבן די אַקטיוויסטן פון אונדזער קאָמיטעט צונויפגעזאַמלט אַ ברייטן מאַטעריאַל. ער באַווײַזט, וויאַזוי אַ סך סאָוועטישע מענטשן האָבן אין די באַדינגונגען פונעם אַכזאָריעסדיקן טעראָר פון די נאַציסטן אַרויסגעוויזן מוסטערן פון עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם. אײַנשטעלנדיק זייער לעבן, האָבן זיי געראַטעוועט מענטשן, וואָס די נאַציסטן האָבן פאַרפאָלגט, דערונטער בירגער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט.

אָט זײַנען בלויז עטלעכע בײַשפּילן. דער לעט יאַן ליפּקע, אַ ריגער אײַנוווינער, האָט געראַטעוועט 41 אַסירים פון ריגער געטאָ... אין לוואָווער געגנט, וועלכע איז געווען אָקופּירט, איז געווען טעטיק אַן אונטערערדישע אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע „די באַפרײַונג פונעם פאָטערלאַנד”, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער קאָמוניסט וואַסילי דראָזשקאַ. אין דער פּראָגראַם פון די אונטערערדלער איז געווען פאַרשריבן:

„אַלמעגלעך מיטהעלפן די ייִדן, סײַ די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, אַזוי אויך דער באַפעלקערונג, זיך צו ראַטעווען פון דער ראָצכישער פאַשיסטישער בלוטבאָד...”.

אַזעלכע פאַקטן האָבן געהאַט אָן אָרט סײַ אין דעם אָקופּירטן אָדעס, אין מינסק, אין מאָהיליאָוו, סײַ אויך אין אַנדערע שטעט און דערפער. די פּאַרטיזאַנער האָבן געראַטעוועט טויזנטער מענטשן. (יו. א. קאָלעסניקאָוו האָט אויף דער פּרעסע-קאָנפערענץ גענוי דערציילט וועגן איינער אַן אָפּעראַציע צו ראַטעווען 314 מענטשן, וואָס די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער האָבן דורכגעפירט אין טשעטשערסקער ראַיאָן, האָמליער געגנט, אין 1943).

לעבן אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געראַטעוועט און אַרויסגעפירט מיט אַעראָפּלאַנען אויף דער גרויסער ערד, — איצט זײַנען זיי שוין בײַ די פופציק, און אייניקע אַפילו מער... הײַנט האָבן מיר אייניקע פון זיי אײַנגעלאַדן אַהער.

די פאַקטן זאָגן אומבאַשטרײַטבאַר עדות, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די סאָוועטישע רעגירונג, די סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי זײַנען געווען בכוח, כּדי צו ראַטעווען אַלע אַסירים פונעם פאַשיזם.

פון געאָרג בימאַנס אַרויסטרעטונג. מיט פערציק יאָר צוריק האָט זיך פאַרענדיקט די צווייטע וועלט-מלחמה, אָבער ווײַט ניט אַלע פאַשיסטישע פאַרברעכער האָבן באַקומען די פאַרדינטע שטראָף. געהאָלפן פיל פון זיי אויסצומײַדן זי האָבן די שטיצער פון יענער זײַט אָקעאַן. עס איז נאָך אַלץ אויף דער פרײַ דער בלוטיקער מענגעלע — דער זעלבער דאָקטער דער סאַדיסט, וועלכער האָט געשטעלט זײַנע פאַרברעכערישע עקספּערימענטן אויף די אַסירים פון אָשווענצים. מענגעלע איז נאָך אַלץ אויף דער פרײַ, און מיר ווייסן ניט, ווו נעמלעך, אין וועלכן באַפעלקערטן פּונקט פון פּאַראַגווײַ אָדער פון אַן אַנדער לאַנד אין צענטראַל-אַמעריקע געפינט ער זיך גרײַלעך הײַנט. אָבער מיר האָבן גענוג אויספירלעך נאָכגעשפּירט דעם גאַנצן פּערציקיאָריקן וועג פון דעם מערדער, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון דער שטראָף. ער איז אַנטלאָפן פון אָשוועצים, איידער ס'איז געקומען די סאָוועטישע אַרמיי. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די עסעסישע אוניפאָרם, האָט מענגעלע געוווינט אין זײַן היימשטאָט גינצבערג אין דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע-זאָנע, ווו עס געפינט זיך די פאַמיליען-אונטערנעמונג „קאַרל מענגעלע און זין” — אַ פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען. דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעקליבן קיין אַרגענטינע. נאָכדעם האָט ער באַקומען אַ באַהעלטעניש אין באָליוויע און פּאַראַגווײַ, ווו ער איז געווען אַ מעקורעוו באַם דיקטאַטאָר סטרעסנער. קלאָר, אַז אָן דער הילף פון אײַנפלוסרײַכע שטיצער האָט ער ניט געקאָנט אַנטלויפן קיין אַמעריקע און אַזאַ לאַנגע צײַט זיך אויסבאַהאַלטן פון דער יוסטיץ.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז בײַ אונדז, אין דער פעדעראַטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאַנד, זײַנען טעטיק גוט פאַרמאַסקירטע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע גיבן פון לאַנג אָן הילף

די קריגס-פאַרברעכער, אויסגעשפּראָכענע פאַ-
שיסטן און נעאָנאַציסטן.

דאָס איז ניט קיין האַשאַרע פון א פּובלי-
ציסט, נאָר א דאָקומענטאַל פעסטגעשטעלטער
פאַקט. קעדיי דערשלאָגן זיך, עס זאָל דעמאַס-
קירט ווערן איינע פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס,
ווי „געהיימע הילף", איז אונדז אויסגעקומען
אײַנגלידערן זיך אין איר, קריגן צוטרוי בא די
לידערס פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס בוך „גע-
היימע קאַנאַלן", וואָס מיר האָבן אָנגעשריבן,
איז ענלעך אַף א דעטעקטיוו. אָבער דאָרטן איז
גאָרניט אויסגעטראַכט — אַלץ, וואָס ס'איז
דאָרט אָנגעשריבן, איז עמעס.

געשאַפן נאָך אין 1951, האָט די דאָזיקע
אָרגאַניזאַציע מאָראַליש און פינאַנסיעל אַרויס-
געהאָלפן די געוועזענע נאַציסטן, געהאָלפן א
סאַך עסעסאָווצעס אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.

ס'איז קיין ספּאָפעק ניט, אז אָן דער מיט-
ווירקונג פון יענער זײַט אָקעאַן וואָלט די
אָרגאַניזאַציע ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן אַפי-
לע א צענטכיילעק פון דעם, וואָס איר גיט זיך
אײַן. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע באַקומט זייער
גרויסע פינאַנץ-מיטלען. די אָרגאַניזאַציע
„כיאַג", אַשטייגער, וועלכע שטעלט מיט זיך
פאָר א געזעמל פון געוועזענע עסעסאָווצעס
און אויך פון זייערע נאָכפאָלגער, האָט בלויז
אין 1980 באַקומען פון דער „געהיימער הילף"
800 טויזנט מאַרק. און אויך אין דעם זעלבן
פּעריאָד האָט א גאַנץ גרויסער באַנק אין דער
פעדעראַטיווער רעפּובליק פון דײַטשלאַנד אי-
בערגעגעבן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע 7500
מאַרק.

צום שלוס וויל איך ברענגען נאָך איין
בײַשפּיל, וועלכער באַווײַזט, צוליב וואָס דאַרף
מען און צוליב וואָס ווערן הײַנט אויסגענוצט
די נאַציסטישע פאַרברעכער. צו דעם קאָנ-
צענטראַציע-לאַגער בוכענוואַלד האָט ווי זײַ-
נער א פּליאַל געהערט דער לאַגער "דאָראַ"
אין אַט דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער „דאָראַ"
האָבן זיך געפונען 10 טויזנט קאַצעטניקעס,
דערונטער פיל אסירים פונעם סאָוועטנפאַר-
באַנד. זיי האָבן געדאַרפט דורכברעכן טונעלן
אין פעלדזן, ווו עס איז געשאַפן געוואָרן א
ריזיקע פאַבריק אַף אויסצואַרבעטן אַעראָפּלאַ-
נען, ראַקעטעס „פאַו-1" און „פאַו-2".

איינער פון די אינזשענירן, וועלכע האָבן
אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון דער דאָזיקער
פאַבריק, איז געווען דער נאַציסטישער אינ-
זשעניער אַרטור רודאָלף. דער דאָזיקער אינ-
זשעניער האָט מיט דער הילף פון די ספּע-
ציעלע אַמטן פון די פאַרייניקטע שטאַטן אַנ-
געטראָפן אין 1945 קיין פשא. דאָרטן האָט
ער דערנאָך געאַרבעט אין דער קאָרפּאָראַציע
„מאַרטין מאַריעטאַ", וועלכע פּראָדוצירט געווער.

פונעם סאָף 50-ער יאָרן האָט אַט דער געווע-
זענער פאַשיסטישער אינזשעניער אָנגעפירט
מיט דער פּראָגראַם פון פאַנאַנדעראַרבעטן די
ראַקעטעס „פּערשינג-2"...

מיט פערציק יאָר צוריק האָט דער סאָוועטנ-
פאַרבאַנד מיטן פרײַז פון קאָלאָסאַלע קאָרבאָ-
נעס צעקלאַפּט צוזאַמען מיט די פאַרבינדעטע
לויט דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע דאָס
היטלערישע רײַך, באַפרײַט די פעלקער פון
דער כאַשכעס פונעם פאַשיזם. מע טאָר ניט
דערלאָזן, אז דער נאַציזם זאָל ווו-ס'ניט-איז
ווידער אופהייבן דעם קאָפּ. און, שוין פאַר-
שטייט זיך, טאָר מען ניט דערלאָזן, די נאַציס-
טישע פאַרברעכער זאָל געלינגען זיך אויסצו-
באַהאַלטן פון דער פאַרדינטער שטראָף.

פון אי. אי. דודטשענקאָס
אַרויסטרעטונג. אַף אַלע פראָנטן האָט
די סאָוועטישע קאָמאַנדשאַפט פאָרגענומען
מאָסמיטלען, אז אין רעזולטאַט פון די שלאַכט-
אָפּעראַציעס זאָלן ניט לײַדן די אסירים פון די
קאָנצלאַגערן, אז אַף דער טעריטאָריע פון די
לאַגערן זאָלן ניט פאַלן קיין סנאַריאַדן און
באָמבעס. ס'פלעגט טרעפן, אז איבער דעם איז
געווען קאָמפּליצירטער אויסצופילן די שלאַכט-
אָפּעראַציעס, נאָר, האַלטנדיק זיך בא די הו-
מאַנישע פּרינציפּן, האָט אונדזער מיליטער קע-
סיידער אזוי געטאָן. מיר פּערזענלעך איז אויס-
געקומען צו באַטייליקן זיך אין דער באַפרײַונג
פונעם טויט-לאַגער לעם דעם יישעוו דע-
מיאַנסק, נאָווגאָראָדער געגנט. צום באַדויערן,
האָבן מיר ווייניק וועמען געטראָפן דאָרטן
לעבן. אַפּטרעטנדיק, האָבן די פאַשיסטישע
ראָצכים פאַרפּײַניקט און דערשאָסן אין לאַגער
קימאַט 10 טויזנט קינדער, זקיינים, פרויען און
קריגס-געפאַנגענע.

דערמאָנענדיק זיך אין אַט די טראַגישע
געשעענישן, וועלן מיר, סאָוועטישע מענטשן,
קיינעם ניט דערלויבן צו פאַרקריפּלען דעם
היסטאָרישן עמעס וועגן דעם אַנטשיידנדיקן
בײַטראָג פון אונדזער פאָלק, פון אונדזערע
רומפולע באַוואָפנטע קרעפטן אינעם צעגראָ-
מירן דעם פאַשיזם בייס דער צווייטער וועלט-
מילכאָמע.

פון מ. ג. טילעוויטשעס
אַרויסטרעטונג. איך בין א געוועזענער
קאַצעטניק פון זאַקסענהאַוזן — א לאַגער
מיט א טראַגישן גוירל. דעם 21 אַפּרעל 1945,
ווען די קאָנאָנאַדע פון דער סאָוועטישער אַר-
טילעריע האָט זיך שוין געהאַט דערטראָגן צו
די באַראַקעס, האָבן באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די
פיס עסעסאָווצעס געלאָזט טרײַבן צום יאַם
העכער 30 טויזנט אסירים, קעדיי אינעם ראַיאָן
פון ליובעק זיי אַרופזעצן אַף באַרזשעס און
דערטרינקען.

אַט דער טויט-מאַרש איז געוואָרן ניט בלויז נאָך אַ ביישפּיל פון פאַשיסטישער רעציכע. ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרזעצונג פון דעם געמיינזאַמען קאַמף, פון דער אינטערנאַציאָנאַלער איינהייטלעכקייט פון די אַסירים פון זאַקסענהאַוזען. דאָ ניט לאַנג צוריק האָב איך אינעם באַשטאַנד פון אַ דעלעגאַציע פון דעם סאָוועטישן קאָמיטעט פון די מילכאָמע-וועטעראַנען זיך באַטייליקט אינעם קאָנגרעס פון „אַנעד" — פון דער איטאַליענישער אָרגאַניזאַציע געוועזענע אַסירים פונעם פאַשיזם. דאָרטן האָב איך זיך דערמאָנט, וויאַזוי כ'האָב באַגעגנט די פרייהייט.

פון נ. ס. פּאָליאַנסקיס אַרויסטרעטונג. מיר, אַ דאָקטער פון אַן אינפעקציאָנעלן האָספּיטאַל, איז אין מאַרט 1945 אויסגעקומען צו נעמען אַנטייל אין אַן אָפּעראַציע, וועגן וועלכער איך וועל קיינמאָל ניט קאָנען פאַרגעסן... געווען איז דאָס אינעם ישעוו גנעווין, צו דאָרעם פון גדאַנסק. אין אַ גרויסן פּריצישן גוט, בא אַ ווייטן פּאַרק, ווו עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ווירטשאַפטלעכע ביניאָנים, איז געשטאַנען אַ לאַנגער הילצערנער באַראַק, לענגויס אַלע ווענט — גרויסע הויפנס שטרוי. אין די באַראַקעס אויפן דיל זיינען געלעגן קוים לעבעדיקע פרויען...

ערשט אין 2 — 3 טעג אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צו-זיך, איינהערן זיך אין די אומבאַקאַנטע רייד פונעם פּערסאָנאַל, זיי האָבן איבערגעפרעגט, צי זיינען מיר טאַקע אויפגענומען... רוסישע, סאָוועטישע, און האָבן אָנגעהויבן אָנרופן זייערע נעמען. אַזוי האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי אַלע זיינען יידישקעס. מע האָט זיי אַרויסגעפירט פון אונגאַרן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן. אין 5 — 6 וואָכן אַרום זיינען זיי קרעפטיקער געוואָרן און ס'איז מעגלעך געוואָרן זיי אָפּצושיקן אויף זאַמל-פּונקטן, קעדיי אומצוקערן זיי אין זייער היימלאַנד.

פון ס. ל. זיווס' אַרויסטרעטונג. אויסניצנדיק די געלעגנהייט, וואָלט איך געוואָלט זאָגן נאָך וועגן איין זאַך. פילצאָליקע פאָרשונגען, אויפווייזן פון די לעבנגעבליבענע מענטשן, די דערגאַנגענע צו אונדז בריוו און טאָגביכער פון די פאַרורטיילטע, לעסאָף, אַפילע די מאַטעריאַלן, וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אין די נאַציסטישע אַרכיוון, זאָגן איבערצייגעוודיק אײדעס וועגן דעם, אַז דער מערהייט יידן, בירגער פון די אייראָפּעישע לענדער, זיינען געווען פרעמד ציוניסטישע שטימונגען און איבערצייגונגען.

די קאַוואָנע פון די ציוניסטישע רעגירער אין טעל-אוויוו צו מעלדן ערעוו דעם פערציקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן נאַציזם, אַז די זעקס מיליאָן יידן, וועלכע די נאַציסטן האָבן אומגעבראַכט, ווערט נאָכן טויט געגעבן דער סטאַטוס פון ייסראָעל-בירגער, איז ניט אַנדערש ווי אַ מיעסע פּראָוואָקאַציע.

די געשיכטע ווייסט ניט, מע זאָל אַזוי זיך איזדיעקעווען איבער דעם אָנדענק פון טויטע.

200 טויזנט סאָוועטישע קריגסלייט: סאָלדאַטן, אָפיצערן און גענעראַלן — יידן האָבן געלייגט זייערע קעפּ אין די שלאַכטן קעגן פאַשיזם, פאַר זייער סאָוועטיש היימלאַנד. ביזן לעצטן אָטעם-צוג זיינען זיי געווען סאָוועטישע פּאַטריאָטן, און אַלס אַזעלכע וועלן זיי פאַרבלייבן אין אונדזער געדעכעניש.

פון ד. א. דראַגונסקיס אַרויסטרעטונג. אין נאָמען פונעם פּרעזידיום פון דעם אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט וויל איך באַדאַנקען אַלע אָנטיילנעמער פאַר די אינהאַלטרייכע אַרויסטרעטונגען, באַדאַנקען אַלע ביי וועזנדע פאַרן אָנטייל אין אונדזער פּרעסע-קאָנפערענץ.

היינט האָבן מיר זיך דערמאָנט אין דער טראַגעדיע, וואָס איז געשען מיט די פעלקער פון אייראָפּע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע, אין די פילצאָליקע קאָרבאָנעס און לײדן, אין דער באַפרייונג-מיסיע פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע האָט געראַטעוועט די מענטשהייט פון דער פאַשיסטישער פּעסט.

עס קאָנען נישט ניט אַרויסרופן אין אונדזערע טעג קיין צאָרן און אויפרעגונג די באַרבאַרישע מייסים פון דער ייסראָעלדיקער מיליטער-קליקע — עס ברענען פרידלעכע דערפער, עס קומען אום מענטשן, וועלכע זיינען אין גאָרנישט ניט שולדיק, דערונטער זקיינים, פרויען, קינדער. ס'איז געוואָרן באַוווּסט, אַז אוועקגייענדיק פון דאָרעם-ליוואַן, האָבן די ציוניסטישע הענקער איבערדיסלאָצירט קיין ייסראָעל דעם קאָנצלאַגער, וועלכן זיי האָבן געשאַפן אינעם ראַיאָן פון סיידע. דאָ לאָזט זיך שפּירן דער קסאַוו פון די פאַשיסטן.

איך מיין, אַז איר, פּרעסע-פאָרשטייער פון פאַרשיידענע לענדער, וועט זאָגן אייער וואָגיק וואָרט וועגן דער דאָזיקער פראַגע.

איך דאַנק פאַר אויפמערקזאַמקייט.

דער באַריכט וועגן דער פּרעסע-קאָנפערענץ פון אַנטיציוניסטישן קאָמיטעט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט ווערט געגעבן מיט קירצונגען.

כאַשעווער רעדאַקטאָר!

מײַן נאָמען איז אַלעקסאַנדער אַבראַמאָוויטש ביידערמאַן. איך בין געבוירן געוואָרן אין 1949 אין אָדעס. אין 1973 האָב איך פאַרענדיקט דעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם אָדעסער מעלוכע־אוניווערסיטעט, ווו איך אַרבעט איצט אין דער סאָציאָלאָגישער לאַבאָראַטאָריע. ייִדיש האָב איך באַהערשט ניט לאַנג צוריק.

מיט אַכטונג,
א. ביידערמאַן (אָדעס)

אַלעקסאַנדער בײַדערמאַן

דאָס וואָרט

יאָ, הויל און נאַקעט קומט מען אַף דער וועלט.
קיין קעשענעס מע האָט ניט און קיין געלט.
מע קאָן ניט רעדן, און דעריבער ווײנט מען.
די אויגן און דער מויער — יונגע, ריינע.

אויך דעמלט, ווען מע גייט אַף יענער-וועלט,
עס האָבן שוין מאַלבושים ניט קיין ווערט,
מע קאָן ניט רעדן, און דעריבער שווײַגט מען.
די אויגן און דער מויער — אָפּגעשטרײַט שוין.

איז ווער, מײַן וואָרט, וואָס אַף דער פּען
איך האַלט,
נאָרוואָס געבאָרן — ניט צו שטאַרבן באַלד.

מיט וועמען?

מײַן פאָטער האָט געקאָנט זיך פירן קריטיש,
אַזוי-אָ מיטאַמאָל א קלאַפּ טאָן אינעם טיש,
דער מאַמען זאָגן: „רעד אַף ייִדיש,
ווײַל אַנדערש איך פאַרשטיי דיך נישט”.
ניטאָ שוין ביידע. ס'איז קיין כידעש.
מע לעבט ניט אייביק, מענטשן טײַנען.
אַמאָל איך זאָג זיך: „רעד אַף ייִדיש...”
מיט וועמען? — מיט די קינדער מײַנע?

שורעס וועגן א רעגן

עס גייט א רעגן, רעגן, רעגן.
האַלט אין פאַרגיסן אַלע וועגן.
ווי עמעצער וואָלט צוגעגרייט
אים, — און ער גייט און גייט און גייט.
און ס'פליסט דאָס וואַסער שוין אָן ברעגן.
סע גייט א רעגן, רעגן, רעגן.
ווער ווייסט — קאָן זײַן עס איז א מאַבל.
היי, מענטשו! פאַרקאַטשע שנעל די אַרבל,
בוי אויס זיך עפּעס, וואָס קאָן שווימען.
אויב עמעץ לאַכט, איז ניט קיין סימען.
שוין צײַט צו רעטן סײַוויסײַ איז
דאָס ווײַב, די קינדער און די כײַעס...

אַף הונדערטער מיר רעדן שפּראַכן.
אַף איין שפּראַך וויינען מיר און לאַכן.
אַרום איז יאַם, מיר — אינדערמיטן.
דער יאַם איז ברייט. מע דאַרף זיך היטן
פאַר שלעכטע מענטשן אַף דער שיף —
א טהאָם איז אונטן — ניט קיין טיף.
וואָס זוכן מיר אין הימל-בלוי?
א טויב. ווי דאַן, — א ווײַסע טויב...

דאָס שטאַם-צעטל

דײַן זיידע געהיט
זײַן אייניק האָט ניט,
איז ער טויט אָן א נאָמען
נאָך דער ערשטער מילכאָמע.

אויך געבליבן דײַן טאַטע
אינדערהיים איז לעסאַטע
אָן דעם אייניקס נעכאָמע
נאָך דער צווייטער מילכאָמע.

דו — א יורעש פון ביידע.
דו — א פאָטער, א זיידע.
ס'נעמט דיך דורך הײַנט א ציטער,
עפשער גאָר פאַר דער דריטער...

כאַשעווע רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

ראָכל בערנשטיין

איך שיק אײַך דאָ מײַן מוטערס א דערציילונג — „דאָס שוואַרצע טישעלע", וועלכע איז פאַרבליבן ניט פאַרעפֿנטלעכט.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿונעם 19־טן יאָר־הונדערט האָבן פיגורירט דרײַ ראָכלס: ראָכל בראַ־כעס, ראָכל פייגענבערג און ראָכל בערנשטיין, די דריטע איז מײַן מוטער, וועלכע פֿלעגט זיך דרוקן אונטערן פּסעוודאָנים „יעהודיס".

די ראָכלס זײַנען געווען צײַט־כאַווערטעס, וואָס האָבן איינע די אַנדערע גוט געקענט און הויך גע־שעצט. פאַרן ייִדישן לייענער איז דער אָנדענק זייע־רער פאַרבליבן פֿאַרהיט אין זאַלמען רייזענס „לעק־סיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פרעסע". כוץ דעם, איז אין מ. באַסינס „אַנטאָלאָגיע פֿון ייִדי־שער פּאָעזיע", אין אַרײַנפֿיר־וואָרט צו יעהודיסעס לידער, געגעבן געוואָרן א קורצע אָפּשאַצונג פֿון דער דיכטערנס שאַפֿונג. יעהודיס איז געשטאָרבן דעם 14 דעקאַבער 1942 אין עלטער פֿון קנאַפּע 74 יאָר.

דאָס שעפֿערישע געשטאַלט פֿון דער שרײַבערן האָט זיך אויסגעבילדעט אונטער דער השפּעה פֿון איר מאַן, מײַן פֿאָטער, לויטן באַרוף א לערער, איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. עטלעכע מאָל האָט מען אים אַרעסטירט. ער האָט ניט דערלעבט ביז צום זיג פֿונעם אָקטיאַבער.

דאָס הויז פֿון מײַנע עלטערן אין מינסק איז אין מעשך פֿון פֿיל יאָרן געווען א דירע פאַר יאַווקעס, וווהין ס'פֿלעגן קומען צו פֿאָרן און זיך טרעפֿן רעוואָליוציאָנערן־אונטערערדלער פֿונעם צאַרישן רוסלאַנד. בא אונדז אין שטוב האָבן אָפֿט געפֿונען א מאַקעם־מיקלעט און קאַלערליי נייטיקע הילף מענטשן, וועלכע זײַנען געצוווּנגען געווען זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון פּאָליציייִשע רעדיפֿעס. דאָרט האָט מען געקאָנט טרעפֿן א רעוואָליוציאָנער, וואָס איז פאַרמישפּעט געווען אויף קאַטאָרזשנער אַרבעט און איז אַנטלאָפֿן פֿון טורמע, און אַנדערש מאָל — אַן אַנטלאָפֿענעם סאָלדאַט, וועלכן מע האָט געררודעפּט פאַר פֿירן רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין דער אַרמיי. און, פֿאַרשטייט זיך, ניט איין פּעקל אומלעגאַלע ליטעראַטור איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך אונדזער שטוב.

עס פֿלעגן צו אונדז אָפֿט אַרײַנקומען ייִדישע שרײַבער. איך דערמאָן זיך אוראָם רייזענען, זײַן שוועסטער, די דיכטערן סאָרע רייזען, דאַניִעל מאַרשאַקן.

אזא איז געווען אונדזער שטוב. ניט קיין וואָכעדיקע... און די גאַסטפֿרײַנטלעכע באַלעבאָסטע פֿון אָט דער אומרויִקער שטוב איז געווען מײַן מוטער, וועלכע פֿלעגט דאַרשטיק אײַנזאַפּן אין זיך די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט פֿונעם לעבן.

דאָס אַלץ פֿלעגט זיך אָפּשפּיגלען אין אירע ווערק. יעהודיס האָט געהערט צו יענער ייִדישער אינ־טעליגענץ, וועלכע האָט טייקעף און אָן שום רעזערוואַציעס אופֿגענומען די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. דאָס איז געווען איר רעוואָליוציע. נאָכן אָקטיאַבער האָט זי אַקטיוו פֿאַרגעזעצט איר שאַפֿונג.

יעהודיס האָט געשריבן סײַ אויף טעמעס פֿון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, סײַ וועגן דער נײַערווירקלעכקײַט. זי פֿלעגט גערן איבערזעצן אויף ייִדיש די ווערק פֿון סאָוועטישע רוסישע שרײַבער.

די דערציילונג „דאָס שווארצע טישעלע“ איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַקטיווער באַציִונג צו דער גרויסער איבערקערעניש אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דאָ איז פאַראַן אַ סאַך אויטאָביאָגראַפישס, און דאָס טישל, וואָס האָט געדינט אַלס פאָרבילד פונעם שווארצן טישל אין דער דערציילונג, געפינט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג בא אונדז אינדערהיים.

מינע סאמאָילאָווונע ראַנטסעוויטש
(מאָסקווע)

יעהודיס (ראָכל בערנשטיין)

דאָס שווארצע טישעלע

1

איצט איז דאָס טישעלע שוין אַלט. די גלידער זיינען זיך בא דעם פאַנאַנדערגעפאַרן. דאָס טישקעסטעלע פון רויטן האָלץ איז אָפּגעלאָזן, ווי די אונטערשטע ליפּ בא אַן אַלטן מאַן... אָבער עס פאַרמאָגט נאָך גענוג קרעפטן אָף זיך דעם האַלטן אָף זיך דעם שפּילקאַסטן מיט די וווּנדערלעכע צאַרטע ניגונים.

אמאָל איז דאָס טישעלע געווען שטאַרק, פריש און שיין. איז עס דעמלט געשטאַנען אַליין, אָן דעם שפּילקאַסטן, און עס האָט אויסגעזען מערקווירדיק ריין אין דער עכטער שווארצער פארב, אַזוי ווי קיין איינציק שטויבעלע וואָלט קיינמאָל ניט געפאַלן אָפן אויבערפלאַך.

אָבער קיין נוץ איז פון דעם ניט געווען. לויט דער פאָרם און פאַרנעם האָט עס אין אונדזער באַלעבאַטישקייט אָף גאָרנישט ניט געטויגט.

דאָס דאָזיקע קינסטלערישע ווערק איז צופעליק צו אונדז אַריינגעפאַלן. מיר האָבן עס באַקומען פון אַ שכיינע — אַ פאַראָרעמט געוואָרענער פריצטע. זי האָט עס געבראַכט ווי אַ מאַטאָנע צו מיין שוועסטערס כאַסענע.

די דאָזיקע שכיינע האָט געוווינט איבער אונדז, אָף אַ שאַלקע. אָרעם איז געווען די שכיינע. אַכוץ דעם טישעלע, איז בא איר גאָרנישט ניט געווען, האָט זי עס אַראָפּגעטראָגן. געגעבן האָט זי איר מאַטאָנע מיט ליבע, פונעם גאַנצן האַרצן. מיין שוועסטער האָט עס געפילט און געפרייט זיך מיט דעם געשאַנק, אָבער דעם טישלס שיינקייט האָט מיין שוועסטער ניט געפילט. זי האָט עס ניט מיטגענומען, און עס איז געבליבן שטיין בא אונדז אינדערהיים.

יאָ, דאָס איז געווען אַ קינסטלעריש ווערק. צווישן די אומגעצוימפערטע הילצערנע אַלערלייפאַרביקע קלייבאַיס האָט דאָס שווארצע טישעלע אויסגעזען באַזונדערס עכט שווארץ און פריש, ווי באַדעקט מיט טוי. עס האָט זיך צווישן אַלץ אויסגעצייכנט מיט דער גלאַטער פאָליטור און מיט די פאַנטאַסטישע געשלענגלטע ליניעס.

ווי נאָר דאָס טישעלע האָט זיך בא אונדז באַוויזן, האָט שוין די שטוב אויסגעזען יאָמערדיק — די וואָכיקייט איז ווי פאַרשווונדן געוואָרן. אַזוי האָט זיך מיר, דאַן אַ קליין קינד, געדוכט.

2

אין הויף האָט מען שוין דערציילט פאַרשיידענע מייסעס וועגן דעם טישל, וואָס מיין שוועסטער האָט באַקומען אַ מאַטאָנע צו איר כאַסענע.

מע האָט דערציילט, אַז דאָס טישעלע איז גאָר אַ טייל פון אַ טיש; אַז דער באַלמעלאָכע, וואָס האָט געמאַכט אָט די „פריצישע זאַך“, האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט, געטאָן זי מיט

לײַב און לעבן. דערפאר טאקע זײַנען אלע זײַנע שאפונגען געווען אויסערגעוויינלעך שיין מיט זייער אויסגעצייכנטער פּאַליטור און פאנטאסטישע ליניעס. און נאָך האָט מען געבאַל־בעט: דער מײַסטער איז געווען דער פּריצטעס לײַב־אייגנטימער. די יונגע פּאַני האָט זיך אינעם שיינעם, גראַטעווטעם יונגן פויער פארליבט. די אלטע פּריצטע האָט אים אָפּגעגעבן אין סאַלדאטן און די טאָכטער דורכגעטריבן.

די דינסטמיידלעך פונעם הויף האָבן זיך געשושקעט: „אַהאַ!.. דאָס טישעלע! אין טי־שעלע איז קיין איינציק טשוועקל ניטאָ!.. עס איז פול מיט סוידעס!.. עס האָט אין זיך א קראפט!.. עס לייגט אויס דאָס מאזל!.. ענטפערט אף פראגן!..“

איינמאָל, שאבעס, ווען זייערע באַלעבאַטים זײַנען אוועק צו מינכע, זײַנען די מיידלעך געקומען צו אונדז אין שטוב אריין. זיי האָבן ארומגערינגלט דאָס טישעלע, אוועקגעזעצט זיך פעסט איינע צו דער צווייטער, ארופגעלייגט זייערע רויטע, אָנגעקוואָלענע פון שווערער ארבעט הענט אפן גלאַטן גלאַנציקן איבערפלאַך און געוומען ווארטן אף א נעס, ווען דאָס טישל וועט אָנהייבן ארויסווײַזן סימאָנים פון סוידעספולער קראפט.

ס׳האָט זיך אזוי געוואָלט, אז די דאָזיקע אונטערן יאָך פון באַלעבאַטים פארהאָרעוועטע מיידלעך זאָלן הערן וועגן עפּעס א טרייסט פאר זיך, וועגן זייער קומענדיקן מיידלשן מאזל... מער פון אלץ האָט זיי אינטערעסירט יעדערנס באשערטער.

אָט אזוי זײַנען זיי געזעסן ארום דעם שווארצן טישעלע מיט אָנגעשטרענגטע געפילן און מיט שווייס אף די פּענעמער.

און דאָס טישעלע איז געשטאנען ניט גערירט פון אָרט — מענטשלעכע טרוימען זײַנען ניט זײַן זאך!

מיטאמאָל האָט איינע פון די מיידלעך דערפילט אין קליינעם פינגער פון דער לינקער האנט אזוי א שטאָך, און זי האָט געגעבן א ציטער. די איבעריקע האָבן אופגענומען איר ציטער ווי א סיגנאל, אז „עס האָט זיך אָנגעהויבן“. זייערע פּענעמער האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אן אינווייניקסט פײַער. פארכאפּט דעם אָטעם, האָבן זיי לײַכט ווי די פעדערלעך צוגע־נומען פונעם טישל זייערע הענט, נאָר דאָ האָט זיך פּלוצעם געעפנט די טיר: די באַלעבאַטים האָבן זיך אומגעקערט און גערופן די מיידלעך אהיים. אין איין מאָמענט זײַנען זיי אנטרונען ווי די מײַזלעך אין די נאָרעס.

באלד איז ארויס איבערן הויף א קלאנג, אז דאָס טישל האָט פארלאָרן די קראפט. עמעצער האָט אפּצולאָכעס ארײַנגעשלאָגן אין דעם א טשוואָק, און דעריבער טויג עס שוין ניט: דאָס טישעלע קאָן ניט פּאָרויסזען...

מער זײַנען די מיידלעך צו אונדז ניט געקומען.

3

איך פאר די קינדער פון דער פארשטיקטער ייִדישער גאס איז דאָס טישעלע אין שטוב געווען א גרויסע געשעעניש. ארום דעם טישעלע האָט זיך צעשפּילט אונדזער אָרעמע פאנטאזיע. ס׳האָבן זיך גענומען וועבן די קינדערשע שפּילערײַען.

מיר האָבן געשפּילט אין „שאבעס“, אין „א כאסענע“, אדער אין „א זאל פון א גרויסן גוויר“. דאָס טישעלע האָט פארנומען דאָ דעם אויבנאָן.

ס׳זײַנען אפן טישעלע געשטאנען מײַנע מעשענע לײַכטערלעך, מיט ארײַנגעשטעקטע שפּענדלעך אָנשטאָט ליכט, — דאָס איז בא אונדז געווען „פּרײַטיקצונאכטס“. ווען מיר פלעגן אוועקשטעלן דאָס שווארצע טישעלע אינמיטן שטוב, פלעגט די שטוב זיך פארוואנדלען אין א „זאל פון א גרויסן גוויר“.

איינמאָל האָט מײַנע א כאַווערטע געזאָגט:

— און מײַן מאמע דערציילט, אז דאָס איז גאָר קיין טישעלע ניט...

— עס איז פארקישעפט, מע האָט אין דעם א טשוואָק ארײַנגעשלאָגן! — האָט אונ־טערגעכאפּט א צווייטע.

— א פארקישעפטער בעין־מעלעך! — האָט אויסגעשאָסן א דריטע, און ס׳האָט איר פארכאפּט דעם אָטעם פון היספּײַלעס. זי האָט ווײַטער פאָרגעזעצט: — עס האָט אים דער ניט־גוטער צוגעפעסטיקט צו דער ערד מיט א טשוואָק... א שיינע באסמאלקע וועט אים באפרײַען!..

און באלד איז געשאפן געוואָרן א נײַע שפּיל: דאָס טישעלע — א פאַרקישעפטער בען-מעלעך, מיר — זײַנע גיבורים, אַף וועלכע דער ניט-גוטער האָט ארופגעוואָרפן א שלאָף...

— איך האָב געזאָגט:

— און איך וועל זײַן די באסמאלקע, איך וועל באפרײַען דעם בען-מעלעך. און אײַך, אײַך וועל איך אויך באפרײַען...

און מיר האָבן זיך אַלע צעלייגט ארום דעם טישעלע אַף דער פּאַדלאָגע, וועלכע מע פלעגט וואשן בלויז ערעוו שאבעס. קלוימערשט אָפּגעשוואכטע און אײַנגעשלאָפענע, זײַנען מיר געלעגן מיט פארמאכטע אויגן אזוי לאנג, ביז מיר זײַנעןווירקלעך אנשלאָפן געוואָרן.

באפרײַט האָט אונדז פון דעם „פאַרקישעפטן שלאָף" מײַן מאמע, וועלכע איז געקומען פון איר קרעמל, ווו זי האָט שווער געארבעט פון פרי ביז שפּעט אין דער נאכט.

זי האָט אַף אונדז אָנגעשריִען, וואָס מיר וואלגערן זיך ווי די כאזירים אין בלאָטע. פארשעמטע, זײַנען מײַנע כאווערטעס זיך פאנאנדערגעגאנגען אהיים. די דאָזיקע נײַע שפּיל אָבער איז אַף שטענדיק געבליבן די באַליבסטע.

געווען אויך א שפּיל אין סאָכרים. מיר פלעגן פארקויפן און קויפן אלטע זאכן. דאָ זײַנען שוין אוועק אין גאנג אונדזערע הילצערנע טישן מיט די גרויסע טישקעסטלעך. מע פלעגט ארויסשלעפּן די טישקעסטלעך פון די טישן, און ס'האָבן זיך באקומען אינוויינִיק אזויווי הענגערס און פּאָליצעס. אהין פלעגן מיר זיך פארקלײַבן, שלעפנדיק מיט זיך אַלץ, וואָס עס איז געקומען אין די הענט.

דער מיסכער איז געווען א לעבעדיקער, מיר האָבן זיך געריסן פאר די קוינים, געקרימט זיך אַף אַלע אויפאַנים, געזידלט זיך, געשאָלטן, ווי עמעסע מארק-יידענעס. און אמאָל פלעגט דערגיין צו א געשלעג אויך.

מיר האָבן נאָכגעמאכט די יעניקע לײַט, צווישן וועלכע מיר האָבן זיך געהאָדעוועט...

און דאָס שווארצע טישעלע איז געשטאנען אין א זײַט פון דעם מארק-געטומל. פאר אזא שפּיל האָט עס ניט געטויגט.

4

אדעראבע, וויִזוט מיר אָן א שטוב, ווהין עס קומט קיינמאָל ניט ארײַן דער צאר? צו אונדז אין שטוב איז אויך געקומען אן אומגליק: די מומע איז בא אונדז אומדערוואַרט געשטאָרבן...

זי איז געקומען פון דאָרף א געזונטע, א פריילעכע, אײַנצוקויפן עפּעס צו דער כאסענע פאר איר זון, דעם בכאָר. אײַנגעקויפט, האָט זי זיך שוין געקליבן אהיים. איז זי אוועקגע-גאנגען אין דער שטאָטישער באָד, זיך פארקילט און געבליבן ליגן.

מיך האָט אופגעוועקט באנאכט מײַן מאמעס געוויין.

צוקאָפּנס בא מײַן מומעס בעט איז געשטאנען אונדזער שווארץ טישעלע מיט אָנגע-צונדענע ווײַסע ליכט, פון וואָס דאָס טישעלע האָט אויסגעזען נאָך שווארצער. טונקעלע שאָטנס האָבן זיך פון דעם געצויגן און צעשפּרייט זיך אין די ווינקלעך...

איך האָב פארשטאנען, אז מײַן מאמעס שוועסטער איז געשטאָרבן. אַף מיר איז אָנגע-פאלן אן איימע. איך בין צוגעגאנגען צו דער מאמען און אײַנגענורעט דעם קאָפּ אין אירע קני...

5

די מאמע האָט זיך פארנומען מיט מײַן דערציִונג. איינמאָל האָט זי מיר געבראכט א שפּאַר-פּושקע און געזאָגט:

— לערן זיך אײַנשפּאָרן געלט. ווען דו וועסט אָנקלײַבן א פול פּושקעלע, וועל איך דיר קויפן אַף יאָמטעוו א מאנטל.

און נאָך האָט זי געזאָגט:

— דו ביסט שוין א גרויס מיידעלע, לערן זיך פארדינען עפּעס. אָט נא דיר א רובל, קויף זיך אײַן פּאפּיר, קאָנווערטן, מארקעס, קאַרטלעך און פארקויף עס, וועט זיך באקומען דעוועך.

מיר איז דער מאמעס אײַנפאַל שטאַרק געפעלן געוואָרן: מײַן סכוירע וועל איך האַלטן אין טישעלע און יעדעס מאָל וועל איך דאָס טישקעסטעלע אָפּשליסן מיטן שליסעלע און פאַרשליסן. אָפּשליסן און פאַרשליסן! א כּ׳עס!

מײַן אײנציקע קויפערן איז געווען די עלטערע שוועסטער. זי איז שוין געווען א קאַלע און האָט געשריבן בריוו צו איר כאָסן. פּאַפּיר האָט זי גענייטיקט א שלאָל: אָנגעשריבן א בריוו — און צעריסן! אָנגעשריבן — און צעריסן! פאַר מיר איז דאָס געווען גאָר ניט שלעכט. פאַר א קורצער צײַט האָב איך אָנגעקליבן א באַרג מיט געלט. די מאַמע האָט עס מיר אויסגעביטן אף א נײַער דרײַרובלדיקער אַסיגנאַציע. איך האָב זי אַרײַנגעלייגט אין מײַן טישקעסטעלע.

מער האָט זיך מיר ניט געגלוסט מיסכערן.

— נאַ דיר דאָס געלט, — האָב איך איינמאָל געזאָגט צו דער מאַמען, ווען זי איז א פאַרמאַטערטע געבליבן אינדערהיים, — קויף זיך עפּעס...

אַזוי האָבן איך און מײַן טישעלע זיך באַפרײַט פון האַנדל-וואַנדל...

6

איך בין אונטערגעוואַקסן. די שפּילערײַען האָב איך קימאַט ווי פאַרוואָרפן. איך האָב זיך געלערנט לייענען און שרײַבן. די לימודים פלעג איך צוגרייטן אף מײַן שוואַרץ טישעלע.

איך האָב ליב געקראָגן לייענען. אײַנגעהויקערט, פלעג איך זיצן באַם נידעריקן טי-שעלע און שאַעלאַנג שלינגען א ביכל נאָך א ביכל. געלייענט האָב איך אַלץ, וואָס מיר איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט. אפילע אויך דאָס, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען.

איך האָב זיך באַקאַנט מיט א מיידל, עלטער פון מיר. זי איז געווען אין „קרײַזל" און פלעגט פאַרשפּרייטן ליטעראַטור. איינמאָל האָט זי מיר געבראַכט א צעפּאַלענעם, שוין געל-געוואָרענעם בוך און געזאָגט אָפּגעהאַקט: „לייען!... היט!... דאָס איז א פאַרווערטער בוך, ער הייסט „וואָס טאָן?" דער אויטאָר — טשערנישעווסקי. דער איינציקער עקזעמפּליאַר בא אונדז"...

איך האָב צוגענומען ציטערדיק פון אירע הענט דאָס ביכל און עס באַהאַלטן אין שוואַרצן טישעלע.

7

פרײַטיקצונאַכטס. די ליכט גייען אויס, זיי טשאַדען. אין שטוב איז האַלב-פינצטער. אַלע שלאָפן נאָך א וואָך דײַגע און האָרעוואַניע, אַזוי ווי עס קאָן שלאָפן די מישפּאָכע פון א יידישן קליינקרעמער אין יידישן קאַפּצאָנישן שטעטל. איך אַליין נאָר שלאָף ניט. איך זיץ בא מײַן שוואַרץ טישעלע בא דער שײַן פון א קליין גאַז-לעמפּל, וואָס שטייט אף אים, און לייען טשערנישעווסקיס „וואָס טאָן?". א מאָדנער בוך! אינגאַנצן באַדעקט מיט צוגעקלעפּטע צושרײַבונגען און אפילע גאַנצע זײַטלעך, וואָס פעלן, זײַנען צוגעשריבן מיט א שיינעם, קלאָרן קסאַוו... זײַן רייעך איז עפּעס א באַזונדערער. ער וועקט אין מיר נײַע געפילן. מער פון אַלע העלדן פאַרכאַפּט מיך ראַכמעטאָוו. „אָט דאָס איז א מענטש!" — טראַכט איך.

איך שטיי אוף פון מײַן אָרט, גלײַך אויס די אָפּגעכאַלעשטע פון לאַנגן ניט-באַקוועמען זיצן גלידער און שפּאַן אַרום איבערן צימער. „איך דאַרף אויך אוועקגיין פון דער היים, אָבער וויאַזוי? מע דאַרף זיך לערנען א מעלאָכע, אומבאַדינגט", — באַשליס איך און פאַרטיף זיך ווידער אין בוך.

מיר דוכט זיך, אַז איך בין ערגעץ ווײַט צווישן די העלדן, וועגן וועלכע איך לייען. מיט מײַן גאַנצער נעשאָמע בין איך מיט זיי.

אַז איך שלאָף אײַן, שטייט פאַר מײַנע אויגן דאָס געשטאַלט פונעם אויסערגעוויינלעכן סוידעספּולן ראַכמעטאָוון.

און דאָס שוואַרצע טישעלע האָב איך נאָך אַלץ ליב פאַר זײַן גלאַטן אויבערפלאַך, פאַר די אויסערגעוויינלעכע ליניעס, פאַר דעם, וואָס עס איז אפילע אף דער עלטער א שיינס...

8

אין לעבן ווערט אַלץ אָפּגעניצט און אַלט. מײַן שוואַרץ טישעלע האָט זיך אויך פאַרענ־דערט. עס האָט פאַרלאָרן דעם שטענדיקן גלאַנץ. די עכט שוואַרצע פאַרב האָט זיך באַדעקט מיט ווײַסע פעדעם. לעכאַטכילע פלעג איך עס אָפּפּרישן באַם סטאָליער. אָבער דעם סטאָ־ליערס פאַרב איז געווען ניט דויערהאַפטיק, פלעג זיך גיך אָפּרײַבן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט איז מײַן זאָרג, און כ'האָב איבערגעלאָזט דאָס טישעלע אין גרויען אויסזען.

איינס פון די פיר פיסלעך איז אַרויסגעפאַלן, פון אַלטקײַט איז עס צעפוילט געוואָרן. דאָס טישל האָט ניט געקענט שטיין אָן אַן אונטערשפּאַר. איך בין אַוועק צו אַ סטאָליער און געזאָגט: „פאַריכט מיר דאָס פיסל אַזוי, אַז דאָס טישעלע זאָל קענען שטיין גלײַך, ווי פריִער".

איז דער סטאָליער אָבער געווען גלײַכגילטיק צו מײַן באַקאָשע, זײַן אַרבעט האָט ער ניט ליב געהאַט, קיין שיינקײַט אין איר ניט געזען. ער האָט מיט אַ האַמער אַרײַנגעקלאַפּט אַ טשוואָק. דאָס פיסל האָט זיך צעשפּאָלטן און איז קירצער געוואָרן. דאָס טישעלע איז פאַר־בליבן שטיין הינקענדיק. פלעג איך אונטערלייגן אַ קלעצל, נאָר יעדעס מאָל האָט דאָס קלעצל זיך אַרויסגעגליטשט, און דאָס טישל פלעגט ווידער אומבאַהאָלפן זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ זײַט.

מיטאַמאָל איז דאָס קלעצל איבער עפּעס אַ ניט־פאַרשטענדלעכער סיבה צוגעשטאַנען צום פיסל, ווי עמעצער וואָלט עס צוגעקלאַפּט צו דעם. דאָס שוואַרצע טישעלע האָט ווידער באַקומען זײַן פריִערדיקן גלײַכן אויסזען...

9

די צײַט גייט.

דער אַלטער דאָר טרעט אויף דעם וועג דעם יונגן דאָר. דאָס לעבן ענדערט זיך. אַזוי פירט זיך די וועלט.

פון אונדזער שטוב איז קיינער און קיין זאַך ניט פאַרבליבן, אַחוץ מיר און מײַן טישעלע, דעם איידעס פון מײַנע קינדערשע שפּילערײַען און יונגע טרוימען...

איך האָב שוין געהאַט אויסגעוואַקסענע קינדער.

איינמאָל האָב איך געבראַכט פונעם מאַרק אַ טישעלע, וואָס איז מיר געפעלן מיט זײַן איינפאַכקײַט. איך האָב עס אַוועקגעשטעלט באַ מײַן בעט, אויפן אָרט, ווו דאָס שוואַרצע טישעלע איז שטענדיק געשטאַנען. איך בין זיך מודיע, אַז דאָס שוואַרצע טישעלע האָט אין פאַרגלײַך מיטן נײַעם, ליכטיקן, פאַרלאָרן אין מײַנע אויגן זײַן פריִערדיקן רייץ. עס איז מיר געוואָרן איבעריק, וווּהין טוט מען עס אַהין?

עמעצער פון די שטוביקע האָט געזאָגט: „אין קאָרידאָר באַם הענגער איז אַ פּוסט אָרט".

איך בין געשטאַנען פאַרצווייפלט, ווי איך וואָלט שוין כאַראָטע באַקומען אויף דער גאַנצער מײַסע.

איז אַרײַן מײַן שכנה און געזאָגט: „עפּשער קענט איר מיר לײַען עפּעס אַ טישל? באַ מיר אין צימער איז זייער פּוסט"...

אַ שטיין איז אַראָפּגעפאַלן פון מײַן האַרצן. איך האָב מיט פרייד איר געליִען מײַן שוואַרץ טישעלע. און עס באַדעקט מיט אַ ווײַס געהעפטעט סערוועטל. „זאָל עס באַ אײַך אָט אַזוי שטיין דערווײַל"...

שפּעטער האָט די שכנה מיך גערופן צו זיך טרינקען טיי: זי האָט געקויפט אַ פאָר־האַנג פאַר איר פענצטער, און דאָס האָט געפרייט איר האַרץ. אין צימער באַ איר איז געווען ריין און ליכטיק. איבערן פענצטער האָט געלויכטן אַ נײַער טיולענער פאָרהאַנג, און מײַן שוואַרץ טישעלע איז ווידער געשטאַנען אויבנאָן, אַ צוגעדעקטס מיט דעם ווײַסן סערוועטל. פרישע דופטיקע בלומען זײַנען געשטאַנען אויפן טישעלע.

כ'האָב זיך דערמאָנט די פאַרשיידענע מײַסעס, וועלכע איך האָב אין דער קינדהײַט געהערט וועגן דעם טישעלע. מע פלעגט טײַנען, אַז דאָס טישעלע איז גאָר אַ טייל פון עפּעס אַ שיינער גאַנצער זאַך.

אינגיכן האָט מײַן שכנה זיך געקליבן אַוועקפאָרן און אומגעקערט מיר מײַן שוואַרץ טישעלע.

ס'איז געווען אַ שווערע צײַט. מענטשן און זאַכן האָבן פאַרלאָרן זייער ווערט. אין לאַנד האָט געדויערט דער בירגערקריג. די ווײַסע פּוילישע כאַליאַסטרעס האָבן פאַרנומען אונדזער

שטעטל, און אַף לאַנג. אין שטוב איז געוואָרן געראַם: אַ סאַך גוטס האָב איך פאַרקויפט אַף ברויט, אַ טייל האָט באַ מיר צוגענומען די וויַסע מאַכט. דאָס שוואַרצע טישעלע איז פאַרבליבן, מע האָט פון דעם ווי פאַרגעסן, און קיינעם פון אונדז וואָלט גאָר ניט געקאָנט איַינפאַלן, אַז מע קאָן דאָס אויך פאַרקויפן. דאָס טישעלע איז געשטאַנען פאַרוואָרפן אין אַ ווינקל, גרוי פון שטויב.

10

שווער איז געווען פאַר אונדזערע מענטשן דאָס יאָר פון דער וויַסער פּוילישער מאַכט. ייִדן האָט זי געפּיַיניקט אַף אַ באַזונדערן אויפן. מיר האָבן מיט ביטאָכן געקוקט צו מיזרעך. איך האָב געוווסט, אַז די וויַסע טרעטן אָפּ, די באָלשעוויסטישע אַרמיי גייט אונדז אויסלייזן. אין עק שטאָט האָט זיך שוין געהערט די שיסעריַי. איך האָב אַזוי שטאַרק זיך צוגעהערט צו דער שיסעריַי, אַז אין די שטילע מינוטן פלעג זי מיר שוין פעלן.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, איז מיַין טאָכטער אַראָפּ פון איר געלעגער, און אונטער די קלאַנגען פון אַ פאַרשטאַרקטער קאַנאָנאַדע האָט זי רויִק גענומען אָפּווישן דעם גראָבן שיכט שטויב פונעם שוואַרצן טישעלע. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט באַ איר בעט, אַוועקגעלייגט אַף דעם איר אָפּגעצערטע דינע האַנט און אויך דעם קאָפּ אָנגעשפאַרט. זי האָט וועגן עפּעס אָנגעשטרענגט געטראַכט.

— וועגן וואָס טראַכסטו, טאָכטער?

זי האָט געטראַכט וועגן אירס: איר כאָסן האָט געקעמפט אין דער רויטער אַרמיי.

„איניגיכן וועט ער זיַין מיט אונדז!” — האָב איך זיך אָנגעשטויסן.

דאָ איז אַריַין מיַין זון. ער און זיַין כאַוועיר האָבן געבראַכט צו טראָגן אַ שוואַרצן לענגלעכן קאַסטן. ביידע האָבן צופרידן געשמייכלט.

— די באַלעבאָסטע פון דעם הויז האָט מיר געגעבן איר שפּילקאַסטן, — האָט דער זון געענטפערט אַף מיַין שטומער פראַגע.

מיַין טעכטערל האָט מיט שפּאַס באַמערקט:

— זי האָט מוירע פאַר די רויטע, וויל זי אויסזען אָרעמער.

זי האָט צוגענומען באַם ברודער דעם קאַסטן און אַוועקגעשטעלט אים אַפן שוואַרצן טישעלע. און אַ מאָדנע זאַך! — די ליניעס זייערע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן, און עס איז געוואָרן איין זאַך.

— זעט נאָר, זעט! — האָב איך זיך געוווּנדערט צו מיַין זונס כאַווער. — עס פּאַסט איינס צום צווייטן!

— ווי איין נעשאָמע אין צוויי קערפּערס, — האָט ער פריידיק געענטפערט.

— איז וואָס זשע לאַכט איר?

— איך לאַך ניט. זיי פּאַסטן בעעמעס איינער צום אַנדערן.

— אַזוי האַלט איר?

ס׳איז מיר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, און איך בין אַרויס פון צימער...

11

— איר האָט געגעבן מיַין ייִנגל אײַער שפּילקאַסטן... — האָב איך געזאָגט דער באַלעבאָסטע, אַריַינקומענדיק צו איר.

— ער האָט ליב מוזיק. זאָל דער קאַסטן באַ אײַך שטיין.

— איר האָט אים שוין לאַנג געקויפט?

— יאָ, שוין זייער לאַנג!.. אייגנטלעך האָב איך דעם שפּילקאַסטן ניט געקויפט. כ׳האָב אים באַקומען פון אַ שכיינע אַנשטאָט דירע-געלט.

— גאָר אַזוי!.. — האָב איך זיך געוווּנדערט.

די באַריידעוודיקע באַלעבאָסטע האָט פאַרגעזעצט:

— צום שפּילקאַסטן איז געווען אַזאַ געשטעל, אַ מין טישעלע. אָבער דאָס האָב איך שוין ניט באַקומען. נו, פאַרשטייט זיך, מיט גוואַלד נעמט מען ניט. זיי האָבן אַפילע ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן...

12

ווען איך האָב זיך אומגעקערט צו זיך אין שטוב, איז דאָס יונגוואַרג געשטאַנען אַרום טישעלע. דער שפּילקאַסטן איז געווען אָפן. אינווייניק איז ער געווען פון רויטן האָלץ, ווי דאָס טישקעסטעלע פונעם טישל. דער שפּילקאַסטן אָפן שוואַרצן טישעלע האָט געשפּילט א פריידיקן ניגון.

ווער האָט ניט ליב מוזיק? מוזיק האָבן אַלע ליב. באַ אָנגעווייטיקטע הערצער רופט זי אַרויס וואַרעמע טרערן פון טרייסט. די סאָניטאַרקעס, וואָס האָבן אין שכיינעם געאַרבעט, זײַנען צוגעגאַנגען צו אונדזערע פענצטער ווי נאָר זיי האָבן דערהערט די אומדערוואַרטע ליד. מיט א שמייכל האָט איינע פון זיי זיך גענומען פאַרן טיכל, קעדיי אָפּווישן א טרער, ווי מיטאַמאָל האָט איבערן הויף זיך דורכגעטראָגן א ראַשיקער דונער און איינער א מענטש איז אַרײַנגעלאָפן און מיט פײַער אויסגערופן:

— בירגער! אָפן מאַרק זײַנען די רויטע. הוראַ!... — און ער איז אַוועקגעלאָפן ווײַטער.

— הוראַ!... — האָט אים נאָכגעיאָגט מײַן יונגוואַרג, און זיך געלאָזט לויפן פון שטוב.

זיי זײַנען געלאָפן באַגעגענען די באַפרײַער, די רויטע אַרמיי.

און פונעם שפּילקאַסטן אָף דעם שוואַרצן טישעלע האָט זיך געטראָגן א פײַערלעכע ליד.

כראָניק

צום יאָרטאָג פונעם גרויסן ניצאָכן

דער לוואָווער פאַרלאַג „קאַמעניאַר” האָט אַרויסגעלאָזט א בוך פון דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען אונטערן טיטל „שטאָלץ און רום פון פּאָדאָליע”. אין דער אויסגאַבע ווערט דערציילט וועגן 74 העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען געבוירן געוואָרן אין שטעט און דערפער פון דער כמעלניצקער געגנט, אוקראַאיִנישע ססר. דאָס זײַנען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע מיליטערישע פאַכן, פון פאַרשיידענעם עלטער און נאַציאָנאַליטעט. עס האָט זיי אַלע פאַרייניקט די הייסע ליבע צום היימלאַנד און די סינע צו דעם סוינע, וועלכער האָט געבראַכט אָף אונדזער ערד טויט און צאַר. בלויז אָף דער טעריטאָריע פון דער כמעלניצקער געגנט האָבן די פאַשיסטישע באַרבאַרן פאַרניכטעט 478 טויזנט ציווילע מענטשן און געפאַנגענע סאָוועטישע סאָלדאַטן.

צווישן די רומפולע זין פון פּאָדאָליע, באַלוינטע מיטן טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען פאַראַן צוויי יידן — דער יינגערער לייטענאַנט וולאַדימיר ווײַסער, וועלכער האָט איינער אַליין אין זײַן ברענענדיקן טאַנק פאָרגעזעצט ביזן לעצטן אָטעם צו שלאָגן דעם סוינע, און דער סנײַפּער לייזער פּאָפּערניק, וואָס האָט נאָכן אומקום פונעם קאָמאַנדיר און פון דעם קאָמיסאַר פון זײַן אָטריאַד גענומען די קאָמאַנדשאַפט אָף זיך און געקעמפט אינעם קעגנערס הינטערלאַנד ביזן לעצטן פּאַטראָן, אַליין זיך אונטערגעריסן מיט דער לעצטער גראַנאַטע. די יונגע העלדן (וו. ווײַסער איז אַלט געווען 21 יאָר און ל. פּאָפּערניק — 23) זײַנען אומגעקומען, אָבער אויסגעפילט דעם באַפעל פון דער קאָמאַנדשאַפט.

דער אוטאָר פון די פאַרצייכענונגען וועגן וולאַדימיר ווײַסער און לייזער פּאָפּערניק איז דער צונויפשטעלער פונעם בוך מיכאַיִל מאַקוכין.

די אויסגאַבע איז אַרויס מיט א טיראַזש 30 000 עקז.

אונדזער
קאָסמאָס-ווינקל

וויקטאָר מיטראָשענקאָוו

דאָס יאָר 1964

(פונעם בוך „די ערד אונטערן הימל„)

דעם 1-טן יאַנוואַר.

עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א טראַדיציע: ערעוו דעם נײַעם יאָר ברענגען די רעדאַקציעס פון אייניקע מאָסקווער צײַטונגען צו פירן זייערע יאָמטעוודיקע נומערן קיין זוויאָזדני. גאַגאַרין האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אַף דער „פּראַוודאַ", וועלכע האָט געגרייט צום דרוק ס. פּ. קאָראָליאָווס אַן אַרויסטרעטונג.

אינעם אַרטיקל „א גרוס אין דעם נײַעם קאָסמישן יאָר!", וואָס סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „פּראָפעסאָר ק. סערגייעוו", האָט גאַגאַרין געלייענט: „זינט א געוויסער צײַט איז דאָס פײַערן דאָס נײַע יאָר ניט קיין געוויינלעכער יאָמטעוו: גופע די פּראָצעדור פון נײַ-יאָר איז געוואָרן א קאָסמישע דערשײַנונג. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אין סאָף 1957, ווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט האָט א פלי-אַפּאַראַט, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן מיטן פאַרנונפט און מיט די הענט פון די סאָוועטישע מענטשן, פאַרלאָזט די ערד און אָנגעהויבן האַסטיק זיך דרייען אַרום אונדזער פּלאַנעטע.

...אַרויסבאַגלייטנדיק דאָס אַוועקגייענדיקע יאָר, ווילט זיך אויסרופן: „עס איז אַזויפיל אויפגעטאָן געוואָרן, מע האָט אַזויפיל דורכגעמאַכט!" נאָר איינצײַטיק מוז מען אויך זאָגן: „ווי ווייניק עס איז דערגרייכט געוואָרן, ווי פיל עס דאַרף נאָך געטאָן ווערן!"

גאַגאַרין האָט אָנגעקלונגען סערגיי פּאַוולאָוויטשן, אים באַגריסט מיטן נײַעם יאָר, מיט דעם אויסגעצייכנטן אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ".

קאָראָליאָוו האָט געדאַנקט גאַגאַרינען פאַר זײַן אויפמערקזאַמקײַט און פאַרגעלייגט, זיי זאָלן ביידע פאָרן אָנקוקן די נײַע שיף „וואָסכאָד".

אַפן וועג האָט קאָראָליאָוו געזאָגט, אַז דער עקיפּאַזש וועט באַשטיין פון דרײַ מענטשן און אַז דער פלוג וועט דויערן ביז דרײַ מעסלעס. ער האָט אויך באַמערקט, אַז „וואָסכאָד" וועט געבן די מעגלעכקײַט דורכצופירן עטלעכע זייער וויכטיקע עקספּערימענטן אין קאָסמאָס.

דעם 5-טן יאַנוואַר.

גאַגאַרין איז בײַגעווען אַף דער באַראַטונג באַם נאַטשאַלניק פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן גענעראַל-מאַיאָר פון דער אַוויאַציע ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש קוזנעצאָוו. עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דעם פאַרפּלאַנירטן אָוונט, געווידמעט דעם פערטן יאָרטאָג פונעם צענטער. מע האָט באַשלאָסן דורכצופירן אָט דעם פײַערלעכן אָוונט דעם 11-טן יאַנוואַר, גאַגאַרין וועט זײַן דער פאָרטרעגער, טיטאָוו און פּאָפּאָוויטש זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קאָנצערט.

דעם 9-טן יאַנוואַר.

פון אינדערפרי האָט ער זיך געגרייט צו האַלטן דעם פאָרטראָג אַפן אָוונט, געווידמעט דעם יובילײַ פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. אים האָט זיך געוואָלט גענויער

זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11—12, 1984.

באריכטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, מע האָט אָבער אויך געדאַרפט רעדן וועגן דער צוקונפט. עס שטייען פאַר נײַע פלוגן, אויספרווון פון קאָנסטרוקטיוו פאַרפולקומטע לופט-שיפן. עס וועלן זיך אָנהייבן גרופּן-פלוגן, די שיפן וועלן ווערן פיל-ערטערדיקע. וועגן דעם אַלעמען האָט ער זיך באַראַטן מיט קאָראָליאָוון, קאַמאַנינען, טיטאָוון.

דעם 11-טן יאַנוואַר.

אויף דער פײַערונג זײַנען געקומען צו פאָרן וויסנשאַפטלער, קאָנסטרוקטאָרן, אינזשע-ניערן, שרײַבער. זיי האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט גאַגאַרינס באַריכט. די אַרטיסטן האָבן געגעבן א גרויסן קאָנצערט.

דעם 12-טן יאַנוואַר.

גאַגאַרין איז געווען אויף דער באַראַטונג באַם גענעראַל קאַמאַנין. מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן פאָרמירן נײַע עקיפּאַזשן פאַר די קאָסמישע שיפן „וואָסכאָד" און „סאָיוז".

דעם 5 מײַ 1961 האָבן די מאָסקווער שרײַבער אויף א באַגעגעניש מיט גאַגאַרינען אים געשענקט 103 ביכער מיט זייערע אויטאָגראַפן און צוגעזאָגט צו שיקן אים נאָך. זיי האָבן געהאַלטן וואָרט און צום פערטן יאָרטאָג פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן צוגע-שיקט א נײַע ביכער-מאַטאַנע.

דעם 14-טן יאַנוואַר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פּלענום פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל, אויף וועלכן עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון פאַרגיכערן די אַנטוויקלונג פון דער כע-מישער אינדוסטריע. אויפן פּלענום איז מיט א רעדע אַרויסגעטראָטן גאַגאַרין. „אונדזער לאַנד באַהערשט דעם קאָסמאָס, — האָט ער געזאָגט, — אונדז שטייען פאַר נײַע, נאָך מער גרויס-אַרטיקע אויפגאַבעס, אין פאַרגלײַך מיט די, וועלכע מיר האָבן ביז איצט געלייזט. עס ווערט אַקטועל די פּראָבלעם פון פליִען אויף דער לבנה, אויף אַנדערע פּלאַנעטעס פון דער זון-סיסטעם, די פּראָבלעם פון אַרויסגיין מיכוץ אירע גרענעצן, פון אײַנשטעלן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע וועלטן.

פאַראַן פאַרשיידענע השערות. פונדעסטוועגן איז די מערהײַט וויסנשאַפטלער גענייגט צום געדאַנק, אַז ערגעץ-ווו מוז נאָך זײַן א פאַרנונפטיק לעבן. אָבער קעדיי צו פאַרנעמען ווײַטע פלוגן, דאַרף מען האָבן נײַע שנעלקײַטן, נײַע קאָסמישע שיפן, נײַע אויסשטאַטונג, און אויף צו שאַפן נײַע מינים ברענשטאָף קאָן מען זיך אָן כימיע ניט באַגיין".

גאַגאַרין האָט פאַרשטאַנען, אַז קאָראָליאָווס פּרינציפּ: „אַליין בויען, אַליין פליִען, אַליין אויספּרווון" וועט געבן אויסערגעוויינלעכע רעזולטאַטן.

מע טראַכט שוין וועגן אַרויסגיין אין אָפענעם קאָסמאָס, נאָר דאָס וועט קומען שפּע-טער, אַלס א ווײַטערע פּערספּעקטיוו. דערווײַל איז פאַראַן א נאָענטע — די פאַרגרעסערונג פון דער צאָל מענטשן אינעם עקיפּאַזש.

דעם 16-טן יאַנוואַר.

אין אויסערן-מיניסטעריום פון פסטר האָט ער באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די פאַר-שטייענדיקע אויסלענדישע רײַזעס פון די קאָסמאָנאַווטן.

עס קומען אָן א סאַך אײַנלאַדונגען פון רעגירונגען. די באַזוכן וועלן זײַן לאַנג-דויערנדיקע.

גאַגאַרין האָט געבעטן, מע זאָל פאַרקירצן די צאָל פון די רײַזער און האָט זיך אײַנ-פאַרשטאַנען וועגן דעם גראַפיק פון די באַזוכן אויפן אַפריקאַנער קאָנטינענט.

דעם 17-טן יאַנוואַר.

ער איז בײַגעווען אויף דער באַראַטונג בײַ קאָראָליאָוון, וווּ מע האָט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן קאָמפּלעקטירן די עקיפּאַזשן.

אייניקע ספּעציאַליסטן האָבן זיך באַמיט איבערצײַגן דעם אַקאַדעמיקער אין דער צוועק-מעסיקײַט צו האַלטן זיך באַם פריִערדיקן אויסערסט שטרענגן צוגאַנג באַם אָפּקלײַבן די מיטגלידער פונעם עקיפּאַזש. קאָראָליאָוו האָט זיי געפרעגט:

— איך מיין, אַז איר וועט גאַראַנטירט האָבן דאַקעגן, אויב איך וועל אין איינעם א שיינעם טאָג זיך אַרײַנזעצן אין דער לופט-שיף?

— פאַרשטייט זיך. נאָר אײַער עלטער...

— אין דעם גייט עס טאַקע, — האָט שאַרף געענטפערט קאָראָליאָוו. — די עלטער און דער געזונט-צושטאַנד. עס איז שוין געקומען די צײַט, ווען ס'דאַרף, עס מוז פליִען א וויסנשאַפטלער. — און ער האָט צוגעגעבן מיט א שמייכל: — נו, מיילע. קאָנסטאַנטין פעאָ-קטיסטאָוו וועט פליִען אויף מײַן אָרט. כ'מיין, אַז מיט דעם קאָן מען פאַרענדיקן די דיסקוסיע וועגן דעם באַשטאַנד פונעם עקיפּאַזש „וואָסכאָד"...

דער קאָסמישער ארום איז ניט גינסטיק פאַר דער עקזיסטענץ פון לעבעדיקע וועזנס. באַזונדערס קומט אויס שווער די מענטשן, וואָס זייער באַרוף איז וויסנשאַפטלעך דענקען. די וועלט פונעם קאָסמאָנאַווט איז באַגרענעצט מיט די ווענט פון דער קאַבינע. איינזאַמקייט, איזאָלירטקייט, מאָנאָטאָנישקייט, א קימאַט פולקומע אָפּוועזנהייט פון אויסערלעכע אײַנדרוקן. נאָר דאָס ווײַזט זיך נאָר אַזוי אויס. אַלע קאָסמאָנאַווטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פונעם קאָסמאָס זייערע אומפאַרגלײַכלעכע באַאָבאַכטונגען. די אַלוועלט איז אַזוי אומגעהייער גרויס און איינמאַליק, אַז די דערקענטעניש איז מעסוגל דירעקט אופּצונעמען בלויז א נישטיקן כיילעק אירן.

דעם 20־טן יאַנוואַר.

נאָך די לימודים אין דער אַקאַדעמיע איז גאַגאַרין געגאַנגען מיט כאַווײרים באַזוכן פידעל קאַסטראָן, וועלכער האָט זיך געפונען אָף א פרײַנטלעכן באַזוך אין אונדזער לאַנד.

פידעל קאַסטראָ האָט זיך דערפרייט מיטן באַזוך פון די באַרימטע געסט, זיך נאָכגעפרעגט וועגן זייער לעבן און וועגן דער צוגרייטונג צו די קומענדיקע פליגן, דערציילט וועגן קובע, זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן פונעם באַזוך אין פססר. גאַגאַרין האָט געשענקט פידעל קאַסטראָן קאָסמישע סוווענירן.

דעם 21־טן יאַנוואַר.

בײַגעווען אין גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ אפן אופנאַם, וועלכן די סאָוועטישע רעגירונג האָט אײַנגעאָרדנט לעקאָוועד פידעל קאַסטראָן. זיך מיט אים פאָטאָגראַפירט.

דעם 22־טן יאַנוואַר.

געווען אין אויסערן־מיניסטעריום און זיך באַקאַנט מיט דער פּראָגראַם פון זײַנע פאַרשטייענדיקע באַזוכן אין די סקאַנדינאַווישע לענדער.

דעם 23־טן יאַנוואַר.

א באַגעגעניש מיט די סטודענטן און לערער פון דעם מוזיקאַליש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אפן נאָמען פון די גנעסינס. דאָרט האָט ער דערציילט וועגן דעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן, וועגן דער אַרבעט פון די קאָסמאָנאַווטן אין העסקעם מיט די פליגפּראָגראַמען.

באַזונדערס האָט ער אונטערגעשטראָכן די גרויסע ראָליע פון קונסט אינעם דערציִען א האַרמאָנישע פּערזענלעכקײַט. דערציילט, אַז ער האָט אין דער פריִער יוגנט געשפּילט אין א בלאָז־אָרקעסטער, געזונגען אין א כאָר, דעקלאַמירט לידער אָף דער סצענע. ער האָט ניט געהאַט בעדייע צו ווערן אַן אַרטיסט, נאָר די נוצלעכקײַט פון באַהעפטן זיך מיט דער קונסט איז א גוואַלדיקע.

דעם 29־טן יאַנוואַר.

אופגענומען דעם פליִער־אויספּרוּווּלער, פּאָלקאָווניק בערעגאָוואָי, וועלכער איז פאַרעכנט געוואָרן אין אַטריאַד פון די קאָסמאָנאַווטן. זיי זײַנען שוין פּערזענלעך באַקאַנט פון לאַנג. גאַגאַרין ווייסט וועגן בערעגאָוואָיס מעסירעסנעפּעשדיקער אופירונג בייסן אויספּרוּוון נײַע טעכניק, וועגן זײַן גרויסן אויטאָריטעט בא די קאָלעגן־פליִער און אינזשעניערן.

אין עלטער פון 44 יאָר האָט דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרדינסטפולער פליִער־אויספּרוּווּלער פון פססר געאָרגי בערעגאָוואָי דערגרייכט פאַנטאַסטישע הייכן אין באַהערשן די הײַנטצײַטיקע פלי־טעכניק.

דעם 30־טן יאַנוואַר.

גאַגאַרין האָט דורכגעפירט א באַראַטונג וועגן דעם מוזיי אין שטערן־שטעטל. ער האָט געזאָגט, אַז די עקספּאָנאַטן, וועלכע זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן אין מוזיי, גייען לעיִבעד, ווערן זעלטן אויסגעשטעלט פאַר דער עפנטלעכקײַט. יורי אַלעקסייעוויטש האָט פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן עקספּאָזיציעס אין קאַלוגע, אין דער אַקאַדעמיע אָף זשוקאָווסקיס נאָמען, אין צק פון קאָמסאָמאָל, אין צק פון ДОСААФ, זיך ווענדן אין די געהעריקע אינסטאַנצן מיטן פאָרשלאָג אויסצוטיילן די נייטיקע מיטלען פאַר א באַשטענדיקן פונקציאָנירנדיקן מוזיי אין זוויאָזדני.

דעם 1־טן פעוורואַל.

אינײנעם מיטן שעף פונעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן נ. פ. קוזנעצאָוו באַטראַכט דעם פּלאַן פון פּערספּעקטיווער בויונג אין זוויאָזדני. אויסגעהערט די באַריכטן וועגן דער בויונג פון נײַע אָביעקטן. געבעטן, מע זאָל וואָס גיכער פאַרענדיקן בויען די געבײַדע פון דער מיטלשול.

דעם 2־טן פעברואַר.

געגאַנגען שפּאַצירן מיט די קינדער אין וואַלד. דערציילט די מיידעלעך טשיקאַווע געשיכטעס וועגן בײַעס, וועלכע לעבן זומער אין וואַלד, און ווינטער, ווען עס ווערט קאַלט און זיי האָבן ניט וואָס צו עסן, קומען זיי צו די מענטשן.

נאָכן מיטיק געלייענט די בריוו, וועלכע ער באַקומט אַלס דעפּוטאַט, געשריבן ענטפערס. אין אָוונט געווען אויף א פאָרשטעלונג אין „מאַלי" טעאַטער.

דעם 5־טן פעברואַר.

אין אַן ענגן קרײַז רעדט גאַגאַרין וועגן סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו אַלס דעם סאַמע אויטאָריטעטן ספּעציאַליסט אין דער באַהערשונג פונעם קאָסמאָס.

די אידיי פון ראַקעטן־פלוג האָט שוין פון לאַנג פאַרינטערעסירט סערגיי פּאַוולאָוויטשן. נאָך אין די יאָרן פון דער גרויסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע פלעגט ער מיט זיכערקײַט זאָגן, אַז טייקעף נאָכן זיג וועט ער זיך נעמען בויען ראַקעטעס פאַר פּאַסאַזשירן. ווער האָט דעמאָלט געקענט טראַכטן וועגן א רײַזע אַרום דער וועלט אויף א ראַקעטע, ווען די מענטשן האָבן ניט געגעסן צו זאַט, ניט געוווּסט, ווער עס וועט בלײַבן לעבן!

דעמאָלט האָט קאָראָליאָוו געמאַכט זײַנע פונדאַמענטאַלע צייכענונגען פון ראַקעטעס, קעדיי קיינער זאָל ניט צווייפלען אין דער רעאַלקײַט פון זײַנע פּלענער.

אויך איצט, אין 1964, האָט קאָראָליאָוו געלעבט מיט די געדאַנקען אין דער ווײַטער צוקונפט.

די לעצטע דערגרייכונגען אין פאָרשן דעם קאָסמישן רוים האָבן דערלויבט צו שטעלן אויפן סיידער־האַיום די פּראָבלעם פון אײַנשטעלן קאָנטאַקטן מיט אויסערערדישע ציוויליזאַציעס. די קאָסמאָנאַווטיק האָט געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע, צי עס עקזיסטירט א לעבן אויסער דער ערד, און אויב יאָ, נייטיקט זיך די מענטשהײַט אין א שלל קאָנקרעטער אינפאָרמאַציע סײַ וועגן די פיזישע באַדינגונגען אויף אַנדערע פּלאַנעטעס, סײַ וועגן די מיטלען צו דערגרייכן א קאָנטאַקט מיט די קאָסמישע וועלטן.

אויפן ערשטן עטאַפּ דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן דאָס פליִען אַרום דעם מאַרס און דאָס מעגלעכע אַרומפליִען דאָס גראַוויטאַציע־פעלד פון ווענערע בייסן צוריקקערן זיך אויף דער ערד, מיטן ציל צו פאַרקלענערן די גיכקײַט פונעם אַרײַנדרינגען פון דער שיף אין איר אַטמאָספער.

דאָס אײַנדרינגען פונעם מענטשן אין דער גאַלאַקטיק, אין דער אַלוועלט וועט אויף איר האָבן זײַן אויסווירקונג, וועט זי פאַרענדערן. בא פיל פּלאַנעטעס וועלן זיך באַווײַזן קינסטלעכע ספּוטניקעס, און וואַנדערנדיק אין קאָסמישן רוים, וועלן לעבעדיקע וועזנס זיך באַזעצן אין די ווײַטסטע שטאַכים פון דער אַלוועלט, ענדערנדיק די אַטמאָספער פון די פּלאַנעטעס.

שטרעבנדיק צו באַגרײַפן די וועלט, פאַרטיפערנדיק זיך אין די סודעס פון דעם וועלטבאַשאַף, הייבט מען אָן צו פאַרשטיין, ווי נישטיק עס זײַנען אונדזערע קענטענישן.

דערווײַל האָט נאָך קיינער ניט באַזיניקט די וועלט ביזן סאָף. אָבער פאַרייניקנדיק אירע אָנשטרענגונגען, וועט די מענטשהײַט האָבן א מעגלעכקײַט זיך צו דערנעענטערן צום געוואָרטן ציל. פאָרשנדיק די זון, די שכײנעסדיקע פּלאַנעטעס, האָבן מיר באַקומען א שליסל צו דער דערקענטעניש פון דער פאַרמירונג פון דער ערד און פון אַנדערע פּלאַנעטעס אין דער זון־סיסטעם, צום לייזן די רעטעניש פונעם אַנטשטיין פון דעם לעבן אויף דער ערד.

די וויסנשאַפטלער ווייסן איצט 88 געשטערנס. פיל פון זיי זײַנען נאָך געווען באַוווּסט אין אַלטערטום, זיי ווערן דערמאָנט אין דער ביבל.

וווּהין וועט דער מענטש ווענדן זײַן בליק?

צו מאַרס? צו ווענערע? צו יופּיטער?

דער מענטשלעכער געדאַנק, ווען ער באַפרײַט זיך פון דער טאָרמאַזירנדיקער רוטין, איז אומבאַגרענעצט.

דערווײַל קאָן מען קאָנקרעט רעדן וועגן מאַרס. דאָס איז זייער אַן אינטערעסאַנטע פּלאַנעטע. א יאָר אויפן מאַרס דויערט צוויי מאָל מער, ווי אויף דער ערד (87 מעסלעס). אין די פּאָליאַרע געגנטן געפינען זיך ווײַסע „היטלעך", וועלכע דערגרייכן 3—4 טויזנט קילאָמעטער די ברייט און פאַרדעקן א שטעטעך פון 10 מיליאָן קוואַדראַטע קילאָמעטער. א לאַנגע צײַט האָט מען געמיינט, אַז זיי באַשטייען פון אײַז און שניי. די לעצטע אויספאָרשונגען דערלויבן צו באַהויפּטן, אַז די פּאָליאַרע צודעקן באַשטייען פון סאָלידן קוילנזויער. און דאָס אײַז איז נאָר דער קערן, — אַזוי, ווי דאָס געפּילעכץ אין א קוכן.

די וויסנשאַפטלער אינטערעסירן זיך באַזונדערס מיט די פאַרענדערונגען אין די קאָלירן פון פאַרשיידענע טיילן פונעם אויבערפלאַך פון מאַרס, וועלכע בײַטן זיך מיט די צײַטן

פון יאָר. צום בײַשפּיל, ווינטער זײַנען די „יאמען" פון העלער פארב, און מיטן אָנקומען פון פרילינג ווערן זיי טונקעלער, דערנאָך, אינמיטן זומער, אָדער נעענטער צו הארבסט, ווערן זיי ווידער העלער. קעדיי צו דערקלערן אָט די דערשײַנונג, האָט מען ארויסגערוקט א היפּאָטעזע, לויט וועלכער פרילינגצײַט ווערט דער איבערפלאָך פון די „יאמען" באדעקט מיט א טעפּיך פון פלאנצן, וועלכע גיט די טונקעלע פארב. צו אָסיען ווערן די פלאנצן פארסארפעט פון דער היץ און ווערן העלער. אַנעמען אזא היפּאָטעזע הייסט אנערקענען די מעגלעכקײַט פון לעבן אױף דער פּלאנעטע — דאָרט, ווו עס עקזיסטירט א פלאָרע, קאָן עקזיסטירן אויך (זאָל זײַן אפילע די פּרימיטיוווסטע) פאונע, און עפּשער איז גאָר מארס א פּלאנעטע פון אויסגעלאָשענעם לעבן, פון א לעבן, וואָס איז, ווער ווייסט ווען, געווען פונקט אזא שטורמיש און פארשיידנארטיקס, ווי אויף אונדזער ערד? די צוקינפטיקע עקספּעדיציעס וועלן דארפן ענטפערן אויף אָט די דאָזיקע פראגעס...

דעם 10־טן פעוורואַל.

גאגארין איז בײַגעווען בייס די טרענירונגען פון די עקיפּאַזשן, געשמועסט מיט די מעדיקער וועגן פּראָבלעמען פון פיזישער אָנלאָדונג פון די קאָסמאָנאַוטן, געבעטן בעסער קאָנטראָלירן זייער געזונט־צושטאנד.

עס באומרויִקט, וואָס לעצטנס טרעפן זיך פאלן פון פיזישע טראוומעס בא די קאָסמאָנאוטן, דעריבער איז נייטיק, אז די דאָקטוירים זאָלן ארײַנטראָגן זייערע פאָרשלאָגן, וויאזוי צו פארפולקומען די פיזישע איבונגען.

דעם 15־טן פעוורואַל.

אויף דער בעראטונג אין דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר איז מיטגעטיילט געוואָרן, אז די רעגירונג פון פשא האָט צוגעגרייט א פּראָגראם פון מיליטאריזירן דעם קאָסמאָס און פון באדײַטנדיק פארקירצן די צאָל פּלוגן לויט דער פּראָגראם פון וויסנשאפטלעכע פאָרשונגען.

פון די 52 ספּוטניקעס, וועלכע מ'האָט ארויסגעלאָזט אין פשא אין 1963, האָבן 48 געהאט מיליטערישע אופגאבעס.

גאגארין האָט פאָרגעלייגט, אז די סאָוועטישע וויסנשאפטלער זאָלן זיך ווענדן מיט א בריוו צו דער רעגירונג פון פשא, אין וועלכן ס'זאָל פארורטיילט ווערן דאָס אויסנוצן דעם קאָסמאָס אין מיליטערישע צילן.

ער האָט זיך באגעגנט מיט נ. פּ. קאמאנינען און באהאנדלט מיט אים די פּראָגראם פון די פאָרשטייענדיקע רײַזעס פון די קאָסמאָנאוטן קיין שוועדן און נאָרוועגיע.

דעם 17־טן פעוורואַל.

אין מעשעך פון איין טאָג זײַנען אָנגעקומען אײַנלאַדונגען צום אָפיציעלן אופנאם לעקאָוועד דער בולגארישער פּארטיי־שער דעלעגאציע, אויף א קאָקטייל מיט סיִרוס איטאָנען, אויף א קאמיוגישער קאָנפערענץ אין מאָסקווע, אויף א פײַערלעכער זיצונג, געווידמעט דעם 130־טן געבורטסטאָג פון ד. אי. מענדעלייעוו.

דעם 25־טן פעוורואַל.

זיך באגעגנט מיט די מיטארבעטער פונעם זשורנאל „אוויאציאַ אי קאָסמאָנאוטיקא" און זיי איבערגעגעבן דאָס ארטיקל „ערעוו נײַע סטארטן", אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„עס איז ניט זייער ווײַט דער טאָג, ווען די קאָסמישע שיפן וועלן אוועקטראָגן דעם מענטשן צו אנדערע הימלישע וועלטן. די מענטשן וועלן דערגרייכן די לעוואָנע, ווענערע, מארס. אין דער זון־סיסטעם וועלן זיך באווײַזן מעכטיקע אויטאָמאטישע סטאנציעס־ספּוטניקעס, אינטערפּלאנעטארע צוגן, און אונדזער מוטער־ערד וועט טווערן די הויפּט־שטאָט פון דער זון־סיסטעם.

...דעם מענטשנס פארנונפט וועט העלפן באהערשן די קויכעס פון דער אלוועלט, שאפן א מעגלעכקײַט, אז די מענטשן זאָלן זיך באזעצן אויף אנדערע פּלאנעטן. ס'וועלן אנטדעקט ווערן נײַע ענערגעטישע קוואלן. דאָס אלץ וועט פארזיכערן די אומשטערבלעכקײַט פון מענטשלעכן מין..."

דעם 1־טן מארטש.

ארויסגעפלויגן קיין סטאָקהאָלם. גלײַך נאָכן אָנקומען אהין ארויסגעטראָטן פאר די שילער פון א לערן־אנשטאלט מיט א באריכט וועגן דער סאָוועטישער קאָסמישער פּראָגראם.

אין אָוונט — א פּרעסע־קאָנפערענץ. ער האָט דערציילט וועגן די צילן פון זײַן באזוך און געענטפערט אויף פראגעס פון קאָרעספּאָנדענטן. איינער פון די צײַטונגס־רעדאקטאָרן האָט געפרעגט:

— וויפל לענדער האָט איר שוין באזוכט? צי איז אײַך ניט נימעס געוואָרן זיך ארומ-שלעפן איבער דער וועלט?

גאגארין האָט באלד געענטפערט:

— אין א סאך לענדער בין איך שוין געוועז, נאָר ארומפאָרן איז מיר ניט געוואָרן ני-מעס, ווײַל איך נוץ אויס אַט די באזוכן אף צו דערציילן דעם עמעס וועגן אונדזער גרויס לאַנד. די רײַזעס פארמאטערן מיך ניט, איך בין גרייט ארומפאָרן די גאנצע וועלט.

דעם 2-טן מארט.

גאנצפרי ארויסגעפאָרן אין א פאָרשטאָט פון סטאָקהאָלם, באזוכט די אַרטיקע גימנאזיע און זיך באקאנט מיט דער אָרגאניזאציע פונעם לערן-פראָצעס. באטראכט די קלאסן-צימערן, די לאבאראטאָריעס, בײַגעוועזן אף לימודים פון דער רוסישער שפראך, געשמועסט מיט די שילער.

די גימנאזיסטן האָבן מיט באגײַסטערונג גערעדט וועגן פושקינען, לערמאָנטאָוון, טאָל-סטאָיען, שאָלאָכאָוון. מע האָט געקענט קלאָר זען, אז זיי פארשטייען ריכטיק די ווערק און די צײַט, אין וועלכער די ווערק זײַנען געשאפן געוואָרן. ער, גאגארין, איז אין אַט דעם לאנד געוועזן ניט גלאט א רײַזנדער, וואָס איז געקומען פון אן אנדער לאַנד, נאָר א פאָר-שטייער פון א פאָלק, צו וועלכן מע באציט זיך מיט אכטונג.

אין זעלבן טאָג האָט גאגארין באזוכט די פירמע „עריקסאָן", געשמועסט מיט די ארבע-טער. זיי האָבן אים דערציילט, אז אין 1917 האָבן די ארבעטער פונעם זאוואָד אָנטיילגענו-מען אין דער רעוואָליוציע, מאטעריעל געהאָלפן די אײַנוווינער פון פעטראָגראַד.

דעם 3-טן מארט.

א שפאציר איבער דער שטאָט. נאָכן מיטיק — צוגאסט באַם שוועדישן קיניג גוסטאוו-אדאָלף. ער האָט פאָרגעשטעלט זײַן מישפּאָכע, דערציילט וועגן דער געשיכטע פון שוועדן. בא א גלעזל קאווע האָט ער אויסגעפרעגט וועגן די פלוגן אין קאָסמאָס, וועגן דעם שטערן-שטעטל, וועגן די פערספעקטיוון פון אויספאָרשן די אַלוועלט.

אַלס אָנדענק האָט גאגארין געשענקט דעם קיניג א קאָמפּלעקט מאָדעלן פון 6 קאָסמי-שע שיפן „וואָסטאָק" מיט די פאָטאָגראפיעס פון די קאָסמאָנאווטן.

אין זעלבן טאָג איז ער ארויסגעפלויגן קיין געטעבאָרג, די צווייטע גרעסטע שטאָט אין לאַנד.

ארויסקומענדיק פונעם שטאָטישן ראטהויז, האָט גאגארין באמערקט א ײַנגעלע פון יאָר 5—6, וועלכער האָט געהאלטן אין דער האנט זײַן, גאגארינס, פאָטאָגראפיע און, ווי עס ווײַזט אויס, זיך ניט געקענט דורכרײַסן דורך דער מאסע מענטשן, קעדיי באקומען אן אוטאָגראף. יורי אַלעקסייעוויטש איז צוגעגאנגען צום ײַנגעלע, וועלכער איז געשטאַנען א צעטומלטער פאר אומגעריכטקײַט, און אים דערלאנגט א זשעטאָן. דער קליינער האָט אופ-געהערט וויינען, גענומען די מאַטאַנע, זיך בארויִקט און ארומגענומען גאגארינען. יורי אַלעק-סייעוויטש האָט צוגעדריקט צו זיך דאָס גליקלעכע קינד, זיך געלאָזט גיין צוריק צו די טרעפ און, שפאנענדיק, פאַרזיכטיק, ארופגעגאנגען אזוי ביז ארוף.

— פאר זיי! פאר דער צוקונפט פון אונדזערע קינדער! — האָט הויך געזאָגט גאגא-רין. — מיר דארפן היטן אונדזער פּלאנעטע, קעמפן פארן שאָלעם, פאר דעם גליק פון אַלע מענטשן אף דער וועלט...

דעם 5-טן מארט.

אינדערפרי זײַנען גאגארין און זײַנע באגלייטער ארויסגעפלויגן קיין מאַלטע. דאָרט איז דער שפאציר איבער דער שטאָט איבערגעריסן געוואָרן, ווײַל די פאָליצײַ האָט געמאָלדן, אז עס גרייט זיך אן אטענטאט אף גאגארינען.

לויט דער פראָגראם האָט אין אָוונט געדארפט פאָרקומען אן אַלשטאָטישער מיטינג פון דער געזעלשאפט „שוועדן—פססר". ווען ער האָט זיך שוין געקליבן ארויספאָרן אפן מיטינג, האָט די פאָליצײַ ווידער געמאָלדן, אז עס איז באוווסט געוואָרן וועגן א נײַער פראָוואָקאציע, און פאָרגעלייגט אָפּצושאפן די באגעגעניש.

גאגארין איז ניט מאסקים געוועזן. אין זאל האָבן זיך פארזאמלט טויזנטער מענטשן, וועלכע וואַרטן אף אים. זיי האָבן קיין מוירע ניט, און ער האָט זיך אויך ניט איבערגעשראָקן.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען. גאגארין איז ארויסגעטראָטן מיט א רעדע וועגן די סאָוועטישע מענטשן, וועלכע באהערשן דעם קאָסמאָס.

דעם 6-טן מארט.

גאנצפרי האָט גאגארין זיך אומגעקערט קיין סטאָקהאָלם.

אפן אופנאם אין דער געזעלשאפט „שוועדן—פססר" האָבן די רעדנער אונטערגע-

שטראַכן די וויכטיקייט פון אַזעלכע וויזיטן, זייער נוץ אין פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צווישן די פעלקער.

דעם 7-טן מאַרט.

אין אָוונט האָט מען געקלונגען פון מאָסקווע, באַגריסט גאַגאַרינען מיט זײַן פאַרשטייענדיקן 30-יאָריקן געבורטסטאָג, געווונטשן אים דערפאָלג אין זײַן דיפּלאָמאַטישער מיסיע און מיטגעטיילט, אַז די צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" וועט פאַרעפנטלעכן די באַגריסונג פון די קאָסמאָנאַווטן צו זײַן געבורטסטאָג.

גאַגאַרין האָט געדאַנקט און געבעטן איבערגעבן זײַן באַגריסונג צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען-טאָג, דעם 8-טן מאַרט, אַלע פרויען פונעם שטערן-שטעטל.

שפּעט אין אָוונט איז ער אַרויסגעפלויגן קיין נאָרוועגיע.

דעם 8-טן מאַרט.

נאָכן באַקאַנען זיך מיט די היסטאָרישע דענקמעלער פון אָסלאָ דורכגעפירט אַ פּרעסע-קאָנפערענץ. דערציילט וועגן דער פּראָגראַם פונעם באַזוך, איבערגעגעבן אַ גרוס פון די סאָוועטישע מענטשן. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געזאָגט, אַז דאָס סאָוועטישע פאָלק שעצט הויך די נאָרוועגישע קולטור, באַציט זיך מיט אָפּשײַ צו די העלדישע אופטוען פון ראָאַל אַמונדסען און פריטיאָף נאַנסען.

דעם 9-טן מאַרט.

אַ באַגעגעניש מיטן פּרעמיער-מיניסטער פון נאָרוועגיע איינאַר גערהאַרדסען. דער פּרעמיער האָט אויסגעדריקט זײַן באַגײַסטערונג מיטן העלדנטאַט פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן, געווונטשן אַ גליקלעכע רײַזע איבערן לאַנד, אינטערעסאַנטע באַגעגענישן. ער האָט באַגריסט גאַגאַרינען מיטן געבורטסטאָג, געשענקט אים אַ מאַטאָנע.

דעם 10-טן מאַרט.

אַרויסגעפאָרן צום ברעג פונעם נאָרוועגישן יאַם, אין דער שטאָט בערגען, וועלכע איז באַרימט מיט איר הויך-אַנטוויקלטער פיש-קאָנסערוון-אינדוסטריע. באַזוכט די זאַוואָדן, די פישפאַנג-סיינערס, געשמועסט מיט די מאַטראָסן.

אין בערגען איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער נאָרוועגישער קאָמפּאָזיטאָר גריג. גאַגאַרין האָט באַזוכט דעם דאָרטיקן מוזיי, אויסגעהערט גריגס סויטע „פּער גיונט".

דעם 16-טן מאַרט.

זיך אומגעקערט אַהיים. באַגעגנט זיך מיט ס. פּ. קאָראָליאָוון און אים דערציילט וועגן דער רײַזע.

דעם 24-טן מאַרט.

באַהאַנדלט מיט נ. פּ. קאַמאַנינען דעם באַשטאַנד פונעם עקיפּאַזש פון דער שיף „וואָסכאָד". פאַרגעלייגט, אַז קאָמאַנדיר זאָל זײַן אַ קאָסמאָנאַווט, וועלכער איז נאָך אין קאָסמאָס ניט געפלויגן. אַלס מיטגלידער פונעם עקיפּאַזש באַשטימען דערפאַרענע ספּעציאַליסטן פון דער קאָנסטרוקטאָרן-ביוראָ. אויב זיי וועלן ניט זײַן פּאַסיק צוליב וועלכע-עס-איז פּאַראַמעטרען פונעם אָפּקלײַב, זאָל מען זיי פאַרבײַטן מיט קאָסמאָנאַווטן פונעם ערשטן אָטריאַד.

דעם 3-טן אַפּרעל.

געשמועסט מיט זשורנאַליסטן און געענטפערט אויף זייערע פראַגעס.

ערשטע פראַגע: מיט וואָס האָט זיך אײַך פאַרגעדענקט דאָס פאַרגאַנגענע קאָסמישע יאָר? וועלכע איז געווען די סאַמע פריידיקע געשעעניש?

— קוידעמקאָל וויל איך זאָגן, אַז עס איז ניט אַזוי לײַכט אָפּצוטיילן דאָס פּערזענלעכע פונעם געזעלשאַפטלעכן. זייער אָפט זײַנען זיי אומצעטיילבאַר. פאַרשטייט זיך, אַז די בוילעטסטע געשעעניש פונעם „קאָסמישן יאָר" איז געווען דער לאַנגדויערנדיקער געמיינזאַמער פלוג פון וו. פ. ביקאָווסקין און וו. וו. טערעשקאָווען.

עס זײַנען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אויך פּערזענלעכע פריידיקע געשעענישן. פאַר מיר איז דאָס יאָר באַצייכנט געוואָרן מיט מײַן נײַער אַרבעט, מיטן לערנען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, מיט די באַלערעוודיקע רײַזעס קיין אויסלאַנד.

צווייטע פראַגע: אײַערע פּלענער? אײַערע טרוימען? וואָס האַלט איר פאַרן סאַמע וויכטיקסטן פאַר אײַך אין דער נאָענטסטער צײַט?

— פּלענער? נאָך מער אַרבעטן, באַשעפטיקן זיך מיט קאָסמאָנאַווטיק. אויב עס וועט זײַן אַזאַ מעגלעכקייט, — ווידער פליִען אין קאָסמאָס.

דעם 6-טן אַפּרעל.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ" איז געשאַפן געוואָרן אין דער צײַטונג אַן אָפּטייל פאַר קאָסמאָנאַווטיק. אַלס מיטאַרבעטער

זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן וויסנשאַפֿטלער, קאָסמאָנאַווטן, זשורנאַליסטן. אָנפֿירן מיטן אָפּטײל וועט גאַגאַרין.

דער ערשטער מאַטעריאַל איז שוין פֿאַרעפֿנטלעכט: א. גאַזענקאָס אַרטיקל „דער קאָסמאָס און די לעוואָנע".

דעם 8־טן אַפּרעל.

קאָנסטאַנטין אַלעקסאַנדראָוויטש פֿעדין האָט געשיקט א באַגריסונג צום טאָג פֿון די קאָסמאָנאַווטן. ער האָט געשריבן:

„זײער כאָשעווער יורי אַלעקסײעוויטש! איך באַנוץ זיך מיט דער געלעגנהײט אײַך צו דערמאָנען וועגן זיך, אײַער סאַראַטאָווער לאַנדסמאַן. בא דער געלעגנהײט בין איך זײער צופֿרידן אָפּצומערקן, אַז אײַער באַזוך אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד, דער שמועס מיט די ליטעראַטאָרן זײַנען פֿאַרבליבן בא אונדז אין זיקאָרן ווי אַן אַנגענעמע און אויסטערלישע געשעעניש.

איך וואָלט אַלץ טאָן, אַז אײַער אויפֿשריפֿט אינעם בוך פֿון די ערן־געסט פֿונעם צענטראַלן הויז פֿון די ליטעראַטאָרן זאָל אויפֿגעהיט ווערן פֿאַר די קומענדיקע דורות. איר האָט דאָרט אָנגעשריבן די ווערטער: „כ׳בין זײער צופֿרידן זיך צו באַגעגענען מיט די אינזשעניערן פֿון די מענטשלעכע נעשאָמעס".

איך ווינטש אײַך אַלדאָס גוטס, דערפֿאָלג אין אײַער אַרבעט מיט דער פֿען און מיטן געדאַנק.

א גרויסן דאַנק אײַך. אײַער מיט געטרײַשאַפֿט.

קאָנסטאַנטין פֿעדין".

דעם 9־טן אַפּרעל.

געקומען צו פֿאָרן צוגאַסט דער מיליטערישער פֿליִער לעאָניד וואַסיליעוו, וועלכער האָט געדינט מיט גאַגאַרינען אין איין פּאָלק. מע האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם לעבן אין זאַפּאָליאַריע, וועגן פֿרײַנט און כאַווײרים.

...ביז צום גאַרניזאָן האָט מען זיך דערקליבן שפּעט נאָך האַלבער נאַכט: יורי האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, געווען באַגײַסטערט פֿון דער רײנקײט פֿונעם הימל, פֿון דער העלקײט פֿון די שטערן, פֿון דער נאַענטקײט פֿונעם האָריזאָנט. אַלץ — ווי אין א כאָלעם. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, ווידער זײ געעפֿנט, הויך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער פּראַכט פֿון דער נאַטור.

— וואָס איז דאָס? — האָט ער געפֿרעגט דעם אָפֿיצער, וועלכן זײ האָבן צופֿעליק באַגעגנט.

דער אָפֿיצער, אַן אַלטער אײַנוווינער פֿון זאַפּאָליאַריע, האָט געענטפֿערט:

— דער הימל, כאָווער לײטענאַנט, צו וועלכן אײַך וועט ניט אַזוי גיך אויסקומען זיך אופּהײבן.

— סאַראַ רײנקײט!

— דאָ בא אונדז איז אַלץ זויבער, די מענטשן אויך, — האָט מיט ווירדע געזאָגט דער אָפֿיצער.

— נו און די ווײַסע בערן רעכנט איר אויך אַרײַן צווישן די זויבערע?

— די ווײַסע בערן, אויב איר ווילט וויסן, האָבן דאָ אָפּגעהיט די וועלט אין אַזא צושטאַנד, ווי זי איז באַשאַפֿן געוואָרן.

— וויוואַט די בערן! — האָט גאַגאַרין אויסגערופֿן. — פֿון זײער קאָוועד וועגן פֿאַרפֿליכטן מיר זיך אָנהײבן פֿליִען מיט א כוידעש פֿריִער.

— פֿליִען? — דער אָפֿיצער האָט זיך אַזוי פֿאַרוווּנדערט, אַז גאַגאַרין האָט זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט אויף דער שמאָלער סטעזשקע צווישן די שנײ־בערגלעך.

— נו, פֿאַרשטײט זיך, פֿליִען. מיר זײַנען פֿליִער, טשקאַלאָווצעס!

און פֿליִען איז זײ אויסגעקומען ניט אַזוי גיך. עס האָט זיך אָנגעהויבן די טעאָרעטישע צוגרײטונג אויף דער ערד, מע האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט בא די פּאַרטעס.

„געלעבט האָט מען פֿרײַנטלעך, ווי איין מישפּאָכע. מיסטאָמע לעבן אַזוי מאַטראָסן אויף א שיף אין די שווערע באַדינגונגען אָפּן וואַסער", — וועט א סאַך שפּעטער גאַגאַרין שרײַבן אין זײַן בוך.

זײ האָבן זיך באַפֿרײַנדעט. ל. ד. וואַסיליעוו איז געווען גאַגאַרינס רינג־קאָמאַנדיר.

דעם 11־טן אַפּרעל.

אין „באַלשאָי" טעאַטער פֿון פּסטר איז פֿאָרגעקומען א פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונג לעקאָוועד דעם טאָג פֿון קאָסמאָנאַווטיק.

גאגארין איז ארויסגעטראָטן מיט א רעדע. צווישן אנדערס האָט ער געזאָגט:

„די סאָוועטישע קאָסמישע שיפן האָבן געטראָגן לעניִנס אומשטערבלעכע אידייען ארום אונדזער פּלאַנעטע. און מיר, פּליִער-קאָסמאָנאַוטן, האָבן זיך צוגעקוקט צו די קאָנטורן פון דער מאַמע-ערד, דעם וויגל פונעם מענטשלעכן פאַרנונפט, געטראַכט וועגן דעם גרויסן פירער און לערער וולאַדימיר איליטש לעניִנען.

לעניִן האָט דורכגעמאַכט דעם סאַמע געוואַגטסטן פלוג אין דער צוקונפט, אַף וועלכן דער מענטש איז פעיִק. ער האָט אָנגעוויזן דעם וועג צום שאָלעם און צום גליק פון די פעלקער. און דאָס, וואָס אונדזער לאַנד האָט אופגעטאָן אינעם דעראָבערן דעם קאָסמאָס, איז דערגרייכט געוואָרן אַדאַנק דעם פאַרווירקלעכן די גרויסע אידייען פון מאַרקסיזם-לעניִניזם".

אין זעלבן טאָג איז גאגארין ארויסגעטראָטן פאַר די מיטאַרבעטער פונעם אַפּאַראַט פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי.

דעם 14־טן אַפּרעל.

אָנגעשריבן א פאָרוואָרט צום בוך „דער טאָג פאַרגרעסערט זיך" פאַרן פאַרלאַג „מאָ-לאָדאַיאַ גוואַרדיִאַ". „דער טאָג פאַרגרעסערט זיך אין פרילינג און פאַרקלענערט זיך אין האַרבסט, נאָר די ליכט, וואָס באַשײַנט די פעלקער, וועלכע האָבן צעריסן די קייטן פון קאַלאָניִאַלער קנעכטשאַפט, ווערט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן, זי ווערט אַלץ העלער און שטאַר-קער. די זון פון פרײַהייט, וועלכע האָט געצווונגען די פינצטערנישׂ פונעם קאָלאָניִאַליזם פאַרשווונדן צו ווערן, האָט ארויסגערופן א שטורמישן פּראָגרעס אין צענדליקער לענדער, ווו עס לעבן מיליאָנען מענטשן. און אונטער די דערמונטערנדיקע שטראַלן פון דער פרײַהייט וועלן די מענטשן פון אונדזער פּלאַנעטע לעבן אַלץ פריידיקער און גליקלעכער..."

דעם 20־טן אַפּרעל.

באַגריסט קאָמאַנינען מיטן 30-יאָריקן יובילײ פון צוטײלן אים דעם ראַנג פון העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אין נאָמען פון די קאָסמאָנאַוטן אים געווונטשן, ער זאָל זיך דער-שלאָגן נײַע דערפאָלגן אין זײַן טעטיקייט אפּן שווערן וועג פון וויסנשאַפטלעך דערלערנען דעם קאָסמאָס.

באַגריסונגס-טעלעגראַמעס אויך געשיקט די מיטגלידער פונעם „טשעליוסקין"-עקיפּאַזש.

דעם 2־טן מײַ.

ארויסגעפאָרן קיין גזשאַטסק, שפּאַצירט איבער דער שטאָט, באַזוכט זײַנע שול-קאָוויי-רים, ארײַנגעגאַנגען אין דער שול.

נאָך אין דער פריִער קינדהײַט זייער ליב געהאַט די געבורטשטאָט, די ראַכוועסדיקע פעלדער ארום איר, די הויכע רוישיקע ביימער אין די וועלדער, דעם טײַך גזשאַט.

נאָך די לימודים אין שול פלעגט ער לויפן צום טײַך זיך באָדן, כאַפּן פיש, דערנאָך זיך אוועקלייגן נאַזנדיק און טראַכטן וועגן דער צוקונפט. אין די קינדערשע טרוימען האָבן זיך געמאָלט בילדער פון דער ראָמאַנטישער צוקונפט. די בילדער זײַנען נאָך געווען אומ-קלאָרע, צעשווומענע. זײַן וועלט-דערקענטעניש האָט זיך באַגרענעצט מיט דער באַקומענער דערפאַרונג. ער האָט געטרוימט צו ווערן א לערער. נאָך בעסער — א שלאָסער, א שאָפער, זיך אויסלערנען די מעלאָכע פון א גלעזער...

ניין, ער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוווּסט, אז דאָס לעבן וועט בײַטן זײַנע פּלענער, און ער וועט אין יוגנטלעכן ברען ווערן א מיליטערישער פליִער, דער גורל וועט אים מאַכן פאַר א קאָסמאָנאַווט.

ער האָט אויך ניט געוווּסט, אז דער גלײַכער וועג פון דער שכיינעסדיקער שטאָט וויאַז-מע וועט פירן אין דער געבורטשטאָט פונעם גרונטלייגער פון דער פּאָטערלענדישער און אַלוועלטלעכער קאָסמאָנאַוטיק, קיין קאַלוגע, און אז גזשאַטסק וועט זיך אַסאָציִירן מיט זײַן נאָמען, אזויווי קאַלוגע אַסאָציִירט זיך מיט ציִאָלקאָווסקיס נאָמען.

דעם 5־טן מײַ.

נאָך די לימודים אין דער אַקאַדעמיע זיך באַגעגנט מיט די ביוראָ-מיטגלידער פונעם צק פון קאָמסאָמאָל און זיי אינפאָרמירט וועגן דער טעטיקייט פון די קאָסמאָנאַווטן אין מײַ.

דעם 9־טן מײַ.

בא קאַראָליאָוון אין שטוב זײַנען זיך צונויפגעקומען זײַנע פרײַנט. מע האָט זיך דער-מאָנט אין די גרויזאַמע מילכאָמע-טעג, שווײַגנדיק אויסגעטרונקען פאַר די געפאַלענע, וועל-כע האָבן ניט דערלעבט ביזן זיג. דערנאָך האָט מען גערעדט וועגן די צוקונפטיקע פלוגן צו די ווײַטע פּלאַנעטעס, וועגן אַנטדעקן נײַע גאַלאַקטיקעס, וועגן מעגלעכע באַגעגעניש־ן מיט אײַנוווינער פון אַנדערע וועלטן. גאגארין האָט פאַרבעטן די געסט אַף א באַזוך אין

צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן אָדער קאָסמאָצענטער, ווי סערגיי פּאַוולאָוויטש פלעגט רופן דאָס שטערן־שטעטל.

דעם 13־טן מיי.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן אָפּגעשיקט א בריוו אין דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פסםר און עס איז געשאפן געוואָרן אן ארבעטס־גרופּע אף צונויפשטעלן דעם רעאליזאציע־פּלאן פון די פאַרגעלייגטע מאָסמיטלען. גאגארין האָט דערציילט קאָראָליאָוון וועגן דעם בריוו און געבעטן זיין אונטערשטיצונג. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט רעאגירט מיט יוגנטלעכן ברען. ער איז געווען איינשטימיק מיט דער אידיי פון פילמאָליקע פלוגן. לויט זיין מיינונג, איז שוין געקומען די צייט פאר א מאסעווער צוגרייטונג פון קאָסמאָנאַווטן, עס איז אויך שוין צייט צו פארקירצן די צוגרייטונגס־טערמינען. ער האָט געזאָגט, אז אינגיכן וועלן ארויסגיין אף דער אָרביטע פיל־ערטערדיקע לופט שיפן, וועלכע וועלן זיין אויסגעשטאַט מיט קאָמפּאַרט, אזוי ווי אעראָפּלאַנען.

— מיר זיינען א היפש ביסל קליגער געוואָרן, — האָט געזאָגט סערגיי פּאַוולאָוויטש, — בא וואַלטערן איז פאראן אזא זאָג: „אַרעמע מענטשן! וויפל יאָרהונדערטער זיינען נייטיק געווען, אז זיי זאָלן זיך איינשאפן א ביסל סייכל! און מיר זיינען אין די קאָסמישע אויספאָרשונגען אריבערגעשפּרונגען יאָרהונדערטער אין מעשעך פון איין יאָרצענדליק...״

דעם 23־טן מיי.

אָנטיילגענומען אינעם אָוונט, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובליי פון קאָראָליאָווס פּאַרטרעטער, דעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פסםר קאָנסטאנטין דאווידאָוויטש בושויעוו. סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט געשענקט דעם יובילאר ציאָלקאָווסקיס בוך „די קאָסמישע ראקעטן־צוגן״.

אריינקוקנדיק אין ערשטן קאפּיטל פונעם בוך, האָט ער דורכגעלייענט: „דאָס דעראָבערן די זון־סיסטעם וועט אונדז געבן אזא ענערגיע, וועלכע וועט אין צוויי מיליארד מאָל זיין רייכער פון דער ערדישער. דער מענטש פארמאָגט אין זיין רעשוס בלויז, אזוי צו זאָגן, צוויי אויסמעסטונגען, די דריטע איז א באגרענעצטע, דאָס הייסט: די צעשפּרייטונג ארוף און אראָפּ איז דערווייל אומעגלעך. אין קאָסמאָס וועט דער מענטש באקומען דריי אויסמעסטונגען...״

דעם 24־טן מיי.

געקומען קיין קאלוגע. זיך געטראָפן מיט די מיטארבעטער פונעם מוזיי.

אינעם בוך פון די ערן־געסט אָנגעשריבן: „מיט גרויס פארגעניגן און מיט גרויס אויפרעגונג האָב איך באזוכט די שטוב, אין וועלכער ק. ע. ציאָלקאָווסקי האָט געלעבט. זיינע ליכטיקע געדאנקען, פּאַרויסזעונגען, וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען זיינען פארווירקלעכט געוואָרן אין אונדזער צייט. איך בין זייער גליקלעך, וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו זיין דער ערשטער אף צו פארווירקלעכן ציאָלקאָווסקיס טרוים, פארענדיקן די ארבעט פון א סאך מענטשן, וועלכע האָבן צוגעגרייט דעם ערשטן פלוג אין קאָסמאָס. פאר אונדז, קאָסמאָנאַווטן, וועלן ציאָלקאָווסקיס נעוויישע ווערטער וועגן באהערשן דעם קאָסמאָס זיין הייליק, זיי וועלן שטענדיק רופן אונדז פאָרויס״.

— און איך בין אייך מעקאַנע, יורי אלעקסייעוויטש, — האָט געזאָגט דער הויפּט־מאַרשאַל, — איר זייט דאָך דער נייער און גליקלעכער דאַר פון סאָוועטישע פליער. זייער פיל שטייט אייך נאָך פאָר אופּצוטאָן...

דעם 4־טן יוני.

סערגיי פּאַוולאָוויטש קאָראָליאָוו האָט אף א באראטונג גערעדט וועגן די פּלענער, וויאזוי אויסנוצן די לופט־שיף „וואָסכאָד״, וועגן דער מאָדערניזאציע פון די נייע טיפּן פליאפּאראטן. „די איצטיקע פאָרשונגען, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — זיינען פון גרויסער באדייטונג פאר שאפן פערספּעקטיווע סיסטעמען, וועלכע וועלן באזאָרגן די נייטיקע באדינגונגען, אז דער מענטש זאָל נאָכאמאָל לעבן אין קאָסמישן רוים, דערמעגלעכן צו רעאליזירן מאָנטאזש־ארבעטן אין קאָסמאָס און ארויסזעצן עקספּעדיציעס אף דער לעוואָנע און אף אנדערע פּלאנעטן״.

נאָך דער באראטונג האָט קאָראָליאָוו זיך צוגעזעצט צו גאגארינען:

— איך קלייב זיך גיין אין אורלויב, יורי אלעקסייעוויטש, איך בין טויט־מיד. עס גלוסט זיך א ביסל לעבן אָן טעלעפאָנען, אָן אמפּערנישן...

— און מיר, סערגיי פּאַוולאָוויטש, וועט זיין לאנגווייליק. איך האָב היינט מיט גרויס פארגעניגן געהערט אייער ארויסטרעטונג. דער טאָג איז פאר מיר א געווונענער.

סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט קוים באַמערקבאַר אַ שמייכל געטאָן און געדראָעט מיטן פינגער:

— אָן כאַניפּע! איך וויל זיך מיט אײַך אָן אייצע האַלטן, יורי אַלעקסייעוויטש... נאָר דאָס וועלן מיר טאָן אַן אַנדערס מאָל, ניט הײַנט. איך בין טויט־מיד.

קאָראָליאָוו האָט זיך אַנטשולדיקט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען אַש־גרוי, די אויגן אויסגעלאָשן.

דעם 8־טן יון.

זיך נאָכגעפרעגט די דאָקטוירים, ווי:אַזוי עס פילט זיך טערעשקאָווא. מע האָט אים געענטפערט, אַז אין אינסטיטוט פון אַקושערסטווע און גינעקאָלאָגיע האָט מען לויטן באַשלוס פון דעם קאָנסיליום פון די דאָקטוירים איר געמאַכט אַן אָפּעראַציע. די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, דאָס געבוירענע מיידעלע פילט זיך גוט, וועגט 3,1 קג., דער וווּקס — 51 סמ.

אין אָוונט, אויפן וועג צו אַ באַגעגעניש מיט זשורנאַליסטן, איז ער אַרײַנגעפאָרן אין שפּיטאָל און איבערגעגעבן טערעשקאָוואַן אַ באַגריסונג און אַ בוקעט בלומען אין נאָמען פון די כאַווײרים־קאָסמאָנאַווטן, האַרציק באַגריסט אַנדרי:אַן ניקאָלײַעוון מיטן געבורט פון דער טאָכטער.

דעם 9־טן יון.

אין מאָסקווער פּלאַנעטאַריום זיך באַגעגנט מיט פּילאָטעליסטן. מע האָט אים דאָרט דערציילט, אַז 47 לענדער האָבן אַרויסגעלאָזט מאַרקעס, געווידמעט דעם ערשטן קאָסמאָנאַווט פון דער פּלאַנעטע.

דעם 13־טן יון.

אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט גאַגאַרין זיך באַקאַנט מיט די נײַע טעאָריעס וועגן דער אַנטשטייונג פון דער אַלוועלט, מיט די היפּאָטעזעס אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַנטשטיין פון לעבעדיקע וועזנס אויף דער ערד, מיט די דערשײַנונגען, וועלכע קומען פאָר אין דער גאַלאַקטיק.

אַזעלכע היפּאָטעזעס זײַנען פאַראַן אַ סאַך, וואָס מער עס פּראָגרעסירט די דערקענטעניש פון דעם אוניווערס, אַלץ גרעסער איז די צאָל היפּאָטעזעס. ווי:אַזוי איז מעגלעך צו באַשטימען, וועלכע פון זיי איז וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט? צוליב דעם איז נייטיק וואָס מער פלי:ען אין קאָסמאָס...

דעם 15־טן יון.

זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס פון דער זומער־סעסיע. נאָכמיטאָג זיך באַגעגנט מיט קאַמאַנינען, וועלכער איז געקומען צו פאָרן קיין זוויאָזדני, כדי אים מיטיילן דעם שוין אונטערגעכאַסמעטן באַשלוס, אַז עס איז אים פאַרווערט צו פלי:ען. צוליב „העכסטע טײַמים" איז ער באַזײַטיקט פון די פלוגן אויף אַן אומבאַשטימטער צײַט. מיט אַ באַטריבט געמיט האָט ער דורכגעקוקט די קאָרעספּאָנדענץ, איבערגעלייענט די ליד „דער ערשטער", וועלכע דער פּאָעט אַנאַטאָלי שטשערבאַקאָוו האָט אים צוגעשיקט מיט אַ ווידמונג: „יורי גאַגאַרינען — דעם ערשטן".

דעם 20־טן יון.

אין אָוונט געלייענט דעם אינטערוויו פון פאָן בראַון, וועלכער איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער אויסלענדישער פּרעסע. בראַון האָט גערעדט וועגן די נאָענטסטע פּערספּעקטיוון פון דער אַמעריקאַנער קאָסמישער פּראָגראַם, וועגן די שוועריקײַטן זי צו רעאַליזירן.

דעם 21־טן יון.

קאָראָליאָוו האָט פאַרבעטן גאַגאַרינען מיט זײַן פרוי אויף אַ גלאָז טיי. דערנאָך איז מען געגאַנגען שפּאַצירן. גאַגאַרין האָט זיך מעשאַער געווען, אַז עס וועט זײַן דער העמשעך פונעם איבערגעריסענעם שמועס וועגן זײַן צוקונפט, נאָר סערגיי פּאַוולאָוויטש האָט אפילע ניט דערמאָנט וועגן אים. יורי אַלעקסייעוויטש האָט געהאָפט, אַז אַט דער ניט־פאַרענדיקטער שמועס האָט אַ שײַכעס צו דעם גליקלעכן סאָד פון זײַנעם אַ נײַעם פלוג. ערשט ניט לאַנג צוריק האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש געזאָגט, אַז גאַגאַרינס פלוג איז דער ערשטער ערנסטער פּרווו, טיטאָווס פּרווו — דער ערשטער טיפער פּרווו, דער פלוג פון ניקאָלײַעוון און פּאָפּאָוויטשן — נאָך איין שפּאַן פאָרויס, ביקאָווסקיס און טערעשקאָוואַס פלוג — נאָך איין שפּאַן פאָרויס — ניט נאָר מיט זײַן דויער נאָר אויך לויט זײַנע וויסנשאַפטלעך־טעכנישע אויפגאַבעס. איצט איז קלאָר: דאָס צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן איז אַ געלייזטע פּראָבלעם. מיר זײַנען אימשטאַנד צוצוגרייטן אַזויפיל קאָסמאָנאַווטן, וויפל מיר דאַרפן האָבן.

— איך פאַר אוועק קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, — האָט סערגיי פּאַוולאָוויטש געזאָגט, — נאָר קיין אַפּרו וועט דאָס ניט זײַן. עס קריכט ניט אין קאָפּ דער אַפּרו. טראַכטן וועל איך די גאַנצע צײַט, האַגאַם אַ ביסל ווײַניקער. ווען איך וועל צוריקומען, וועלן מיר באַהאַנדלען גאַר וויכטיקע אינייאַנים...

דעם 25־טן יוני.

דער פּליִער־אויספּרוּווער וו. קאָקינאַקי איז אַלט געוואָרן 60 יאָר. גאַגאַרין איז געקומען אױף דער פײַערונג פון זײַן יובילײ. ער האָט געזאָגט, אַז דער נאָמען פונעם באַרימטן פּליִער קאָקינאַקי איז באַוווּסט אין גאַנצן לאַנד. העכער 30 יאָר פון זײַן לעבן האָט קאָקינאַקי אָפּגעגעבן דער ניט־לײַכטער טעטיקייט פון אויספּרווון די נײַסטע אוויִאַטעכניק. ער האָט אויסגעפּרוּווט איל־2, איל־4, איל־28, איל־62, אײַנגעשטעלט 20 וועלט־רעקאָרדן, באַקומען דעם טיטל „פאַרדינסטפולער ספּאָרט־מײַסטער פון פססר".

גאַגאַרין האָט איבערגעגעבן די באַגריסונג פון זײַנע כאַווײרים און איז אוועקגעפאָרן אױף אַ באַגעגעניש אין פּאַלאַץ פון די פּיאָנערן.

אין אָוונט געשריבן אַ בריוו די קורסאַנטן פון דער שול „יונגע קאָסמאָנאַווטן", וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן בײַ דער אָרענבורגער מיליטערישער אוויִאַציע־שול.

„ליבע פרײַנט, — האָט ער געשריבן, — איך האָב מיט גרויס אינטערעס איבערגעלייענט אײַער בריוו. אָרענבורג איז מיר זייער טײַער. דאָרט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט די ראָמאַנטיק פונעם „בלויען אָקעאַן". איך ווינטש אײַך, מײַנע יונגע פרײַנט, איר זאָלט זיך גוט לערנען און דערנאָך באַהערשן גרויסע קאָסמישע טראַסעס".

דעם 1־טן יולי.

אָנטײלגענומען אין דער זיצונג פונעם ספּאָרט־קאָמיטעט פון דעם צענטער פאַר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן. מע האָט באַהאַנדלט די פּראָגראַם פון דער זומער־ספּאַרטאַקיאַדע. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס דורכצופירן אַ „שאַבעסניק" אױף צו פאַרבעסערן דעם צושטאַנד פון די ספּאָרטיווע אײַנריכטונגען.

דעם 2־טן יולי.

זיך טרענירט אײנײנעם מיט די קומענדיקע קאָסמאָנאַווטן. דערנאָך געהאַט אַ שמועס מיט דעם אַמעריקאַנער דאָקטער וואַגנער, אַ ספּעציאַליסט אין קאָסמישער מעדיצין, וועלכער איז געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי זיך צו באַקענען מיט דער דערפאַרונג פון די סאָוועטישע מעדיקער.

דעם 4־טן יולי.

קאַמאַנין האָט אויסגעהערט די באַריכטן פון קוזנעצאָווען און גאַגאַרינען וועגן דער צוגעגרייטקייט פון די עקיפּאַזשן צום אויספּילן די פּראָגראַם פון די קאָסמישע אויספּרווו־פּליוגן.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט איז צוגעטיילט געוואָרן דער פראַגע פונעם אַרויסגיין אין אָפענעם קאָסמאָס. אױף אָט דעם געביט זײַנען געווען טעטיק פּאַוועל בעליאַיעוו, אַלעקסיי לעאָנאָוו, יעווגעני כרונאָוו און וויקטאָר גאָרבאַטקאָ.

דעם 9־טן יולי.

געשיקט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם דעם גרויסן סאָוועטישן סקולפּטאָר סערגיי טימאָפייעוויטש קאָניאָנקאָוון צו זײַן 90־טן געבורטסטאָג און אין צוזאַמענהאַנג מיטן צווייגענען אים דעם טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי.

אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש מיט וויליאַם לאָוועלייסן, אײנעם פון די אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער קאָסמישער פּראָגראַם.

דעם 13־טן יולי.

אָנטײלגענומען אין דער אַרבעט פון דער פערטער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר פונעם 6־טן צונויפרוף.

דעם 14־טן יולי.

זיך באַגעגנט מיט זײַנע לאַנדסלײַט, די דעפּוטאַטן פונעם אויבער־סאָוועט, וועלכע זײַנען אויסגעוויילט אין דער סמאָלענסקער געגנט. אין זוויאַזדני באַקאַנט זיי מיט דער קאָסמישער טעכניק.

דעם 17־טן יולי.

גאַגאַרין איז אַרויסגעפּלויגן אין אָרלויב קיין קרים. בײַסן גרייטן זיך אין וועג אַרײַן האָט ער דורכגעקוקט דעם בוך פון וו. ליי „די ראַקעטן און די פּליוגן אין קאָסמאָס". דאָרט ווערט אָנגעוויזן, אַז די אַמעריקאַנער האָבן אַרויסגעפירט פון דײַטשלאַנד 523 היטלעריסטישע וויסנשאַפטלער, בעסויכעם 125 ספּעציאַליסטן אױפן געביט פון ראַקעטן־בוי, 1500 טאָן

געהיימע וויסנשאַפטלעכע דאָקומענטן, 300 וואַגאָנען, אָנגעלאָדענע מיט דער אויסשטאַטונג און מיט די דעטאַלן פון די ראַקעטעס „פּאו-2".

דעם 18־טן יולי.

שוין אָפן נײַעם אָרט געזען אַן אויסטערלישן כאַלעם. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זיך אומגעריכט אין צימער באַוויזן אַ מענטש. דער אַרײַנגעקומענער האָט געזאָגט:

— שרעק זיך ניט, יונגערמאַן, דו קענסט מיך זייער גוט.

גאַגאַרין האָט אַ פאַרוווּנדערטער געזאָגט:

— איך ווייס ניט, ווער איר זײַט, קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. נאָר וויאַזוי זײַט איר אַהער אַרײַנגעקומען, די טיר איז דאָך פאַרשלאָסן?

דער אומבאַקאַנטער האָט עפּעס ווי אַ הוסט געטאָן און מיט זייער אַ באַקאַנטער שטים געענטפערט:

— איך בין ניט אַרײַנגעקומען. איך געפין זיך מיט דיר די גאַנצע צײַט, פון יענעם טאָג אָן, ווען דו האָסט זיך באַקאַנט מיט מײַנע געדאַנקען און ליב באַקומען מײַנע ביכער.

גאַגאַרין האָט זיך אײַנגעקוקט אינעם טונקעלן סילועט פון דעם מענטשן און לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

— ריכטיק, אײַער שטים איז מיר ווירקלעך באַקאַנט, נאָר איך געדענק אײַך ניט, אַנט־שולדיקט. צי האָב איך אײַך ווען-עס-איז געזען?

— ניין, געזען האָסטו מיך ניט. איך בין מיט דיר ווי אַן אידיי, אַ געדאַנק...

— דאָס איז מיסטיק. אַ מענטש איז פון בלוט און פלייש.

— רעד העכער, יונגערמאַן, — האָט געבעטן דער אומבאַקאַנטער, — איך הער שלעכט. אין די קינדער-יאָרן האָב איך פון דעם שטאַרק געליטן. מײַן מום האָט מיר פאַרסאַמט מײַן קינדהײַט. איך האָב קיין כאַווירים ניט געהאַט.

— גוט, איך וועל רעדן העכער, — האָט גאַגאַרין זיך שוין עפּעס אָנגעשטויסן, — נאָר איצט איז נאַכט, און מיר קענען אופוועקן מײַנע כאַווירים, עס וואַרט אויף זיי מאָרגן אַ שווערער אַרבעטסטאָג.

דער אומבאַקאַנטער איז צוגעגאַנגען נעענטער צו גאַגאַרינס בעט.

— איצט וועל איך דיך בעסער הערן. איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז מיר איז באַ־וווּסט, וויאַזוי דער מאָרגנדיקער טאָג וועט זיך ענדיקן.

גאַגאַרין האָט דערווידערט אַ פאַרוווּנדערטער:

— אײַך איז עס שוין באַוווּסט? ווי איז עס מעגלעך נאָך איידער די מעלוכע-קאָמיסיע האָט אָנגענומען איר באַשלוס? די קאָמיסיע באַשטייט פון 11 אָדער 15 מיטגלידער, יעדערער פון זיי האָט זײַן מיינונג.

גאַגאַרינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער אומבאַקאַנטער האָט, זוכנדיק אַן אָרט, ווו זיך אָוועקצוזעצן, אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

— יונגערמאַן, דאָס, וואָס די קאָמיסיע דאַרף ערשט באַשליסן מאָרגן, איז שוין לאַנג באַשלאָסן געוואָרן, און ענדערן דאָס פאַרבאַשטימטע איז קיינער ניט בעקויעך. דאָס איז פאָרויסגעזען פון דער געשיכטע. דער דאָזיקער פאַקט וועט ווערן אַ דעראָבערונג פון דער מענטשהײַט.

וואָס זשע איז דער זין פון דער פאָרשטייענדיקער זיצונג פון דער מעלוכע-קאָמיסיע? אַ פיקציע, אַ פלאָפּלערײַ?

— איר מיסיִע איז אַן ערנסטע און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע, — האָט דערווידערט פון זײַן זײַט דער אומבאַקאַנטער. — זי דאַרף דעם געשעענעם צוגעבן אַ יורידישע פאָרם, אַנערקע־נען דעם סטאַטוס-קוואָ. איינער פון אירע וויכטיקסטע באַשלוסן וועט זײַן דאָס אָנערקענען דײַן רעכט אָפן ערשטן פלוג.

— מײַן פלוג? — האָט אַ ביסל אין פאַרלעגנהײַט פון אַזאַ פאָרבאַשטימונג געזאָגט גאַגאַרין, — פונוואַנען ווייסט איר?

— מיר איז דאָס שוין לאַנג באַוווּסט.

— אַזוי גאָר? פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ סאָד פון אײַער פירמע. פונדעסטוועגן? מיט וואָס קאָן מען דערקלערן אײַער וויסן פון פאָרויס? עפּשער קענט איר מיך אַליין אויך פון לאַנג?

שוין לאַנג, — האָט מיט ווירדע געענטפערט דער אומבאַקאַנטער, — דו ביסט מיר באַקאַנט פונעם טאָג פון דײַן געבורט, דעם 9-טן מאַרט 1934. וווּנדער זיך ניט, יונגערמאַן, איך האָב דאָך ניט געקענט אַלץ וויסן איידער דו ביסט געבוירן געוואָרן. מײַן גאַנץ לעבן האָב איך געשטרעבט עפּעס צו טאָן פאַר די מענטשן זייער וויכטיקס, פאַרגרינגערן זייער

לעבן. ביזן 1917 יאָר זײַנען מײַנע אופגאַבעס געווען זייער באַשיידענע: די זאָרג וועגן ברויט, וועגן אַרבעט. איך האָב געמיינט, אַז דאָס נעמט אַרום דעם קרײַז פון דעם מענטשנס גרונטיקע אינטערעסן. שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ מין הילף, כאָטש זי איז בעעמעס זייער נייטיק, לייזט ניט די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אינעם מענטשנס לעבן. דאַן האָב איך אָנגעהויבן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן אָרט פונעם מענטשן אין דער אַלוועלט... גאַגאַרין האָט זיך שנעל אופגעשטעלט און מיט דערעכערעץ זיך פאַרבויגן.

— קאָנסטאַנטין עדוארדאָוויטש? אַנטשולדיקט מיר, שווער צו גלייבן, אַז צו מיר איז געקומען ציאָלקאָווסקי! איך וועל אײַך געוויס אַנטוישן: איך בין ניט בעקויעך אויסצופּילן אַזאַ גראַנדיעזע אופגאַבע.

— דו ביסט ניט דער איינציקער אויף דער ערד, וואָס דערשאַצט ניט די קראַפט פון מענטשלעכן פאַרנונפט. דער געדאַנק איז מאַטעריעל און קאָנקרעט, ווי דאָס לעבן גופא. די מענטשן האָבן אויסגעטראַכט ריטואַלן, געטער און זיך געגומען זיי דינען. אינדערעמעסן בוקן זיי זיך דאָך ניט צו דעם געטלעכן, נאָר צו דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד. בעלינסקי האָט געזאָגט, אַז דער מענטשלעכער סייכל איז באַגרענעצט, נאָר דער סייכל פון דער מענטשהײַט איז אומבאַגרענעצט.

— אין וואָס זשע באַשטייט, לויט אײַער מיינונג, דער זין פונעם לעבן?

— דעם מענטשנס לעבן איז פילגעשטאַלטיק, ווי די אַלוועלט, און מיט איין פראַזע קאָן מען אויף דער פראַגע ניט ענטפערן. דעם זין פונעם לעבן זע איך קוידעמקאָל אין דעם לעבן גופע, אין דער אומופהערלעכער באַוועגונג, פּערמאַנענטער שעפערישקייט און אין דער אומדערמידלעכער טעטיקייט אויף צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ. דער טײַך פליסט, קעדיי צו פאַרהיטן זײַנע וואַסערן, דער יאַם פאַרשווערקט זיך מיט זאַלץ, קעדיי צו פאַרקלענערן די אויסדאַמפּונג, דעם וואַלד קומט צו הילף דער ווינט. און דאָס אַלץ איז אין העסקעם מיטן אומגעצווימטן דראַנג צום לעבן.

— איז דען מעגלעך, אַז די מענטשהײַט זאָל זיך אָפּשטעלן, ווען זי וועט דערגרייכן אַ הויכע שטופע פון ציוויליזאַציע? צופרידנשטעלן זיך מיט דעם שוין דערגרייכטן איז גלײַך ווי אומקומען.

— צוליב פאַרשיידענע סיבעס באַמערקן ניט די מענטשן די אייביקע עוואָלוציע פונעם לעבן. עס ענדערן זיך און באַנײַען זיך די פאָרמען פון דער פאַונע און פלאָרע. די פאַרעלטערטע אויסבילדונגען ווערן פאַרביטן מיט נײַע, מער צוגעפּאַסטע צו די נײַע באַדינגונגען.

— קאָנסטאַנטין עדוארדאָוויטש, די וויסנשאַפטלער גיבן צו אַ גרויסע באַדײַטונג דעם פלוג אין קאָסמאָס. צי איז מעגלעך, אַז איין פלוג זאָל האָבן אַזאַ שטאַרקע אויסווירקונג אויף דעם לעבן פונעם מענטשן?

— געוויס! — האָט אַנטשיידן געענטפערט דער געלערנטער, — דאָס איז דער אָנהייב פון אָן אָנהייב. נאָך אים וועלן קומען פיל אַנדערע, מער קאָמפּליצירטע פלוגן. נייַן, די מענטשן וועלן ניט אַזוי גיך באַגרײַפן די גוואַלדיקע וויסנשאַפטלעכע און פּראַקטישע באַדײַטונג פון די קאָסמישע אויספאָרשונגען. אויף דעם דאָזיקן וועג וועלן זײַן פיל שוועריקייטן, אַנטוישונגען און אפילו קאַטאַסטראָפעס. די טויטע וועלט פונעם אוניווערס וועט אויף די מענטשן אָנוואַרפן אַ שרעק. דער קאָסמישער אַרום וועט זיך זיי פאָרשטעלן וויסט, געפערלעך פאַרן לעבן.

זאָג מיר, כ׳בעט דיך, איז דען די ערד שטענדיק און אומעטום גאַסטפרײַנטלעך פאַר די מענטשן? צי ווייסן מיר ניט פיל פאַלן, ווען מענטשן זײַנען אומגעקומען אין די זאַמדן, אויף די פוסטע אינדזלען, געפינענדיק זיך אויף אַ מעהאַלעך פון אַ 100 אָדער 200 קמ. פון די צענטערס פון דער ציוויליזאַציע? אונדזער פּלאַנעטע איז אַ קערנדל זאַמד אין אָט דעם גיגאַנטישן, גרענעצלאָזן יאַם פון דער אַלוועלט, וווּ ס׳עקזיסטירן 220 מיליאַרד גאַלאַקטיקעס.

— אַזוי פיל? — האָט אַ דערשטוינטער געפרעגט גאַגאַרין.

— מיר זײַנען זיך אַזוי מעשאַער, — האָט ציאָלקאָווסקי געענטפערט. — מעגלעך, אַז די צאָל איז נאָך גרעסער. בייסן וויַטערדיקן באַהערשן דעם קאָסמאָס וועלן מיר מאַכן אַלץ מערער אומדערוואַרטע אַנטדעקונגען. די געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז מיר זײַנען ניט איינזאַם אין דער אַלוועלט, די ערד איז אַ טראַנזיט-סטאַנציע פון דער גאַלאַקטיק.

איך האָב פיל יאָרן געטראַכט וועגן דעם מענטשן, וועלכער וועט דער ערשטער זיך אופהייבן אין קאָסמאָס, וועמען די מענטשהײַט וועט אָנפאַרטרויען צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אומגעווײנלעכע מיסיע. איך האָב געלעבט אין דערוואַרטונג, אַז אָט דער מענטש זאָל זיך באַווײַזן. דער טויט איז צו מיר געקומען מיט עטלעכע כאַדאָשים נאָך דײַן געבוירן ווערן.

— איר האָט געוווּסט וועגן מײַן געבוירן ווערן?

— אוודע האָב איך געוווּסט, געשריבן וועגן דעם מאַקסים גאָרקין. עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין דײַנעם א געבורטסטאָג האָט איינער א זשורנאַליסט — זײַן פאַמיליע איז דאַלסקי — פאַרעפנטלעכט א רעפּאָרטאַזש פון דײַן דאָרף און אין דעם רעפּאָרטאַזש געשריבן, וויאַזוי ער האָט געשמועסט מיט דיר, א ייִנגעלע — צען יאָר אַלט... דאַלסקי האָט געזען דאָס פאַרברענטע דאָרף ביזן גרונט, די הונגעריקע, פאַרמאַטערטע אײַנוווינער, וועלכע זײַנען אַלפּי נעס געבליבן לעבן נאָך דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע. וועגן וואָס האָבן זיי געקענט טראַכטן, ווען זיי האָבן דערזען זייערע באַפרײַער אויב ניט וועגן ברויט? און דו האָסט אים דאַן געזאָגט, אַז דו טרוימסט פליִען צו די שטערן...

— איך האָב ווירקלעך געטרוימט וועגן דעם. מײַן גאַנץ יונג לעבן האָב איך געווידמעט דעם ציל...

— דײַן טרוים ווערט פאַרווירקלעכט, מײַן זון. דו וועסט דער ערשטער אַרויספליִען אַהין אין דער אומבאַוווּסטער וועלט פונעם קאָסמאָס. אָף דײַן גורל וועט אויספאַלן קאָוועד, אומגעהערטער רום, באַרימטקײַט אין דער גאַנצער וועלט. זע, דו זאָלסט ניט געבראָכן ווערן אונטער דער דאָזיקער מאַסע. מענטשן וועלן שטאָלצירן מיט דיר, זיך גלײַכן אָף דיר. פיל זאַכן וועלן זיי דיר מוחל זײַן, נאָר זיי וועלן דיר קיינמאָל ניט מוחל זײַן קיין פאַריסנקײַט און גרויסהאַלטערישקײַט. דו האָסט געזאָגט, אַז דער פלוג אין קאָסמאָס איז ניט פאַר די קויכעס פון איין מענטשן. דו ביסט גערעכט. צו דײַן פלוג וועלן געבן זייער בײַטראָג אַלע מענטשן פון דער פּלאַנעטע.

— א דאַנק, לערער. איר זײַט אינגאַנצן גערעכט. נאָר, ביטע, זאָגט מיר אָט וואָס: צערײַסנדיק די פּענטעס פון דער ערד און לאָזנדיק זיך פליִען אינעם קאָסמאָס, קערן מיר זיך אום צוריק, צי מיר מאַכן א גיגאַנטישן שפּרונג פאָרויס?

— פאַרשטייט זיך, אַז פאָרויס.

— און אויב מיר וועלן זיך באַגעגענען מיט א ציוויליזאַציע, וועלכע איז אָפּגעשטאַנענער פון אונדז?

— וועט אויך זײַן גוט. מיר וועלן איר העלפן, און שטאַרקערע וועלן אונדז העלפן. דו פאַרבאָרגסט פון מיר א צווייטע פראַגע. דו מעגסט פרעגן, צי ס'איז אומבאַדינגט זיך האַלטן בא דײַן טרוים. עפּשער שרעקסטו זיך פאַר דער צוקונפט?

— ניין, לערער, ניין. איך בלײַב טרײַ מײַן וואָרט. מײַן פאַרלאַנג צו פליִען אין קאָסמאָס איז ניט קיין צופעליקער. איך וויל, אַז די מענטשן זאָלן זיך גרויסן מיט דעם דאָזיקן פלוג.

— איך בין צו דיר געקומען וועגן אָט דעם איניען, — האָט ציאָלקאָווסקי געזאָגט, קוקנדיק צו דער טיר. — נאָכן ערשטן פלוג דאַרף קומען א צווייטער, א דריטער, און דו, ווי גרויס דײַן רום זאָל ניט זײַן, דאַרפסט זיך ניט אָפּזאָגן, דו מוזסט פליִען. דו האָסט ניט קיין רעכט צו פאַרלירן דאָס, וואָס עס האָט דעראָבערט דער ערשטער פון די ערד-אײַנוווינער. דײַן לעבן איז דײַן פלוג...

יורי אַלעקסייעוויטש האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף, באַוואַשנדיק זיך מיט שוויס. וועגן זײַן באַנאַכטיקן שמועס מיט ציאָלקאָווסקין האָט ער קיינעם ניט דערציילט.

ייִדיש — בערל רויזען

(הע‌משעך קומט)

זכרונעס

כאַיִם טאַמאַרקין

מאָסקווע אין די צוואַנציקער יאָרן

די ערשטע טעג. אין אָנהייב הארבסט 1922 האָב איך פארלאָזט קיִעוו. אָפּגעפאָרן איז דער צוג פּינקטלעך לויט דער אָנגעוויזענער צייַט. אף די וואגאָנען הענגען שילדלעך: «Киев—Москва». דאָס איז שוין ניט פון יענע פּאסאזשיר-צוגן, וואָס מיט צוויי-דרייַ יאָר צוריק, ווען אף די סטאנציעס האָבן די ארומפאָרער זיך אריינגעריסן מיט שטורעם אין די וואגאָנען, אריינגעשטופּט זיך אין די טאמבורן, געקראָכן אף די דעכער.

אין וואגאָן זייַנען געפאָרן, צווישן אנדערע, דעמאָביליזירטע פון דער ארמיי, ענטוזיאסטן-יוגנטלעכע, פאר וועלכע דער וועג צו בילדונג און אלזייַטיקער טעטיקייַט איז אָפן. מיט די פּאסאזשירן איז אָנגענעם צו פירן א געשפּרעך, הערן געשיכטעס, אליין עפּעס דערציילן. אזוי איז אדורך דער וועג — פריילעך, גוטברודעריש.

ווען דער צוג איז אָנגעקומען אפן קיִעווער וואָקזאל, האָב איך גלייַך ניט געוווּסט, וווּהין מע גייט איבערנעכטיקן, נאָר דאָ, באם ארויסגאנג, זייַנען געשטאנען אזעלכע, וואָס האָבן פארופן צו זיך אף קוואַרטיר. א וואָך צייַט האָב איך גענעכטיקט אין א הויז צוזאמען מיט אָט די אָנגעפאָרענע, דאָרט איז געווען טומלדיק אין די אָוונטן ביזן שלאָפן גיין. מע האָט געמאכט געשעפטן, געקויפט, פארקויפט, אָנגעבונדן שוטפעס.

אין א פּאָר טעג ארום האָב איך געקראָגן ארבעט אין א ווארשטאט פונעם טרעסט פון פּינקטלעכער מעכאניק און באלד נאָך דעם געפונען בא נייַע באקאנטע א רויִקן נאכטלעגער. דורכן זאווקאָם האָב איך דערלאנגט א מעלדונג אין מאָסקווער סאָוועט, מע זאָל מיר געבן א צימער. אין אָט די טעג בין איך געווען בא ארן קושניראָוון אף מאראָסייקע-גאס, אָפּגעגעבן אים האָפּשטיינס א בריוו. קושניראָוו האָט מיר געלייענט א נייַעם ציקל לידער — אף זייַן מאניר, מיט דעם זעלבן ריטם און עקספּרעסיע, ווי אף די אָוונטן אין קיִעוו. ער לייענט אויסווייניק, און עס דוכט זיך, אז די פּאָעטישע שורעס האָט ער נאָרוואָס צוגעטראכט...

אף דער זעלבער גאס האָט געוווינט דאניִעל מייעראָוויטש. קושניראָוו האָט מיר פאָרגעלייגט צו אים ארייַנגיין. אזוי האָב איך זיך באקאנט מיט אָט דעם פּראָזע-שרייַבער און דראמאטורג, וועלכן מע האָט שפּעטער געקענט, ווי מ. דאניִעל.

דער מויכער־ספּאָרימניק זאַלמען ראַטנער. שוין מער פון א וואָך, ווי איך לעב אין מאָסקווע. איך גיי איבער די טומלדיקע גאסן, אף שריט און טריט זעט מען פּלאקאטן און אפישן וועגן ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, דיספּוטן, בארימטע ספּעקטאקלען, וואָס האָבן שוין מיט א צייַט צוריק געוועקט מייַן אינטערעס. פארבייַגייענדיק דעם האָטעל „מעטראָפּאָל", זע איך א ביכער-קראָם, אף דער וויטרינע — ייִדישע ביכער. ווען איך בין ארייַן אין קראָם, האָב איך געטראָפן זיצן בא א טיש, ארומגעלייגט מיט ביכער, א מיטליאָריקן מענטשן מיט א ליבלעך-היימישן שמייכל אפן פּאָנעם. ער שטעלט זיך פּאָר: זאלמען ראטנער. און מיר שמועסן שוין, ווי אלטע באקאנטע. איך בלעטער א בוך נאָך א בוך, קאָן זיך ניט אָפּרייַסן. ראטנער זאָגט מיר:

— ווי קומט עס, וואָס איך האָב אײַך ביז איצט בא מיר ניט געזען? סײַדן, איר זײַט אין מאָסקווע א נאַרוואָס אָנגעקומענער.

— איר האָט געטראָפן, אײַנגאַנצן א וואָך צײַט. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך א סאַך פון אָט די ביכער ניט געלייענט.

— נו, און „רעב אבע" פון אַניכי האָט איר געלייענט?

— געלייענט נאָך דעמלט, ווען די דערציילונגען האָבן זיך געדרוקט אין דער וואַרשעווער פּרעסע. זייער מעכאַבער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַנע עפנטלעכע פאַרלעזונגען...

— איר זעט, — זאָגט ראַטנער, — אָט דאָרטן אין ווינקל, באַם טישל מיט ביכער, זיצט ער אַליין.

ראַטנער איז מיט מיר צוגעגאַנגען צום שרײַבער און אונדז באַקאַנט, דערנאָך געזאָגט אַנויכין:

— אָט האָט איר א לעבעדיקן לייענער אײַערן...

מיט זאַלמען ראַטנערן בין איך פון דעמלט אָן געוואָרן נאָענט באַפרײַנדעט, פלעג אָפט אַרײַנקומען צו אים אין ביכער־קראָם, קעסיידער געטראָפן נײַע באַקאַנטע פון דער מאָסקווער ייִדישער קולטור־סוויווע. עס איז געווען אָנגענעם און אינטערעסאַנט צו נישטערן, דורכקוקן, איבערלייגן אַף די פּאָליצעס פאַרשיידענע ביכער — סאָוועטישע אויסגאַבעס און ביכער פון אויסלענדישע פאַרלאַגן. איך בין געווען אויך בא ראַטנערן אינדערהיים און פאַרכאַפּט געוואָרן פון זײַן רײַכער ביבליִאָטעק. אין ביכער־שאַפעס, אַף פּאָליצעס לענגויס די ווענט, אין די ווינקלען פון זײַן ניט־גרויסער דירע זײַנען ענג געלעגן אַזעלכע ביכער־אויצרעס, וואָס דאָס אויג האָט ניט געקאָנט אַלץ באַנעמען.

צווישן זיי — א סאַך געשענקטע אויסגאַבעס פון שרײַבער און פאַרלעגער.

אַף ספּעקטאַקלען אין ייִדישן טעאַטער. שוין אַף דער צווייטער וואָך פון מײַן קומען קיין מאָסקווע האָב איך געקוקט אײַנעם מאָסקווער ייִדישן טעאַטער די ספּעקטאַקלען „גאָט פון נעקאָמע" פון שאָלעם אַש, „די בלינדע" פון מעטערלינקן, „פאַרטאָג" פון א. ווײַטערן. די ספּעקטאַקלען זײַנען געגאַנגען אין דער טעאַטער־געבײַדע אַף קליין־בראָנע, 2, וווּהין דער טעאַטער איז אַריבערגעפאָרן פון דעם קליינעם זאַל אַף טשערנישעווסקי־גאַס. עס זײַנען דעמלט געגאַנגען די רעפּעטיציעס פון דער „קישעפמאַכערן", און דערווײַל האָט מען געשפּילט די פריִער געשטעלטע פּיעסעס. איך האָב געזען צום ערשטן מאָל דעם יונגן מיכאָעלסן אין די ראָלן פון אוריִעל אַקאָסטאַ און פון יאַנקל שאַבשאָוויטש אין „גאָט פון נעקאָמע".

אין יענער צײַט האָט מיכאָעלס שוין געהאַט א שעם בא א געוויסן טייל צושויער. גלענצנדיק זײַנען געווען נאָטאַן אַלטמאַנס דעקאָראַציעס צום ספּעקטאַקל „אוריִעל אַקאָסטאַ". נאָר מיכאָעלס אין דער הויפּט־ראָל האָט זיך דעמלט נאָך ניט דערהויבן צו עכטער דראַמאַטיק. דער רעזשיסער א. גראַנאָווסקי האָט באַגרענעצט די שעפערישע איניציִאַטיוו פונעם אַקטיאָר. די ספּעקטאַקלען זײַנען געשפּילט געוואָרן בא א האַלב־ליידיקן זאַל. „אוריִעל אַקאָסטאַ" האָט מען אײַנגיכן אַראָפּגענומען פונעם רעפּערטואַר. אין די ספּעקטאַקלען „גאָט פון נעקאָמע" און „פאַרטאָג" האָט דעם טעאַטער און מיכאָעלסן אויך ניט אָפּגעגליקט. דאָס זײַנען געווען די ערשטע פּרוּוון אײַנעם שאַפונגס־פּראָצעס לויט גראַנאָווסקיס רעזשי־מעטאָד, באַם געבורט פונעם נײַעם ייִדישן טעאַטער. נאָך דער פּרעמיערע פון דער „קישעפמאַכערן" זײַנען שוין יענע פּיעסעס אין רעפּערטואַר ניט געווען.

אין א כוידעש אַרום נאָך מײַן קומען קיין מאָסקווע האָב איך באַקומען אַן אָרדער אַף א צימער. פון דעמלט אָן בין איך געוואָרן א מאָסקווער טוישעוו. א קליינינקײַט, אַן אייגן ווינקל אין דער הויפּט־שטאָט!

אין מאָסקווע האָט זיך געפונען שוין קימאַט א יאָר צײַט די קיִעווער דראַמאַטישע סטודיע „קולטור־ליגע". די סטודיִאַנטן האָבן אַקשאָנעסדיק פאַרגעזעצט זייער טעאַטראַלע בילדונג מיט דער הילף פון דעם אומדערמידלעכן, איבערגעגעבענעם אָנפירער עפראַיִם לויטער. מע האָט זיך געגרייט צו ווערן א טעאַטער מיט א נײַער ריכטונג. אין זייער צוזאַמענוווינונג אַף אַרבאַט איז קעסיידער געווען טומלדיק, פריילעך. איך האָב דאָרט ניט איין מאָל געטראָפן מיכאָעלסן, זוסקינען, וועלכע פלעגן זיך „אַרײַנכאַפּן אַף א ווײַל".

אין מאָסקווע האָט דעמלט אויך עקזיסטירט די ווײַסרוסלענדישע ייִדישע דראַמאַטישע סטודיע אָדער, ווי מע האָט זי גערופן, ראַפּאַלסקיס סטודיע. זי איז באַשטאַנען פון יונגע פעיִקע יאַטן און מיידלעך פון ווײַסרוסלאַנד. זייער אָנפירער מ. ראַפּאַלסקי איז באַקאַנט געווען אין די ייִדישע קולטור־קרײַזן ווי א געבילדעטער אַקטיאָר און רעזשיסער. ער איז געווען די נעשאָמע פון דעם יונגן קאָלעקטיוו, וועלכער האָט זיך געגרייט צו ווערן דער ערשטער ייִדישער ווײַסרוסלענדישער מעלוכע־טעאַטער. מע האָט פלײַסיק געלערנט די טעאַטראַלע קונסט.

אין מאָסקווע האָבן אין יענער צײַט עקזיסטירט פיל פאַרשיידענע נאַציִאָנאַלע טעאַטראַ־

8*

לע סטודיעס די מערסטע טייל אָן א מעלוכישער שטיצע — עקספּערימענטאלע. אָנגעפירט האָבן מיט זיי באוווּסטע אקטיאָרן, רעזשיסערן. שפּעטער האָבן זיך פון די סטודיעס אויסגעבילדעט טעאטראַלע קאָלעקטיוון מיט פּראָפּעסיאָנעלע שוישפּילער.

אין א קלוב, לעבן פּאָליטעכנישן מוזיי, האָט זיך געפונען די „שאָלעם-אַלייכעם-סטודיע", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון א גרופּע פּראָפעסיאָנעלע אקטיאָרן און טעאטראַלער יוגנט מיטן ציל צו שאפן א רעאַליסטישן טעאטער. מע האָט שוין בא א יאָר צייַט רעפּעטירט, זיך געלערנט בא באוווּסטע רעזשיסערן פונעם קינסטלערישן טעאטער — אזעלכע, ווי א. דיקי, א. אזארין און אנד.

איך בין אָנגעקומען אין אָט דער סטודיע. צוערשט האָט מען זי גערופן „שאָלעם-אַלייכעם-טעאטער", נאָר אזויווי קיין טעאטער איז דערווייַל ניט געוואָרן, איז שוין פארבליבן „טעאטער-סטודיע אף שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען", אינקורצן — „שאָלעם-אַלייכעם-סטודיע", עקזיסטירט האָט זי אף געזעלשאפטלעכע יסוידעס. עס פלעגן צייַטנווייַז דורכגעפירט ווערן פארמאכטע אָוונטן-קאָנצערטן, וועלכע האָבן אויסגענומען און אריַינגעבראכט רעווער.

דער סטודיע-קאָלעקטיוו האָט פארטראכט צו שאפן א ספּעקטאקל לויט שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונגען „די גאָלדגרעבער", „צוויי שלעכמאָנעס", אייַנגעשלאָסן וואַריאַנטן פון פּורים-שפּיל. אינסצענירט און געגרייט דעם מאטעריאל האָט דער שרייַבער און איבערזעצער יאנקעוו סלאָנים. די סטודיאַנטן האָבן גופע אף די רעפּעטיציעס מיטן רעזשיסער אלעקסיי דיקי געזאמלט פּאָלקס-מאָטיוון פון די פּורים-שפּילער. עס האָט זיך געדארפט באקומען א מין פּורים-קארנאוואל. די דאָזיקע ארבעט האָט זיך פארצויגן אף כאדאָשים.

א ף א ן אָ ו נ ט פ ו ן ד י א י מ א ז ש י נ י ס ט ן. איינמאָל האָב איך דערזען א מעלדונג וועגן אן אָוונט פון די אימאזשיניסטן, אף וועלכן עס האָבן געדארפט לייענען זייערע לידער סערגיי יעסענין, מאריַענגאָף, שערשענעוויטש און אנדערע.

מיט גרויס מי האָב איך זיך דורכגעשטופּט אין זאל. א גוואלדיקער עולעם, מערסטנס יוגנט, האָט געטומלט, זיך געאמפּערט. איך האָב אָפּגעזוכט אן אָרט אין א נאָענטער רײ. שערשענעוויטשן, איווניעוון, מאריַענגאָפן האָט דער זאל אופגענומען מיט אפּלאָדיסמענטן און מיט א פּייַפעריַי. יעסענינען האָט מען באגעגנט פרייַנטלעך. עס איז געוואָרן גיך שטיל. ער האָט צוגעוואַרט א ווייַלע, אָנגעהויבן לייענען. דער זאל האָט איינהייַטלעך, אימפּולסיוו רעאגירט. לעבן מיר איז געזעסן א פרוי, אף וועלכער דאָס פארקומענדיקע אפן אָוונט האָט, ווי איך האָב באמערקט, געווירקט עמאָציאָנעל. ווען יעסענין האָט געלייענט, האָט זי גליקלעך געשייַנט. מיר האָבן זיך באקאנט. ארויסגייענדיק פונעם זאל, האָב איך שוין געוווּסט, אז די אלע, וועלכע זייַנען ארויסגעטראָטן און יעסענין בעסויכעם, זייַנען אירע נאָענטע פריַינט. מיך האָט זי אָנגענומען, לויט מייַן אויסזען, פאר א מענטשן פון איר סוויווע. כ'האָב איר געזאָגט, אז איך האָב א שייַכעס צו טעאטער, האָב ליב פּאָעזיע און דאָס הערן הייַנט יעסענינען האָט מיר פארשאפט גרויס פארגעניגן.

מייַן נייַע באקאנטע האָט אָנגערופן איר נאָמען: מאלווינע מיראָנאָווּנא מאריאמאָווא. מיר זייַנען געגאנגען איבער די בולווארן. זי האָט מיר דערציילט, אז יעדן דאָנערשטיק קלייַבן זיך צונויף בא איר פּאָעטן. אָט וועלן דעם קומענדיקן דאָנערשטיק זייַן די אלע, וועלכע זייַנען הייַנט ארויסגעטראָטן. מיר זייַנען צוגעגאנגען צום הויז נומ. 8 אף קליין-דמיטראָווקע (איצט טשעכאָוו-גאס). זי זאָגט:

— אָט דאָ וווין איך, — און לאדט מיך אייַן דעם קומענדיקן דאָנערשטיק קומען.

— איך בין ניט קיין דיכטער, — זאָג איך, — קיין אייגענע לידער האָב איך ניט. ווען-ניט-ווען לייען איך פאָר לידער פון ייִדישע דיכטער, בלויז אף ייִדיש. אָט, לעמאָשל, דאָוויד האָפשטיינען... איר האָט געהערט אזא נאָמען?

— אויסגעצייכנט! — ענטפערט זי. — יעסענין האלט שטארק פון האָפשטיינען. קומט אומבאדינגט.

דעם קומענדיקן דאָנערשטיק בין איך מיט ציטער און הארצקלאפּעניש אריַין אין דעם הויף, זיך אופגעהויבן אפן פינפטן שטאָק. די טיר איז אָפן, מע גייט אריַין, היימיש באגריסט מען זיך, צוערשט שטייט מען אין קאָרידאָר, מע רייכערט, מע רעדט. מיך האָט דער ערשטער באגעגנט א הויכער מענטש מיט א בלאָנד-גראָוולעך בערדל. שפּעטער האָב איך שוין געוווּסט, אז דאָס איז דער דיכטער איוואן רוקאווישניקאָוו. עס זייַנען געקומען שערשענעוויטש, איווניעוו, מאריַענגאָף מיט יעסענינען. פונעם צימער האָט מען ארויסגעטראָגן דעם טיש, די בענקלעך און אויסגעשפּרייט אף דער פּאָדלאָגע א גרויסן טעפּיך, אף אים — א טישטעך און צעשטעלט פלעשער מיט געטראנקען און פארבייַסעכצן... מע האָט זיך צעזעצט אזוי אפן טעפּיך, גערעדט, זיך געווערטלט. די באלעבאָסטע מאלווינע מיראָנאָווּנא איז ניט געזעסן אף אן אָרט, געווען צווישן אלעמען, קיינעם פון אויג ניט ארויסגעלאָזט, פאר יעדן

געהאַט וואָס צו זאָגן. זי האָט זיך אָפּגעקערעוועט אין א זײַט, און מיטאמאָל איז איר קאָפּ שוין געווען איבערגעבונדן מיט א בלויען באַנט — א צייכן, אז מע קאָן שוין אָנהייבן לייענען לידער. איר פּאָנעם האָט געשײַנט. ס'איז געוואָרן שטיל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרלעזונג. געלייענט האָט מען נײַע, נאָך ניט געדרוקטע לידער. באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט יעסענינס לייענען. זײַן קאָל, זײַן פאָרלעזונג-מאַניר זײַנען געווען גאָר אַנדערע, איידער אפן אָוונט פון די אימאַזשיניסטן. הײַנט — די לידער... אַלעמען האָט באַהערשט א געהויבענע שטימונג.

שפּעטער, באַם טיי טרינקען, האָט געלייענט זײַנע לידער דער עלטסטער צווישן די בײַוועזנדע — איוואַן רוקאַווישניקאָוו. זײַנע בליק-עקספּראָמטן האָבן זייער אויסגענומען. צו מיר איז צוגעגאַנגען מאַלווינע מיראַנאָוונא און געזאָגט, אַז איצט וואָלט איך געדאַרפט איבערלייענען האָפּשטיינס לידער. איך האָב א ווײַלע שרעקעוודיק זיך געקווענקלט, נאָר זי האָט מיך באַרויִקט. כ'האָב מיטגעבראַכט מיט זיך א וואָרטערלעכע איבערזעצונג פון די לידער „אָקטאָבער" און „שטאָט", אויך דעם ייִדישן טעקסט מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן. דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעגעבן דער באַלעבאָסטע.

מאַלווינע מיראַנאָוונא רופט מיך אָן, זאָגט, אַז איך וועל פאַרלייענען צוויי לידער פונעם ייִדישן דיכטער דאַוויד האָפּשטיין. אָט איז די איבערזעצונג. זי לייענט פאָר, גיט איבער די פּאַפּירלעך.

כאָטש קיינער פון די פאַרזאַמלטע האָט ניט פאַרשטאַנען אַף ייִדיש, האָט מען דאָך געהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט.

ביז מע איז זיך צעגאַנגען, האָבן פיל פון מאַלווינע מאַריאַמאָוונעס געסט, ווי ס'האָט זיך געפּערט פון יאָרן, אַרײַנגעשריבן אין איר אַלבאָם א ליד, א שאַרפזיניקן עקספּראָמט, אָדער אַזוינס, וואָס איז אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט.

נאָך האַלבער נאַכט איז מען זיך צעגאַנגען: אונטערוועגס האָבן די נײַע באַקאַנטע מײַנע מיר דערציילט, אז מאַלווינע מאַריאַמאָוונא איז אַליין א פּאָעטעסע, האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע ביכלעך לידער. אין די פריִערדיקע יאָרן האָט זי געוווינט אין פּעטערבורג מיט איר מאַן. סײַ דאָרט, סײַ אין מאָסקווע איז בא איר געווען א ליטעראַרישער סאַלאָן.

א ס פּ ע ק ט אַ ק ל א י ן מ י י ע ר כ אָ ל ד ס ט ע אַ ט ע ר. אין מייערכאָלדס טעאַטער איז שוין עטלעכע כאַדאָשים געגאַנגען דער ספּעקטאַקל „גרויסמוטיקער האָרנטרעגער" — א פאַרס פונעם בעלגישן דראַמאַטורג פ. קראָמעלינק.

איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מייערכאָלדס טעאַטער. די פאָרשטעלונג דאַרף זיך באַלד אָנהייבן. איך האָב שוין געוווּסט, אַז בא מייערכאָלדן איז די בינע אָן אָפּענע, די ספּעקטאַקלען גייען אָן א פאָרהאַנג. די סצענע איז נאָך ניט באַלויכטן. אין דער טונקלקײַט, אין דער טיף, זעט זיך א הוילע ציגלענע וואַנט, הענגענדיקע שטריק, רעדלעך אַף איבערפירן דעקאָראַציעס, זײַטיקע טירן...

אין זאַל וואָרט פינצטער. באַלויכטן איז בלויז די בינע. אינדערמיט — א קוואַדראַטע קאָנסטרוקציע. עס באַווײַזן זיך די אַנטיילנעמער אין בלויע ספּעץ-קליידער, אָן קיין שום גרים: איגאָר אילינסקי און מאַריע באַבאַנאָוואַ. די קאָנסטרוקציע שטעלט פאָר א מיל מיט רעדער בא די זײַטן. די סיפּער-האַמײַסע פון דער פּיעסע איז אַזאַ: דער מילנער בריונאַ האָט לײַדנשאַפטלעך ליב זײַן פרוי סטעלע, פאַרפאָלגט זי מיט זײַן ליבע ביז בלינדן אייפערזוכט צו זײַנע פרײַנט, אויספּרוּוונדיק איר געטרײַשאַפט. סטעלע האַלט ניט אויס דעם ניסאָיען און פאַרלאָזט דעם מאַן, אָט דעם „גרויסמוטיקן האָרנטרעגער"...

די שוין דערמאָנטע סצענישע קאָנסטרוקציע, א געשאַפענע דורך דער דעמאָלט באַוווּסטער טעאַטראַלער קינסטלערן ל. ס. פּאָפּאָוואַ, האָט אַקטיוו מיטגעשפּילט אין אַלע דראַמאַטישע מאָמענטן פון דער האַנדלונג. די רעדער האָבן זיך געדרייט אין העסקעם מיט די איבערלעבונגען פון די העלדן. ווען דער מילנער—אילינסקי האָט בײַס די סצענעס פון אייפערזוכט זיך געטראָגן איבער די טרעפּ אַרויף-אַראָפּ, האָט זיך האַסטיק געדרייט די רויטע ראָד. די איבעריקע רעדער האָבן אויך געהאַט זייערע פונקציעס. דאָס האָט פאַרשטאַרקט דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט פונעם ספּעקטאַקל. וווּנדערלעך איז געווען די אַקטיאָרן-שפּיל. באַזונדערס האָט זיך פאַרגעדענקט באַבאַנאָוועס מילדער סצענישער כיין, איר וווּנדערבאַרע שטים, וואָס האָט פאַרקישעפט דעם צושויער. איגאָר אילינסקי האָט נאָך ביז דעם ספּעקטאַקל זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשיידענע ראָלן, נאָר די ראָל פונעם מילנער בריונאַ האָט איבערגעשטיגן די שוין געשפּילטע. גלענצנד זײַנען געווען די דיאַלאָגן פון אילינסקין מיט זײַן בינע-פּאַרטניאָר, דעם זייער באַגאַבטן אַקטיאָר זײַטשיקאָוו. דורכויס האָט זיך געפילט דער שעפערישער אָטעם פונעם גרויסן רעזשי-מײַסטער וסעוואָלאָד מייערכאָלד. זײַן נאָמען, זײַן טעאַטער האָבן גערעגט דעם אינטערעס סײַ פון זײַנע פאַרערער, סײַ פון זײַנע קעגנער. דאָס איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע „לינקע" טעאַטערס.

„די קישעפּמאכערן". א פריידיקע נײַס: אין די צײַטונגען און אַף די אפישן איז געמאָלדן, אז אין יידישן קאמער-טעאטער וועט באוויזן ווערן די פּרעמיערע פון דער „קישעפּ-מאכערן": מע איז יאָמטעוודיק-צופרידן, וואָס אין קעשענע ליגן בילעטן אַף דעם ערשטן ספּעקטאַקל. אז מע קומט אַרײַן אין פאַיע, זעט מען אַף דער וואנט א גרויסן פּאַנאָ, אָנגעמאָלט פון מארק שאגאַלן. קרומע הײַזער מיט אופגעהויבענע דעכער. ייִדן האוועון ארום אין דער לופטן...

דער פּאַרהאַנג צערוקט זיך. דער אָרקעסטער שפּילט דעם אַרײַנפיר — מוזיק פון אווראָם גאָלדפאדן אין אכראָנס באארבעטונג. אַף דער סצענע — פּאָפּולערע פּערסאָנאַזשן, אָבער אָנגעטאָן זײַנען זיי ניט ווי געוויינלעך. אויך די רייד, די באוועגונגען, די זשעסטן זײַנען באַנײַט. די שפּיל גייט האסטיק, דער ריטם — א וויבערירנדיקער. א דינאמישער סוזשעט גייט דורך אין דער קאָנסטרוקטיווער אויספורעמונג פונעם קינסטלער איסאַק ראבינאָוויטש. די צעוואָרפענע שטיבלעך איבער דער בינע, דער שטעטלדיקער מארק — אַלץ טראָגט זיך דורך, ווי א וויכער. דער צושויער איז פארבלענדט פון דער שפּיל אין ערשטן אקט.

בייסן אנטראקט, ווי נאָר מע איז ארויס פונעם זאַל, האָט מען מיט היץ באהאנדלט דאָס נאַרוואַס געזעענע אַף דער בינע. מע איז געשטאַנען אין רעדלעך, ארומגעגאנגען איבערן זאַל, געזעסן בא די טישלעך אין בופעט, זיך געאמפּערט, פארגלײַכט די איצטיקע „קישעפּ-מאכערן" מיט יענער, וועלכע מע האָט געזען אין ייִדישן טעאטער מיט יאָרן צוריק.

נאָכן ערשטן אנטראקט האָט מען געקוקט די אנדערע אקטן מיט דעם זעלבן אינטערעס און היספּײַלעס. די מערהײַט צושויער האָבן זיך מאמעש געבאָדן אין פארגעניגן, זעענדיק זוסקינען אין דער ראָל פון דער קישעפּמאַ-כערן. ווער פון די אמאָליקע טעאטראַלן האָט געזען אזא באָבע יאכנע, ווי זוסקין האָט באוויזן? פון אָט דער ראָל האָט ארויסגעשפּראָצט דער גרויסער טאַלאַנט פון דעם יונגן אקטיאָר, וועלכער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אזוי באליבט געוואָרן בא אַלעמען. ווען בייס דער מארק-סצענע האָט מיכאָעלס זיך באוויזן אין האָצמאכס ראָל, זינגענדיק די באקאנטע לידער, האָט ער פארכאַפּט דעם גאנצן זאַל.

מיר, א גרופּע סטודיאַנטן פון דער „שאָלעם-אַלייכעם-סטודיע", האָבן מיט גרויס האנאָע געקוקט דעם ספּעקטאַקל, אָבער געהאַט אונדזער מיינונג. די פּרעטענזיעס זײַנען געווען אדרעסירט דעם רעזשיסער און ניט די אַרטיסטן. מיר זײַנען שוין צוגעווינט געווען צו אונדזער רעאַליסטישער ריכטונג, וועלכע איז ניט צונויפגעפאלן מיט גראנאָווסקיס אָנשווינגען. אָבער אינגאנצן גענומען האָט דער רעזשיסער ריכטיק אויסגעטײַטשט זײַן „קישעפּ-מאכערן" ווי א בופאָנאַדע, א פאָלקס-שפּיל. די גראָטעסק-מיטלען זײַנען דאָ געווען אין טאָך באַרעכטיקט. אָט דער ערשטער מוזיקאלער ספּעקטאַקל האָט גלײַך געוווּנען די טיפע סימפּאַטיע פונעם צושויער.

זשיטאָמירסקיס טעאטער האָט אינגיכן באוויזן זײַן אייגענע „קישעפּמאכערן". אין קליינעם זאַל פונעם טעאַטער „סלאָוויאנסקי באזאר" זײַנען געווען א סאך לײדיקע ערטער. איך בין געקומען אַף דער פאָרשטעלונג מיט אייניקע מײַנע כאווירים פון דער סטודיע. און דאָ יאָוועון זיך אַרײַן דאָברושין, זוסקין, שידלאָ, ראָם, שטיימאַן. מיר זײַנען געזעסן אין איין רײ, געוואַרט לאַנג אָפּן אָנהייב. א קליינער אָרקעסטער שפּילט א געמיש פון באקאנטע מאָטיוון. דער פּאַרהאַנג צערוקט זיך, — די דעקאָראַציעס אזעלכע, וואָס ווערן געניצט אין וועלכן ספּעקטאַקל איר ווילט. די אקטיאָרן האָבן געשפּילט, זיך געסטאַרעט. זיי האָבן געוווּסט, ווער עס זיצט אין זאַל, אויסער זייער אייגענעם „פּובליקום". דער אינטערעס צו אָט דעם טעאטער איז גיך געוואָרן אָפּגעקילט. אזוי טאקע האָבן זיך די גאסטראָלן פון זשיטאָמירסקיס טרופּע אין מאָסקווע פארענדיקט. זי האָט שפּעטער מערסטנטייל געוואנדערט איבער אנדערע שטעט.

„דער דיבעק" אין „האבימא".
שוין מער פון צוויי כאדאָשים ווי איך לעב אין מאָסקווע, און כ'בין נאָך ניט געווען אין „האבימא", ניט געזען דעם „דיבעק". אָנגעהערט זיך א סאך וועגן אָט דעם טעאטער, וועגן דעם ספּעקטאַקל, בין איך געקומען אין זאַל ווי אַף א יאָמטעוו.

דער טעאטער „האבימא" האָט זיך געפונען אין קיסלאָווסקי-געסל, נאָענט בא דער הערצען-גאַס, אין א באזונדער מין טעאטער-זאַל, וועלכער איז פארבליבן נאָך פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט. ס'האָט אים אויסגעבויט דער רײַכער הויז-אייגנטימער סעקרעטאַרעוו אלס א היימישן טעאטער אינגאנצן אַף הונדערט ערטער.

אין פאַיע אַף די ווענט זײַנען געהאנגען פּאָרטרעטן פון לונאטשארסקין, מאקסים גאָרקין, שאַליאַפּינען, סטאַניסלאַווסקין. איך האָב זיך דערמאָנט, אז אין קיעוו, נאָך אין 1916, בין איך געווען אַף אן אָוונט פון ש. אן-סקין, אַף וועלכן ער האָט דערציילט וועגן זײַן פאָלקלאָר-זאמלונג און באזונדערס — די לעגענדע וועגן דעם „דיבעק". ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אָנגעשריבן די פּיעסע אַף רוסיש, זי געלייענט אין מאָסקווע ק. סטאַני-

סלאָווסקין. שפּעטער האָט ער אָפּסניי זי אָנגעשריבן אין ייִדיש און אין 1919 געלייענט פאַר א גרופּע ליטעראַטן, געזעלשאַפטלעכע טוער אין ווילנע. די פּיעסע איז ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. מע האָט קריטיקירט דעם מיסטיש-רעליגיעזן אינהאַלט פון דער עצעם לעגענדע. אַנ-סקי האָט דערווידערט. ער האָט געזאָגט, אַז פאָלקלאָר און קליי-קוידעש זײַנען צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן. אין דער לעגענדע באַזיגט די ליבע דאָס גאָלד און זילבער. ס׳טרעט אַרויס דער פאָלקס-מענטש אינעם געשטאַלט פון דעם צדיק אין א פּויערשן טוזליק, אַרומגעגאַרטלט מיט א שטריק. ער כּויזעקט פון די צדיקים אין די גילדענע פאַנטאָפל. אידעאָלאָגיש גענומען, איז דאָס רעוואָליוציאָנער. דאָס גאַנצע געשטאַלט פונעם הויפּט-העלד כאַנאַן איז געבונדן מיט רעוואָליוציע. כאַנאַן שטרעבט צו גוטן, וויל דערגרייכן דעם קלאָרן, שטראַלנדיקן עמעס, גייענדיק מיט ניט הייליקע וועגן. ער איז פון די, וואָס זוכן נײַע וועגן.

אַזוי האָט אַנ-סקי דערקלערט דעם טאָך, די אידיי פונעם „דיבעק“.

„די ווילנער טרופּע“ האָט געשטעלט דעם „דיבעק“ צו שלוישים נאָך אַנ-סקיס טויט, אין וואַרשע סאָף 1920. דער ספּעקטאַקל האָט געהאַט א קאָלאָסאַלן דערפאָלג. ער איז געגאַנגען אָן איבעררײַס פיל מאָל אין סאָף יאָר און אינעם נײַעם יאָר אין וואַרשע, לאָדזש... און אָט איצט וועלן מיר זען „דעם דיבעק“ אין „האבימא“.

ביז עס צערוקט זיך דער פאָרהאַנג, שפּילט שוין דער אָרקעסטער די אַרײַנפיר-מוזיק צום ערשטן אַקט, וועלכע ס׳האָט אָנגעשריבן יו. ענגעל. עס גייט די באַטלאָנים-סצענע אין אַלטן בעסמעדרעש. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט דעם רעבנס בעסמעדרעש פון מײַן קינדהייט אין מײַן שטעטל, דאָ איז אָבער נאַטאַן אַלטמאַנס דעקאָראַציע. כ׳בין שוין, ווי אַלע אין זאַל, פאַרכאַפּט פון דער דראַמאַטישער אָנרעגונג. אָט קומט דער מעשולעך, עס הייבט זיך אָן זײַן מאָנאָלאָג. די מערהייט צושויער האָט ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון די פּערסאָנאַזשן, דאָך האָט מען אָבער אָנגעשטרענגט נאָכגעשפּירט נאָך דער סצענישער האַנדלונג, נאָכן ריטם פונעם סוזשעט, וואָס איז פאַרהוילט אין א מיסטישן עקסטאַז. כ׳בין געוואָרן מיטגעריסן פון די דראַמאַטישע סצענעס אין אָנהייב ספּעקטאַקל, געזען לעבעדיקע געשטאַלטן פון אַן אַנדער וועלט.

אָן אָוונט אין דער סטודיע „קולטור-ליגע“. רעדנדיק וועגן דער דראַמאַטישער סטודיע „קולטור-ליגע“, איז נייטיק קוידעמקאָל אָפּמערקן די ראָל פון עפראַיִם ליטערן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער סטודיע אין קיִעוו אין 1919. פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין פאַרבונדן מיט איר זײַן גוירל אויף יאָרן. זײַן גרויסער פאַרדינסט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צוגעצויגן די אָנגעזעענסטע סצענישע טוער, פּעדאַגאָגן, רעזשיסערן צו דער אַרבעט מיט אָט דעם קאָלעקטיוו. מיט זײַן גאַנצער ענערגיע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן האָט ער אין די שווערע באַדינגונגען פונעם בירגערקריג זיך באַמיט צו באַזאָרגן אויך די מאַטעריעלע באַדערפענישן פון די סטודיאַנטן.

ניט איבערצושאַצן איז די גרויסע מי פון ליטערן באַם אַריבערפירן די סטודיע פון קיִעוו קיין מאָסקווע. אין מעשעך פונעם יאָר, זינט די סטודיע „קולטור-ליגע“ האָט זיך געפונען אין מאָסקווע, האָט ליטער געשאַפן פאַרן קאָלעקטיוו די געהעריקע באַדינגונגען אויף צו פאַרפולקומען די סצענישע קונסט, אויסבילדן דעם געהעריקן אַקטיאָרן-באַשטאַנד פאַר א נײַעם סאָוועטישן ייִדישן טעאַטער אין אוקראַיִנע.

דער אָוונט אין דער סטודיע איז געווען א פאַרמאַכטער, פאַר אײַנגעלאַדענע, זי האָט אים אײַנגעאָרדנט טאַקע באַ זיך אויף קוזנעצקי מאָסט, אין דער געבײַדע פון א געוועזענעם גרויסן מאַגאַזין, וווּ די סטודיאַנטן האָבן רעפּעטירט. אין דעם קליינעם זאַל האָבן זיך געמיטלעך געפילט די געסט — אַרטיסטן פונעם ייִדישן קאַמער-טעאַטער, פון „האבימא“, ווי אויך ייִדישע שרײַבער, קולטור-טוער. עפראַיִם ליטער האָט זייער געלונגען געפירט די פּראָגראַם, וועלכע איז באַשטאַנען פון שאַרפזיניקע סצענעס-פּאַראָדיעס אויף אייניקע ספּעקטאַקלען פון דעם קאַמער-טעאַטער און פון „האבימא“, אויף שרײַבער, באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן. געווען זײַנען אויך וואָקאַלע און פּלאַסטישע נומערן.

אָפּגעענטפערט אויף די פּאַראָדיעס האָבן די געסט מיט סצענקעס, עקספּראָמט-פּאַראָדיעס, סצענישע שפּיצלעך. עס האָבן זיך אויסגעטיילט מיכאָעלס, זוסקין, וואַרדי פון „האבימא“.

אַן אויסערגעוויינלעך היימיש-אינטימער, פרײלעכער אָוונט איז דאָס געווען...

מאַלאַכאָווקער קינדער-קאָלאָניע. וועגן דער מאַלאַכאָווקער ייִדישער קינדער-קאָלאָניע און איר אָנפירער באָרעך שוואַרצמאַן האָב איך געהערט נאָך איידער כ׳בין געקומען קיין מאָסקווע. באָרעך שוואַרצמאַנען האָט מען אין די קיִעווער ייִדישע קולטור-קרײַזן געקענט אַלס דעם אָרגאַניזאַטאָר און פּעדאַגאָג פון דער דעמיִעווקער שול, וועלכע האָט עקזיסטירט ביז דער רעוואָליוציע אויף פּריוואַטע מיטלען. אין 1919 איז ער געקומען

קיין מאָסקווע און אָרגאַניזירט די מאַלאַכאָווקער קינדער-קאָלאָניע. ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן פון אָנהייב אָן צעמענטירן אַ גרופּע לערער-דערציִער, טיף אידייִשע, טרײַע דעם פּרינציפּ אויסצוזוכן נײַע, סאָוועטישע פֿאָרמען פון דערציִונג און בילדונג. אַ גרויסע באַדײַטונג האָט געהאַט דאָס אַנטפּלעקן בײַ די קינדער די אײַנגעבוירענע נייגונגען צו מאָלערײַ, מוזיק, ליטעראַטור, טעאַטער-שפּיל.

דער יונגער מאַרק שאַגאַל האָט אין דער קאָלאָניע געלערנט די קינדער מאָלערײַ. ער האָט געלעבט צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן, ווי אַלע לערער-דערציִער, געאַרבעט דאָרט אין זײַן אַטעליע, וווהין עס פֿלעגן אָפט קומען די קינדער.

דער באַוווּסטער קאָמפּאָזיטאָר יולי ענגעל האָט מיט גרויס ליבע און איבערגעגעבנקייט געפֿירט זײַן מוזיקאַלע פּעדאַגאָגישע אַרבעט. ער האָט געשאַפֿן ספּעציִעלע מוזיק צו לידער פֿאַרן כאָר, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפֿירט.

אין ערשטן פֿרילינג-כוידעש פֿון 1923 האָט די צײַטונג „פּראַוודאַ“ געמאָלדן אַ קאָנקורס אַפֿן בעסטן לערער אין לאַנד און זיך געווענדט צו די קאָרעספּאָנדענטן, זיי זאָלן שרײַבן אַף פּעדאַגאָגישע טעמעס. אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען אין אַ ספּעציִעלער רובריק פֿון דער צײַטונג. איינמאָל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל פֿונעם שרײַבער מוישע טײַטש וועגן דער מאַלאַכאָווקער ייִדישער קינדער-קאָלאָניע. ער האָט דערציילט וועגן דעם ספּעציפֿישן, וואָס עס איז פֿאַראַן אין איר אַרבעט, און באַזונדערס וועגן דער מעטאָדיק אין דער טעטיקײַט פֿון איר אָנפֿירער באַרעך שוואַרצמאַן.

אַף אָ פּ רו אין שטעטל. אין יול-כוידעש האָב איך באַקומען אורלויב און בין אוועקגעפֿאָרן צו זיך אין שטעטל אַף אָפּרו. קאָראַסטישעוו האָט פֿון קאַמע יאָרן געשעמט פֿאַר אַ דאַטשע-אָרט, אַ מין קוראָרט, באַזונדערס פֿאַר שווינדזוכטיקע. דער סאַסנאָוואָער וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַף יענער זײַט בריק און געצויגן זיך לענגויס דעם שאָסיי-וועג ביז קיִעוו. דערצו נאָך דער טײַך טעטערעוו! זײַנע וואַסערן זײַנען געלאָפֿן פֿון זשיטאָמיר, זיך געשלענגלט פֿאַרבײַ דערפֿער און וועלדער, פֿאַרבײַ ראַדאָמיסל, און ווײַטער אַרײַנגעפֿאַלן אין דניעפּער.

אין אַ מיטנוואָך-טאָג בין איך געקומען אין שטעטל. אַפֿן מאַרק-פּלאַץ, בײַ די אַמאָליקע קלייטן האָבן באַקאַנטע און ניט-באַקאַנטע ייִדן מיך באַגעגנט מיט אַ שאָלעם-אַלייכעם, מיט אַ „וואָס מאַכט מען?“, און באַלד: „וויִאַזוי לעבט זיך אין דער וועלט?“, „וואָס שמועסט מען עפּעס אין מאָסקווע?“. דאָס שטעטל האָט געוואָלט הערן פֿרישע נײַס. קיין ראַדיִאָ איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, צײַטונגען פֿלעגן דערגיין אַפֿן פֿערטן-פֿינפֿטן טאָג.

אין גאַס פֿלעגט זיך צונויפֿקלײַבן אַרום מיר אַ רעדל, מע האָט געוואַרט, וואָס איך וועל דערציילן. כוץ דעם, האָט מען באַקוקט מײַן זומערדיקע האַלבאַשע — דעם העלן אָנצוג, די ווײַסע שיך, די ווײַסע פּאַנאַמע: „שאַבעסדיק אויסגעפּוצט אײַנמיטן דער וואָך!“. דערנאָך, פֿאַרשטייט זיך, האָט מען זיך צוגעווינט צו דעם פֿון מאָסקווע אַראָפּגעקומענעם לאַנדסמאַן...

די ערשטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אויסשטעלונג. אין דער צווייטער העלפֿט פֿון אווגוסט 1923 האָב איך זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע. אין די צײַטונגען האָט מען געשריבן, אַז דעם נאָענטן זונטיק וועט פֿײַערלעך געעפֿנט ווערן די ערשטע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אויסשטעלונג. ס'האָט געדאַרפֿט זײַן אַ גרויסער יאָמטעוו, און איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אַף אים.

זונטיק גאַנצפֿרי בין איך צוזאַמען מיט מײַנע כאַווײרים אַוועק אַף דער אויסשטעלונג אין דעם פּאַרק פֿאַר קולטור און אָפּרו אַף מ. גאָרקיס נאָמען. מיר האָבן געמיינט זײַן די ערשטע, נאָר דאָרט איז שוין געווען אַ גרויסער אוילעם. ס'האָבן געשפּילט אָרקעסטערס. אַלע זײַנען געגאַנגען צום פּלאַץ, ווו עס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען די פֿײַערלעכע עפֿענונג.

די טריבונע אַפֿן גרויסן פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט מיט פֿויערים, מיטגלידער פֿון די ערשטע קאָמונעס. מיר זײַנען געשטאַנען נאָענט, אַלץ געזען און געהערט. דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן דער פּאַרזיצער פֿון וציק מ. קאַלינין, נאָך אים — דער פֿאָלקס-קאָמיסאַר פֿאַר ערדאַרבעט ל. קראַסין און ס. בודיאָני. קיין ראַדיִאָ-הויכריידערס זײַנען דעמאָלט ניט געווען, נאָר דאָס לײַכטע ווינטל האָט צעטראָגן די ווערטער פֿון די רעדנער.

דערנאָך זײַנען מיר געגאַנגען באַקוקן די אויסשטעלונג. מיר זײַנען מיטאָמאָל שטיין געבליבן פֿאַרכידעשט: פֿאַר אונדזערע אויגן האָט זיך געשפּרייט אַ גאַנץ דאָרף — הײַזער, שטאַלן, אינווענטאַר, פֿערד, בעהיימעס — אַלץ, וואָס עס איז פֿאַראַן און דאַרף זײַן אין אַ דאָרפֿישער באַלעבאַטישקײַט. די אײַנוווינער פֿון אָט דעם אימפּראָוויזירטן דאָרף זײַנען דאָרט אַרומגעגאַנגען ווי בײַ זיך אינדערהיים. די באַזוכער האָבן געקאָנט באַקומען אַ באַגריף וועגן אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָמונע, ווי אויך וועגן אַ מוסטערהאַפֿטער אינדיווידועלער ווירטשאַפֿט.

ווען מיר זײַנען אַוועק ווײַטער, האָבן מיר דערזען... אַ ייִדיש דאָרף. בערדיקע ייִדן צווישן

דאָרפישע הײַזער און ווירטשאַפטלעכע געבײַדעס. ס'איז באַוויזן געוואָרן דאָס לעבן פון די אײַנוווינער אין די אַלטע כערסאָנער ייִדישע קאָלאָניעס. דאָרט האָבן מיר זיך פאַרהאַטן, געשמועסט, אויסגעפרעגט. עס זײַנען עקספּאָנירט געוואָרן נאַטירלעכע פּראָדוקטן, וועלכע ס'כאָווען אויס די פויערים אַף די פעלדער און גערטנער, און אויך פריש ברויט, ערשט אַרויסגענומען פונעם אויוון. מע האָט אונדז מעכאַבעד געווען מיט די פרוכטן פון דער פויערישער מי.

ענדערונגען אין דער שאָלעם-אַלייכעם-סטודיע. בא אונדז אין דער טעאַטער-סטודיע אַף שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען האָט זיך שוין אַ שטיק צײַט געפירט אַ דיסקוסיע. די גרופּע אַקטיאָרן מיט סאַרע פּיביך אין דער שפּיץ האָט געטײַנעט, אַז ס'איז שוין צײַט אופהערן „זיך לערנען שפּילן טעאַטער": פאַראַן שוין קימאַט אַ גרייטער ספּעקטאַקל — „די גאָלדגרעבער", דאַרף מען אַרויספאָרן מיט אים אין דער פּראָווינץ, ווי עס טוט אַן עכט-פּראָפעסיאָנעלער קאָלעקטיוו. די מערהײַט אָבער איז געווען קעגן: ס'איז נאָך פרי. אַנדריי סאָבאָל, דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג, אַ באַוווּסטער אין יענער צײַט רוסישער שריפטשטעלער, האָט איבער פּערזענלעכע אומשטענדן פאַרלאָזט די סטודיע. פּונקט אין יענע טעג האָבן מיר זיך געטראָפן מיט דאָוויד האָפשטיינען און אים פאָרגעלייגט ווערן בא אונדז דער אָנפירער. האָפשטיין האָט געגעבן די האַסקאָמע, באַקומען אַ צימער בא דער סטודיע און איז געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער און קינסטלערישער אָנפירער. ער האָט מיט פלײַס זיך אַרײַנגעטאָן אין די איניאָנים. די סטודיאַנטן האָבן זיך גיך צוגעבונדן צו אים. אָפט פלעגט מען נאָך אַ לימעד, שטייענדיק אַרום האָפשטיינען, שמועסן דעריקער וועגן פּאָעזיע. איינמאָל האָט אַ סטודיאַנט אים אַ פרעג געטאָן, וויאַזוי קאָן אַ פּאָעט זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, האָט ער געענטפערט:

— אַ דיכטער איז דאָך אין טאָך אַן אָרגאַניזאַטאָר! יעדע פּראָזע, יעדע סטראָפע, יעדעס וואָרט האָט די נייטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם. ווי אַנדערש?..

אַ טיפע פרײַנטשאַפט האָט זיך פאַרקניפּט צווישן דאָוויד האָפשטיינען און אונדזער רעזשיסער, דעם שפּעטער באַרימטן סאָוועטישן קינאָ-טוער גריגאָרי ראָשאַל.

יוסעף קונין, איינער פון די גרינדער פון דער קיִעווער טעאַטער-סטודיע „קולטור-ליגע", אַ פיליאָריקער לערער פון דיקציע און דעקלאַמאַציע, האָט אָנגעהויבן אין דער שאָלעם-אַלייכעם-סטודיע זײַנע לימודים מיט עטלעכע כאָדאָשים איידער ס'איז אָנגעקומען האָפשטיין. זיי זײַנען געווען אַלטע גוטע-פרײַנט פון קיִעוו נאָך. קונין האָט געפירט זײַנע לימודים לויטן אַלטן מעטאָד — איבונגען איבער באַזונדערע קלאַנגען, פראַזן, ווערטער.

— פרוווט איבערכאַזערן, — פלעגט ער זאָגן, — דאָס ווערטל „פאָרצעלײַענע טעלערלעך". שנעלער, שנעלער, פרוווט ניט פאַרשלינגען די קלאַנגען.

האָפשטיין, זיצנדיק דערבײַ, פלעגט אויך זיך אַרײַנטאָן אין די איבונגען:

זיצן, זיצן זיבן ווײַבער,
פלוידערן פיר,
רעדן דרײַ נאָר...

אָדער:

זיך אָפּגעקעלבט די רויטע קו...

אָדער:

פאָרן פורן, פירן פעדערן...

קונין האָט מיט פּראָפעסאָרישער ערנסטקײַט ניט דערווידערט קעגן די קאַלאַמבורן. ער איז געווען צופרידן, ווען די לימודים גייען דורך לעבהאַפט.

ביכלאַל איז ער געווען אַן אָריגינעלע, קאָלאָריטפולע פּערזענלעכקײַט. אַ קוואַדראַט-געשוירן, רויט-געלבלעך אַשוריש בערדל. גערעדט האָט ער מיט געקליבענע האַרט-געשליפענע ווערטער, וואָגיקע, אָפּגעציילטע, און אַרויסברענגען פלעגט ער זיי ניט געאײַלט. געהערט האָט מען אים מיט דערעכערעץ. זײַן ייִדיש-רעדן איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן נאַטירלעכער אַדאַנק דער היפּשער ייִדישער קולטור-סוויווע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, און אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

דער „קאָמעדיאַנטן-קאַרנאַוואַל". די טעאַטראַלע סטודיע אַף שאָלעם-אַלייכעמס נאָמען האָט זיך געפונען בישכיינעס, אַף דער זעלבער גאַס, מיטן ייִדישן קאַמער-טעאַטער. ווען עס האָט זיך געמאַכט אַ פרײַע שאָ, פלעג איך זיך אַרײַנכאַפּן אין טעאַטער צווישן די אַנטראַקטן אַף אַן אַקט און אַמאָל זיצן ביזן סאָף. ס'איז געווען עכטע קונסט.

איינמאָל, זײַענדיק נאָך אַ ספּעקטאַקל הינטער די קוליסן, האָב איך געזען, אַז מע גרייט זיך צו אַ רעפּעטיציע (גראַנאָווסקי פלעגט דעריקער רעפּעטירן נאָך האַלבער נאַכט). איך האָב זיך פאַרקליבן אָפּן באַלקאָן, שטיל, אין דער פינצטער געקוקט, ווי מע גרייט די נײַע פּראָגראַם, און בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער

רעפּעטיציע... וואָס וועט שוין זײַן אױף דער פאַרשטעלונג אַליין?..

מיר האָבן זיך דערוואַרט אױפן נײַעם ספּעקטאַקל — „קאָמעדיאַנטן-קאַרנאַוואַל”, א פאַרשטעלונג אָן אַן אינטריגע, אָן א סוזשעט, ס'איז געווען א פאָלקס-שפּיל מיט קאָמעדיאַנטישע קונץ-שטיק, שאַרזשן, לידער, טענץ, געזאַנג.

אָנגענעם איז געווען צו זען אין א נײַעם שפּילעוודיקן געמישטן זשאַנער אונדזערע גוט באַקאַנטע אַקטיאָרן-קאָמעדיאַנטן, ליבע ראָם האָט גלאַנצנדיק געזונגען די גאַסן-לידער. מיט איר אינטאָנאַציע, מימיק, אויסשפּראַך האָט זי פאַרגלעט דאָס וווּלגאַרע אין די גאַסן-לידער, זיי דערהויבן צו נאַיווער פאָלקסטימלעכקײַט.

צום שלוס איז געגאַנגען דער שאַרזש „די כסידישע מאַרסעליעזע” אין דער אויספירונג פונעם אַנסאַמבל מיט ש. מיכאָעלסן בעראָש:

מ י כ אָ ע ל ס: אַטרעטשאַמסיא-אַט סטאַראַוואַ מירא...

כ אָ ר: דאַ!

מ י כ אָ ע ל ס: נאַכאַמאַל און נאַכאַמאַל, אַטרעטשאַמסיא!

כ אָ ר: אײַ, אײַ, אײַ, אַטרעטשאַמסי-א-א!

מ י כ אָ ע ל ס: נאַם ניע נאַדאַ זלאַטאַוואַ קומירא...

כ אָ ר: ניעט!

מ י כ אָ ע ל ס: נאַכאַמאַל און נאַכאַמאַל, נאַם ניע נאַדאַ!

כ אָ ר: אײַ, אײַ, אײַ, נאַם ניע נאַ-א-דאַ!

און אַזוי ווײַטער אין וואַריאַציעס, אין א פריילעכן טאַנץ.

אַזוי האָט אויסגעזען דער ספּעקטאַקל, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין א נײַער פאָרם — אין „קליינקונסט”.

„ד ר ײַ פ י נ ט ע ל ע ך”. דער מאָסקווער ייִדישער קאַמער-טעאַטער האָט באַוויזן זײַן פּרעמיערע די „דרײַ פּינטעלעך”, אויך א ספּעקטאַקל פון לײַכטער פאָרם, דאָס הייסט — „קליינקונסט”. דאָס איז א ספּעקטאַקל פון דרײַ באַזונדערע איינאַקטערס. יעדעס „פּינטעלע” איז א שאַרפע סאַטירע אױפן אַלטן ייִדישן טעאַטער, אױף זײַן רעפּערטואַר און אויך אױפן צושויער זײַנעם — „דעם ליבן פּובליקום”: א גרויסער טייל אוילעם אין זאַל האָט גלײַך דערפילט דעם שאַרזש באַם אויספילן די לידער און טענץ, מע האָט געלאַכט, האַנאָע געהאַט פון דעם, ווי עס זײַנען באַוויזן די אומפאַרגעסלעכע מאַטיוון — שטייגערישע און פאָלקסטימלעכע. אין דער ראָל פונעם ייִדישן טעאַטראַלן „פּרינץ” האָט בינימין זוסקין געשאַפן אַן אויסגעצייכנט פּאַראָדיע-געשטאַלט.

דאָס צווייטע „פּינטעלע ייִד” — אויך א פּאַראָדיע, נאָר שוין אױפן אַמעריקאַנער ייִדישן טעאַטער, אױף דער פּיעסע „סאַרע וויל א נעגער”. די הויפּט-ראָל האָט געשפּילט ל. ראָם און דעם נעגער — זוסקין (שפּעטער ווײַזט זיך לויטן סוזשעט אַרויס, אַז דער נעגער איז גאָר א ייִד...). א גלענצנדיקע פּאַראָדיע!

דאָס דריטע פּינטעלע „א נאַכט באַם רעבן” האָט אַדאַנק דער אָפּגעהיטער סאַטירע-טראַדיציע זיך דערהויבן צו א סצענישן שעדעווער פון קינסטלערישן כסידישן פאָלקלאָר. דער אָרקעסטער הייבט אָן שפּילן, דער פאָרהאַנג צערוקט זיך. אינמיטן פון דער בינע זיצט דער רעבע, באַ די זײַטן — די כסידים. דער רעבע (קראַשינסקי), א קליינינקער, קוים אָנזיכטיקער אין זײַן גרויסן שטרײַמל, קערעוועט דעם קאָפּ אין ביידע זײַטן צו די כסידים, און זיי זינגען, טאַנצנדיק אין טאַקט מיט די ניגונים כסידישע טענץ. איינעם פון די כסידים שפּילט מיכאָעלס. ער דערציילט סאַטיריש-כסידישע אַנעקדאָטן, באַגלייטנדיק זיי מיט כאַראַקטעריסטישע זשעסטן.

דער צושויער איז געווען פאַרכאַפּט. די פאָלקס-מאָטיוון האָבן אין לייב פּולווערס מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג א בליק געטאָן מיט עכטער קונסט.

דאָס דריטע „פּינטעלע” איז געווען די העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונג אין אָט דער טעאַטראַלער פאַרשטעלונג. ווי מע האָט ניט געדענקט די גוט-באַקאַנטע ניגונים און טענץ, האָט מען זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן נאָכאַמאָל צו קוקן אָט דאָס „פּינטעלע”, זען די שפּיל, די טענץ, הערן די פאָלקס-מײַסעס, די וווּנדערלעכע מוזיק.

דער ספּעקטאַקל איז א לאַנגע צײַט ניט אַראָפּ פון רעפּערטואַר. אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען די ערשטע צוויי „פּינטעלעך”—„פליאַסקאַ דריגאַ” און „סאַרע וויל א נעגער” פאַרביטן געוואָרן מיט שאָלעם-אַלייכעמס צוויי איינאַקטערס. מ'האָט איבערגעלאָזט בלויז „א נאַכט באַם רעבן”, און די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען מיט דעם זעלבן דערפאָלג, ווי אין די פריערדיקע יאָרן.

■ ■ ■

קורצע רעצענזיעס

פאַר פרײַנטשאַפט מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד

שוין העכער 40 יאָר עקזיסטירט די פרײַנט־שאַפט־באַוועגונג „ישׂראַ־על — סאָוועטנפאַרבאַנד". דאָס איז אַ פּראָגרעסיווע ישׂראַעלדיקע געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציע, וועל־כע טרעט אַרויס פאַר אַל־זײַטיק פאַרברייטערן און פאַרבעסערן די באַציִונגען צווישן די צוויי לענדער.

דעם 40־יאָריקן יובילײ פון דער פרײַנטשאַפט־באַ־וועגונג האָט געווידמעט איר בוך די באַוווּסטע ישׂ־ראַעלדיקע געזעלשאַפטלעכע טוערן, פאַרזיצער פון דער פעדעראַציע פון די דעמאָקראַטישע פרויען, מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטײ פון ישׂראַעל רות ליוביטש. אַ גרויסער פרײַנט פון אונדזער לאַנד, גײט ר. ליוביטש אַרײַן אין מעשעך פון פיל יאָרן אין באַשטאַנד פון פּרעזידיום פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט.

דער בוך דערציילט וועגן דער אויסבילדונג און וועגן דער טעטיקײַט פון דער פרײַנטשאַפט־באַווע־גונג „ישׂראַעל—סאָוועטנפאַרבאַנד", וועלכע האָט פאַר די פיר יאָרצענדליקער פון איר געשיכטע איי־בערגעלעבט ניט ווייניק קאָמפּליצירטע און ווידער־שפּרעכיקע געשעענישן.

וועגנדיק זיך צום ישׂראַעלדיקן לייענער, שרײַבט רות ליוביטש, אַז דער בוך איז אַדרעסירט דעם יונגן דאָר, וועלכער שטרעבט צו וויסן וואָס מער וועגן די אידעאַלן פון פעלקער־פרײַנטשאַפט און פרידלעכער קאָעקזיסטענץ און ספּעציִעל אין אָט דעם פאַל — וויאַזוי ס'איז געשאַפן געוואָרן די „ליגע V", וואָס האָט זיך מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט אין דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג. אינעם בוך איז געמאַכט גע־וואָרן אַ פּרוּוו אויפצוקלערן דעם לייענער די פּרינ־ציפּן פון דער פּאָליטיק פונעם לאַנד פון סאָציאַליזם אין נאָענטמיזרעכדיקן רעגיאָן און די סיבעס, פאַר־וואָס די באַציִונגען צווישן ישׂראַעל און דעם סאָ־וועטנפאַרבאַנד האָבן זיך די לעצטע יאָרן פאַרער־גערט. די עצעם עקזיסטענץ פון דער פרײַנטשאַפט־באַוועגונג זאָגט איידעס וועגן דעם טיפן גלויבן אין דעם, אַז אײַנשטעלן פעסטע, פרײַנטלעכע באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד איז אין די אינטערעסן פון דער ישׂראַעל־מעדינע און פון דעם ישׂראַעל־פאָלק.

די באַוועגונג פאַר פרײַנטשאַפט מיטן ראַטנפאַר־באַנד איז געבוירן געוואָרן אין פּאַלעסטינע אין אָנ־הייב פון די פערציקער יאָרן און איז אין איר אַנט־וויקלונג דורכגעגאַנגען עטלעכע עטאַפּן. איר ערשטע אָרגאַניזאַציע איז געווען די „ליגע V פאַר סאָוועטן־רוסלאַנד" (V איז דער ערשטער אָס פון דעם ענגלישן וואָרט Victory — ניצאָכן). די ליגע איז געשאַפן געוואָרן דעם 18־טן אָקטיאַבער 1941 אין כײַפע מיי־צאַד אַ גרופּע פּראָגרעסיווע יידישע אינטעלעקטואַלן. צווישן אירע גרינדער זײַנען געווען דער שרײַבער־אַנטיפאַשיסט אַרנאָלד צווייג און דער רעקטאָר פונעם כײַפער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט ש. קאַפּלאַנסקי.

אָן ערעך אין דער זעלבער צײַט האָבן אָן ענלעכע קערפּערשאַפט געשאַפן אין טעל־אָוויוו דער פּראָפע־סאָר דאַוויד שאַר, רות ליוביטש און אַנד. די טעל־אָוויווער גרופּע האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „געזעל־שאַפטלעכער קאָמיטעט פאַר הילף דער רויטער אַרמיי אין קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד".

דעם 2־טן מײַ 1942 איז פאָרגעקומען אַ געמיינ־זאַמער צוזאַמענפאָר פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן פאַרייניקן זיי און אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר דער באַוועגונג. די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציע האָט איבערגעלאָזט דעם נאָמען „ליגע V פאַר סאָוועטן־רוסלאַנד". אין איר פּראָגראַם איז אָפּגעמערקט געוואָרן:

1. די ליגע איז אַן אומפּאַרטייִשע אָרגאַניזאַציע.

2. איר ציל איז — הילף דעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

3. די ליגע איז באַרופן מיטווירקן, עס זאָלן דער־גרייכט ווערן קעגנזײַטיקע פרײַנטלעכע קאָנטאַקטן צווישן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע.

אין אויגוסט 1942, אויף איר ערשטן צוזאַמענפאָר, האָט די ליגע אָנגענומען דעם נאָמען „ליגע פאַר פרײַנטלעכע באַציִונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד". אַלס פּרעזידענט איז אויסגעוויילט געוואָרן ש. קאַפּלאַנ־סקי. אין 1943 האָבן אין דער סטרוקטור פון דער ליגע שוין פונקציִאָנירט 95 אָפּטיילונגען, אין וועלכע ס'זײַנען טעטיק געווען קאַרגוו 15 טויזנט אַקטי־וויסטן. פאַר די יאָרן פון דער מילכאָמע האָט די ליגע געשיקט אין סאָוועטנפאַרבאַנד פינף טראַנספּאָרטן מיט וואַרעמע מאַלבושים, מעדיקאַמענטן און מעדי־ציניִשע אויסשטאַטונג פאַר דער סאָוועטישער אַרמיי. אויפן אַדרעס פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן זײַנען ניט איין מאָל איבערגעשיקט געוואָרן באַדײַטנדיקע געלט־סומעס.

אין דעקאַבער 1945 איז פאָרגעקומען דער 2־טער צוזאַמענפאָר פון דער ליגע. אינעם באַשטאַנד פון איר פּרעזידיום זײַנען אויסגעוויילט געוואָרן פאָרשטייער פון אַ רײ פּאָליטישע פּאַרטייען — מאַפּאַי, מאַפּאַם, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, ווי אויך אומאָפּ־הענגיקע טוער.

רות לוביץ. קורותיה של ידידות. בהוצאת „תנועת הידידות ישראל — ברית־המועצות". תל־אביב, 1984.

רוט ליוביטש שרייַבט, אז אין דער צייַט, ווען עס זייַנען אייַנגעשטעלט געוואָרן דיפלאָמאטישע באציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם סאָוועטנפארבאנד, האָט די ליגע דערגרייכט דעם הייך־פונקט פון איר פאָפולערקייַט. באגלייַך דערמיט האָט די אָריִענטאציע פון דער בען־גוריִאָן־רעגירונג אף די אימפעריִאליסטישע מעלוכעס, קוידעמקאָל אף די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, ארויסגערופן א נעגאטיווע באציִונג פון די הערשנדיקע ציִעניסטישע קרייַזן פון ייִסראָעל צו דער באוועגונג פאר פרייַנטשאפט מיטן סאָוועטנפארבאנד. די רעגירנדיקע סאָציִאל־ציִעניסטישע פארטיי מאפאי איז אינמיטן פון 1949 יאָר ארויסגעגאן פון דער ליגע, האָפנדיק צעוואקלען אזויארום די פרייַנטשאפט־באוועגונג. אָבער די ליגע האָט פאָרגעזעצט פונקציִאָנירן, און אין 1950 האָט זי שוין געהאט 110 אָפטיילונגען אין פארשיידענע שטעט און ייִשוווים פונעם לאנד.

דער אווטאָר פונעם בוך מערקט אָפ, אז כאראקטעריסטיש פאר די שטימונגען אין די טיפענישן פון די פאָלקסמאסן פון ייִסראָעל איז דאָס, וואָס אין דער טעטיקייַט פון דער באוועגונג פאר פרייַנטשאפט מיטן ראטנפארבאנד האָבן אין משך פון אלע יאָרן אָנטיילגענומען מיטגלידער פון א גאנצער ריי פאָליטישע פארטייען, מענטשן מיט פארשיידענע וועלטאנשויונגען. לעמאָשל, צווישן די גרינדער פון דער „ליגע V״ איז געווען דער ציִעניסטישער פילאָסאָף־מיסטיקער מארטין בובער. א מיטגליד פונעם סעקרעטאריאט פון דער דאָזיקער אָרגאניזאציע איז געווען דער גענעראל ייִצכאָק סאדע — אן אָנגעזעענער פאָרשטייער פון דעם מיליטערישן איסטעבלישמענט.

נאָך איין פרוּוו צו צעוואלגערן די „ליגע פאר פרייַנטלעכע באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד״ האָבן אין 1953 פאָרגענומען פאָרשטייער פון דער לינק־ציִעניסטישער פארטיי מאפאם. אָבער די מערהייַט מיטגלידער פון דער באוועגונג — קאָמוניסטן, אומפארטייִשע און ציִעניסטן — אָנהענגער פון פרייַנטשאפט מיטן ראטנפארבאנד האָבן אויך דאָס מאָל פארטיידיקט די גאנצקייַט פון דער אָרגאניזאציע. ניט באקומענדיק קיין אונטערשטיצונג מיצאד דער מערהייַט מיטגלידער פונעם פרעזידיום פון דער ליגע, האָבן די לידערס פון מאפאם, אונטערן דרוק פון די רעכטע עלעמענטן אין דער פארטיי, באשלאָסן ארויסגיין פון דער ליגע.

איינע פון די וויכטיקסטע ריכטונגען אין דער פראָפאגאנדיסטישער טעטיקייַט פון דער פרייַנטשאפט־באוועגונג אין פארלויף פון איר גאנצער געשיכטע, מערקט אָפ רוט ליוביטש, איז דער קאמף קעגן די אנטיסאָוועטישע רעכילעסן און העצערייַען, וועלכע ס'פארשפרייטן די ציִעניסטישע מיטלען פון מאסן־אינפאָרמאציע פון ייִסראָעל. אין אירע בראָשורן און ביכער פירט די פרייַנטשאפט־באוועגונג א פרינציפּיִעלן אידעאָלאָגישן קאמף קעגן אנטיקאָמוניזם און אנטיסאָוועטיזם.

אָן אָפשפיגלונג פון די פארברייטערטע קולטור־פארבינדונגען צווישן ייִסראָעל און דעם ראטנפארבאנד איז דער געשאפענער אין 1963 „פארבאנד פון צווייצדאָדימדיקע קולטור־פארבינדונגען״ אין דער שפיץ מיט דער באקאנטער קולטור־טוערן פון ייִסראָעל מארגאָט קלאוזנער. אין דער ארבעט פונעם פארבאנד האָבן אָנטיילגענומען די שרייַבער מאָרדעכיַי אווי־שאָול און אוויגדאָר האמעיִרי, די אדוואָקאטן כאנא נאקארא און שמועל טאמיר, די וויסנשאפטלער שמועל אייַזנשטאדט און עליִעזער ליר־בראני, דער ארכיטעקטאָר מיכאעל קאָן און אנד.

דער אידעאָלאָגישער קריזיס אין דער קאָמפארטיי פון ייִסראָעל און איר שפעטערדיקע צעשפאלטונג, שרייַבט רוט ליוביטש, האָבן געהאט א נעגאטיווע ווירקונג אויך אף דער פרייַנטשאפט־באוועגונג. די רעוויזיִאָניסטן האָבן זיך געסטארעט אָנבינדן איר געוויסע רעזאָליוציעס, וועלכע ווארפן א פלעק אף דער אויסערן־און אינערן־פאָליטיק פונעם סאָוועטנפארבאנד, קעדיי מיט דער צייַט פאנאנדערלאָזן די באוועגונג. אָבער דער פרעזידיום פון דער ליגע, וועלכער האָט זיך פארזאמלט אין אפרעל 1965, האָט מיט א מערהייַט שטימען אָפגעוואָרפן די פאָרשלאָגן פון די רעוויזיִאָניסטן. אין א פארעפנטלעכטער דערקלערונג איז געזאָגט געוואָרן פאָלגנדעס: „די פאָליטיק פונעם ראטנפארבאנד איז א פרינציפּיִעלע און קאָנסעקווענטע שאָלעם־פאָליטיק, זי דינט די אינטערעסן פון אלע פעלקער און מעלוכעס, דערונטער פון ייִסראָעל...״

אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן האָט זיך דער פרייַנטשאפט־באוועגונג אייַנגעגעבן צו באפרייַען זיך פון די פאָלגן פון דעם קריזיס אין דער קאָמפארטיי און פון דעם פעריִאָד פון דער רעאקציע, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער אגרעסיע פון ייִסראָעל קעגן די שכיינעסדיקע אראבישע מעלוכעס אין 1967. א באווייַז דערפון איז געווען דער אָרדנטלעכער צוזאמענפאָר פון די אָרגאניזאציעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין טעל־אוויוו אין יאנואר 1972. אפן צוזאמענפאָר איז אָנגענומען געוואָרן א נייַע פראָגראם פון דער פרייַנטשאפט־באוועגונג „ייִסראָעל — סאָוועטנפארבאנד״ (דעם דאָזיקן נאָמען טראָגט די אָרגאניזאציע, אָנהייבנדיק פון 1954 יאָר), אין וועלכער ס'איז צווישן אנדערן געזאָגט געוואָרן: „דער ציל פון דער באוועגונג איז אנטוויקלען די באציִונגען צווישן ייִסראָעל און דעם ראטנפארבאנד אין גייַסט פון פרייַנטשאפט און קעגנזייַטיקער פארשטענדעניש. די באוועגונג וועט פירן א קאמף קעגן פארשפרייטן רעכילעס אפן ראטנפארבאנד און וועט דערטראָגן צום אוילעם דאָס וואָרט פון עמעס וועגן דער פרידנסליבנדיקער פאָליטיק פון דער סאָוועטן־מעלוכע און וועגן דעם לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק.

א פארבינדעטער פון דער פרייַנטשאפט־באוועגונג אין איר קאמף פאר אנטוויקלען די קאָנטאקטן צווישן ביידע לענדער איז דער געשאפענער אין 1968 יאָר „איניציִאטיוו־קאָמיטעט צו פארבעסערן די באציִונגען מיטן ראטנפארבאנד״. אין זייַן ארבעט באטייליקן זיך קנעסעט־דעפוטאטן פון א ריי פאָליטישע פארטייען (טאופיק טובי, אווראָם מעלאמעד, דאָוו זאקין, נאפטאָלע פעדער און אנד.), ווי אויך אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער פון ייִסראָעל מיט לינקע אָנשויונגען.

רוט ליוביטשס בוך איז פון די איינציקע, וואָס שפיגלען אָפ דעם שווערן און רומפולן קאמף פון דער פראָגרעסיווער ייִסראָעלדיקער געזעלשאפטלעכקייַט פאר פרייַנטשאפט מיטן לאנד פון סאָציִאליזם.

א. קריוקאָוו

טראַפן נאָך טראַפן

בײַס מיר נעמען אין האַנט אַ נײַעם בוך פון אַ שרײַבער, איז די ערשטע פראַגע, וואָס מיר שטעלן דערבײַ: וואָס גיט צו נײַס דער דאָזיקער בוך צום שרײַבערס פאַריקער שאַפונג? עס טרעפט — האַלעווײַ זאָל ניט טרעפן, — אַז קיין שום נײַס גיט אַזאַ בוך ניט צו, און דאַן איז שווער עפּעס צו זאָגן. אַן עכטער טאַלאַנטפולער שרײַבער שטייט אָבער קיינמאָל ניט אַף איין אָרט, מיט יעדן נײַעם ווערק זײַנעם גייט ער ווײַטער און ווײַטער.

דאָס דאָזיקע וואָרט „ווײַטער...“ זעען מיר טאַקע אָנגעצייכנט אַף דער הילע פון יעכיעל שרײַבמאַנס נײַעם בוך. אַזוי איז ער אָנגערופן לויטן ראָמאַן, מיט וועלכן די סאָלידע (קנאַפּע 500 זײַטן) און שיין אַרויסגעגעבענע אויסגאַבע הייבט זיך אָן. און דער ראָמאַן איז אָנגערופן אַזוי, ווײַל ער איז אַ פאָרזעצונג פון שרײַבמאַנס ערשטן ראָמאַן „זיבעצניאָריקע“, וועלכער איז אַרײַן אין זײַנעם אַ פאַריקן בוך „יאָרן און רעגעס“.

אין יענעם ערשטן ראָמאַן ווערט דערציילט וועגן דעם, ווי צוויי קליינשטעטלדיקע ייִנגלעך לאָזן זיך אַוועק אין דער גרויסער שטאָט טשערנאָוויץ זוכן פאַר זיך אַ טאַכלעס. איינער פון זיי איז דער מעכאַבער אַליין. מע ציט זיך ביסלעכווײַז אַרײַן אין אונטערערדישער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט. אַף די לעצטע זײַטלעך פון דעם דאָזיקן אויטאָביאָגראַפישן ווערק זעען מיר זײַן העלד אין דער רומענישער סיגוראַנצע. מע פײַניקט אים, מע וויל זיך דערשלאָגן פון אים די נעמען פון זײַנע כאַווײרים לויטן רעוואָליוציאָנערן אונטערערד, נאָר ער שווײַגט, גיט קיינעם ניט אַרויס.

אַזאַ איז געווען דער אָנהייב וועג. און ווײַטער?

אָט די ערשטע זײַטלעך פונעם נײַעם ראָמאַן טרעפן מיר נאָך זײַן העלד אין טפיסע. פאַר אונדז גייען דורך ביז גאָר אינטערעסאַנטע, וואָראַהאַפטיק אויסגעהאַמערטע געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע האָבן אין יענע שווערע באַדינגונגען געוואַגט זיך קעגנשטעלן דער הערשאַפט פון די באַצווינגער. דער אַלטער וועסטלער, נאָסן דער שנײַדער, דער הוצולישער בונטאָווטשטשיק טאַראַס שטעפּאַניק און אַנדערע. זיי העלפן דעם יונגן באַכער דורכמאַכן אַן עכטן אוניווערסיטעט פון קאַמף פאַר סאָציאַלן יושער. ווען מע לאָזט אים אַרויס פון טפיסע און ער קומט ווידער אַף אַ קורצער צײַט אין זײַן שטעטל ראַשקעוו, קוקט ער שוין איצט גאָר מיט אַנדערע אויגן אַף דער נעבעכדיקער אויסקומעניש פון די שטעטלשע אײַנוווינער. ער זאָגט: כיבין געפּײַניקט געוואָרן און אָפּגעקומען און וועל ווײַטער געפּײַניקט ווערן און אָפּקומען, קעדיי אויך זיי, די דאָזיקע בידנע שטאָלצע קאַפּצאָנים, זאָלן האָבן זייער שטיקל קיילעך אין דער וועלט“. פאַר דעם קעמפן און גיבן אַף זייער לעבן אָט דעם ראַשקעווער באָכערס בעסטע כאַווײרים — באַרע לערנער און בעניע יאַרגרוי. דער ערשטער איז שפּעטער גיליאָטינירט געוואָרן בימיי היטלער אין פאַריזש, דער צווייטער איז געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר מאַדריד.

אַ היפּש אָרט פאַרנעמט אין שרײַבמאַנס נײַעם ראָמאַן דאָס שטעטל ראַשקעוו, וועלכן ער האָט שוין געווידמעט ניט ווייניק דערציילונגען, נאָר וועגן וועלכן ער זאָגט: „וויפל כ'האָב שוין וועגן דעם דערציילט און דערציילט, האַלט איך נאָך נאָר פון פאָרנט“...

אין ראָמאַן ווערן באַוויזן נײַע קאָלאָריטפולע פיגורן פון רעוואָליוציאָנערע קעמפער, אַזעלכע ווי דאַניעל שיכעטמאַן, וועלכער האָט ליב געהאַט „קעמפן מיט דער וועלט אַף אַ קאָל“, כאַנע אָדעסקי, סאָרקע גערצנשטיין. סאַראַ נאַבעלע און מוטיקע מענטשן דאָס זײַנען! דער מעכאַבער איז אין זיי פאַרליבט און לערנט אויך דעם לייענער ליב האָבן, פאַרערן אַזעלכע מענטשן.

באַ סאָרקע גערצנשטיין אין שטוב האָט מען אַמאָל אונטערן אויסזען פון אַ יאָמטעוודיק קערמעשל דורכגעפירט אַן אונטערערדישע סכאָדקע. דער אויטאָר באַגעגנט זיך מיט סאָרקען (איצט איז איר נאָמען — סאַנדע) אין פיל יאָרן אַרום. הינטער אירע פּלייצעס — אַרבעט אין די לאַזאַרעטן פון שפּאַנישן בירגערקריג און אָנטייל אין פראַנצויזישן ווידערשטאַנד. אָשוועניצים. נאָר די פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן זי ניט אַלט געמאַכט, אין איר איז פאַרבליבן — „דאָס זעלבע גלייבן און ווײַטער“...

„סאָרקע-סאַנדע, — שרײַבט דער מעכאַבער, — שטייט באַ מיר אין יענעם צעטל ראַשקעווער, וואָס שוין צוליב זיי אַליין קומט, ראַשקעוו זאָל ווערן אַ שטיקל נאָמען אַף דער וועלט, ראַשקעוו זאָל זײַן ראַשקעוו“.

מע דאַרף זאָגן, אַז טאַקע יעכיעל שרײַבמאַן האָט שוין צוליב דעם, אַז „ראַשקעוו זאָל ווערן אַ שטיקל נאָמען אַף דער וועלט“, ניט ווייניק אָפּגעטאָן, נאָר ווי מיר זעען, האַלט ער נאָך אָט די אַרבעט פאַר ווײַט ניט פאַרענדיקט. צו דער היפּשער צאָל „ראַשקעווער מײַסעס“ אין זײַן פאַריקן בוך איז צוגעקומען אַ סעריע „נײַע ראַשקעווער מײַסעס“ און „ווײַטער...“

איינער פון די אָנגעזעענסטע וואָרט-קינסטלער אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ליטעראַטור, פילט זיך יעכיעל שרײַבמאַן פרײַ אין אַלע פּראָזע-זשאַנרען, און דאָס איז צו זען פון דער אינהאַלט-פאַרצייכענונג פונעם בוך. מיר האָבן דאָ מײַסעס, דערציילונגען, עסייען, קליינע נאָוועלן, קינדער-מאָטיוון, ליטעראַרישע מיניאַטורן. פון אַ ברייטן לײַוונט — אַ ראָמאַן ביז אַ מיניאַטור, וועלכע פאַרנעמט אַ האַלב זײַטל אָדער גאָר געציילטע עטלעכע שורעס — אַזאַ איז דעם שרײַבערס דיאַפּאַזאָן. און יעדער שורע זײַנע איז עכט, עמאָציאָנעל, אָנגעלאָדן און אייגנאַרטיק.

יעכיעל שרײַבמאַן. ווײַטער... פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, מ., 1984.

דאכט זיך, אז ס'איז ניטאָ אין אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור נאָך אזא שרײַבער, וואָס זאָל אזוי גערן, ווי יעקבֿ שרײַבמאַן, זיך טיילן מיטן לייענער מיט די „סוידעס" פון זײַן שרײַבערישער פּראָפעסיע, וואָס זאָל מיט אזא גרייטקײַט עפענען זײַן שעפערישע לאַבאָראַטאָריע. די דערציילונג „לויטערע דורכזיכטיקע טראָפּנס" איז אָנגעשריבן וועגן דעם, ווי „אָט אזוי־אָ, גאָר־גאָר פּאַוואָליע, טראָפּן נאָך טראָפּן, ווערט א בלעטל פּראָזע". טאַקע פון אזעלכע, פּאַוואָליע, מיט גרויסער שעפערישער אָנשטרענגונג געשאַפענע בלעטלעך באַשטייט אויך שרײַבמאַנס נײַער בוך.

פּאַראַן מענטשן, וואָס זיי דאַכט זיך, אז שרײַבן איז לײַכט. אויך מיר אן אייסעק, — זאָגן זיי, — מע זעצט זיך אוועק און מע שרײַבט... אלס ענטפער אזעלכע פּיפּיקע לײַט קומען שרײַבמאַנס אויסגעווייטיקטע שורעס: „א שווערער איניען דאָס דאָזיקע מין שרײַבן, אײַ, א שווערער".

דער לייענער דאַרף אָבער ניט פילן, ווי שווער דעם שרײַבער קומט אָן יעדער שורע זײַנע. וואָס שווערער עס איז אָנגעקומען דעם שרײַבער, אלץ לײַכטער לייענט זיך דעם לייענער.

שרײַבמאַנס וואָרט איז פּראָסט, ניט געקינצלט. עס פּאַרמאָגט אין זיך אלע כיינען פונעם פאָלקסטימלעכן ייִדיש, מיטן אייגנאַרט פון זײַן בעסאַראַבער דיאַלעקט. לייענען מיר דערציילונג נאָך דערציילונג — „דער כאַזן מיט זײַנע מעשוירערים", „אין יענעם זומער, ווען איך בין נאָך אַלט געווען אכט און פערציק", „א ייִד אין דאָרף" און אנדערע, און עס ווילט זיך לייענען נאָך, זיך קוויקן מיטן באַטאַמטן מאַמע־לאָשן, מיטלעבן מיט די ווילע און שיינע מענטשן, וואָס ווערן אין די דערציילונגען באַוויזן, ווי, אשטייגער, די אלטע מאַמע, דער דיכטער ליוויו פון דער דערציילונג „דאָס ייִנגל פון מלאָווע", דער פּראָפעסאָר סאַנדלער, דער קאָלווירט־פּאַרזיצער זאַסלאַווסקי און אנדערע.

אָבער ניט נאָר וועגן גוטע מענטשן לייענען מיר בײַ שרײַבמאַנען. אין איינער פון זײַנע דערציילונגען אַנטשטייט פאַר אונדז דאָס העסלעכע געשטאַלט פונעם היטלערישן מענטשנפרעסער מענגעלע, וועלכער האָט געמאַכט וואַנדאַלישע עקספּערימענטן אף קינדער־אַסירים אין אָשווענטשים און וועלכער באַהאַלט זיך אויס פון א גערעכטער שטראָף ביז הײַנטיקן טאָג.

נאָר דעריקער בײַ שרײַבמאַנען איז דער פּאַשעטער פאָלקס־מענטש, דער ערלעכער האָרעפּאַשניק. אים קען ער, אים האָט ער ליב. ער שרײַבט וועגן קינדער, וועגן יוגנטלעכע, וועגן זקיינים. און עס טרעפט, אז אויך די זקיינים זײַנען בא אים יונגע, מיט א ניט אויסגעלאָשענעם ליבע־געפיל אין האַרצן, ווי, אשטייגער, דער פּראָפעסאָר מיט זײַן פּרוּוו פון דער נאָוועלע „אלטע פאַרליבטקײַט". און סאָראַ אויסדריקלעך געשטאַלט פון א יונגער קעמפערן פאַר ברויט און שאָלעם נאָך אין די צײַטן פון דער רומענישער הערשאַפט אין בעסאַראַביע אַנטשטייט פאַר אונדז פון דער קורצער נאָוועלע „ראָכעלע די קאַלאַראַשער"!

פּאַראַן אין שרײַבמאַנס בוך צווישן די דערציילונגען און עסייען, וואָס גייען אין אים ארײַן, א זאַך מיטן נאָמען „נעגינע". וואָס איז עס? אויב איר ווילט, — א רעצענזיע, אן אָפּרוף אף איינעם פון די לעצטע ביכער פונעם טאַלאַנטפולן דיכטער אַווראָם גאָנטאַר, אַלעווהאַשאָלעם. וואָס האָט אָבער צו טאָן צווישן דערציילונגען און עסייען א רעצענזיע? צי האָט זי ניט פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַלפּי טאָעס? ניין, קיין שום טאָעס, ווײַל דאָס איז ניט קיין געוויינלעכע רעצענזיע. באַם שרײַבער אין מויעך און אין האַרצן ווערט יעדער לעבנס־פאַקט, יעדע וויכטיקע לעבנס־דערשײַנונג איבערגעקאָכט אף זײַן אופן און גייט אזוי ארײַן אין זײַן ווערק, אין זײַן קינסטלערישן אָפּרוף אף אָט דעם לעבנס־פאַקט, אף אָט דער דערשײַנונג. אזוי האָט יעקבֿ שרײַבמאַן אופגענומען אויך גאָנטאַרס בוך, ניט בלויז ווי א זאַמלונג פון לידער, נאָר ווי א פאַקט, א דערשײַנונג פון אונדזער הײַנטצײַטיקן לעבן, און אלס ענטפער אפן דיכטערס קונסט־ווערק געשאַפן אן אייגן קינסטלעריש ווערק. אנדערש גערעדט, אף גאָנטאַרס „נעגינע" האָט ער זיך אָפּגערופן מיט זײַן, שרײַבמאַנס „נעגינע".

אין דער דערציילונג „וויפל דאַרף א שרײַבער לעבן", וועלכע שליסט דעם בוך, טיילט זיך דער אווטאָר מיט זײַנער א פעסטער איבערצײַגונג, אז „די בעסטע שאַפונגען, אפילע באַם גרעסטן שעפער, זײַנען נאָר יענע, אין וועלכע ער האָט ארײַנגעקנאָטן זײַן אייגן לעבן".

אזעלכע, ווי מיר זעען, זײַנען אויך שרײַבמאַנס שאַפונגען. אלע, פון די ראָמאַנען ביז א מינדסטער מיניאַטיור, זײַנען זיי אויסגעווייטיקט און געלײַטערט אינעם שרײַבערס מויעך און האַרצן, און טאַקע דערפאַר באַצויבערן זיי אונדז מיט זייער עכטקײַט און אייגנאַרט.

בלײַבט צו זאָגן: דאָס זעלבע — אף ווײַטער.

בוזי מילער

קונסט — א געווער

אין הערשל פּאָליאַנקערס יעדן נײַעם בוך — און ער האָט זיי שוין ארויסגעלאָזט ניט ווייניק — טרעפן מיר זיך מיט אינטערעסאַנטע מענטשלעכע גוירלס. מערסטנטייל זײַנען עס אונדזערע מיטצײַטלער. אזא איז אויך זײַן נײַער ראָמאַן „דער גוירל פון א קינסטלער".

דער ראָמאַן באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטער טראָגט אונדז אריבער אין די צײַטן פון אָנהייב לויפיקן יאָרהונדערט. דער שווערער שטיוול פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט דריקט אף די האָרעפּאַשנע מאַסן, לאָזט ניט אופהייבן דעם קאָפּ. באַזונדערס שווער איז דער דרוק בענגעייע די נא־

Григорий Полянкер. Судьба художника. Роман. Издательство «Радянський письменник», Киев, 1984.

ציִאָנאלע מינדערהײַטן, און אויך די ייִדישע פאָלקסמאסן, וואָס שמאכטן אין די שטעטלעך פונעם טכום.

אין איינעם אזא שטעטל, גלושעוו, לעבט אן אָרעמער ארבעטער־יונג דאָוויד מארקוס מיט אן איראָנישן צונאָמען: „דאָוויד האמעלעך״. ווען עס הייבט זיך אָן דער רוסיש־יאפּאָנישער קריג, טוט מען אָן אפן „מעלעך״ א סאָלדאטישע שינעל און ער פארגיסט זײַן בלוט אף די ווײַטע סאָפּקעס פון מאנדזשוריע. א שווער פארוווּנדעטער, קערט ער זיך אום אהיים. ווער דארף דאָ האָבן אן אָרעמען קאליקע? ניט קיין געלט, ניט קיין ארבעט. דאָס מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאט, האָט זיך אף אים ניט דערווארט, געפונען א רײַכן כאָסן. ער וואָלט אומגעקומען, דער נעכטיקער סאָלדאט, ווען ניט אזעלכע האָרעפּאשניקעס, ווי ער אליין, וואָס האָבן אים אונטערגעשטעלט א פּלייצע, — מאלקע, מאריסיע קוסיעוויטש, זעליק און אנדערע. עס באקומט זיך א בוילעט אויסדריקלעכער קאָלעקטיווער פּאָרטרעט פון א גאנץ שטעטל האָרעפּאשנע מענטשן, וואָס לײַדן פון פילפאכער אונטערדריקונג און בא וועמען עס הייבן שוין אָן רײַפן די זוימען פון סאָציִאלן פּראָטעסט קעגן די מאכטהאָבער, דער צארישער זעלבסטהערשאפט און אירע סאטראפּן.

סאָפקאָלסאָף דערשלאָגט זיך דאָוויד אן ארבעט, ער איז א גוטער מעכאניקער, האָט כאסענע. בא אים ווערט געבוירן א זון, סימאָן.

סימאָן מארקוס איז דער העלד פונעם צווייטן טייל פון פּאָליאנקערס ראָמאן. ער איז א טאלאנטפולער מאָלער, זײַנע פעיִקייטן אנטפלעקן זיך פרי. דאָס לעבן זײַנס איז אָבער פול ניט בלויז מיט זײַן באליבטער קונסט, נאָר אויך מיט בלוטיקע שלאכטן. ער ווערט איינער פון די ערשטע קאָמיוגיסטן אף אוקראַיִנע, באטייליקט זיך אקטיוו אינעם בירגערקריג.

ס׳האָבן אָפּגעהילכט די שלאכטן, עס הייבט זיך אָן די אופשטעלונג פון דער ווירטשאפט. סימאָנען שיקט מען קיין מאָסקווע זיך לערנען. פאר אים עפנט זיך א ברייטער וועג צום באהערשן די סודעס פון זײַן באליבטער קונסט — מאָלערײַ. א גרויסע ראָל שפּילט דאָ פארן יונגן קינסטלער זײַן לערער, דער באוווּסטער מאָלער וולאָס פּאוולאָוויטש פּאָקראָווסקי.

די לער איז פארענדיקט. סימאָן קערט זיך אום קיין קיִעוו אלס באוווּסטער מאָלער. אף די אויסשטעלונגען רופן ארויס אנציקונג זײַנע טאלאנטפולע לײַוונטן, אף וועלכע עס זײַנען פארייביקט די העלדן פונעם בירגערקריג.

דעם באגאבטן מאָלער זײַנען אָבער באשערט נײַע אויספּרוּוון. זיי קומען צו אים אין די טעג פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע.

דער אָנהייב פון דער מילכאָמע טרעפט סימאָנען אף דער מײַרעוו־גרענעץ פון לאנד, און שוין פון די ערשטע טעג פארבײַט ער דאָס מאָלערישע פּענדזל אף א ביקס, העלפנדיק די גרענעצלער אָפּצושלאָגן די פײַנטלעכע אטאקעס.

דער שרײַבער שילדערט בוילעט דעם קאמף פונעם אָטריאד גרענעצלער אונטער סאזיקינס אָנפירונג (דאָ איז געווען אויך דער מאָלער מארקוס) אינעם סוינעס הינטערלאנד.

באם איבערגיין די פראָנט־ליניע איז סימאָן שווער פארוווּנדעט געוואָרן, ער פאלט ארײַן אף לאנג אין שפּיטאָל. נאָר שוין אינגיכן נאָך עטלעכע אָפּעראציעס געפינט ער קויעך ווידער זיך נעמען פארן פּענדזל. עס דערגייען צו אים די יעדיִעס וועגן די אומגעהערטע גרוילטאטן, וואָס די פאשיסטישע מערדער זײַנען באגאנגען אין זײַן היימשטאָט קיִעוו אין באבי יאר, אין דארניצער לאגער פון קריגסגעפאנגענע. דעם מאָלערס הארץ איז פול מיט צאָרן און נעקאָמע־דאָרשט, און דאָס אלץ אנטפלעקט ער אין א סעריע בילדער, אין וועלכע עס איז באוויזן דער בלוטיקער פארצעף פון די היטלערישע הענקער.

איינע פון די באדײַטנדיקע מײַלעס פונעם ווערק באשטייט אין דעם, וואָס סימאָן מארקוס איז דאָ באוויזן ניט אָפּגעזונדערט פון אנדערע. פארקערט, די גאנצע צײַט זעען מיר אים צוזאמען מיטן פאָלק, סײַ אין די פרידלעכע צײַטן, סײַ אף דער מילכאָמע. און טאקע אָט די פארבונדנקײַט נערט זײַן טאלאנט, גיט אים א מעגלעכקײַט צו ווערן דער אויסדריקער פונעם פאָלקס־העלדנטאט, פון זײַן ליבע און האס, פון זײַן גרויסן זיג איבערן פאשיזם.

יאקאָוו גען

אלא קאַרקינא

די וועלט פון באָריס ראַיִסאָוון

ער איז געשטאָרבן פון אן אינפארקט. נאָך דער רעפעטיציע זיך אַרײַנגעזעצט אין דער מאשין, אָנגעהויבן פאָרן און באם רודער געשטאָרבן. א גרינגער, אומגעריכטער טויט. „א טויט פון אן ערלעכן מענטשן” — אזוי האָבן גערעדט אלע, ווען מע האָט זיך געזעגנט אף אייביק מיט ראַיִסאָוון.

א וואָך פארן אומגליק האָב איך געזען ראַיִסאָוון — צום לעצטן מאָל! — אף א ספעקטאקל פונעם מאָסקווער גרויסן אָפּערע-טעאטער, וועלכער האָט דעמלט גאסטראָלירט אין קעשענעוו. באָריס ראַיִסאָוו האָט היספּײַלעסדיק אפּלאָדירט און געשריגן „בראוואָ!”. איך האָב נאָך דעמלט א טראכט געטאָן וועגן דער אויסערגעווייינלעכער ווארעמהארציקײַט און קימאט קינדערשער אומיטלבארקײַט פונעם זינגער.

ראַיִסאָווס גורל איז ניט געווען קיין גלאַטער און ניט-פארוואָלקנטער. טראגיש האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דעם לעבן פונעם ייִדישן ייִנגל די מילכאָמע. א דרײַצניאָריקער, ווערט ער אן אָסיר פון דער בערשאדער געטאָ. דאָ דערהארגעט מען פאר זײַנע אויגן דעם פאָטער און דעם ברודער דעם קאָמוניסט. דער באליבטער עלטערער ברודער האָט אים געלערנט ייִדיש, געלייענט אף אויסווייניק שאָלעם-אלייכעמען, שטודירט מיט אים ייִדישע פאָלקסלידער.

באם ייִנגל האָט זיך אָנגעזאמלט אזויפיל סינע צו די פאשיסטן, אז ווען אין בערשאד איז געקומען די רויטע ארמיי, איז ער פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט. ער האָט דרייסט זיך געשלאָגן, ס'האָבן אים ליב געהאט די שלאכטלײַט.

און עס איז געקומען דער גרויסער זיג! אין דער ארמייִשער זעלבסטעטיקײַט האָבן זיך אנטפּלעקט בא אים די ערשטע שפּראָצלינגען פונעם ארטיסטיזם. נאָך דער מילכאָמע, דינענדיק אלס מאטראָס אין דער דונײַער פלאָטיליע, זעצט ער פאָר זינגען — שוין א סאָליסט פונעם פלאָט-אנסאמבל.

מע האָט אים באמערקט, און אָט איז ער שוין א סטודענט פון דער קעשענעווער מעלוכישער קאָנסערוואטאָריע.

די פאָלקס-ארטיסטקע פונעם סאָוועטנפארבאנד, לאורעאט פון דער לענין-פּרעמיע מאריִע ביִעשו דערמאָנט זײַן נאָמען מיט ציטער אף די ליפּן: „איך בין באקאנט געווען מיט ראַיִסאָוון פונעם 1955, ווען איך בין ערשט אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָנסערוואטאָריע. נאָכן אָפּזינגען אפן אַרײַנטריט-עקזאמען האָב איך דערזען, אז צו מיר האָבן זיך א וואָרף געטאָן צוויי יאטן. איינער א געלער, א קורנאָסער, אין א מאטראָסן-אונטערהעמדל, האָט אויסגעשריִען: „סארא שיינהײַט, סארא גוט מיידל! און א שטים!..” — דאָס איז געווען ראַיִסאָוו. איך, א פויערישע מיידל, האָב זיי גלײַך אָפּגעשטויסן פון זיך, אָבער זיי האָבן בלויז געלאכט.

און שפּעטער האָט ער דאָס גאנצע לעבן געשפּילט באנאנד מיט מיר. און קיינמאָל, טרעפנדיק זיך אין טעאטער, וועט ער ניט דורכגיין פארבײַ, ער זאָל ניט א קוש טאָן די האנט, אָדער ניט זאָגן א גוט וואָרט. דאָס אלץ — פון טיפן הארצן, ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין אונטערכאנפער.

איך האָב קיין איין מאָל ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט פון אָט דעם מענטשן!

און וויפל מאָל האָבן מיר צוזאמען געזונגען! מערער פון אלץ — אין „פאיאצן”. די דאָזיקע אָפּערע האָבן מיר ביידע ליב געהאט. ראַיִסאָוו איז געווען אן אומפארגעסלעכער טאָ-

ניאָ! ער האָט מיך אַזוי ליב געהאַט אין אַט דער ראָל, אַז צומאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער האָט מיך ווירקלעך ליב אין לעבן! דאָס טרעפט זייער זעלטן: איבערגעבן ליבע אַף דער בינע קענען ניט קיין סך זינגער.

צו דעם ספּעקטאַקל „די קראַפט פונעם גורל", ווו ער האָט געזונגען די פּאַרטיע פון מעליטאָנע, האָבן מיר, דעם עמעס געזאָגט, נאָך זײַן טויט ניט געקאָנט געפינען קיין אַנדער זינגער, און דער ספּעקטאַקל ווערט דערווײַל ניט באַוויזן.

זײַנע בעסטע פּאַרטיעס זײַנען געווען: ריגאָלעטאָ, טאָניאָ, פיגאַראָ, מעליטאָנע... יעדע ראָל איז אַ גאַנצע וועלט. באָריס ראַיסאָוו איז געווען אַ האַרציק רײַכער מענטש און אין אַלע ראָלן זײַנע האָט ער זיך אַנטפּלעקט ווי אַן עכטער אַרטיסט. איצט פּאַרשטייסטו — דאָס איז אַוועק אַ טייל פון אונדזער לעבן"...

עס ווילט זיך אויך געבן דאָס וואָרט לידמילע אַליאַשינען, דער פּאָלקס־אַרטיסטקע פון דער מאָלדאַווישער רעפּובליק, ראַיסאָווס מיטשילערן לויט דער קאָנסערוואַטאָריע.

„די צײַט איז געווען אַ הונגעריקע, אַ נאָכמילכאָמעדיקע. ראַיסאָוו איז אויך אויסגעקומען שווער, ווי אונדז אַלעמען, אָבער דאָס איז געווען ניט קיין פּאַרומערטער מענטש, און בלויז פאַר דעם אַליין האָבן מיר אים שוין ליב געהאַט. ער איז געווען אַף צוויי קעפּ העכער פון אונדז. געלערנט האָט זיך ראַיסאָוו באַ אַן אויסגעצייכנטן פּעדאַגאָג — באַם אָפּערע־קאַמער־זינגער פּיאָטער דמיטריִעוויטש אַלעקסייעוון.

דער דאָזיקער פּעדאַגאָג האָט זײַנערצײַט געאַרבעט אין דער אָפּערע־סטודיע פון סטאַניסלאַווסקין און נעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָן. ער האָט זיך געסטאַרעט אײַנפּלאַנצן אין זײַנע שילער סײַ אַ הויכן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ, סײַ די מוזיקאַלישע קולטור. דאָס איז געווען אַ שטרענגער, עפּעס אַ באַזונדערס פרײַנטלעכער מענטש, ער האָט געהאָלפן די יונגע זינגער צו באַזיניקן דאָס געשטאַלט דורך מוזיק.

ראַיסאָוו הייבט אָן זינגען אינעם אָפּערע־טעאַטער שוין פונעם דריטן קורס. זײַן ערשטע פּאַרטיע איז געווען אין דער מאָלדאַווישער אָפּערע „גראַזאָוואַן". אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג פונעם זינגער אַף דער מאָלדאַווישער בינע.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טאַלאַנטפולער מענטש, אַ באַטײַלטער מיט וווּנדערלעכער באַשיידנקײַט, וועלכע איז אַפילע אומנאַטירלעך פאַר אַן אַקטיאָר.

ראַיסאָוו איז געווען זייער אַ קלוגער. פאַר אַ טעאַטער זײַנען אייגנטימלעך קאָנפליקט־סיטואַציעס, אַ קאַמף פאַר פּאַרטיעס, אָבער ראַיסאָוון איז דאָס געווען פרעמד. ער האָט מיך געלערנט: וואָרט צו, די צײַט וועט אורטיילן. וויכטיק איז, דער אַקטיאָר זאָל נייטיק זײַן דעם טעאַטער. אַ טאַלאַנטפולער מענטש וועט טאָמיד געפינען זײַן אָרט.

דער פענאָמען פון זײַן טאַלאַנט האָט זיך באַזירט אַף דעם, וואָס דאָס איז שטענדיק געווען אַן אַרגומענט פאַר הויכער קונסט. ווען ראַיסאָוו פלעגט אַרויסגיין אַף דער בינע, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט ברייטער טראַקטירן די ראָל, איידער פּאַשעט אַ זינגער. דאָס איז געווען אַ פּערזענלעכקײַט אַף דער בינע.

ער האָט אופריכטיק ליב געהאַט קונסט, און אין ספּעקטאַקל האָט ער ניט סתם געשפּילט, נאָר פאַרקישעפט דעם צושויער. ס'איז באַ אים ניט געווען קיין האַוועניש, קיין דריבנע זשעסטן, בלויז גרינטלעכע, וויכטיקע. ער האָט געשטעלט פאַר זיך אַן אויפגאַבע: אײַנליבן דעם צושויער אין דער קונסט.

ראַיסאָוו איז אַליין געווען פאַרקישעפט, ווען ער האָט געזונגען, ער האָט זיך געסטאַרעט „פאַרטשעפען" די צושויער און געקאָנט זיי מאַכן פאַר אַנטיילנעמער.

ער האָט געוווּסט, וויִאַזוי סײַ באַוווּנדערן דעם צוהערער, סײַ אים „דערשרעקן" — נאָך יאַגאָס מאָנאָלאָג האָט אין זאָל זיך אײַנגעשטעלט אַ שוידערלעכע שטילקײַט.

ראַיסאָווס טאַלאַנט איז געווען דעמאָקראַטיש. אַגעוו, דאָס איז געווען זײַן שעפערישער קרעדאָ: מוזיק עקזיסטירט פאַר אַלעמען.

ראַיסאָוו האָט אונדז געגעבן אַ לימעד, וויִאַזוי מע דאַרף פאַרבלײַבן אַ מענטש, אַפילע דעמלט, ווען דײַנע ראָלן פאָדערן שוין מער ייִנגערע אַרטיסטן, און צו דיר דערנעענטערט זיך אומבאַראַכמאָנעסדיק די „שעפערישע עלטער". יעטווידער אַקטיאָר לעבט איבער אין אַזאַ צײַט אומגעהײַערע שווערקײַטן. באָריס ראַיסאָוו האָט זיך אויפגעפירט שטאָלץ, ווירדיק. דאָס איז געווען אַ לימעד פון איידלמוטיקײַט.

ער האָט געגלייבט אינעם לעבן, אין דער גערעכטיקײַט. אין יעדן איינעם פון זײַנע קאָלעגן האָט ער געפונען גוטס, געשאַפן אינעם טעאַטער אַ געזונטע שעפערישע שטימונג.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פאַרלוסט, האָבן מיר אַלע איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון הויכן נעשאָמע־עמעס: ווער איז ער אַזוינס געווען? אין אָט דעם מאָמענט האָבן מיר אַלע באַנומען עפּעס אויסשליסלעכס"...

אָט אַזוי רופן זיך אָפּ וועגן ראַיסאָוון די העלסטע שטערן פון דער מאָלדאַווישער אָפּערע מאַריִע בִיעשו און לידמילע אַליאַשינאַ.

אין טעאַטער איז ניט פאַראַן אַזאַ גליקלעכע ביִאָגראַפיע, וואָס זאָל אָנקומען לײַכט פאַרן

אקטיאָר גופא. אין די אויגן בא אנדערע איז זי א גליקלעכע, און פאר אים אליין איז עס א וועג, פול מיט ספייקעס און, פארשטייט זיך, פול מיט גליק. ניט קיין אויסערלעך גליק, נאָר אזא, וואָס איז פארשטענדלעך אים אליין. פון אזא גליק האָט געוווּסט אויך ראַיסאָוו.

אין אלעמענס זיקאָרן איז פארבליבן זיין ריגאָלעטאָ. ער האָט געזונגען די דאָזיקע פּאר־טיע, זייענדיק נאָך א סטודענט פונעם פערטן קורס פון דער קאָנסערוואַטאָריע. דאָס איז גע־ווען זיין ערשטע גרויסע ראָל. ער איז געווען יונג, אָבער זיין שפּיל אנפלעקט אזא גאמע פון געפילן, אז דער זאַל פלעגט פארציטערט ווערן באם באוויזן זיך פון ריגאָלעטאָן.

אין אופא, ווו ראַיסאָוו האָט געארבעט עט־לעכע יאָר, האָט אים געהאָלפן דערפירן דעם פלאַסטישן געמעל פון אָט דער פּארטיע ביז שליימעסדיקייט דער אויסגעצייכנטער בא־לעטמייסטער סעמיאָן דרעטשין. צוזאמען האָבן זיי געפונען אזא פאליטרע פון פארבן, וואָס האָט שפּעטער אף דער בינע אויסגעזען פול־קום עמעסדיק. שפּילן א קריפּל איז ניט אזוי פּאשעט. די סצענע פארליידט ניט קיין נא־טוראליזם, מע דארף געפינען אזא ליניע פון אופירונג, וועלכע זאָל זיין נאטירלעך. און אָט האָט ראַיסאָוו דין און אייגנארטיק פּאנאנדער־געארבעט דעם פּסיכאָלאָגישן און פיזישן גע־מעל פון אָט דער ראָל. פון לייצאַנעס, אָנ־שטעלן — צו עכטן דראמאטיזם, צו אן עמע־סער מענטשלעכער טראַגעדיע. די וואָקאלע פּארטיע פון ריגאָלעטאָן איז אויסגעפילט גע־וואָרן אף א הויכן ניוואָ. ראַיסאָוו איז געווען א ווירדיקער פּארטניאָר פון די זינגערנס — מאַריע ביעשו, ליודמילע יעראָפּייעוואַ, טאמארע אליאַשינא, ליודמילע אליאַשינא.

און דער זעלבער ארטיסט האָט גלענצנד, מיט עכטן קאָמעדיע־טאלאנט אויסגעפילט די פּארטיע פון שאָנאראַוון אין פּוטשיניס „באָ־העמע". האגאם די דאָזיקע ראָל איז לויטן פארנעם ניט קיין גרויסע, דאָך ברענגט זי אריין אינעם ספּעקטאַקל אן אטמאָספער פון פרייד, נאטירלעכקייט. און דאָס איז גע־לייגט געוואָרן אין דער עצם נאטור פונעם ספּעקטאַקל.

„מיט באָריס ראַיסאָוון האָט מיך פארבונדן א לאַנגיאָריקע שעפערישע פריינטשאפט, — דערציילט די פאָלקס־ארטיסטקע פון פּססר טאמארע אליאַשינא, — און איצט פעלט ער אונדז אלעמען. ער איז געווען אן אויסגע־צייכנטער אקטיאָר און פּארטניאָר, וועלכער האָט פארכאַפּט אלע אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל מיט זיין נאטירלעכער אופירונג אף דער בינע. מיך האָט קעסיידער געוווּנדערט ראַיסאָווס „פּאראדאָקס": אין לעבן — א פּאַ־שעטער, באשיידענער, האָט ער אף דער בינע זיך אופגעהויבן צו אזעלכע הייכן פון טראַגיזם, ווי ריגאָלעטאָ און יאגאָ"...

ראַיסאָוון האָט מען גערופן אינעם טעאַטער „דער קיניג פון א קליינעם עפּיזאָד". וויפל מאָל האָט ער געזונגען אין ספּעקטאַקלען, ווו ער האָט אין עטלעכע מינוט אף דער בינע, ארויסגייענדיק אין עפּיזאָדישע ראָלן, געשאפן אן אומויסשעפּלעכער סצעניש געשטאַלט. איינס פון די סאמע איינדרוקספולע איז געווען דאָס געשטאַלט פונעם פעלדפעבעל אין דער אָפּערע „סערגיי לאַזאָ". שילדערנדיק א סאָלדאפּאָן אין דער צארישער ארמיי, אונטערשטרייכנדיק יענעמס טעמפּקייט און בלינדע געהאָרכזאמ־קייט בענעגייע דער נאטשאלסטווע, די סינע צו די פּראָסטע זעלנער, האָט דער ארטיסט, אדאנק די זאפטיקע און בונטע פארבן, פּינקט־לעך איבערגעגעבן די עפּאָכע, די צייט פון דער האנדלונג. זיין פעלדפעבעל איז געווען ניט סטאם א כאראַקטער, נאָר א פאראַלגעמיי־נערטער טיפּ פון א דעספּאָט, א סאָלדאפּאָן.

ראַיסאָוו איז געווען איינער פון די שעפער פון דער מאָלדאווישער נאציאָנאלער אָפּערע. ער האָט גלענצנד באהערשט די מאָלדאווישע שפּראך. אָנהייבנדיק פון „גראַזאַוואַן", האָט ער אָנטיילגענומען אין אלע נאציאָנאלע אָפּערעס, אויספילנדיק הויפּט־פּארטיעס.

מאַריע ראַיסאָווע, די אלמאַנע פונעם אר־טיסט, דערמאָנט זיך: „ער איז געווען א ליידנ־שאפטלעכער, ניט־גלייכגילטיקער צום לעבן מענטש. און ווי שווער איז אים אויסגעקומען צו שטיקן אין זיך באליידיקונגען! ער האָט מיך געלערנט צו קוקן אפן לעבן קלוג. זיין וויכטיקסטע אייגנשאפט איז געווען בארעמ־הארציקייט. ער איז מויכל געווען דעם מענטשן און אים אופגענומען מיט אלע שוואכקייטן. ער האָט מיך געלערנט, אז יעדער איינער בא־שעפטיקט זיך מיט זיינס. עס איז אָבער פאראַן העכסטע גערעכטיקייט, און דאָס לעבן דארף מען ליב האָבן אזא ווי עס איז. און ער האָט עס ליב געהאט, דאָס לעבן. ער האָט ליב גע־האט זינגען, ליב געהאט קינדער, טעאַטער. איך האָב אָפּגעלעבט מיט אים דאָס גאנצע באוווסטזיניקע לעבן און בין געווען גליקלעך. ער איז געווען א געטרייער מאן, פאָטער.

באָריס האָט געוואָלט דורכלעבן דאָס לעבן ביזן סאָף, ווי א ווירדיקער מענטש, ווי אן ארטיסט. עס האָט אים געשראָקן פּוסטקייט, אָפּוועזנהייט פון טעטיקייט. ער איז גרייט גע־ווען ארופּוואלגערן אף זיך א באליביקע לאַסט. אין לעבן פלעגן זיך טרעפן בא אים קריזיסן, דורכפאלן. פיל זאכן האָבן אים פארשאפן ווייט־טיק, אָבער ער האָט עס מיט אלע קויכעס

אויסבאַהאַלטן הינטער א וויץ, הינטער א פּרייִלעכער רעפּליק. דאָס גאַנצע לעבן איז ער געווען א געזונטער מענטש, שטענדיק געזונגען, קיינמאָל ניט גענומען באַם דאָקטער קיין קראַנקן-בויגן. און פּלוצעם איז ער אין עלטער פון 56 יאָר געשטאָרבן פון אַן אינפאַרקט...

איך בין אַליין א מוזיקאַנט און פלעג טאָמיד גיין אים הערן — אַף די ספּעקטאַקלען. און איך האָב געזען, אַז דעם טעאַטער באַזוכט שוין א שטענדיקער אוילעם. די קעשענעווער אָפּערע איז נאָך דעמלט געווען א יונגע, אָבער פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך שוין געשאַפן טראַדיציעס. עס פלעג טרעפן, אַז איך האָב באַריסן געהאָלפן מיט אייצעס, געמאַכט קריטישע באַמערקונגען. ער האָט זיך ניט באַליידיקט, אויפגענומען אַלץ ערנסט. ער איז געווען אין פולן זין פון וואָרט א טאַלאַנטפולער מענטש. מע זאָגט, אַז מיט א טאַלאַנטפולן מענטשן איז שווער צו לעבן, מיט א טאַלאַנטלאָזן — אומעטיק. מיר איז געווען מיט באַריסן פּראָסט, לײַכט."

אפילע מיט דער מישפּאָכע האָבן ראַיִסאָוון פאַרבונדן טיפע גײַסטיקע שײַכעסן. זײַן זון איז א באַגאַבטער פּיִאַניסט, די טאָכטער לערנט זיך אין דער מוזיקאַלער שול לויטן קלאַס פון פידל-שפּיל. א צווייטע טאָכטער — אַן אַדאָפּטירטע — איז שוין אויסגעוואַקסן און אַרבעט זעלבשטענדיק. ער האָט זיי אַלעמען איבערגעגעבן די ליבע צו מוזיק. דאָס געזינד האָט געלעבט מיט זײַנע אינטערעסן, און ער האָט געלעבט מיט די זאָרגן פון דער מישפּאָכע.

צום שלוס ווילט זיך זאָגן וועגן ראַיִסאָווס קאָנצערט-טעטיקײַט. ער האָט געזונגען ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע, מאָלדאַווישע פאָלקסלידער.

דער פּיִאַניסט און מוזיקאַלישער קריטיקער סערגיי בענגעלסדאָרף האָט צוגעגרייט מיט באָריס ראַיִסאָוון א ציקל ייִדישע פאָלקסלידער. ער דערציילט וועגן דעם אָט וואָס:

„אין שײַכעס מיטן צוייגענען ראַיִסאָוון דעם טיטל פאָלקס-אַרטיסט פון דער מאָלדאַווישער רעפּובליק האָב איך אין דער צײַטונג „וועטשערני קישיניאָוו" פאַרן 12 נאָיאַבער 1980 אָנגעשריבן אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „עס זינגט באָריס ראַיִסאָוו". מיט אָט דעם אַרטיקל האָט זיך פאַראינטערעסירט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און עס איבערגעדרוקט אונטערן נאָמען „מײַסטערשאַפט".

ווען אין אָקטיאַבער 1981 איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 20-יאָריקער יובילײ פונעם זשורנאַל, האָבן מיר ביידע — ראַיִסאָוו און איך — צוגעגרייט א פּראָגראַם פון ייִדישע פאָלקסלידער און פון לידער אַף די ווערטער פון ייִדישע פּאָעטן. מיר זײַנען אַרויסגעטראָטן מיט דער פאָלג. איך האָב אַקאָמפּאַנירט. ראַיִסאָוו האָט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געזונגען אַף ייִדיש. מיט אָט דער פּראָגראַם זײַנען מיר אויך אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע, אין צענטראַלן ליטעראַטן-הויז און אין דער צענטראַלער שטאָטישער ביבליִאָטעק אַף נעקראַסאָווס נאָמען. דעם קאָנצערט האָט מען פאַרשריבן פאַר דער ראַדיִאָ אין ביראָבידזשאַן, און ביז איצט קלינגט דאָרט אָפט ראַיִסאָווס שטים.

דער קעשענעווער קאָמפּאָזיטאָר וו. ביטקין האָט אונדז געהאָלפן צו שאַפן א פּראָגראַם פאַר א קאָנצערט פון צוויי אָפּטיילונגען. מיר האָבן אויסגעקליבן נײַן לידער פונעם זאַמלבוך ייִדישע פאָלקסלידער. וו. ביטקין האָט זיי באַאַרבעט, נעמענדיק אין אַכט דעם זינגערס געפיל צו הומאָר און זײַן מוזיקאַלישקײַט. די סצענעס-דיִאַלאָגן, די וויציקע טעאַטראַליזירטע מיניִאַטיורן האָט ראַיִסאָוו אויסגעפילט גלענצנד.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג פונעם קאָנצערט זײַנען אויסגעפילט געוואָרן נײַע ייִדישע לידער אַף די ווערטער פון אַרן ווערגעליס, כאַיִם ביידער, אווראָם גאָנטאַר. באַזונדערס שטאַרק האָט דאָ געקלונגען די מילכאָמע-טעמע, די שילדערונג פון דער טראַגעדיע פונעם ייִדישן פאָלק. ראַיִסאָוו האָט געהאַט א טאַלאַנט פון אַן אימפּראָוויזאַטאָר. נאָך דער סקרופּולעזער אַרבעט פלעגט שטענדיק קומען דער מאָמענט פון אימפּראָוויזאַציע. די גאַנצע פּראָגראַם איז געווען לויט איר גײַסט זייער נאָענט ראַיִסאָוון. אויסער קאָנצערט אין מאָלדאַווישן אַקטיאָרן-הויז, זײַנען מיר אַרויסגעטראָטן אין טשערנאָוויץ און אין מאָסקווע. די לעצטע אַרויסטרעטונג איז פאָרגעקומען אי מײַ פונעם פאָריקן יאָר, אפן אָוונט, געווידמעט דעם 125-טן געבורטסטאָג פון שאָלעם-אַליכעמען, אין דעם שרײַבער-פאַרבאַנד פון מאָלדאַוויע.

ניט לאַנג צוריק האָט מען אונדז אײַנגעלאַדן אַף צען קאָנצערטן קיין ביראָבידזשאַן, אָבער דאָס איז ניט באַשערט געווען מעקוייעם צו ווערן".

איך בין אויך בײַגעווען אַף ראַיִסאָווס קאָנצערט פון ייִדישע פאָלקסלידער. און האַגאַם איך האָב ניט פאַרשטאַנען די שפּראַך, אָבער די מעלאָדישקײַט, די אויסגעצייכנטע אויספירונג האָבן געמאַכט אַף מיר א טיפן אײַנדרוק. די גאַנצע דערפאַרונג פון א זינגער, דעם טאַלאַנט, די ליבע צו דער קולטור פון זײַן פאָלק האָט ראַיִסאָוו אַרײַנגעלייגט אין אָט דעם קאָנצערט.

באָריס ראַיִסאָוו פאַרבלײַבט אין דער געשיכטע פון דער מאָלדאַווישער אָפּערע ווי איינער פון אירע באַדײַטנדיקסטע מײַסטערס.

ביז לעצטן טאָג געווען גליקלעך



סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקי
א באַגעגעניש אפן פראָנט: ס. סטאָיאַנאָווסקי (רעכטס) און דער שרײַבער ס. גאָרדייעוו

ווײַזט אויס, אַז מאָדנע קלינגט דאָס וואָרט — „גליקלעך", ווען די ערד אונטער די פיס טרייסלט זיך פון אופרײַסן, ווען טויט און בלוטפאַרגיסונג פאַרוואַנדלען זיך אין א גע-וויינלעכער דערשײַנונג.

די באַזיניקונג פון די פאַרלוסטן און רויִני-רונגען, פונעם צער און פון די ליידן וועלן נאָך זײַן שפּעטער, נאָר ער, דער זעלנער סע-מיאָן סטאָיאַנאָווסקי, איז גליקלעך, ער איז גליקלעך דערפאַר, ווײַל אים איז געלונגען צונויפשמעלצן אינײנעם דעם סאָלדאַטישן, בירגערלעכן, מענטשלעכן כויוו מיט זײַן טאַ-לאַנט און באַרוף, ווײַל זײַן מײַסטערשאַפט און דעם פלאַם פון דער נעשאָמע לייגט ער אוועק אפן מיזבייעך פון דעם זיג, וואָס פאַרגיט ניט און פאַרגעסט ניט די אכזאָריעסן. דערנאָך, ווען די, וואָס זײַנען געקומען מיט שווערד און פײַער צו באַצווינגען און פאַרניכטן, וועט מען נויטן אָפּצוגעבן א דין-וועכעזשבן פאַר זייערע רעציכע-טאַטן, וועלן אויך די קינאָקאַדרען פו-נעם טאַלאַנטפולן אָפּעראַטאָר זאָגן זייער וואָרט.

זײַן אַרבעטס-וועג הייבט אָן סעמיאָן סטאָ-יאַנאָווסקי אַלס טאָקער אפן קיִעווער זאַוואָד „אַרסענאַל", נאָר ער גייט אומאָפּנייגלעך צו זײַן פאַרבאָרגנסטן טרוים — ווערן א קינאָ-אָפּעראַטאָר. דער וועג צו אָט דעם ציל איז געווען ניט גאָר קיין לאַנגדויערנדיקער, מיס-טאַמע דערפאַר, ווײַל אין סטאָיאַנאָווסקין האָבן זיך מאַזלבראָכעדיק באַהעפט באַגאַבטקײַט און אַרבעטספעיִקײַט. פיל פון דעם, וואָס ער האָט באַוויזן אופטאָן צו זײַנע זעקס און צוואַנציק יאָר, האָט פאַרנומען אַן אָרט אין פּראָפעסיִאָ-נעלן קינעמאַטאָגראַף אַלס שאַפונגען פון א רײַפן מײַסטער, זײַן לערער און פרײַנט, דער באַווּסטער קינאָ-רעזשיסער ר. גריגאָריעוו, דערמאָנט אים אין פערציק יאָר אַרום מיט דאַנקבאַרקײַט אינעם זאַמלבוך „זייער גע-ווער — די קינאָ-קאַמערע".

סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקי האָט פאַרן קריג פאַרענדיקט דעם אַלפאַרבאַנדישן מעלוכישן אינסטיטוט פון קינאָ-קונסט — דעם וגיק. אפן פראָנט געפינט ער זיך שוין פון די ערשטע טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אָט זײַנען שורעס פון א בריוו, וועלכן ער האָט געשריבן צו זײַן מומען: „כ'בין אפן פראָנט פונעם 26 יוני 1941. האָסט געקאָנט צומאָל זען מײַנע אָפּעראַטאָרישע מאַטעריאַלן אין קי-נאָ-זשורנאַלן... מײַן אַרבעט איז א שווערע און געפערלעכע, אָבער אַן אויסערסט אינטערע-סאַנטע און דאַנקבאַרע"...

צוויי הונדערט זיבן און פופציק מיליטערי-שע קינאָ-אָפּעראַטאָרן זײַנען דורכגעגאַנגען די מילכאָמע-וועגן באַנאַנד מיט די סאָלדאַטן. פופציק פון זיי האָבן זיך ניט אומגעקערט פונעם שלאַכטפעלד, זייערע נעמען זײַנען אויסגעקריצט מיט גינגאָלד אַף דער מירמל-

ברעט, וואָס הענגט אין דעם מאָסקווער קינאָ-
הויז, צווישן זיי — סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקיס נאָ-
מען.

אַן ענערגישער און געוואַגטער מענטש, איז
סעמיאָן, ווי עס איז אָנגענומען צו זאָגן, גע-
קראָכן אין סאַמע געגעם, פּיקסירנדיק מיט
דער קינאָ-קאַמער די סאַמע שווערסטע און
געפערלעכע סיטואַציעס.

זיין מייסטערשאַפט אַלס אָפּעראַטאָר פאַר-
בינדט ער מיט דער דינסט פון א סאָלדאַט-
אויסשפּירער. אין 1943, בייס די שלאַכטן פאַר
נאָוואָראָסייסק, שמוגלט ער זיך דורך אַף „קיי-
נעמס ערד", פאַרקלייבט זיך אין א האַלברוי-
נירט שטעלכל און פיקסירט פון דאָרט אַף א
קינאָ-לענטע די דיסלאָקאַציע און די באַווע-
גונגען פון די דייטשישע קרעפטן. די קינאָ-
קאַמער איז בא אים געווען אומצעשיידבאַר
מיטן אויטאָמאַט, ווען עס איז אויסגעקומען,
פלעגט סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקי זיך פאַרוואַנד-
לען אין א געניטן אויטאָמאַטלער.

איצט קאָן מען בלויז טרעפן, אין וועלכן
זשאַנער פון דער קינאָ-קונסט וואָלט סטאָיאַ-
נאָווסקי אַמבעסטן געאַרבעט — אין לירישן,
הומאָריסטישן, צי פובליציסטישן? דער קריג
האָט די פראַגע געלייזט אַף זיין שטייגער...
און דאָך קאָן מען אצינד פעסטשטעלן, לע-
מאָשל, אַז אין סטאָיאַנאָווסקיס מיליטערישע
סוזשעטן פילט זיך בוילעט זיין הומאָר און לי-
ריזם. אָט איז די טעמע „פרויען אַף דער מיל-
כאָמע": מילדע און אַזעלכע פאַרשיידענע, קו-
מען זיי צום פאַבריקמאַכער פונעם פאָלק, און
זיי ווערן מיטאַמאָל, אַרויסגייענדיק פון דער
„שערערייַ", אַזוי ענלעך איינע אַף דער אַנ-
דערער, גלייך איין מאַמע האָט זיי געהאַט, עס
טוט מאַמעש טרויעריק א ציטער דאָס האַרץ
איבער דעם, וואָס עס איז ניט מעקויעם גע-
וואָרן דאָס געוויינלעכע, „פרויִשע גליק" צו
זיין „איינע אַזא אין דער גאַנצער וועלט"...

סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקי איז אַף א פאָדערשטן
טאַנק, ווי א באַפרייער, אַרייַן אין דער בולגאַ-
רישער שטאָט טירנאָוואָ, און פון דעמלט אָן
איז ער אַף אייביק געוואָרן איר ערן-בירגער.
אין טירנאָווער מוזיי קאָן מען זען סעמיאָנס
פאָטאָגראַפיע. און אָט איז ער צוזאַמען מיטן
רוסישן דיכטער סעמיאָן גאָרדייעוו, וועלכער
האָט געקעמפט אַף איין פראָנט מיט אים...

אומגעקומען איז סטאָיאַנאָווסקי אין די
שלאַכטן פאַר דער עסטרייַכישער הויפּט-שטאָט
ווין. בייס זיין כאַווער האָט אים, א טויט-פאַר-
וווּנדעטן, אַרויסגעטראָגן פון דער שלאַכט, האָט
ער ניט אַרויסגעלאָזט די קינאָ-קאַמער פון די
הענט און מיט די לעצטע קויכעס אַרויסגע-
שטאַמלט: „פאַרלויכט ניט די לענטע"...

סעמיאָן סטאָיאַנאָווסקיס אָנדענק איז פאַרײי-
ביקט פאַר די קינפטיקע דורעס אין דער
קיִעווער שול נומער 118, ווּוּ ער האָט זיך גע-
לערנט, האָבן די שילער געשאַפן א מוזיי, אין
וועלכן פיל פאָטאָגראַפיעס דערציילן וועגן זיין
ביאָגראַפיע — וויִאַזוי ער האָט געלעבט אין
דער קינדהייַט, בלייַבנדיק אין עלטער פון פיר
יאָר א יאָסעם, וויִאַזוי ער האָט זיך געלערנט,
אָנגעקומען אַרבעטן אַפן זאַוואָד, געוואָרן אַן
אָפּעראַטאָר, געקעמפט מיט די פאַשיסטן. אַף
דעם דענקמאָל לעקאָוועד די געפאַלענע, וועל-
כער איז אופגעשטעלט אינעם קיִעווער זאַוואָד
„אַרסענאַל", איז פאַראַן אויך סטאָיאַנאָווסקיס
נאָמען. אינעם מוזיי פון דער געשיכטע פון
קיִעוו קאָן מען זען אַן עקספּאָזיציע, געווידמעט
סטאָיאַנאָווסקין — באַנאַנד מיט זיין פּאָרטרעט
ווערן דאָרט אָפּגעהיט די שלאַכט-אָרדענס,
וועלכע ער האָט באַקומען פאַר העלדנמוט.

צווישן די קינאָ-לענטעס פון די מיליטערישע
יאָרן איז פאַראַן א קאַדער, וועלכער האָט
פאַרייביקט סטאָיאַנאָווסקין א לעבעדיקן. דער
דאָזיקער קאַדער איז שוין געוואָרן כרעסטאָ-
מאַטיש, אים האָבן געקאָנט זען מיליאָנען טע-
לע-צושויער אָנהייב מייַ, האַיאָר, בייס די טע-
לעוויזיע האָט טראַנסלירט די כראָניקאַלע עפּאָ-
פּייע „סטראַטעגיע פונעם זיג": אין אַן אָנ-
גרייַפנדיקער קייט פון סאָוועטישע אויטאָמאַט-
לער לויפט א יונגער שרעקלאָזער סאָלדאַט,
האַלטנדיק אין די הענט א קינאָ-קאַמער. פּלו-
צעם שטויסט ער זיך אָן אַף אַן אָפענעם ליוק;
ניט לאַנג געטראַכט, טוט ער א שפּרונג אַרייַן
אין אים, און פון דאָרט הייבט ער אָן פיקסירן
מיט דער קינאָ-קאַמער דעם אָנגריף פון אונד-
זער מיליטער. דאָס איז סעמיאָן סטאָיאַנאָוו-
סקי, דער מיליטערישער אָפּעראַטאָר.

סטאָיאַנאָווסקין איז נאָכן טויט צוגעייגנט
געוואָרן די מעלוכע-פּרעמיע פון פססר פאַר
זייַנע לענטעס פון די יאָרן 1941 — 1945. די
דאָזיקע קינאָ-דאָקומענטן דערציילן וועגן דעם
העלדנמוט פונעם סאָוועטישן פאָלק. זיי ווערן
פאַרהיט אין די מיליטערישע אַרכיוון. דער
סאָלדאַט, קינסטלער און בירגער סעמיאָן
סטאָיאַנאָווסקי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך א
ווערטפולן שפּור.

עלווירע פאַגעל

■ ■ ■

פּובליציסטיק

גריגאָרי באָנדאַרעווסקי,
פּראָפעסאָר

דער עמעס וועגן די געהיימע פאַרבינדונגען פון פשא מיטן קריגעדישן ייִסראָעל

די פאַקטן און דאָקומענטן, וועלכע זײַנען געבראַכט געוואָרן אינעם פינפטן קאַפּיטל פון ס. גרינס בוך „דער אויסוואַל איז געמאַכט: די געהיימע פאַרבינדונגען פון זשא מיטן קריגערישן ייִסראָעל" (דאָס קאַפּיטל הייסט „די סועץ-מילכאָמע: א דרײַפאַכיקע גענאַרערײַ"), דערמעגלעכן אָפּצוּוואַרפן די באַהויפּטונגען פון אַמעריקאַנישע דיפּלאָמאַטן, היסטאָריקער און פּובליציסטן וועגן דעם, אַז די רעגירונג פון פשא האָט ביז דער לעצטער מינוט גאָרנישט ניט געוווּסט וועגן דער זיך גרייטנדיקער ענגליש-פראַנצויזיש-ייִסראָעלדיקער אַגרעסיע פון אָקטיאַבער—נאָיאַבער 1958 און אַז בייס אָט דער מילכאָמע האָט זי קלוימערשט פאַרנומען שיר ניט א פּראָעגיפּטישע פּאָזיציע. די פאַקטן און דאָקומענטן דערמעגלעכן אויך ענדגילטיק אָפּצוּוואַרפן די באַהויפּטונגען פון די ציִעניסטן וועגן דעם, אַז דער אָנטייל פון ייִסראָעל אין אָט דער מילכאָמע האָט געטראָגן א... פאַרטיידיקונגס-כאַראַקטער.

די נײַסטע אָפּהאַנדלונג, וועלכע אַנטהאַלט די דאָזיקע באַהויפּטונגען, איז דער בוך פונעם איצטיקן פּרעזידענט פון ייִסראָעל כאַיִם הערצאָג „די אַראַביש-ייִסראָעלדיקע מילכאָמעס".

אין סענטיאַבער 1955 האָט דער גענעראַל-דירעקטאָר פונעם ייִסראָעלדיקן שוץ-מיניסטעריום ש. פּערעס געפירט אין פּאַריזש געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן דעמאָלטיקן אינערן-מיניסטער פון פראַנקרײַך מ. בורזשע-מאָנורי וועגן ליפערונגען פון מאָדערנסטן פראַנצויזישן וואָפן. זײַענדיק איינער פון די אָנפירער פונעם פראַנצויזישן רעגירנדיקן קלאַס, איז בורזשע-מאָנורי געווען ביז גאָר פאַרינטערעסירט אין דעם, אַז מיט דער הילף פון די ייִסראָעלדיקע באַנגעטן זאָל דערלאַנגט ווערן א קלאַפּ איבער עגיפּטן, וועמעס רעגירונג בראָש מיטן פּרעזידענט נאַסער האָט אָפן סימפּאַטיזירט דעם אופשטאַנד פונעם אַלזשירישן פאָלק קעגן דער פראַנצויזישער הערשאַפט. אַזוי זײַנען פאַרלייגט געוואָרן די יעסוידעס פונעם פראַנצויזיש-ייִסראָעלדיקן בלאָק קעגן דעם רעוואָליוציאָנערן עגיפּעט און קעגן דעם פרײַהײַטליבנדיקן אַלזשירישן פאָלק. אין נאָיאַבער 1955, נאָך דעם ווי בען-גוריאָן איז געוואָרן פּרעמיער-מיניסטער, האָבן די פראַנצויזיש-ייִסראָעלדיקע קאָנטאַקטן זיך אַקטיוויזירט. ווי עס זאָגן איידעס זש. דעראָזשי און אי. קאַרמעל אין זייער בוך „די געהיימע געשיכטע פון ייִסראָעל", האָט פּערעס בלויז אין סאָף 1955 און אין 1956 פינף און צוואַנציק מאָל געהיים באַזוכט פּאַריזש. אין רעזולטאַט דערפון האָט ייִסראָעל באַקומען מאָדערנסטע פראַנצויזישע רעאַקטיווע פאַרניכטלער-אַעראָפּלאַנען „מיסטער-IV" און הונדערט טאַנקען.

אין מײַ 1956 האָבן בורזשע-מאָנורי און פּערעס אונטערגעשריבן א געהיימע מיליטעריש-פּאָליטישע פאַרשטענדיקונג, וועלכע האָט פאָרויסגעזען די צוגרייטונג פון קריגס-אַקציעס קעגן עגיפּטן. קעדיי רעאַליזירן און דעטאַליזירן די פאַרשטענדיקונג, איז באַשלאָסן געוואָרן דורכפירן אין יוני נײַע אונטערהאַנדלונגען מיטן אָנטייל פון די אָנפירער פון די גענעראַל-שטאַבן פון ביידע לענדער. אין טעל-אוויוו האָט א געוויסע קעגנווירקונג דער צוגרייטונג פון א מילכאָמע מיט עגיפּטן, און דערצו נאָך אין א בונד מיט דער גרויסער קאָלאָניאַלער מעלוכע — פראַנקרײַך, אַרויסגעוויזן מ. שאַרעט, וועלכער האָט נאָך אַלץ פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אויסערן-מיניסטער. דעריבער האָט מען אים דעם 18 יוני פאַרביטן מיט גאָלדע מעיִר, און דעם 22 יוני זײַנען קיין פּאַריזש געקומען, צוזאַמען מיט פּערעסן, דער שעף פון גענעראַל-שטאַב פון ייִסראָעל מ. דאַיאַן און דער שעף פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג פּאָלקאָווניק האַרקאַבי. אין יולי 1956 האָט מען אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן די

סאָף. אָנהייב זע אין די נומערן 3 און 6 פאַר ה. י.

געהיימע אָפעראציע „נעפל", בייס וועלכער מע האָט געבראכט אינעם קליינינקן ייִסראָעלדיקן האפן קישאָן פראנצויזישע טאנקען און עראָפלאנען, וועלכע זײַנען צוגעשטעלט געוואָרן פון טולאָן אף פראנצויזישע שיפן אונטער דער שירמע פון פארשטארק-קויכעס פאר דער פראנצויזישער ארמיי אין אלזשיר.

אין גאנג פון דער אָפעראציע זײַנען אנטשטאנען צוויי פראָבלעמען. ערשטנס: אף וויפל פראנקרײַך איז געווען אן אָנטיילנעמער פון דער ענגליש-פראנצויזיש-אמעריקאנישער דעקלאראציע פון 1950 וועגן רעספעקטירן די געפארלאָזיקײַט אפן נאָענטן מיזרעך, האָט דאָס באזאָרגן ייִסראָעל מיט גרויסע קוואנטומס געווער געפאָדערט די האסקאָמע פון די פארייניקטע שטאטן. אין דעם פרעזידענט אייזנהאוערס מעמוארן געפינען מיר א באשטעטיקונג, אז די סאנקציע פון וואשינגטאָן איז באקומען געוואָרן. צווייטנס, האָט מען פאר די פראנצויזישע ליפערונגען געדארפט באצאָלן מיט וואליוטע, וועלכע ייִסראָעל האָט ניט געהאט. אָבער גראָד אין 1955 — ערשטער העלפט 1956 איז „פלוצעם" געשטיגן די פינאנסיעלע הילף פאר ייִסראָעל מיצאד די אמעריקאנער ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס. מעלדנדיק אָט די געלטער אלס „פילאנטראָפישע", האָט די רעגירונג פון פשא, פון איר זײַט, גרויסמוטיק באפרײַט זיי פון שטײַערן. אף אזא אויפן האָט די אמעריקאנישע מעלוכע-קאסע אין א היפשער מאָס סובסידירט די ייִסראָעלדיקע אײַנקויפונגען פון פראנצויזישן וואָפן.

די מײַרעוודיקע און ציִעניסטישע פראָפאגאנדע באהויפטעט, אז די פיבערהאפטע אײַנקויפונגען פון פראנצויזישן וואָפן מיצאד דער מעדינע זײַנען א רעזולטאט פון דער געפאר פאר איר זיכערהײַט, וועלכע איז קלוימערשט אנטשטאנען אין שײַכעס דערמיט, וואָס אין סענטיאבער 1955 האָט דער פרעזידענט נאסער געשלאָסן א פארשטענדיקונג מיטן סאָוועטנפארבאנד און טשעכאָסלאָוואקיע וועגן געווער-ליפערונגען. אָבער דער אקאדעמיקער יע. מ. פרימאקאָוו האָט אין זײַן מאָנאָגראפיע „די אנאטאָמיע פונעם נאָענטמיזרעכדיקן קריזיס" איבערצײַגעוודיק דערוויזן, אז נאסער האָט זיך געווענדט צו די סאָציאליסטישע לענדער בלויז נאָך דעם, ווי ענגלאנד, פראנקרײַך און פשא האָבן קאטעגאָריש זיך אָפגעזאָגט צו פארקויפן געווער עגיפעט, פארופנדיק זיך אף דער זעלבער „דרײַצדאָדימדיקער דעקלאראציע", וועלכע האָט, ווי ס'איז אויבן דערמאָנט געוואָרן, לאכלוטן ניט געשטערט די פראנצויזישע געווער-ליפערונגען פאר ייִסראָעל. דערצו דארף מען צוגעבן, אז די אונטערהאנדלונגען וועגן ליפערונגען פון מאָדערנסטן פראנצויזישן וואָפן פאר ייִסראָעל האָבן פערעס און בורזשע-מאָנורי געפירט אין אָנהייב סענטיאבער 1955, אין דער צײַט, ווען די ערשטע מיטיילונג וועגן דער פארשטענדיקונג פון עגיפטן מיטן סאָוועטנפארבאנד און טשעכאָסלאָוואקיע איז פובליקירט געוואָרן בלויז דעם 27 סענטיאבער 1955.

די דיפלאָמאטיע און די אויסשפיר-אָרגאנען פון פשא האָבן אופמערקזאם געשפירט נאָך דער אנטוויקלונג פון דער מיליטעריש-סטראטעגישער אומגעבונג אפן נאָענטן מיזרעך. ווי עס זאָגט איידעס דער געפונענער מיצאד ס. גרינען געהיימער מעמאָראנדום פונעם אָנפירער פון דער מיליטערישער אויסשפירונג פון פשא, וועלכער איז געשיקט געוואָרן דעם פאָרזיצער פונעם פארייניקטן קאָמיטעט פון די שטאב-שעפן, „האָבן אין די ייִסראָעלדיקע רעגירנדיקע קרײַזן באדײַטנדיק זיך פארשטארקט די שטרעבונגען צו פארווירקלעכן א „פרעווענטיווע מילכאָמע" קעגן די אראבער".

דעם 27 פעווראל 1956 האָט דער פארייניקטער קאָמיטעט פון די שטאב-שעפן איבערגעגעבן דזשאָן פאָסטער דאלעסן אן אָפיציעלן מעמאָראנדום וועגן די פארהעלטענישן פון די באוואָפנטע קרעפטן בא ייִסראָעל און בא די אראבישע מעלוכעס, אין וועלכן ס'איז באהויפטעט, אז ייִסראָעל קאָן פירן קריגס-אקציעס קעגן די ארמייען פון אלע אראבישע מעלוכעס אין מעשעך פון 90 טעג, אין דער צײַט, ווען די לעצטע קאָנען קעמפן בלויז 30 טעג. אין אפרעל 1956 האָט דער פאָרזיצער פונעם פארייניקטן קאָמיטעט פון די שטאב-שעפן אדמיראל רעדפאָרד מיט באפרידיקונג אינפאָרמירט דעם שוץ-מיניסטער, אז ייִסראָעל איז שוין אימשטאנד צעגראָמירן בעמעשעך פון א כוידעש די מיצרישע ארמיי אפן סינײַער האלב-אינדזל און עפעקטיוו זיך קעגנשטעלן די באוואָפנטע קרעפטן פון די איבעריקע אראבישע מעלוכעס.

אין די דאָזיקע באדינגונגען זײַנען ציניש פעלשונגען די באהויפטונגען פון די אמעריקאנער היסטאָריקער און פראָפאגאנדיסטן וועגן דעם, אז די פארייניקטע שטאטן האָבן קיין שום פאָרשטעלונג ניט געהאט, אז עס רײַפט א קריגס-קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך און ביפראט נאָך וועגן דער וואקסנדיקער אגרעסיווקײַט פון ייִסראָעל. די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען, באשטעטיקן, אז די פארייניקטע שטאטן זײַנען ניט נאָר געווען אין קורס פון די פראנצויזישע געווער-ליפערונגען פאר ייִסראָעל, נאָר זיי האָבן אלזײַטיק סטימולירט די אגרעסיווקײַט פון די ציִעניסטן. דערמיט אָבער איז ניט באגרענעצט

די ווערט פון די דאָקומענטן. ס. גרינען האָט זיך אײַנגעגעבן צו געפינען אינעם נאַציאָנאַלן ארכיוו פון פשא, אין די פּאַנדן פונעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די שטאַב-שעפן, סענסאַציאָנעלע געהיימע דאָקומענטן, וועלכע ווארפן א שײַן אַף דער קאָמפּליצירטער מיליטעריש-פּאָליטישער אינטריגע פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא, וועלכע איז פאַרווירקלעכט געוואָרן בעמעשעך פון אפּרעל — סענטיאַבער 1956, דה. ערעוו דער ענגליש-פראַנצויזיש-ייִסראַעלדיקער אגרעסיע קעגן עגיפּטן.

דעם 4 אפּרעל 1956 האָט די גרופּע פון סטראַטעגישער פּלאַנירונג באַם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די שטאַב-שעפן אָפּגעשיקט דער אָנפירונג פונעם קאָמיטעט א מעמאָראַנדום אונטערן נאָמען „די פּלאַנירונג, וויאַזוי צו פאַרווירקלעכן די דרײַצדאָדימדיקע דעקלאַראַציע פון 1950”, וועלכער האָט אנטהאַלטן א פּראָגנאָז פון דער מיליטערישער אויסשפּירונג פון פשא וועגן די מעגלעכע וואריאַנטן פון דער אנטוויקלונג פון די קריגס-אַקציעס אפן נאָענטן מיזרעך. אין אָט דעם וויכטיקן דאָקומענט מיט א גריף „אבסאָליוט געהיים” ווערט באַהויפּטעט, אין פולן ווידערשפּרוך מיט אלע פריערדיקע און ווײַטערדיקע אנאַליטישע איבערזיכטן, אז דער אמערסטן ווארשײַנלעכער אָנהייב פון דער מילכאָמע וועט זײַן „די אגרעסיע פון עגיפּטן קעגן ייִסראַעל”!

אזויאַרום, האָט דער פאַראייניקטער קאָמיטעט פון די שטאַב-שעפן פון פשא אָן שום גרונט דערצו פאַרויסגעזאָגט און אומפאַרמײַדלעכע אגרעסיע פון עגיפּעט קעגן ייִסראַעל אין סאַמע ברען פון די אמעריקאַניש-מיצרישע אונטערהאַנדלונגען בענעגייע פינאַנסירן די אסואַנער דאַמבע און פּונקט דעמלט, ווען אָפיציעלע און ניט-אָפיציעלע פאָרשטייער פון פשא אין קאַיר האָבן פאַרזיכערט נאַסערן, אז דאַלעס און אייזענהאָוער האָבן צו עגיפּעט א גוטוויליקע באַציִונג. אָט דער פּראָגנאָז איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין ענגער מיטאַרבעט מיט די פירנדיקע מיליטערישע און אויסשפּיר-אָרגאַנען פון גרויסבריטאַניע, וואָס עס האָט געהאַט, ווי ס'וועט באַוויזן ווערן ווײַטער, א באַזונדער באַדײַטונג.

אָט דער מאָדנער דאָקומענט איז געלייגט געוואָרן אין יעסאָד פונעם געהיימען פּלאַן פון דער אָפּעראַציע „מיליטערישער רעזערוו”, וועגן דער עקזיסטענץ פון וועלכן ס'איז ביז איצט ניט געווען באַוווּסט. ווי עס זאָגט איידעס דער מעמאָראַנדום, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן דעם 25 מײַ 1956 דעם פאָרזיצער פונעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די שטאַב-שעפן אדמיראַל רעדפאָרד, איז צוליב אנטוויקלען אָט דעם פּלאַן געגעבן געוואָרן א דירעקטיוו די נידעריקער שטייענדיקע שטאַבן און פאַרוואַלטונגען פון די באַוואָפנטע קרעפטן פון פשא, זיי זאָלן צוגרייטן נײַסטן וואָפן, אַרײַנגערעכנט 24 מאָדערנסטע אעראָפּלאַנען „פ-86”, קעדיי זיי דרינגענדיק איבערוואַרפן פון די אמעריקאַנישע באַזעס אין אייראָפּע אַף ייִסראַעלדיקע אעראָדראָמען, ווײַל די מעדינע „קאָן אין דער נאָענטסטער צײַט ווערן א קאָרבן פון אן אגרעסיע”. אין א ספּעציעלער דירעקטיוו דעם מיניסטער פון די מיליטערישע לופט-קויכעס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אז דאָס אַריבערוואַרפן דאָס וואָפן דאַרף טיף פאַרקאָנספּירירט ווערן. אין פאַל, אויב עס וועט זיך דורכשמוגלען אן אינפאָרמאַציע, זײַנען, לויט דאַלעסעס פאַראָרדענונג, לעצאַטכילע צוגעגרייט געוואָרן דאָקומענטן, וועלכע האָבן געדאַרפט „דערווײַזן”, אז אָט די אלע מינים געווער זײַנען באַשטימט פאַר די באַוואָפנטע קרעפטן פון פשא אין אייראָפּע און אינעם ראַיאָן פון דעם מיטללענדישן יאַם.

בלויז דעם 28 סענטיאַבער איז דער פּרעזידענט אייזענהאַוער מאַסקים געווען מיט דער מיינונג, וועלכע דאַלעס האָט אָנגעגעבן אין א ספּעציעלן מעמאָראַנדום, אז מע זאָל, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געענדערטער אומגעבונג, אָפּשאַפן די „אָפּעראַציע „מיליטערישער רעזערוו”. הייסט עס, אז ביז דעם מאָמענט, ווען די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא האָבן זיך ניט איבערצײַגט, אז די ענגליש-פראַנצויזיש-ייִסראַעלדיקע אגרעסיע קעגן עגיפּטן איז פולקום צוגעגרייט, האָבן זיי אליין גאַנץ אינטענסיוו זיך געגרייט צו א באַוואָפנטער אַרײַנמישונג אינעם נאָענטמיזרעכדיקן קאָנפליקט. גראָד צוליב אָט דעם ציל האָט מען צוגעגרייט דעם געהיימען מעמאָראַנדום פון 4 אפּרעל 1956, וועלכער האָט „פאָרויסגעזאָגט” אן אָנפאַל פון עגיפּטן אפן „שוצלאָזן” ייִסראַעל.

שפּעטער, בײַם דער דריטער און פערטער אַראַביש-ייִסראַעלדיקע מילכאָמעס, האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא ניט איין מאָל זיך געגרייט אָנצווענדן אין א געענדערטן וואַריאַנט די „אָפּעראַציע „מיליטערישער רעזערוו”. דאָס האָט זיך בוילעט אנטפּלעקט אויך אין די יאָרן 1982—1983 בײַם דער אינוואַזיע פון ייִסראַעל אין ליוואַן. די אמעריקאַנישע דראָונג קעגן די אַראַבישע לענדער האָט באַזונדערס זיך פאַרטיפט אין די יאָרן 1984—1985, ווען וואַשינגטאָן האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן פּאַנאַנדערצושטעלן באַפליגלטע ראַקעטעס אין קאָמיזאָ אפן אינדזל סיציליע.

די אויבנדערמאָנטע מעמאָראַנדומס פונעם פאַראייניקטן קאָמיטעט פון די שטאַב-שעפן פונעם 12 אָקטיאַבער 1955, פונעם 26 פעוראַל און 27 אפּרעל 1956 זאָגן איידעס, אז די רע-

גירנדיקע קרײַזן פון פשא זײַנען, ניט געקוקט אפן פּראָוואָקאַציאָנעלן פּראָגאַנאָז וועגן דער פֿאַרשטײענדיקער אגרעסיע פון עגיפטן, פול־קום געווען אינפֿאָרמירט וועגן דעם מיליטעריש פֿאַרצוג פון ייִסראָעל איבער די באַוואָפֿנטע קרעפטן פון די אראבישע לענדער. טאקע דערפאר איז פֿאַרויסגעזען אין א ספּעציעלן אָפּטייל פונעם פאנאנדערגעוויקלטן פלאַן „אָפּעראציע „מיליטערישער רעזערוו" דאָס שאפן אף די שיפן פונעם 6־טן פלאָט רעזערוון פון אייניקע מינים וואָפן, קעדיי איבערגעבן זיי, „אין א נויטפאל", די אראבישע לענדער. דאָס איז געווען א סטראכירונג, אויב דער „שוצלאָזער ייִסראָעל", וואָס איז ענג פֿאַרבונדן מיט די קאָלאָניאַלע קרײַזן פון פראנקרײַך און גרויסבריטאַניע, וועט צו טיף ארײַנדרינגען אין די ראַיאָנען פון די אראבישע לענדער, וועלכע האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך א באַזונדערן אינטערעס פאר די נאפט־מאָנאָפּאָליעס פון פשא.

ווי באַוווּסט, האָט נאסער געמאָלדן דעם 26 יול וועגן דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער אַלגעמיינער קאָמפּאַניע פונעם סועץ־קאַנאַל, דערקלערנדיק, אז די מיליאָניקע רעוואָכים, וועלכע ס'האָבן באַקומען די ענגלישע און פראנצויזישע אקציאָנערן, וועלן גיין אף דער בויונג פון דער גרעסטער הידראָענערגעטישער און איריגאַציע־אײַנריכטונג אין אפריקע און אין נאָענטן מיזרעך — פון דער אסואַנער דאמבע. אָט דער באַשלוס האָט דערלאַנגט א ריזיקן קלאַפּ איבער די פּאָליטישע, פינאַנסיעלע און מיליטעריש־סטראַטעגישע אינטערעסן פון די ענגלישע און פראנצויזישע קאָלאָניזאַטאָרן אפן נאָענטן מיזרעך און אין אפריקע, דערפאר אָבער איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם אפן אראבישן מיזרעך.

אַלס ענטפער, האָבן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראנקרײַך אין דעם זעלבן טאָג אָנגענומען א פֿאַרלויפיקן באַשלוס וועגן אַן אינטערווענץ קעגן עגיפּעט. פאקטן ווארפן אָפּ די באַהויפּטונגען פון די אמעריקאנישע פּראָפּאַגאַנדיסטן וועגן דעם, אז די רעגירונג פון פשא האָט וועגן דעם ניט געווּוּסט. אין דער טעלעגראַם פאַרן 27 יול צו אייזענהאַוערן האָט דער פּרעמיער־מיניסטער פון גרויסבריטאַניע אידען מיטגעטײלט, אז די ענגלישע רעגירונג איז איבערצײַגט אין „דער נויטווענדיקײַט צו זײַן גרייט, אַלס לעצט מיטל, אָנצווענדן באַוואָפֿנטן קויעך, קעדיי אומקערן נאסערן צום סייכל". די גענעראַל־שטאַבן פון פראנקרײַך און גרויסבריטאַניע האָבן טייקעף אָנגעהויבן גרייטן א ברייטמאַסשטאַביקן פּלאַן פון אַן אינוואַזיע אין עגיפּעט, וועלכער האָט באַקומען דעם שיפר „מושקעטיאָר". די ערשטע דאטע פון זײַן רעאַליזירונג איז אָנגעמערקט געוואָרן אפן 15 סעפּטעמבער.

די ציִעניסטישע רעגירער פון ייִסראָעל זײַנען פולקום געווען אין קורס פון אָט דער אומגעבונג און זיך געײַלט פֿאַרצולייגן זייערע טויוועס די קאָלאָניזאַטאָרן. די ייִסראָעלדיקע מיליטערישע אויספירונג האָט גלײַך צוגעשטעלט די פראנצויזישע גענעראַלן אַלע לעצטע אָנגאַבן וועגן דער דיסלאָקאַציע פון די מיצרישע באַוואָפֿנטע קרעפטן. דעם 28 סעפּטעמבער, נאָך עטלעכע פֿאַרלויפיקע וויזיטן פון פּערעסן, איז קיין פּאַריזש געקומען א ייִסראָעלדיקע רעגירונגס־דעלעגאַציע בעראָש מיטן נײַעם אויסערן־מיניסטער גאָלדע מעיִר. ס'איז דערגרייכט געוואָרן א פֿאַרשטענדיקונג וועגן דער צוגרייטונג פון אַן ענגליש־פראנצויזיש־ייִסראָעלדיקער אינטערווענץ קעגן עגיפּעט. אף אזא אופן האָט ייִסראָעל פאקטיש זיך אָנגעשלאָסן צום פּלאַן „מושקעטיאָר", די פֿאַרווירקלעכונג פון וועלכן ס'איז לויט א ריי סיבעס, וועגן וועלכע עס וועט געזאָגט ווערן ווײַטער, עטלעכע מאָל אריבערגעטראָגן געוואָרן. ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס גראָד אין דעם טאָג, ווען עס איז דערגרייכט געוואָרן די פֿאַרשטענדיקונג וועגן דער אגרעסיע קעגן עגיפּעט, האָט דאַלעס צוגעשיקט זײַן אויבנדערמאָנטן מעמאָראַנדום אייזענהאַוערן, אין וועלכן ער האָט פֿאַרגעלייגט זיך אָפּזאָגן פון דער „אָפּעראַציע „מיליטערישער רעזערוו" — איצט איז זי דאָך שוין ניט געווען נייטיק!

אין פֿאַרלויף פון דער ערשטער העלפט פון אָקטיאַבער 1956 האָט פּערעס דרײַ מאָל באַזוכט פּאַריזש, שליסנדיק דערבײַ א נײַע געהיימע מיליטעריש־פּאָליטישע פֿאַרשטענדיקונג, וועלכע עס האָבן אונטערגעשריבן ער און דער שעף פון דעם קאַבינעט פונעם שוץ־מיניסטעריום פון פראנקרײַך א. טאָמא. נאָכדעם האָבן גי מאָלע און אידען באַשטעטיקט דעם ענדגילטיקן וואַריאַנט פון דער אָפּעראַציע „מושקעטיאָר" מיטן אָנטייל פון ייִסראָעל. אָבער די ציִעניסטן איז עס געווען ניט גענוג. בען־גוריאָן האָט געפֿאָדערט שריפטלעכע גאַראַנטיעס ניט נאָר בענעגייע דער מיליטערישער שטיצע פון דער ייִסראָעלדיקער אינוואַזיע אפן סינײַער האַלבּ־אינדזל ערעוו דער ענגליש־פראנצויזישער אינטערווענץ, נאָר אויך די האַסקאָמע אף א ריי טעריטאָריאַלע פּרעטענזיעס פון ייִסראָעל. דעריבער איז פונעם 22 ביזן 25 אָקטיאַבער פֿאַרגעקומען אין דער פּאַריזשער פֿאַרשטאָט סעוור א געהיימע טרעפונג צווישן גי מאָלע, דעם ענגלישן אויסערן־מיניסטער ס. לאָיד מיט בען־גוריאָנען, מ. דאַיאַנען און, פֿאַרשטייט זיך, פּערעסן.

גענויע פּראָטים וועגן אָט דער קאָנפערענץ,

ווו ס'איז ענדגילטיק געשלאָסן געוואָרן דאָס געשעפט צווישן די ענגליש-פראנצויזישע קאָלאָניזאטאָרן און דער ציִעניסטישער קליקע קעגן דעם עגיפטישן פאָלק, אנטהאלט דער ווייניק באוווּסטער בוך פונעם קאנאדער היסטאָריקער ט. ראָבערטסאָן „דער קריזיס: געהיימע יעדיִעס וועגן דער סועצער פארשווערונג", וועלכער איז אָנגעשריבן אפן גרונט פון קאנאדער דיפלאָמאטישע דאָקומענטן און פון די לאנגדויערנדיקע שמועסן פונעם אווטאָר מיט גי מאָלע און מיט אנדערע אָנטיילנעמער פון דער קאָנפערענץ. דאָס אכטע קאפיטל פונעם בוך הייסט „דער סעוורער אָפמאך". מיר דערוויסן זיך, אז די סעקרעטקײַט איז געווען אף אזויפיל גרויס, אז די אעראָפלאנען מיט די ייִסראָעלדיקע און ענגלישע אָנטיילנעמער האָבן געלאנדעט אף א פריוואטן אעראָדראָם, בא דער באוווּסטער ווילע קובלע הינטער פאריזש. דעם 25 אָקטיאבער איז דער סעוורער אָפמאך אונטערגעשריבן געוואָרן. אין אים האָט ענדגילטיק זיך צוזאמענגעשלאָסן אין איין גאנצעס דער ענגליש-פראנצויזישער פלאן „מושקעטיאָר" מיטן ייִסראָעלדיקן פלאן פון אן אינוואזיע אפן סינײַער האלב-אינדזל אונטערן פארשיפרירטן נאָמען „קאדיש".

דער פולער אינהאלט פון אָט דעם דאָקומענט, וועלכער איז פארעפנטלעכט אין ט. ראָבערטסאָנס בוך, דערמעגלעכט טיפער זיך פאנאנדערקלײַבן אין דעם גאזלאָנישן מעכאניזם פון דער דרײַצדאָדימדיקער אגרעסיע קעגן עגיפטן. זי האָט געדארפט זיך אָנהייבן מיט דער אָפעראציע פון דער ייִסראָעלדיקער ארמיי מיטן ציל זיך דורכרײַסן צום סועצער קאנאל. די ענגלישע מיליטערישע לופט-קויכעס האָבן געדארפט באָמבארדירן די עגיפטישע אעראָדראָמען און פאָרזעצן זייערע אָנגריף-אקציעס אין פארלויף פון דער גאנצער אָפעראציע, קעדיי מאכן א דרוק אף אנדערע אראבישע לענדער. פארן ארויסזעצן זיך פון די ענגליש-פראנצויזישע מיליטער-קויכעס האָט געדארפט אָפגעשיקט ווערן אן אולטימאטום מיט א פאָדערונג צו עגיפטן און ייִסראָעל טייקעף אָפשטעלן די קריגס-אקציעס. אָבער נאָכן באקומען דעם אולטימאטום האָבן די ייִסראָעלדיקע מיליטער-קויכעס געדארפט פאָרזעצן דעם אָנגריף, ביז זיי וועלן דערגרייכן די ליניע, וואָס געפינט זיך 10 מײַל צו מיזרעך פונעם סועצער קאנאל. אלס באדינגלעכער סיגנאל אף צו איבערגעבן דעם אולטימאטום האָט געדינט די טראנסליאציע פון „קאָל ייִסראָעל" וועגן דעם, אז די פאָדערשטע טיילן פון דער ייִסראָעלדיקער ארמיי האָבן דערגרייכט דעם קאנאל. נאָך דעם איז דער ייִסראָעלדיקער קאָמאנדשאפט געגעבן געוואָרן 12 שאָ, קעדיי אריבערוואָרפן דעם הויפט-טייל פונעם מיליטער אין באשטימטן ראיאָן.

אינעם אולטימאטום איז אײַנגעשלאָסן געווען א פונקט וועגן דעם, אז דער ציל פון דער ענגליש-פראנצויזישער קריגס-אָפעראציע איז פארטיידיקן דעם קאנאל „פון ביידע צדאָדים". גי מאָלע האָט צוערשט דערווידערט קעגן אָט דעם פונקט, ווײַל אפילע פאר אים האָט עס געקלונגען צו צוויִעסדיק. אף וויפל אָבער אָן אָט דעם פונקט האָט דער ענגלישער צאד זיך אָפגעזאָגט צו נעמען אף זיך א פארפליכטונג באָמבארדירן די מיצרישע אעראָדראָמען, צו וואָס עס האָט באזונדערס געשטרעבט בען-גוריִאָן, איז אָט דער צוויִעסדיקער פונקט אײַנגעהיט געוואָרן און שפעטער האָט מען אים רעאליזירט.

אין שײַן פונעם אויבנגעזאָגטן קאָן נישט ניט ארויסרופן קיין אופגעבראכטקײַט די באהויפטונג פון די מעכאברים פון די „פארצייכענונגען וועגן דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק", וועלכע זײַנען דערשינען אין 1972 אונטער דער רעדאקציע פונעם פראָפעסאָר ש. עטינגער אף רוסיש אין טעל-אוויוו, וועגן דעם, אז „דער אולטימאטום פון ענגלאנד און פראנקרײַך, וועלכער האָט געפאָדערט פון די ייִסראָעלדיקע מיליטער-קויכעס, זיי זאָלן זיך ניט דערנעענטערן צום סועץ-קאנאל, האָט געמאכט פאר אומעגלעך די ווײַטערדיקע פאָרויסבאוועגונג אין אָט דער ריכטונג". דער סעוורער אָפמאך פון 1956 איז א וועזנטלעכער רינג אין יענער קייט, מיט וועלכער די ציִעניסטן האָבן געהאָפט צושמידן צום רײַטוואָגן פונעם אימפעריִאליזם די פעלקער פון מאגריב און פונעם אראבישן מיזרעך.

פונקט דעמלט, ווען בען-גוריִאָן האָט פאָרגעזעצט די דינגערײַ מיט די ענגלישע און פראנצויזישע מיניסטאָרן, קעדיי זיך דערשלאָגן אמערסטן לוינבארע באדינגען אין דער מילכאָמע קעגן עגיפטן, איז אין ניו-יאָרק פאָרגעקומען א זיצונג פונעם זיכערהײַט-ראט פון דער אונאָ, אף וועלכער ס'איז באהאנדלט געוואָרן די אינטענסיווע פארשארפונג פון דער מיליטערישער אומגעבונג אפן נאָענטן מיזרעך. דעם 25 אָקטיאבער איז ארויסגעטראָטן אף דער זיצונג דער געזאנדטער פון ייִסראָעל אין פשא אבע עבאן, וועלכער האָט, צווישן אנדערס, געמאכט, לויטן אופטראָג פון זײַן רעגירונג, אזא אָפיציִעלע דערקלערונג: „די רעגירונג פון ייִסראָעל וועט געוויסנהאפטיק רעספעקטירן די פארשטענדיקונג וועגן וואָפנשטילשטאנד... זי וועט ניט אָנהייבן קיין מילכאָמע. זי וועט ניט זײַן קיין איניציִאטאָר פון גוואלדטאט". אין דער זעלבער צײַט האָט אין ייִסראָעל אין פולן גאנג זיך אָנגעהויבן די מאָ-

ביליזאציע. לויט דער אָנווײַזונג פון בען-גוריִאָנען, איז באשלאָסן געוואָרן אונטערצונעמען מיטלען פון דעזינפאָרמאציע-כאראקטער אף דעם פאל, אויב די ידיִעס וועגן דער צוגרייטונג צו אן אינוואזיע וועלן זיך דורכשמוגלען דורך די גראָבע ווענט פונעם גענעראלשטאב.

עבאן האָט דערקלערט דזשאָן פאָסטער דאלעסן דעם 28 אָקטיאבער — א טאָג פאר דעם אָנפאל אף עגיפעט, — אז די ייִסראָעל-רעגירונג האָט באקומען אן אינפאָרמאציע, וועלכע פארדינט צוטרוי, וועגן דעם, אז עגיפעט גרייט זיך אָנפאלן אף ייִסראָעל...

ס. גרין באהויפטעט מיט פולן גרונט, אז די דאָזיקע דערקלערונג קאָן מען פארגלײַכן בלויז מיט דער „פרידנסליבנדיקער" מיטיילונג וועגן דער שטרעבונג פון יאפאָניע אײַנרעגולירן די מיינונגס-פארשיידנהײַטן מיט פשא, וועלכע דער יאפאָנישער געזאנדטער אין וואשינגטאָן נאמורא האָט געמאכט דעם מעלוכע-סעקרעטאר פון פשא קאָרדעל כעל אין מאָמענט, ווען די יאפאָנישע עראָפלאנען האָבן שוין געהאלטן אין דערטרינקען די שיפן פונעם שטיל-אָקעאנישן פלאָט פון די פאראייניקטע שטאטן אין פירל כארבאָר.

דעם 29 אָקטיאבער 1956 האָט מען אָנגעהויבן פארווירקלעכן די אָפעראציע „מושקעטיאָר — קאדיש". די 45-טויזנטקעפיקע ייִסראָעלדיקע ארמיי האָט זיך א לאָז געטאָן אפן סינײַער האלב-אינדזל.

א היפשן אינטערעס שטעלן פאָר מיט זיך די אומבאוווּסטע ביז איצט דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען אין די מיליטערישע ארכיוון פון פשא. מיר דערוויסן זיך, אז 10 טעג פאר דער אינוואזיע האָבן אף די געהיימע עראָדראָמען פון ייִסראָעל געלאנדעט 72 פראנצויזישע רעאקטיווע פארניכטלער-עראָפלאנען („מיסטער" און „פ-84"). זיי האָבן געדארפט צודעקן די ייִסראָעלדיקע שטעט און מיליטערישע אָביעקטן אין פאל פון אן ענטפער-קלאפ מיצאד דער מיצרישער אוויִאציע. גלײַכצײַטיק האָבן די פראנצויזישע טראנספאָרט-עראָפלאנען, וועלכע האָבן זיך באזירט אין ציפערן, אראָפגעוואָרפן מיט פאראשוטן אפן סינײַער האלב-אינדזל פאר די ייִסראָעלדיקע מיליטער-טיילן שפײַז-פראָדוקטן און קריגס-מאטעריאלן. אין א ריי פאלן האָבן די פראנצויזישע רעאקטיווע פארניכטלער-עראָפלאנען זיי אונטערשטיצט פון דער לופטן, אטאקירנדיק די עגיפטישע מיליטער קויכעס.

דעם 30 אָקטיאבער האָבן פראנקרײַך און ענגלאנד, נאָך דעם ווי זיי האָבן באקומען די אָפגערעדטע אינפאָרמאציע פון „קאָל ייִסראָעל", דערלאנגט עגיפטן און ייִסראָעל א צוגעגרייטן נאָך אין סעוור אולטימאטום, וועלכער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אלציינע אויסדרוקן. דאָרט איז געווען, ווי ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, א פאָדערונג וועגן צוריקציִען דאָס מיליטער פון ביידע צדאָדים אף 10 מײַל פונעם סועץ-קאנאל. אין יענער צײַט זײַנען די ייִסראָעלדיקע מיליטער-קויכעס געווען נאָך ווײַט — אפן סינײַער האלב-אינדזל, און די עגיפטישע מיליטער-קויכעס, געפינענדיק זיך אפן מיזרעך-ברעג פונעם קאנאל, האָבן געקאָנט אָפטרעטן בלויז אף מײַרעוו און ניט אף מיזרעך. אָבער דער איקער איז באשטאנען אין דעם, וואָס עגיפעט איז געווען א קאָרבן פון א כוצפעדיקער, ניט-פראָוואָצירטער אגרעסיע. דעריבער האָט די מיצרישע רעגירונג, ווי מע האָט טאקע געהאָפט אין לאָנדאָן און אין פאריזש, אָפגעווייגט דעם ענגליש-פראנצויזישן אולטימאטום. אף אזא אויפן איז פאר דער אינוואזיע פונעם מיליטער פון ביידע קאָלאָניִאלע מעלוכעס אין עגיפעט געשאפן געוואָרן א טערעץ.

אויבן איז שוין באטאָנט געוואָרן, אז איבער א ריי סיבעס איז די רעאליזירונג פונעם פלאן „מושקעטיאָר", וואָס איז צוערשט אָנגעמערקט געוואָרן אפן 15 סענטיאבער, עטלעכע מאָל אריבערגעטראָגן געוואָרן. דאָס איז געווען פארבונדן ניט בלויז מיט דער קאָמפליצירטקײַט פון צונויפבינדן די ניט שטענדיק צונויפגעפאלענע אינטערעסן פון די דרײַ פארטניאָרן — אגרעסאָרן. עס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג וועגן איבערוקן דעם אָנהייב פונעם קריגס-קאָנפליקט צום סאמע סאָף פון אָקטיאבער, קעדיי פארשוועריקן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פשא ערעוו די אלגעמיינע וואלן צו פאנאנדערוויקלען זייערע מיליטעריש-פאָליטישע האנדלונגען און קאָמבינאציעס אפן נאָענטן מיזרעך.

נאָך איין אומשטאנד, וועלכער האָט דיקטירט איבערצוטראָגן די טערמינען פון דעם פלאן „מושקעטיאָר — קאדיש", איז געווען די שטרעבונג פון זײַנע אָרגאניזאטאָרן סינכראָניזירן דעם אָנהייב פון דער אגרעסיע קעגן עגיפטן מיט די אקציעס פון דער קאָנטררעוואָליוציע אין אייניקע לענדער פון מיזרעך-אייראָפע. וועגן דעם, לעמאָשל, ווי זאָרגזאם זיי האָבן סינכראָניזירט זייערע אקציעס פון די אונגארישע געשעענישן, האָפנדיק, אז דאָס וועט אָפווענדן די אויפמערקזאמקײַט פון זייערע פארכאפערישע פלענער, רעדט דער פאקט, אז דער אָנהייב פונעם קאָנטררעוואָליוציִאָנערן בונט אין אונגארן איז פארגעקומען דעם 23 אָקטיאבער, דה. אין דער זעלבער צײַט, ווען אין סעוור זײַנען ארופגעטראָגן געוואָרן די לעצטע שטריכן אפן פלאן „מושקעטיאָר—קא-

דיש", און דער אולטימאַטום, וועלכן די רעגירונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן דערלאַנגט עגיפּעט, האָט זיך באַוויזן דעם 30 אָקטיאַבער, דה. אין סאַמע ברען פונעם בונט אין אונגאַרן.

מיט דער הילף פון דער דרייַצדאָדימדיקער אגרעסיע קעגן עגיפּעט האָבן די רעגירנדיקע קרייַזן פון ענגלאַנד און פראַנקרייַך ניט נאָר אויסגערעכנט אומצוקערן זיך דעם קאָנטראָל איבערן סועץ-קאַנאַל, אראָפּזעצן די אַנטי-אימפּעריאַליסטישע רעגירונג בראָש מיט נאַסערן, אופשטעלן זייערע אונטערגעריסענע פּאָזיציעס אין יאַרדאַניע, דערשטיקן די באַפרייונגס-מילכאָמע פונעם אַלזשירישן פאָלק, אַרייַנשלעפּן א רייַ אראַבישע לענדער אינעם באַגדאַדער פּאַקט, נאָר אויך אופשטעלן אין ראַיאָן פון דעם סועץ-קאַנאַל אַן „אייַזערנע וואַנט", וועלכע האָט געדאַרפט פאַרמייַדן די אַרייַנדרינגונג פון וויכטיקע אַנטיקאָלאָניאַליסטישע ווינטן, וואָס האָבן שוין געבלאָזן אין אַזיע, אין דער נאָך פאַרשקלאַפטער אין א באַדייַטנדיקער מאָס אַפריקע.

די צווישנפעלקערלעכע ציִעניסטישע קערפּערשאַפטן, פון זייער זייַט, זייַנען מאַמעש געקראָכן פון דער הויט, קעדיי אָפּוועגדן די אופמערקזאַמקייַט פון דער ענגליש-פראַנצויזישער מילכאָמע קעגן דעם עגיפּטישן פאָלק און פאַרקאָמפּליצירן די הילף פון די סאָציאַליסטישע לענדער, אין דער ערשטער ריי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

אָבער די פּלענער און כעזשבוינעס פון די מיִרעוודיקע קאָלאָניזאַטאָרן און פון די ייִסראָעל-רעגירער זייַנען דורכגעפאַלן.

ניט געקוקט אַף דעם, וואָס די ענגלישע און פראַנצויזישע מיליטער-קויכעס האָבן דעם 31 אָקטיאַבער 1956 אָנגעהויבן די אינטערווענץ קעגן עגיפּעט און וואָס ייִסראָעלדיקע מיליטער-קויכעס האָבן אָקופּירט דאָס סינייַער האַלב-אינדזל, האָט די דרייַצדאָדימדיקע אגרעסיע ניט געקאָנט דערגרייכן אירע צילן. אין רעזולטאַט פונעם אַקטיוון ווידערשטאַנד מיצאַד דעם מיצרישן פאָלק, פון דער מעכטיקער פּאָליטישער און דיפּלאָמאַטישער שטיצע מיצאַד דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, פונעם קאָלאָסאַלן אופשטייַג פון דער אַנטי-אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג אין די אראַבישע לענדער און אין אַזיע, פונעם גרימצאָרן פון דער וועלט-עפנטלעכקייַט, דערונטער פון דער ענגלישער און פראַנצויזישער, איז די קאָלאָניזאַטאָרן אויסגעקומען אָפּצוטרעטן. דעם 7 נאָיאַבער 1956 זייַנען ענגלאַנד, פראַנקרייַך און ייִסראָעל געצוווּנגען געווען אָפּשטעלן די קריגס-אַקציעס קעגן עגיפּעט און נאָכדעם אויך אַרויספירן זייער מיליטער פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

ווען די דרייַצדאָדימדיקע אגרעסיע איז דורכגעפאַלן, האָט דער פּרעזידענט נאַסער געהאַט א מעגלעכקייַט צו איבערצייַגן זיך אין דעם נעאָקאָלאָניאַליסטישן כאַראַקטער פון דער נאָענטמיזרעכדיקער פּאָליטיק פון די פאַרייניקטע שטאַטן, אין זייער ניט-אופריכטיקייַט און צווייפּנעמדיקייַט. וואַשינגטאָן האָט אויך אונטערשטיצט טעל-אוויוו אינעם אָפּשלעפּן דעם פולקומען צוריקצוג פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס.

דעם 5 יאַנוואַר 1957 האָט דער פּרעזידענט פון פשא אין א ספּעציעלער ווענדונג צום קאָנגרעס וועגן דער פּאָליטיק אַפן נאָענטן און מיטעלן מיזרעך פּראָקלאַמירט די אַזויגערופענע „אייזענהאַוער-דאָקטרין", וועלכע האָט געדאַרפט באַרעכטיקן יעטווידע אַרייַנמישונג פון די אַמעריקאַנישע באַוואָפנטע קרעפטן אין די אינייאָנים פון די לענדער אין אָט דעם רעגיאָן מיטן טערעץ צו „פּאַרטיידיקן אים פונעם צווישנפעלקערלעכן קאָמוניזם". די אַמעריקאַנישע מאָנאָפּאָליעס האָבן זיך געסטאַרעט וואָס גיכער פאַרפולן דעם געשאַפענעם, לויט זייער מיינונג, וואַקוום אַפן נאָענטן מיזרעך, וועלכער איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער מאַפּאָלע פון די אַלטע קאָלאָניאַלע מעלוכעס ענגלאַנד און פראַנקרייַך, צו וואָס עס האָט אין ניט קיין קלייַנער מאָס, צוליב די אייגענע צילן, מיטגעהאָלפן אויך די אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטיע.

וואָס איז שייַך די ייִסראָעל-רעגירער, האָבן זיי זיך צוגעייַלט צו מאַכן ווייַטגייענדיקע אויספירן פון דער פּאָליטישער מאַפּאָלע אין דער דרייַצדאָדימדיקער אגרעסיע, אין גאַנג פון דער צוגרייטונג פון וועלכער זיי זייַנען אָפּגעטראָטן פונעם אַלטן ציִעניסטישן קלאַל — קעסיידער זיך אָריענטירן אַף דער שטאַרקסטער אין געגעבענעם מאָמענט אימפּעריאַליסטישער מעלוכע. דער אָפּגעלעבטער ענגלישער אימפּעריאַליזם און די רעגירנדיקע קרייַזן פון פראַנקרייַך, וועלכע האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין די שאַרפע ווידערשפּרוכן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין פּאַסיקע פּאַרטניאָרן.

פון איצט אָן איז די ציִעניסטן קלאָר געוואָרן, אַז זיי דאַרפן אין זייער אגרעסיווער פּאָליטיק זיך אָנשפּאַרן בלויז אַף די פאַרייניקטע שטאַטן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון דער „סטראַטעגישער מיטאַרבעט", וועלכער איז אופגעשטעלט געוואָרן שוין אין בעגינס און שאַמירס טקופע. אין דער זעלבער צייַט האָבן די אייַנפלוסרייַכע ציִעניסטישע לאָביס אין פשא געטאָן אַלדאָס נייטיקע, קעדיי פאַרגלעטן יענע ניט גרויסע

מיינונגס-פאַרשיידנהייטן און ווידערשפּרוכן, וועלכע זײַנען אַנטשטאַנען צווישן טעל-אוויוו און וואַשינגטאָן בײַס דער צוגרייטונג צו דער סועצער מילכאָמע.

דערצו נאָך דאַרף מען צוגעבן, אַז אינעם מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט און אין ווײַסן הויז האָט מען זיך ניט איבעריקס באַקלאָגט אויף די ציִעניסטן פאַר יענער „פיגור פון שווײַגעניש", וועלכע זיי האָבן אָנגעווענדט אינעם פאָריקן פּעריִאָד, ווײַל גראָד דאָס האָט דערמעגלעכט דעם אָפיציִעלן וואַשינגטאָן צו פאַרנעמען א פּאָזיציע פון באַליידיקטער אומשולדיקײַט און אפילע אַרויסטרעטן מיט א טאַדלונג פון דער דרײַצדאָדימדיקער אַגרעסיע, וועלכע האָט באַדאַרפט פאַרשטאַרקן דעם אײַנפלוס פון פּשא אין געוויסע קרײַזן פונעם אַראַבישן מיזרעך. די דרײַצדאָדימדיקע אַגרעסיע האָט אַרויסגערופן א געמאַכטן גרימצאָרן בא וואַשינגטאָן, איר דורכפאַל האָט געשאַפן דעם זעלבן „קויעך-וואַקוום" אויפן נאָענטן מיזרעך, וועלכן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פּשא האָבן אַזוי אײַפערדיק זיך געסטאַרעט פאַרפולן. אָנהייבנדיק פון די 60-ער יאָרן, פּרוּוון זיי אָט דעם ציל פאַרווירקלעכן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף ייִסראָעל. דעריבער האָבן די רעגירנדיקע קרײַזן פון פּשא, ווי ס'וועט באַווײַזן ווערן ווײַטער, באַזאָרגט די ייִסראָעל-אַגרעסאָרן ניט נאָר מיט מאָדערנסטע מינים געוויינלעכן געווער, נאָר זיי האָבן אויך געשפּילט א היפּשע ראָל אינעם שאַפן אַטאָם-געווער אין ייִסראָעל.

נאַטירלעך, אַז די וועלט-עפנטלעכקײַט שטרעבט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די פראַגן, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם, וויִאַזוי ייִסראָעל האָט באַקומען דעם סאַמע געפערלעכן מין געווער און ווער עס האָט באַזאָרגט טעל-אוויוו מיט באַרײַכערטן אוראַן און מיט פּלוטאָני. די געשיכטע פון אָט דער פראַגע באַלויכט ס. גרין מיט גרויס קענטעניש פון דער זאַך אינעם קאַפּיטל „די שאַפונג פון דער ייִסראָעלדיקער באָמבע: 1948—1976".

נאָך ערעוו דער אויסבילדונג פון מעדינאַס ייִסראָעל האָבן הויכגעשטעלטע באַאַמטע פון דער ייִדישער אַגענץ און אָפיצערן פון „האַגאַנאַ" זאָרגזאַם אָפּגעקליבן צווישן די אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען געקומען קיין פּאַלעסטינע פון אייראָפּע, באַזונדערס צווישן אַזעלכע, וואָס זײַנען געבליבן לעבן אין די היטלערישע קאָנצלאַגערן, קוואַליפיצירטע פיזיקער, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט ביז דער מילכאָמע מיט פּאָרשן ראַדיִאָאַקטיוויקײַט. אין א יאָר אַרום נאָך דער אויסבילדונג פון ייִסראָעל, ווען מע האָט נאָך אומעטום געזען די שפּורן פון דער ערשטער אַראַביש-ייִסראָעלדיקער מילכאָמע און ס'האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצוטריקענען זיך דער טינט, מיט וועלכן עס זײַנען אונטערגעשריבן געוואָרן די אָפּמאַכן וועגן וואָפנשטילשטאַנד מיט די שכײנעסדיקע אַראַבישע לענדער, האָט מען אין טעל-אוויוו שוין אָנגעהויבן זיך גרייטן צו שאַפן די ערשטע פּראָגראַם פון נוקלעאַרע פאָרשונגען.

ניט געקוקט אויף די ביז גאָר שאַרפע פינאַנסיעלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען געשטאַנען פאַר דער רעגירונג, איז שוין אין 1949, לויט דער אָנווײַזונג פונעם שוץ-מיניסטעריום, געשיקט געוואָרן א גרופּע יונגע ספּעציאַליסטן אין געביט פון אַטאָם-ענערגיע אין די אוניווערסיטעטן פון מײַרעוו-אייראָפּע און פּשא אויף לער-פאָרש-אַרבעט. אין דעם זעלבן 1949 איז אינעם ווייצמאַן-אינסטיטוט אין רעכאָוואָט געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע „איזאָטאָפּ"-לאַבאָראַטאָריע. אָט די אַלע פאָרשונגען האָבן פאַרווירקלעכט די געלערנטע און דער אינזשעניער-טעכנישער פּערסאָנאַל, וועלכע האָבן ביז דער מילכאָמע באַקומען ספּעציעלע בילדונג אויפן מײַרעוו. באַדײַטנדיקע געלט-מיטלען, וועלכע זײַנען נייטיק געווען צוליב דעם, האָט דער שוץ-מיניסטעריום גענומען פון יענע „פילאַנטראָפּישע נעדאָוועס", וועלכע די ציִעניסטישע קערפּערשאַפטן פון מײַרעוו-אייראָפּע, און באַזונדערס פון די פאַרייניקטע שטאַטן, האָבן געשיקט פאַר די ייִדישע עמיגראַנטן — קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם, קעדיי זיי באַזעצן.

בען-גוריאָן, וועלכער איז געווען אויך דער שוץ-מיניסטער, האָט דערגרייכט נאָך אין 1949 א העסקעם מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג וועגן געהיימער מיטאַרבעט אין געביט פון אַטאָם-ענערגיע. דער דאָזיקער העסקעם, וועלכער איז צום ערשטן מאָל גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן אין דער מאָנאָגראַפיע פון סילוויאַ קראָסבי „דער שווײַגנדיקער בונד: פראַנקרײַך און ייִסראָעל פון סועץ ביז דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע", שטעלט מיט זיך פאָר א היפּשן אינטערעס. ס'איז טשיקאַווע, וואָס דער העסקעם איז געשלאָסן געוואָרן פאַר דער פאַרשטענדיקונג וועגן ליפערן ייִסראָעל מאָדערנסטע מינים געוויינלעכן וואָפן ערעוו דער סועצער מילכאָמע. אַזויאַרום, קעדיי באַקומען א מאַקסימאַלע אינפאָרמאַציע וועגן די פראַנצויזישע פאָרשונגען אין געביט פון אַטאָם-ענערגיע און פון נוקלעאַרן געווער, האָבן די ציִעניסטן אויסגענוצט זייערע ענגע פאַרבינדונגען מיט די פירנדיקע טוער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אין יענע יאָרן געשטאַנען בעראָש פון דער רעגירונגס-קאָאַליציע, און מיטן פראַנצויזישן קאָמיסאַריאַט איבער די איניאָנים פון אַטאָם-ענערגיע. די ייִסראָעל-רעגירונג האָט אויך אויסגעניצט דאָס, וואָס דער פראַנצויזישער

צאָד איז געווען פאַרינטערעסירט אינעם מע-
טאָד פון ארויסבאקומען שווער וואסער, וועלכן
ס'האָט פאנאנדערגעארבעט דער פּראָפעסאָר
אי. דאָסטראָווסקי אינעם ווייצמאַן-אינסטיטוט
(ער האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקייט נאָך אינעם
לאָנדאָנער אוניווערסיטעט). אינטערעסירט
האָבן זיך די פראנצויזן אויך מיט די מעטאָדן,
ווייִאזוי צו באקומען אוראן פון פאָספאטן, וועל-
כע זײַנען פאנאנדערגעארבעט געוואָרן אין
ייִסראָעל.

לויט בען-גוריאָנס פאראָרדענונג איז אין
1952 געשאפן געוואָרן אין ייִסראָעל א קאָמי-
סיע איבער אטאָם-ענערגיע בעראָש מיטן פּראָ-
פעסאָר יע. בערגמאנען, וועלכער איז געווען
ענג פארבונדן מיטן פראנצויזישן קאָמיסאריאט
איבער אטאָם-ענערגיע. אין 1953 איז אונטער-
געשריבן געוואָרן א געהיימע פארשטענדיקונג
וועגן מיטארבעט צווישן ביידע אנשטאלטן.
ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס הארט ביז סאָף
1954 האָט די קנעסעט נישט נאָר ניט גע-
ווּסט וועגן דער דאָזיקער פארשטענדיקונג,
נאָר אפילע וועגן דער עקזיסטענץ פון דער
קאָמיסיע איבער אטאָם-ענערגיע.

גלײַכצײַטיק מיט דער גרינדונג פון אָט דער
קאָמיסיע איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן
אמעריקאניש-ייִסראָעלדיקע פארשטענדיקונג
וועגן בויען אין נאכאל-סאָרעק א ניט-גרויסן
רעאקטאָר מיט א מעכטיקייט פון 5 טויזנט
קילאָוואט. די בויונג פון אָט דעם רעאקטאָר
האָט מען ברייט פּאָפּוליאריזירט, ווײַל עס
האָבן אים אינספּעקטירט אמעריקאנער, און
דער ייִסראָעל-רעגירונג איז געווען לוינבאר
אונטערצושטרײַכן, אַז זי פארנעמט זיך מיט
דער פארשונג אין געביט פון אטאָם-ענערגיע
בלויז צוליב פרידלעכע צוועקן.

אַן אבסאָליוט אנדערן כאראקטער האָט גע-
טראָגן די געהיימע פראנצויזיש-ייִסראָעלדיקע
פארשטענדיקונג וועגן בויען אין דימאָנע (נע-
געוו) א גרויסן רעאקטאָר מיט א מעכטיקייט
פון 24 טויזנט קילאָוואט, אין וועלכן מע האָט
געדארפט אויסניצן אַלס ברענשטאָף אוראן,
און צוליב אָפּקילונג — שווער וואסער. מע
קאָן נישט ניט מאסקים זײַן מיט ס. גרינס בא-
הויפּטונג, אַז דער באשלוס וועגן דער בויונג
פון א רעאקטאָר אין דימאָנע האָט באשטעטיקט
די אנשלאָסנקייט פון דער ציוניסטישער רע-
גירונג אָנצוהייבן די צוגרייטונג צו שאפן
אטאָם-געווער. דאָס האָבן גוט פארשטאנען
אויך די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע איבער
אטאָם-ענערגיע, ווײַל פון די זיבן מיטגלידער
אירע האָבן זעקס אָנגעגעבן אין דעמיסיע אַלס
צייכן פון פּראָטעסט. דאָס האָט אָבער לאכלוטן
ניט באאומרויִקט בען-גוריאָנען. דער פּראָפע-
סאָר בערגמאן האָט פון איצט אָן פארגעשטעלט
מיט זיך די גאנצע קאָמיסיע, און דאָס האָט,
לויט בען-גוריאָנס שטאנדפּונקט, פארלײַכ-
טערט דאָס פארהיטן דעם סאָד. גלײַכצײַטיק
מיט דער בויונג פונעם רעאקטאָר אין דימאָנע
זײַנען פאָרגעזעצט געוואָרן די פולשטענדיק
פארסעקרעטעוועטע ארבעטן איבער די טער-
מאָנוקלעארע פּראָבלעמען אין דער „איזאָטאָפּ"-
לאבאָראטאָריע פונעם ווייצמאַן-אינסטיטוט.
ס'איז כאראקטעריסטיש, וואָס א מאמאָשעס-
דיקן טייל פון די הויצאָעס פון אָט דער לא-
באָראטאָריע האָבן גענומען אַף זיך די מיניס-
טעריומס פון די מיליטערישע לופט- און יאם-
קויכעס פון פשא.

דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דעם פּרע-
מיער-מיניסטער פון ייִסראָעל צו ענטפערן אַף
די אָפיציעלע אָנפראגעס פונעם מעלוכע-דע-
פּארטאמענט וועגן דעם, וואָס פאר א געהיימע
בויונג ווערט מעסלעסנווײַז געפירט אינעם
ראיאָן פון דימאָנע, אַז דאָרט ווערט געבויט...
א טעקסטיל-פאבריק. עמעס, אין א יאָר ארום
האָט בען-גוריאָן זיך מודיע געווען אין זײַן
טאָעס און מיטגעטיילט די אמעריקאנער, אַז
דאָרט בויט זיך א... פּאָמפּע-סטאנציע, וועלכע
איז לעבנסוויכטיק פאר דער איריגאציע פונעם
נעגעוו. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אַף
בען-גוריאָנס פאלשקייט בענוגע די פארײַ-
ניקטע שטאטן, איז פאראן א גרונט צו האלטן,
אַז בא דער וויג פון דער נוקלעארער פּראָגראם
פונעם ציוניסטישן ייִסראָעל זײַנען געשטאנען
סײַ פראנקרײַך, סײַ די פארייניקטע שטאטן.

צום באדויערן, האָט ס. גרין, בייס ער האָט
געשריבן דאָס אויבנדערמאָנטע קאפּיטל, ניט
אויסגעניצט די זייער ווערטפולע מאָנאָגראפיע
פון ז. טשערוועונקאָ און ב. ראָדזשערס „די נו-
קלעארע אקס: געהיימע מיטארבעט צווישן
מײַרעוו-דײַטשלאנד און דאָרעם-אפריקע",
וועלכע איז דערשינען אין 1978 אין לאָנדאָן.
אינצווישן, ווערן געבראכט אינעם צענטן אָפּ-
טייל פון אָט דעם בוך אונטערן קעפּל „ווייִאזוי
ייִסראָעל איז ארײַנגעטראָטן אינעם נוקלעארן
קלוב" גאנץ אינטערסאנטע אָנגאבן, וועלכע
זאָגן איידעס וועגן דעם, אַז די דירעקטע קורא-
טאָרן פון דער ייִסראָעלדיקער אטאָם-באָמבע
איז געווען די דײַטשישע פעדעראטיווע רע-
פּובליק. די אײַנריכטונג „6-מוו-טאנדעם-וואן
דע גראאף" אין ווייצמאַן-אינסטיטוט אין רע-
כאָוואָט איז אויסגעבויט געוואָרן ניט נאָר מיטן
אקטיוון אָנטייל פון די ספּעציאליזירטע אנ-
שטאלטן פון דער דײַטשישער פעדעראטיווער
רעפּובליק, נאָר אויך אַף די באקומענע פון
דאָרט ספּעציעלע דאָטאציעס פון 6 מיליאָן
מארקעס. אין 1963 איז אין דער דײַטשישער
פעדעראטיווער רעפּובליק ספּעציעל געשאפן
געוואָרן פאר דער מיטארבעט מיט די געהיימע

אטאָם-אנשטאַלטן פון יִסראַעל די געזעלשאַפט „מינערוואַ", וועלכע איז אַ פיליִאַל פון דער געזעלשאַפט אָפּן נאָמען פון מאַקס פּלאַנק — איינעם פון די פירנדיקע אנשטאַלטן אין מייַרעוו-דייַטשלאַנד אין געביט פון נוקלעאַר-פאַרשונגען.

די אָנפראַגע פון דער אמעריקאַנער רעגירונג, וואָס עס קומט פאַר אין דימאָן, איז אַרויסגערופן געוואָרן דערמיט, וואָס זומער 1960 האָט די צענטראַלע אויסשפּיר-פאַרוואַלטונג אינפאָרמירט אייזנהאַוערן, אַז דאָרט טרעט אַריַין אין דער לעצטער סטאַדיע די בויונג ניט פון אַ טעקסטיל-פאַבריק אָדער פּאָמפּע-סטאַנציע, נאָר פון אַ גרויסן נוקלעאַר-רעאַקטאָר, וועלכער איז פעיִק אַרויסלאָזן צעשפּליטענדיקע מאַטעריאַלן אין אַ צאָל, וואָס זאָל גענוג זיַין אויף צו שאַפן מינימום איין באָמבע אַ יאָר. דערצו איז צוגעקומען אַ מיטיילונג וועגן דעם, אַז מייַרעוו-דייַטשישע פיזיקער און ענערגעטיקער, פאַרבונדענע מיט יִסראַעל, האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ גאַזאָווע צענטריפוגע, וועלכע גיט אַ מעגלעכקייַט אַרויסצובאַקומען צעשפּליטערנדיקע מאַטעריאַלן פון דעם אָפּגעדינטן נוקלעאַר-ברענשטאָף אָן דער נויטווענדיקייַט צו אויסנוצן צוליב אָט דעם צוועק אַ ספּעציעלן רעאַקטאָר, וועלכער אַרבעט אויף פּלוטאָני.

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער אויף זייַנע אָנפראַגעס, האָט דער מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט פאַרעפנטלעכט אין דעקאַבער 1960 אַ מיטיילונג וועגן דעם, אַז יִסראַעל בויט אין דימאָן מיט דער הילף פון פראַנקרייַך אַ מעכטיקן אַטאָם-רעאַקטאָר. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייַט סייַ אין טעל-אַוויוו, סייַ אין פּאַריז. בען-גוריאָנען איז אויסגעקומען דעם 21 דעקאַבער 1960 מיטיילן ענדלעך דער קנעסעט, אַז יִסראַעל בויט שוין דרייַ מיט אַ האַלבן יאָר דעם צווייטן רעאַקטאָר, וועלכער איז, נאַטירלעך, באַשטימט „בלויז צוליב פרידלעכע צוועקן".

מיט וואָס זשע דערקלערט זיך די פּלוצעמדיקע מיטיילונג פונעם מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט? אין דער ערשטער ריי איז זי געווענדט קעגן פראַנקרייַך, ווו דער גענעראַל דע גאָל, וועלכן מע האָט אין דעקאַבער 1958 אויסגעוויילט אַלס פּרעזידענט, האָט לאַכלוטן ניט אַרויסגעוויזן קיין קאַוואָנע געהאָרכזאַם צו גיין אינעם פאַרוואַטער פון דער אמעריקאַנער פּאָליטיק, ווי דאָס האָבן געטאָן זייַנע פאָרגייער.

וועגן דעם, אַז דער מאַנעווער פונעם מעלוכע-דעפּאַרטאַמענט האָט לאַכלוטן ניט געהאַט קיין ציל צו שטערן יִסראַעל שאַפן אַטאָם-געווער, זאָגט איידעס די טעטיקייַט פון דער געגרינדעטער נאָך אין 1957 אין דער שטאַט אַפּאָלאָ (פּענסילוואַניע) קאָמפּאַניע „ניומעק", וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אַלע מינים אָפּעראַציעס, פאַרבונדענע מיט דער פּראָדוצירונג און מיטן פּאַרקויף פון אויסשטאַטונג פאַר נוקלעאַרע רעאַקטאָרן און מיט דער שאַפונג פון הויך-באַרייַכערטן אוראַן און פּלוטאָני פונעם אָפּגעדינטן ברענשטאָף אין די רעאַקטאָרן און עלעקטראָסטאַנציעס.

די דאָקומענטן, וועלכע ס. גרין האָט געפונען אין די אמעריקאַנער אַרכיוון, זאָגן איידעס, אַז די קאָנטראָל-אינסטאַנצן פון דער קאָמיסיע איבער אַטאָם-ענערגיע, און שפּעטער אויך פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונגס-ביוראָ, האָבן אָנגעהויבן באַמערקן אַן אָפּפלוס פונעם באַרייַכערטן אוראַן פון די אונטערנעמונגען פון „ניומעק", ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלץ, ביזן לעצטן גראַם, האָט מען באַדאַרפט אָפּגעבן די פירמעס-באַשטעלער, פאַרבונדענע מיט דער קאָמיסיע איבער אַטאָם-ענערגיע. אין 1965 זייַנען אַנטרונען 194 פונט באַרייַכערטן אוראַן. דער פּרעזידענט פון „ניומעק" ז. שאַפּיראָ האָט באַהויפּטעט, אַז דעם מאַטעריאַל האָט מען אַלפי טאָעס פאַרגראָבן אין די גריבער פון פּראָדוציר-אָפּפאַלן. דאָרט האָט מען ווירקלעך געפונען, אָבער בלויז... 16 פונט. נאָך דעם צווייטן קאָנטראָל פון דער דאָקומענטאַציע פון דער קאָמפּאַניע „ניומעק" איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 382 פונט באַרייַכערטן אוראַן זייַנען ביכלאַל ניט פאַרשריבן אין האַכנאָסע. דער פאָרזיצער פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע האָט צוגעגרייט אַ „צעשמעטערנדיקן" באַריכט וועגן דער טעטיקייַט פון דער פירמע, וועלכע מע האָט געדאַרפט אָפּשיקן דעם פּרעזידענט דזשאָנסאָן. קעדיי אויסאַרבעטן איין אַטאָם-באָמבע פונעם „כיראָסימער טיפּ" איז גענוג 22 פונט! אָבער אין יענעם טאָג, ווען דער באַריכט האָט געדאַרפט ענדגילטיק אונטערגעשריבן ווערן, האָט דער פאָרזיצער פון דער קאָנטראָל-קאָמיסיע אָפּגעשיקט דער אָנפירערשאַפט פון דער אמעריקאַנער קאָמיסיע איבער אַטאָם-ענערגיע אַ מעלדונג וועגן זייַן דעמיסיע, און גלייַך איז ער פאַרעכנט געוואָרן... אינעם שטאַט פון „ניומעק".

אין פאַרלויף פון די יאָרן 1960—1967 האָט די קאָמיסיע איבער אַטאָם-ענערגיע פון פשאַ און די פעדעראַלע אויספאָרשונגס-ביוראָ ניט איין מאָל אינפאָרמירט די געהעריקע מיניסטאָרן און נאָכדעם אויך פערזענלעך דעם פּרעזידענט דזשאָנסאָן וועגן די גראָבע פאַרלעצונגען אין די באַריכט-דאָקומענטן פון „ניומעק"; וועגן דעם, אַז עס דויערט די פאַרשווענדונג פון הונדערטער פונט באַרייַכערטן אוראַן, וועלכע ווערן אַריבערגעשיקט קיין יִס-

ראָעל. די פירמע האָבן באזוכט פילצאָליקע קאָמיסיעס, שאפּיראָ האָט געצאָלט מיליאָניקע שטראפן, אָבער דער באַרײַכערטער אוראן האָט ניט אופגעהערט פארשווינדן.

העיויס ס'איז אנטשטאנען א געפאר פון א שטראפן, אָבער דער באַרײַכערטער אוראן האָט מאסשטאב אין רעזולטאט פונעם „פארפאלענעם" אוראן, איז אין 1956 געשאפן געוואָרן אין ייִסראָעל די קאָמפאניע „איסאָראד", וועלכע איז געוואָרן... א פיליאַל פון „ניומעק". די קאָמפאניע „איסאָראד" איז ספעציעל געשאפן געוואָרן, קעדיי פראָדוצירן אויסשטאטונג, „וועלכע פאָדערט זיך פאר דער ספעציעלער באארבעטונג פון ציטרוסן מיט א שוואכער ראדיאָאקטיווער באשטראלונג, קעדיי זיי פארהיטן פון קאליע ווערן". אינגיכן אָבער האָט די אגענטן פון דער פעדעראלער אויספאָרשונגס-ביוראָ זיך אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, אז אין די אפאראטן פאר אָט דער באשטראלונג, וועלכע „ניומעק" האָט געשיקט, זײַנען טראנספאָרטירט געוואָרן פאר דער קאָמפאניע „איסאָראד" הונדערטער פונט קאָבאלט-60 און באַרײַכערטער אוראן. און פונדעסטוועגן האָבן „ניומעק" און „איסאָראד" פאָרגעזעצט פיל יאָרן זייער טעטיקײַט.

אין 1964 האָט דער רעאקטאָר אין דימאָנע אָנגעהויבן זײַן געפערלעכע טעטיקײַט. דער גאנצער ראיאָן ווערט ניט נאָר באוואכט מיצאד מיליטער-קויכעס, נאָר ער פארמאָגט ערשטקלאסיקע עלעקטראָן- און ראדאר-מיטלען פון שוץ. איבער דימאָנע זײַנען קאטעגאָריש פארבאָטן די פלוגן פון אלע עראָפלאנען, דערונטער פון ייִסראָעלדיקע. ווען און 1967 איז איבער א טאָעס געפלויגן איבערן ראיאָן א ייִסראָעלדיקער עראָפלאן „מיראזש-3", האָט אים אראָפגעקלאפט מיט א ראקעטע די ייִסראָעלדיקע וואך. אין 1973 האָט פונקט אזא גוירל געטראָפן א ליווישן ציווילן עראָפלאן, וועלכער איז דורכגעפלויגן אין דער נאָענט פון דימאָנע אין רעזולטאט פון א נאוויגאציע-טאָעס. 108 פאסאזשירן זײַנען אומגעקומען.

אין 1967 איז דער ייִסראָעלדיקער אגענטור אויסגעקומען נאָך א ריי סקאנדאלן פארמאכן די פירמע „ניומעק". אף וויפל אָבער אין דימאָן איז פאָרגעשטאנען אויספילן א גרויסע פראָגראם פון צוגרייטן נוקלעאר געווער, האָט „מאָסאד" געשאפן ספעציעלע „פארכאפונג-גרופעס", וועלכע האָבן געדארפט באגיין אין אייראָפע און אין אפריקע דיווערסיע-אָנפאלן אף לאסטמאשינען און שיפן, וועלכע האָבן אריבערגעפירט אוראן. אזוי, לעמאָשל, איז אין פראנקרײַך פארכאפט געוואָרן א לאסטמאשין מיט אוראן; אן אנאלאָגישע פארכאפונג איז פארווירקלעכט געוואָרן אין ענגלאנד. אין נאָיאבער 1968 איז פארכאפט געוואָרן די מײַרעוו-דײַטשישע טראנספאָרט-שיף „שערסבערג" מיט א פראכט פון אוראן.

אין די לעצטע יאָרן, ווען ס'האָבן זיך ווידער פארשטארקט די פארבינדונגען צווישן ייִסראָעל און דער ראסיסטישער דאָרעם-אפריקאנישער רעפובליק, האָט דימאָנע אָנגעהויבן באקומען אויך דאָרעם-אפריקאנישן אוראן. פון זײַן זײַט האָט ייִסראָעל באזאָרגט אין אלץ וואקסנדיקע מאסשטאבן די רעגירער פון דער דאָרעם-אפריקאנישער רעפובליק מיט מאָדערנסטער קריגס-טעכניק. גלײַכצײַטיק זײַנען קיין פרעטאָריע געשיקט געוואָרן טויזנטער ייִסראָעלדיקע עקספערטן, קעדיי איבערגעבן די ראסיסטן די דערפארונג פונעם קאמף מיט דער נאציאָנאלער באפרײַונגס-באוועגונג. אזוי פארשטארקט זיך די אקס טעל-אוויוו — פרעטאָריע.

באלויכטנדיק אין שלוס-אָפּטיילן פון זײַן בוך די אלץ וואקסנדיקע ראָל פון די פארייניקטע שטאטן אינעם אונטערשטיצן די ייִסראָעל-אגרעסאָרן, שטרײַכט אונטער ס. גרין, אז דער הויפּט-ציל פון זײַן מאָנאָגראפיע איז באווײַזן דאָקומענטאל דער אמעריקאנער געזעלשאפטלעכקײַט, אז די פארייניקטע שטאטן מוזן אף א ראדיקאלן אויפן ענדערן זייער פּאָליטיק בענעגייע ייִסראָעל. ס. גרין האלט, אז בלויז דאָס אָפּשטעלן די מיליטערישע, עקאָנאָמישע, דיפלאָמאטישע און פּאָליטישע שטיצע פאר די ציוניסטישע פארכאפער קאָן העלפן צו דערגרייכן א פּאָליטישע אײַנרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך, אין וועלכער עס זײַנען פארינטערעסירט אלע פעלקער פונעם רעגיאָן און פון וועלכער עס איז אין א באדײַטנדיקער מאָס אָפּהענגיק דאָס פארשטארקן דעם שאָלעם אין דער גאָרער וועלט.



אף א לימעד פון יידיש אין דער ביראָבידזשאנער פעדאגאָגישער שול. לערערן — ז. בעלמאן

פאָטאָ — וו.וו. בעלינקער

אף א לימעד פון ייִדיש

(א רעפּאָרטאַזש אין „בירעבידזשאַנער שטערן")

— א גוט־מאָרגן! הײַנט וועלן מיר פאָרזעצן די אַרבעט מיט דער ייִדישער לעקסיק. מיר וועלן זיך דערוויסן נײַע ווערטער, זיך לערנען צונויפשטעלן זאַצן, לייענען און איבערזעצן...

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער אָרדנטלעכער לימעד פון דער ייִדישער שפּראַך אין איינער פון די גרופּעס אין דער בירעבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול.

זינאַידע בעלמאַן, די לערערן פון ייִדיש, שרײַבט אפן טאָוול נײַע ווערטער, און די שילער שרײַבן זיי פלײַסיק אראָפּ. דערנאָך לייענט מען די פאַרשריבענע זאַצן אף א קאָל:

— „דאָס סאַמע טײַערסטע וואָרט איז — היימלאַנד".

— „מיר לעבן אין בירעבידזשאַן".

— „מיר לערנען ייִדיש".

אייניקע לייענען שוין גאַנץ פרײַ, און די אויסשפּראַך איז בא זיי אויך א גוטע. אנדערע ברענגען אַרויס באַזונדערע טראַפן.

זינאַידע לוואָוונא בעלמאַן איז א דערפאַרענער פּעדאַגאָג; זי האָט פאַרדינט זיך רופן „אויסגעצייכנטער לערער פון דער פאָלקס־בילדונג".

— שוין א סאַך יאָרן אונטעריכט איך ייִדיש אין דער פּעדאַגאָגישער שול, — דערציילט זי, — פריִער האָבן מיר געלערנט לויט אלטע הילפס־מאַטעריאַלן און איצט האָבן מיר אין אונדזער רעשוס דעם נײַעם אַלעפבייס, דעם גרויסן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. עס קומען אונדז צו הילף אויך די לעקציעס, וועלכע דרוקן זיך אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און זײַנען דערשינען אין דער ביכער־בײַלאַגע צום זשורנאַל.

בעלמאַנס צענדליקער געוועזענע שילער אַרבעטן אלס לערער אין פאַרשיידענע שולן און פאַרשולאַנשטאַלטן פון בירעבידזשאַן און פון דער געגנט.

— מיר באַגעגענען זיך אָפט מיט די אַרויסלאָזוניקעס, — זאָגט די לערערן, — און איך זע מיט פרייד און באַפרידיקונג, אז עס איז מיר געלונגען אײַנפלאַנצן אין זיי ליבע צו דער לעבעדיקער ייִדישער שפּראַך — דער שפּראַך פון שאָלעם־אלייכעמען און אַשער שווארצמאַנען. און וויכטיק איז, וואָס די מערהײַט מײַנע שילער, אצינד שוין פּעדאַגאָגן, זעצן פאָר צו פאַרפולקומען זייערע קענטענישן — אינטערעסירן זיך מיט די נײַע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, לייענען רעגולער דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", דעם „בירעבידזשאַנער שטערן".

אגעוו, איינע פון מײַנע אַרויסלאָזניקעס — נינע וואָראָנינא אַרבעט שוין עטלעכע יאָר אין דער רעדאַקציע פונעם „בירעבידזשאַנער שטערן", שרײַבט פאַרצייכענונגען און אפילע לידער אף ייִדיש. פּאַראַיאָרן איז זי געוואָרן א סטודענטקע באַם ווײַטמיזרעכדיקן מעלוכישן אוניווערסיטעט. און נאָך א פרײַדיקע דערשײַנונג: מײַנע געוועזענע שילער טרעטן אַרויס אף דער בינע פונעם בירעבידזשאַנער דראַמאַטישן פאָלקס־טעאַטער, באַטייליקן זיך אין דער קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט.

מיר שמועסן מיט דער לערערן בייסן איבערײַס. זי האָט זיך געקליבן נאָך עפּעס דערציילן, נאָר אָט האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל. צוזאַמען מיט זינאַידע לוואָוונען גייען מיר אַרײַן אין דער אאודיטאָריע.

— זעצן מיר פאָר די אַרבעט מיט דער ייִדישער לעקסיק, — זאָגט זי, און די שילער פאַרטיפן זיך ווידער אין לערנבוך, שרײַבן אַרײַן אין די העפטן דאָס, וואָס די לערערן דיקטירט.

— לאָמיר איבערכאַזערן די ווערטער, וועלכע איר האָט נאָרוואָס פאַרשריבן...

עס טוען זיך א ציִ א סאַך הענט — אלע ווילן לייענען.

איינע נאָך דער אנדערער הייבן זיך אוף די שילערנס, און אינעם קלאַס קלינגען ווידעראַמאָל די ווערטער:

— דאָס סאַמע טײַערסטע וואָרט איז — היימלאַנד.

— מיר לעבן אין בירעבידזשאַן.

— מיר לערנען ייִדיש.

פאָטאָ און טעקסט — וועלוול בעלינקער

„בירָאָבידזשאַנער שטערן״—10000 נומערן

דעם 30 אָקטיאַבער 1930 יאָר איז אין דעם דעמלט נאָך פּאַרוואָרפּענעם טײַגע-יִישעוו טיכאַנקאַיאַ, דעם קאָמענדיקן ראַיצענטער פון דעם ייִדישן איבערוואַנדערישן ראַיאָן בירָאָ-בידזשאַן אַרויסגעגאַן דער ערשטער נומער פון דער צײַטונג „בירָאָבידזשאַנער שטערן״. ס'איז געווען גאָר א נײַע און זייער א סימפּאַטאַמאַטישע דערשײַנונג: די סאָוועטישע ייִדישע פּרעסע האָט א שפּאַן געטאָן צו די בערגן פונעם מעכטיקן אַמור. פון די שפּאַלטן פון דער יונגער צײַטונג האָט זיך דערטראָגן דאָס קאָל פון אַן אופגעוואַכטן טײַגע-קאַנט און פון זײַנע בויער — דעם נײַעם דאָר ייִדישע האָרעפּאַשניקעס פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון יענער צײַט איז שוין פאַריבער מער ווי פון א האַלבן יאָרהונדערט. אין מעשעך פון 55 יאָר דערשײַנט נומער נאָך נומער די איצט שוין טעגלעכע, באַלוינטע מיטן אָרדן „ערן-צייכן״ צײַטונג פונעם סאָציאַליסטישן בירָאָבידזשאַן. די שעפּע פון די פּובליקירטע מאַטעריאַלן גיט א מעגלעכקײַט נאָכצושפּירן נאָך דער שטורמישער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אַפן סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. די ערשטע פּינפּיאָרן, אין וועלכע ס'איז אופגעוועקט געוואָרן דער נאָך פון קיינעם ניט באַטראָטענער טײַגע-קאַנט און זײַנע רײַכטי-מער, זײַנען געשטעלט צו דינסט דער איבערגעשטאַלטונג פונעם ווײַטן מיזרעך; די גורל-דיקע מילכאָמע-יאָרן, בייס וועלכע די געגנט האָט איר גאַנצן, דעמלט שוין וואַגיקן, עקאָנאָ-מישן פּאָטענציאַל געווידמעט דעם ניצחון איבערן פײַנט; דער שפּעטערדיקער נאָכמילכאָמע-פּעריאָד, ווען עס זײַנען געלייזט געוואָרן און ס'ווערן ביז איצט געלייזט גרויסמאַסשטאַביקע אופגאַבן אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט, — אָט די אַלע שטאַפּלען אינעם לעבן פון עטלעכע דוירעס קוקן אַראָפּ פון די שפּאַלטן פונעם „בירָאָבידזשאַנער שטערן״.

דאָס געשטאַלט פון א נײַעם טיפּ ייִד, א בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, שטייט אוף אין פולן וווּקס, ווען מע בלעטערט איצט די צען טויזנט נומערן פונעם „בירָאָ-בידזשאַנער שטערן״.

ס'האָט אויך וואָס צו זאָגן וועגן זיך די ייִדישע סאָוועטישע קולטור, די ליטעראַטור און טעאַטער, וועלכע האָבן אָף יעדן עטאַפּ פון דער בויונג אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט געפונען זייער נאַטירלעכן אויסדרוק. די בירָאָבידזשאַן-טעמע איז געוואָרן איינע פון די צענטראַלע אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט ביכלאַל.

ס'איז ניט קיין צופעליקײַט, וואָס די ייִדישע רעאַקציע אין אויסלאַנד, אָנהייבנדיק פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אײַנגעשלאָסן די רענעגאַטן, קאָלערליי „געוועזענע״ און אַפּטריניקעס, האָבן ניט קיין רו און פאַלן אַרײַן אין היסטעריע, לייענענדיק די צײַטונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. מע קאָן דאָ בעפיירעש אָפּ-מערקן, אַז דער „בירָאָבידזשאַנער שטערן״ מעג זיך גרויסן מיט דעם, וואָס ער רופט אַרויס אַזאַ פײַנטשאַפט בא אונדזערע סאָנים.

די רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ באַגריסן האַרציק די שוועס-טער-צײַטונג — דעם אָרגאַן פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד און פונעם געגנטלעכן סאָוועט פון פאָלקס-דעפּוטאַטן פון דער צוויי מאָל אָרדענטרעגערישער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

„ביראָבידזשאַנער שטערן"-85

(א שמועס מיטן שעף פון דער אגענטור „סאָיוזפּעטשאַט" — דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרשפּרייט די פּרעסע, — פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט מ. ג. וואָרנאָוויצקי)

— דערציילט, ביטע, וועגן דער אָרדענונג פון דער אבאָנירונג אפן „ביראָבידזשאַנער שטערן".

— די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז אײַנגעשלאָסן אין קאַטאַלאָג פון די סאָוועטישע צײַטונגען און זשורנאַלן אינעם אָפּטייל „רעפּובליקאַנישע אויסגאַבעס". אזויארום, פּונקט ווי אַלע סאָוועטישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען אַרײַנגעטראָגן אין דאָזיקן קאַטאַלאָג, ווערט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון אונדזער לאַנד. די אבאָנירונג אף דער צײַטונג קאָן מען אויספאָרמירן אין די אגענטורן פון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאַרבינדונגס-אָפּטיילונגען פון אַלע שטעט, ייִשובֿים און דערפער פון פּסער. די אבאָנירונג ווערט אויך אָנגענומען לויטן ארבעטס-אָרט פון די בירגער אין די ארבעטס-קאָלעקטיוון בא די געזעלשאַפטלעכע פּרעסע-פאַרשפּרייטער. א סאַך אבאָנירער שיקן צו פּאָרפּאָלטע אבאָנעמענטן און דאָס געלט פאַר דער אבאָנירונג דירעקט אין געגנטלעכער אגענטור.

— ווי זעט אויס די אבאָנירונג אפן „ביראָבידזשאַנער שטערן" אין 1985 יאָר ספּעציעל אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט און אויסער אירע גרענעצן?

— אין פאַרגלײַך מיטן 1982 יאָר איז די אבאָנירונג אפן „ביראָבידזשאַנער שטערן" איבער אונדזער געגנט געשטיגן אין אַנדערהאַלבן מאָל. צווישן אירע לייענער זײַנען אײַנוווינער פון ביראָבידזשאַן און וואַלדהיים, אַמורזעט און נײַפעלד.

עס איז געשטיגן די צאָל אבאָנירער אויך איבערן לאַנד. אזוי, האָבן מיר אין 1984 יאָר אָפּגעשיקט די צײַטונג פאַר די אבאָנירער פון 161 שטעט און ייִשובֿים פון פּסער, און אין 1985 יאָר איז זייער צאָל אויסגעוואַקסן ביז 205. די צײַטונג ווערט אָפּגעשיקט די אבאָנירער, וועלכע לעבן אין די הויפּט-שטעט פון די פאַרבאַנדישע און אווטאָנאָמע רעפּובליקן, אין די שטעט פון סיביר און אוראַל, דער אײַזנבאַן-מאַגיסטראַל באַם און פונעם ווײַטן מיזרעך. א סאַך אבאָנירער פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" זײַנען פאַראַן, צום בײַשפּיל, אין אזעלכע שטעט, ווי ווילנע און כאַרקאָוו, לוואָוו און מאָסקווע, אָדעס און טאַשקענט, קיִעוו און ריגע, טביליסי און נאָוואָסיבירסק, מאַכאַטשקאַלאַ און סווערדלאָווסק.

איך וויל אויך באַמערקן, אז דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" ווערט ניט נאָר פאַרשפּרייט לויט דער אבאָנירונג, נאָר מע קאָן אים אויך קויפן אין די קיִאָסקן פון „סאָיוזפּעטשאַט" אין מאָסקווע, לענינגראַד, כאַבאַראָווסק און אין אַנדערע שטעט.

— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן דער אויסלענדישער אבאָנירונג אף דער צײַטונג?

— די צײַטונג לייענט מען אויך אין אויסלאַנד. אין 1985 יאָר ווערט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" פאַנאַנדערגעשיקט דורך דער אויסערן-האַנדלס-פאַרייניקונג „מעזשדונאַראָדנאַיאַ קניגאַ". די אבאָנירער פון העכער 20 לענדער, דערונטער אין די סאָציאַליסטישע לענדער — פּוילן, רומעניע, בולגאַריע. פאַראַן אבאָנירער פון דער צײַטונג אויך אין פּשאַ, ייִסראָעל, פראַנקרײַך, גרויסבריטאַניע, האָלאַנד און אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט.

כּוח דער אבאָנירונג, עקספּעדירן מיר דעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" צוליב דער איינצלנער פאַרשפּרייטונג אין אייניקע לענדער, ווי, צום בײַשפּיל, אין אווסטראַליע, בולגאַריע.

— וואָס וואָלט איר געוואָלט ווינטשן דער רעדאַקציע פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן"?

— אויב דיסקאָנטירן דאָס, וואָס פון יאָר צו יאָר וואַקסט די צאָל אבאָנירער אפן „ביראָבידזשאַנער שטערן", האַלט איך, אז אַנטשפּרעכיק וועט אויך וואַקסן איר טיראַזש. איך קאָן אַרויסזאָגן א ווונטש, אז די צײַטונג זאָל ווערן נאָך אינטערעסאַנטער, מער פאַרעפנטלעכן מאַטעריאַלן און פאָטאָ-בילדער וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמיק און קולטור פון דער געגנט, וועגן אירע בעסטע מענטשן. מיר, פאַרבינדלער, דיסקאָנטירן די ביטעס פון די אבאָנירער, נעמען אָן מיטלען אף צו פאַרבעסערן דאָס טראַנספּאָרטירן די צײַטונג און זי צושטעלן צו די לייענער.

ל. שין

צו אונזער קינסטלערישער בײַלאַגע

הערש אינגער

א ווינטערדיקער הויף. שווארצעביימער־שטאַמען טיילן זיך בוילעט אויס אפן פאָן פונעם קלאָרווײַסן שניי. ס׳איז א מאָטיוו א גאַנץ געוויינלעכער, וועלכער טרעפט זיך בא פיל קינסטלער. אָבער אין הערש אינגערס געמעל באקומט ער א באזונדערע פּאָעטישקייט, וועלכע איז אייגנטימלעך דער גאַנצער שאפונג פון דעם דאָזיקן מאָלער. סײַ דער שארפער קאָנטראַסט פונעם ווײַסן מיטן שווארצן, סײַ אליין די מאַניר פונעם פענדזל־געמעל מיט טרוקענעם גואש, וועלכע פארייניקט די שטרענגע גראפישקייט מיט דער מאָלערישער פרײַהייט, זײַנען כאראקטעריסטיש און טיפּיש פאר ה. אינגערס ארבעטן, ווי אויך די לירישע סומנעקייט, וואָס דרינגט דורך דעם ווינטערדיקן פּייזאַזש. דאָס געפיל פון איינזאמקייט, אָפּגעזונדערטקייט פון יעדן בוים, וואָס איז אָפּגעטיילט פון אנדערע ביימער דורך קאַלטער פּוסטקייט פונעם שניי, רופן זיך איבער מיט א סאַך געשטאַלטן פון ה. אינגערס גראפיק.

זײַנע העלדן זײַנען אָפטמאָל איינזאם, פארטיפט אין זיך. און דאָך — אין די בוילעטע, פארשײַטע איליוסטראציעס צו „דאָן קיכאָט", אין די פארביקע געמעלן צו שאָלעם־אלייכעמס דערציילונגען אנטשטייט א פאַנטאַסטיש־רעאַלע וועלט, וואָס איז פול מיט באַוועגונג. אין דער זעלבער צײַט איז צו זען, אַז אין דער מערהײַט אינגערס „שווארצע" בויגנס — אין זײַנע פּאָרטרעטן, אין די סעריעס, געווידמעט בעטהאָווענען, פּאַגאַנינין, שאָסטאַקאָוויטשן, אין די איליוסטראציעס צו דער שאפונג פון שאָלעם־אלייכעמען, יִיצחאָק־לייבוש פּערעצן און מענדעלע מוכער־ספאָרימען, גייט דאָס איינזאמקײַט־געפיל דורך ווי א באַשטענדיקער לייטמאָטיוו. אָבער אויך דאַן איז אין געמיט־צושטאַנד פון די העלדן בא ה. אינגערן ניטאָ קיין פארלוירנקײַט, קיין יִיעש. פאַרקערט, דער קינסטלער שטרעבט צו באַווײַזן אונדז, ווי באַדײַטנדיק, גרויס קאָן זײַן די אינערלעכע וועלט פון א מענטשן, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט אַן עכטער פערזענלעכקײַט. דערפאַר טאַקע זײַנען אינגערס העלדן אַזוי אָפט מענטשן פון קונסט — מוזיקאַנטן, ארטיסטן, אין וועמענס נעשאָמעס עס לעבט די שטרעבונג צו באַנײַונג און פארפולקומונג.

פארטיפט אין זיך, אין דער מוזיק, וואָס נאָר ער אליין הערט זי, איז דער פידלער אַף דער איליוסטראציע צו י.־ל. פּערעצעס „גילגל פון א ניגון". עס אנטשטייט פאר אונדז אַן אײַנגעהויקערטער, שוין ניט קיין יונגער מענטש מיט אַן איידל, באַגײַסטערט פּאָנעם. מיר זעען אים אין א קאַפּצאָניש־שטעטלדיקן צימער. די געשטאַלטן פון די אומבאַוווּסטע טכום־האַמוישעוודיקע מוזיקער ווערן בא ה. אינגערן אין א פּולער מאָס קרויוויש־נאָענט צו די געשטאַלטן פון גרויסע קאָמפּאָזיטאָרן, דורכגעדרונגענע מיט דער זעלבער שאפונגס־אָנשטרענגונג.

די פּאַגאַניני־טעמע איז א סטאַבילע בא אינגערן. א סאַך בויגנס פון דער דאָזיקער סעריע געהערן צו די בעסטע ווערק פונעם קינסטלער, זיי זײַנען ניט איין מאָל עקספּאָנירט און רעפּראָדוצירט געוואָרן. דער נײַער ציקל געמעלן, געווידמעט פּאַגאַנינין, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין 1985, שטעלט מיט זיך פאָר איליוסטראציעס צו „די פלאָרענציער נעכט" פון הענריך היינע. אלס איליוסטראציעס אַנטשפּרעכן ה. אינגערס געמעלן זייער פּינקטלעך סײַ דעם סוזשעט, סײַ דעם געשטאַלטן־געבוי פון היינעס פּראָזע. אין דער זעלבער צײַט אנטוויקלען זיי און זעצן פאָר די איקערדיקע ריכטונגען און די שעפערישע זוכונגען, וואָס זײַנען פריִער פאַרקערפּערט געוואָרן אין געשטעל־ארבעטן וועגן דעם גרויסן פידלער.

הערש אינגער האָט געלייזט די זעלבע אויפגאַבע, וואָס הענריך היינע אין זײַן גרעסערער דערצײַלונג: איבערגעגעבן מיט די מיטלען פון זײַן קונסט די סטיכיי פון מוזיק, דערטראָגן צום הײַנטיקן מענטשן די קלאַנגען פון פּאַגאַניניס פידל.

די ראָמאַנטיק איז כאראקטעריסטיש פאר אינגערס גאַנצער שאפונג. זי באַפאַרבט אפילע יענע ארבעטן זײַנע, וועלכע זײַנען געמאַכט פון „נאַטור". דער קינסטלער פירט די מאָדעלן ארויס פון דער שטייגערישער טאָגטעגלעכקײַט, פארשארפט די כאראַקטיקעס. אין אלע זײַנע פּאָרטרעטן באַנאַנד מיט דער אויסערלעכער ענלעכקײַט איז דאָ אַן עלעמענט פון פאַנטאַזיע, פון א פּאָעטיש „דערטראַכטן".

הײַנטיקס יאָר איז הערש אינגער אלט געוואָרן 75 יאָר. אויך איצט איז ער, ווי פריִער, טעמפּעראַמענטפול און ראָמאַנטיש. ער איז אימשטאַנד זיך פארטיפן, ארײַנדרינגען אין דער וועלט פונעם נאַיִוון קינדערשן טרוים. ער שטרעבט מיט אלע מיטלען פון זײַן קינסטלערישן ארסענאַל פאַרקערפּערן די מוזיק אין זעבארע געשטאַלטן, געפינען דעם געבוי פונעם געמעל, וואָס איז נאָענט צום מוזיקאַלן געבוי. ווי פריִער, רינגלען אים ארום די העלדן, וואָס האָבן אים באַגלייט אַף לאַנגע און שווערע לעבנסוועגן — טשאַרלי טשאַפּלין און דאָן קיכאָט, טעוויע דער מילכיקער און מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, בעטהאָווען און פּאַגאַניני.

מאריִע טשעגאָדײַעוואַ

קינסטלער הירש אינגער מאָסקווע

אַן אַרטיקל וועגן דעם קינסטלער לייענט אַף דער זײַט 160

א פאָרטרעט פון א פרוי

פון דער סעריע „מײַן קינדהייט״

א וואסערפּירער

א שנײַדער

מײַנע שכנים

בערל־אײַזיק

דער פידלער לעאָניד קאָגאַן



אַן אילוסטראַציע צו ה. היינעס
„פלאָרענטינער נעכט"

נײַע נומערן פון צײַטשריפטן אין די סאָציאַליסטישע לענדער

„גאָדישניק״ — 1984

אין אָרדנטלעכן נומער פונעם בולגאַריש-יידישן יאָרבוך „גאָדישניק״ (פאַרן יאָר 1984) פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט די מאַטע-ריאַלן פון דער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ אויף דער טעמע „דער קאַמף פון דער בולגאַרי-שער קאָמפּאַרטיי און פונעם בולגאַרישן פאָלק פאַר ראַטעווען די בולגאַרישע יידן פון די טויט-לאַגערן״. די קאָנפערענץ איז אָרגאַניזירט געוואָרן מיצאַד דעם אינסטיטוט פאַר געשיכ-טע פון דער בולגאַרישער קאָמוניסטישער פּאַר-טיי באַם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ווי אויך פונעם אינסטיטוט פאַר אַלגעמיינער געשיכטע באַ דער בולגאַרישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַרײַנ-גערעכנט די געזעלשאַפטלעכע קולטור-אויפ-קלערערישע אָרגאַניזאַציע פון די יידן אין בולגאַריע.

די לייענער פונעם „גאָדישניק״ וועלן זיך באַקאַנען מיט וויסנשאַפטלעכע באַריכטן פון פּראָפ. טאַטיאַנע קאָלעוואַ, פּראָפ. וואָזין באַ-זשינאָוו און פון די וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבע-טער דאַוויד קאָהען, כאַיִם אַליוועער, אַנרי אַסאַ, וועלטשאָ קאָוואַטשעוו, אַנע ניקאָלאָוואַ, געאָר-גי ראַדעוו, דאַוויד בענווענישטי.

צו די מאַטעריאַלן פון דער דאָזיקער וויסנ-שאַפטלעכער קאָנפערענץ זײַנען טעמאַטיש נאָענט די אַרטיקלען פון זשיוואָדאַר דושקאָוו, פידעל באַרוך און פּעטקאָ מאַליטשעוו. א ספּע-ציעלן אינטערעס רופט אַרויס די מיטיילונג פונעם פּאָלקאָווניק יאָסיף הילעל „בולגאַריע אין דער מילכאָמע קעגן דעם היטלעריסטישן דײַטשלאַנד און די באַטייליקונג פון די בול-גאַרישע יידן אין איר״.

א ריי מאַטעריאַלן פונעם יאָרבוך זײַנען גע-ווידמעט דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג פון בולגאַריע. זייערע מעכאַברים זײַנען דער פּאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע פון די בול-גאַרישע יידן, העלד פון דער סאָציאַליסטישער מי, ד״ר יאָסיף אַסטרוקאָוו, דער פאַרדינסטפו-לער קולטור-טוער אַלבערט קאָהען און שעלי בענאַטאָוואַ.

א נײַעם דענקמאָל פון דער קולטור פון די יידן, וואָס האָבן אין דער אַנטישער טקופע געלעבט באַ די ברעגן פונעם שוואַרצן יאַם, האָבן אַנטדעקט בולגאַרישע אַרכעאָלאָגן. וועגן דעם דערציילן פּראָפ. כריסטאָ דאַנאָוו און יעלענע קעסיאַקאָוואַ אין זייער מיטיילונג „דאָס אוניקאַלע געפינס — אַן אוראַלטע שול אין פּלאָוודיוו״. עס ווערן געבראַכט עטלעכע פאָ-טאָגראַפיעס פון אויסגעגראָבענע אין דער שול מאָזאַיקעס און דער אַלגעמיינער פּלאַן פון דער געבײַדע. די ספּעציאַליסטן דאַטירן דעם דענקמאָל מיטן 3-טן — אָנהייב 4-טן יאָרהונ-דערטער פון דער נײַער צײַט-רעכענונג. ווי עס באַווײַזן די אַנטדעקטע אויפשריפטן, האָבן די דעמאָלטיקע יידישע טוישווים פון פיליפּאָל (איצט פּלאָוודיוו) גערעדט אויף גריכיש.

אין „גאָדישניק״ ווערן רעגולער פאַרעפנט-לעכט פאָרשונגען פונעם לינגוויסט איסאַק מאָסקאָנאַ, דעם באַוווסטן קענער פון דער ספּאַרדישער אומגאַנג-שפּראַך דזשודעזמאָ. אין דעם נײַעם „גאָדישניק״ איז מאָסקאָנאַ פאַרגע-שטעלט מיטן אַרטיקל „וועגן דער פּראָזאָדאָלאָ-גיע פונעם דזשודעזמאָ-לאָשן״.

ס׳איז וואָגיק דער צושטײַער פון די בול-גאַרישע יידן אין דער ליטעראַטור און קולטור פון זייער לאַנד. מיט אינטערעס לייענען זיך יאַקאָ מאָלכאָוו און כריסטאָ יאָרדאַנאָווס פאַרצייכענונג וועגן דעם אָנגעזעענעם פּראָזאַי-קער דאַוויד אָוואַדיאַ, די אַרבעט פונעם העלד פון דער סאָציאַליסטישער מי, פאָלקס-טוער פון דער קולטור אַנגעל טאָדאָראָוו, וועגן דעם דיכטער סאַליס טאַדזשער, ווי אויך נעוועונאַ אינדזשיוואָס אַרטיקל וועגן דעם טעאַטער-רעזשיסער באַיאַן דאַנאָווסקי.

ד״ר סאַלוואַדאָר איזראַעל האָט געווידמעט זײַן אַרבעט דעם אַנאַליז פון דער שפּעריישער טעטיקייט פונעם גרונטלייגער פון דער בול-גאַריש-יידישער היסטאָריאָגראַפיע סאַלאָמאָן ראָזאַנעס (1862—1938).

ס'איז אַרויס פון דרוק די ערשטע העפט פון דער צײַטשריפט פונעם ייִדישן מעלוכע-מוזיי אין פּראָג פאַרן 1985 יאָר. אין דעם דאָזיקן נומער פון „יודאיִקא באָהעמיִע" ווערט פאָרגעזעצט די פּובליקאַציע פון פאָרשונגען אין געביט פון דער געשיכטע פונעם טשעכאָסלאָוואַקישן ייִדנטום. דאָס יאָר 1985 איז א יוביל-יאָר פונעם גרויסן ניצאָכן איבערן פאַשיזם. די סאָוועטישע אַרמיי האָט געראַטעוועט די וועלט פון דער ברוינער פּעסט, געראַטעוועט פון טאָטאַלער פאַרניכטונג דאָס ייִדישע פאָלק, געבראַכט די געולע פאַר די פעלקער פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אומגעקערט זיי די אומאָפּהענגיקײַט. ס'איז ניט צופעליק, וואָס דער דערמאָנטער נומער פון דער ייִדיש-טשעכישער אויסגאַבע איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן די מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו דער צווייטער וועלט-מילכאָמע. דער דאָזיקער טעמע איז געווידמעט דאָס אַרטיקל פון אָטאַקאַר פּעטרזשיק „פערציק יאָר זײַנען אַדורך". מיראָסלאַוו קאַרנים מיטיילונג „אַן אוישוויץ-באַריכט און דער גורל פונעם טערעזינער פאַמיליען-לאַגער" שילדערט, וויאַזוי ס'איז פאָרגעקומען די דראַמאַטישע פּליִיטע אף דער פרײַ פון צוויי בירקענאַו-קאַצעטלער — אַלפרעד וועצלער און וואַלטער ראָסענבערג, אָט די צוויי סלאָוואַקישע ייִדן האָבן געבראַכט דער עפנטלעכקײַט פון דער וועלט די ערשטע אויספירלעכע יעדיִעס וועגן אוישוויץ, בירקענאַו און מײַדאַנעק.

יאַרמילאַ שקאָכאָוואַ זעצט פאָר איר ציקל פאָרשערישע אַרבעטן איבער דער ליטעראַרישער שאַפונג פון די טערעזינער אַסירים. אינעם נומער ווערט פאַרעפנטלעכט דער סאָף פונעם אַרטיקל „די ליטעראַרישע שאַפונג פון דערוואַקסענע קאַצעטלער פון טערעזין אף טשעכיש" און א נײַע אַרבעט, וועלכע באַרירט די זעלבע טעמע, נאָר אין שײַכעס מיט דער שאַפונג אף דײַטש. אינעם אַרכיוו פון דעם פּראָגער ייִדישן מוזיי ווערן אָפּגעהיט 230 ליטעראַרישע ווערק, וואָס די אַסירים פון דעם „מוסטערהאַפטן לאַגער" האָבן געשאַפן אף דער דײַטשישער שפּראַך. דאָס איז ניט קיין וווּנדער — אין טערעזין, באַנאַנד מיט טשעכאָסלאָוואַקישע ייִדן, זײַנען געווען א סאַך ייִדן פון עסטרײַך און דײַטשלאַנד. כוץ דעם, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז טשעכיע האָט אין משך פון א סאַך יאָרהונדערטער זיך געפונען אונטער דער עסטרײַכישער הערשאַפט און די דײַטשישע שפּראַך איז געווען ברייט פאַרשפּרייט צווישן די דאָרטיקע ייִדן אַלס מוטערשפּראַך.

אין דער טערעזינער ייִדיש-דײַטשישער שאַפונג איז פאָרגעשטעלט קימאַט אויסשליסלעך דיכטונג. אייניקע מעכאַברים זײַנען געווען באַוווּסט אין דער ליטעראַרישער סוויווע נאָך פאַר דער מילכאָמע, אַנדערע האָבן געשטעלט זייערע ערשטע און אָפּטמאָל די לעצטע טריט אין דער ליטעראַטור שוין אינעם קאָנצלאַגער.

די קינסטלערישע שאַפונג פון אַסירים באַווײַזט, אַז אין אומענטשלעכע באַדינגונגען, באַם ראַנד פון אומקום האָבן זיי ניט פאַרלאָרן דאָס מענטשלעכע פּאָנעם. אין טערעזין האָט עקזיסטירט אויך שילדערונגס-קונסט — געמעלן, פּלאַסטיק, שטייגערישע אָרנאַמענטירטע כפּייצים. וועגן דעם דערציילט אין איר אַרטיקל מאַרקעטאַ פּעטראַשאָוואַ. זי צעטיילט די דאָזיקע שאַפונגען אף צוויי קאַטעגאָריעס — די, וואָס די קאַצעטלער האָבן געשאַפן פאַר זיך אַליין, בעסאָד-סוידעס, טראָץ דעם אָפיציִעלן פאַרבאָט, און די, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן לויטן באַפעל פון עסעסלײַט.

די אויסגאַבע איז אילוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס, וואָס באַווײַזן די באַפרײַונג פון טערעזין אין 1945, און מיט רעפּראָדוקציעס פון געמעלן פון קאַצעטלער און פון דער זעלבסט-געמאַכטער לידער-זאַמלונג פון דער דײַטשיש-שפּראַכיקער געטאָ-דיכטערן עריקע טאַובע „טערעזינער סקיצן-בוך. געדאַנקען אין געטאָ".

וועלוול טשערנין

אין דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט

די וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר, וועלכע פירט א ביז גאָר גרויסע פאָרשערישע אַרבעט, באַשטייט פון פאַרשיידענע אינסטיטוטן, אָבסערוואַטאָריעס, ביבליאָטעקן. אין איר באַשטאַנד זײַנען אײַנגעשלאָסן אויך עטלעכע וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, דערונטער די רוסלענדישע פּאַלעסטינער געזעלשאַפט (רפּג), וועלכע איז געשאַפן געוואָרן דעם 21 מײַ 1882 אונטערן נאָמען „פּראַוואָסלאַוונע פּאַלעסטינער געזעלשאַפט", אָנהייבנדיק פונעם 1889, — אימפּעראַטאָרישע פּאַלעסטינער געזעלשאַפט, און פונעם 1918 — רוסלענדישע פּאַלעסטינער געזעלשאַפט. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער געזעלשאַפט איז געווען א באַאַמטער פונעם פינאַנץ־מיניסטעריום וו. נ. כיטראָוואָ. אָף זײַנע געלט־מיטלען האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן נומער פונעם „פּאַלעסטינסקי סבאָרניק" (פּאַלעסטינער זאַמלבוך). ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זײַנען אַרויס 63 נומערן.

אין אָנהייב פונעם XX יה. האָט בא דער געזעלשאַפט געאַרבעט א וויסנשאַפטלעכער קרײַז בעראָש מיטן אַקאַדעמיקער פּ. ק. קאָקאָווצעוו. אין פאַרשיידענע יאָרן האָבן אָנטיילגענומען אין דער טעטיקײַט פון דער רפּג אַזעלכע באַוווּסטע מיזרעך־קענער, ווי וו. וו. באַרטאָלד, ס. פּ. אָלדענבורג, פּ. אי. אוספּענסקי, נ. יאַ. מאַר, א. א. גובער. ס'איז געשאַפן געוואָרן די וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַנטהאַלטן מער ווי 20 טויזנט בענדער.

א נײַע אויפלעבונג קומט פאָר אין דער טעטיקײַט פון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט אין די 40־ער—50־ער יאָרן, ווען אין איר באַשטאַנד זײַנען אַרײַן די אָנגעזעענע וויסנשאַפטלער וו. וו. סטרוּווע, אי. יו. קראַטשקאָווסקי, נ. וו. פּיגולעווסקאַיאַ. זינט 1954 דערשײַנט ווידער דער „פּאַלעסטינסקי סבאָרניק". דער איקערדיקער ציל פון דער אַרבעט פון רפּג איז די וויסנשאַפטלעכע טעטיקײַט — דאָס דערלערנען די געשיכטע, קולטור, לעשוינעס פונעם נאָענטן מיזרעך אין אַלטערטום און אין מיטלאַלטער, און טיילווײַז אויך אין דער נײַער טקופע.

די העברעיִסטיק איז פאָרגעשטעלט אָף די זײַטן פון די לעצטע נומערן פונעם „פּאַלעסטינסקי סבאָרניק" מיט א ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען. די מערהײַט מעכאַברים זייערע זײַנען לענינגראַדער. מיט דער ביבלעיִסטיק, דער געשיכטע פון דער אוראַלטער פּאַלעסטינע זײַנען פאַרבונדן די אַרבעטן פון אי. ווינִיקאָוו, ק. סטאַרקאָווא, אי. שיפּמאַנען, מ. יעליזאַראָווא, א. אַלעקסייעווא, ל. ווילסקערן, ג. גלוסקינא, וו. לעבעדיעוו. די מיטגלידער פון דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט אַרבעטן דאָס ראָוו אין מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט, אין אינסטיטוט פון עטנאָגראַפיע, אין אינסטיטוט פון דער געשיכטע פון פססר און אינעם פושקין־הויז, ווי אויך אין די אַרכיוו־אָפּטיילן פון דער עפנטלעכער מעלוכע־ביבליאָטעק אָף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און פון דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

אין אָנהייב פונעם לויפנדיקן יאָר זײַנען אין דער לענינגראַדער אָפּטיילונג דורכגעפירט געוואָרן צוויי וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע מאָסמיטלען: א זיצונג, געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון ק. ב. סטאַרקאָווא און די יערלעכע פאָרלעזונגען אין אָנדענק פון ג. וו. פּיגולעווסקאַיאַ.

איינע פון די באַדײַטנדיקסטע סאָוועטישע העברעיִסטן קלאַודיִע סטאַרקאָווא איז געבוירן געוואָרן אין 1915 אין פּעטראָגראַד. אין 1944 האָט זי פאַרטיידיקט א קאַנדידאַט־דיסערטאַציע אָף דער טעמע „לענינגראַדער פראַגמענטן פונעם „דיוואַן" פון יעהודע האַליעווי", און אין 1972 — די דאָקטאָר־דיסערטאַציע „דענקמעלער פון דער קומראַנער ליטעראַטור". קלאַודיִע באָריסאָוונא האָט פאַרעפנטלעכט מער פון 30 וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אין געביט פון העברעיִסטיק און סעמיטאָלאָגיע. אָף דער זיצונג, געווידמעט איר יובילײ, האָט מען דורכגעלייענט 12 פאָרטראָגן. צען פון זיי האָבן געהאַט א שײַכעס צו העברעיִסטיק און ביבלעיִסטיק, צו דער געשיכטע פון פּאַלעסטינע.

וויקטאָר לעבעדיעוו, וועלכער איז באַוווּסט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט זײַנע וואָגיקע פּובליקאַציעס, האָט אָף דער זיצונג געמאַכט א פאָרטראָג אָף דער טעמע „נײַע אָנגאַבן וועגן דער זאַמלערישער טעטיקײַט פון א. פירקאָוויטשן". א. גאַווריִלאָוו האָט געמאַכט א טיפן פאַרגלײַך־לינגוויסטישן אַנאַליז פון מאַטיסיאָהוס עוואַנגעליִום. דער יונגער געלערנטער שימען יאַקירסאָן האָט געווידמעט זײַן פאָרטראָג די ייִדישע אינקונאַבולן אין די פאָנדן פון דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט, אויך די ערשטע ייִדישע דרוקערײַען, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין סאָף XV — אָנהייב XVI יאָרהונדערטער אין שפּאַניע, איטאַליע, פּאָרטוגאַל און טערקײַ. ער האָט, אויסער דעם, אויספירלעך דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער קאָלעקציע, וועלכע האָט זיך אויסגעפורעמט אין XIX יה. פון די ספאָרים, וואָס עס האָבן געזאַמלט דער קאָמערסאַנט מ. פרידליאַנד און דער געלערנטער־העברעיִסט ד. כוואָלסאָן.

אן אנדערער יונגער פאָרשער אי. וואָיעוווצקי האָט ארויסגעטראָגן פאר דער עפנטלעכקײַט זײַן ארבעט וועגן דעם לעקסישן באשטאנד פונעם העברעיִש־שפּאַנישן גלאָסאַרי (ווערטערבוך) פון דעם XVI יה., וועלכער איז געשאפן געוואָרן לויט א ווערק פון מוישע אל־מאָסנינאָ. איינער פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע סעמיטאָלאָגן אי. דיאַקאָנאָוו האָט אין זײַן מיטיילונג „צי ווערט קאָרפאַגן דערמאָנט אין טאַנאַך" געגעבן אן אינטערעסאנטע עטימאָלאָגיע פון א ריי ביבלישע טאָפּאָנימען און עטנאָנימען, אזעלכע ווי טאַרשיש, גאָג און מאגאָג, טאַראס און אנד.

די פּראָבלעם פונעם אופקום פון דעם מאָנאָטעיִזם איז באַרירט געוואָרן אין אי. שיפמאַנס פּאַרטראָג „דער ביבלישער יאהווע און דער אוגאַריטישער גיבער באַלו". מ. זיסלין האָט דערציילט וועגן צוויי העברעיִשע גראַמאַטיקער פון X — XI יה. יונגע איבן דזשאַנאַך און אבול־פּאַראַדזש כאַרון איבן אל־פּאַראַדזש. מיט א פּאָרטראָג „א גריכישע אופשריפט (צווישן V און VI יה. פון דער נײַער ערע) וועגן שטײַערן אין פּאַלעסטינע" איז ארויסגעטראָטן א. גרושעוואָי.

אף די פאָרלעזונגען אין אָנדענק פון נ. וו. פּיגולעווסקאַיאַ זײַנען פאָרגעלייענט געוואָרן עטלעכע מיטיילונגען אין שײַכעס מיט יודאַיִק. באזונדערס זײַנען אין אָט דעם פּראַט אינטערעסאַנט די פּאָרטראָגן פון א. לונדינען „דאָס אונטעריכטן גראַמאַטע אין פּאַלעסטינע אין צווייטן יאָרטויזנט פאר אונדזער ערע" און פון אי. וואָיעוווצקין „וואָס האָבן געלייענט די ספאַרדים אין XVI יה.".

די לעניגראַדער אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער פּאַלעסטינער געזעלשאַפט שליסט אין זיך אײַן ארום 50 געלערנטע פון פאַרשיידענע גענעראַציעס. איר פאָרזיצער איז דער באַוווּסטער געלערנטער־ארמעניסט ק. יוזבאַשיאַן. ווי עס איז באַוויזן געוואָרן, פאַרנעמען די העברעיִסטיק און די יודאַיִק א היפּש אָרט אין דער ארבעט פון דער דאָזיקער וויסנשאַפטלעכער קערפּערשאַפט.

איגאָר קאָטלער

דאָס יידישע וואָרט אף דעם עקסליבריס

"Exlibris" באַטײַט אין דער איבערזעצונג פון לאַטײַן „פון די ביכער", — א גראַפישע מיניִאַטיור, וועלכע באצייכנט די אָנגעהעריקײַט פון דעם בוך. דאָס קאָן זײַן די פאַמיליע (מיטן נאָמען אָדער איניציִאַלן) פון א געוויסן מענטשן, די געזעלשאַפטלעכע ביבליִאָטעק. מיטן טערמין „עקסליבריס" רופט מען הײַנט א בוך־צייכן ביכלאַל.

אין אזא פאָרם, ווי די עקסליבריסן ווערן הײַנט באַנוצט, זײַנען זיי אנטשטאַנען מיט פינף יאָרהונדערטער צוריק. ביז דאַן האָבן אין די אוראַלטע צײַטן עקזיסטירט אזויגערופענע סופער־עקסליבריסן. די דאָזיקע פערזענלעכע צייכנס פלעגט מען אָפּשטעמפּלען דירעקט אף דעם טעוועלע. די הײַנטיקע עקסליבריסן שטעלן מיט זיך פאָר בלעטלעך פּאַפּיר, אף וועלכע עס איז אָפּגעדרוקט א סוזשעט־בילדל מיט דער אָנווײַזונג, ווער עס איז דער אייגנטימער פונעם בוך. עס פילן זיי אויס קינסטלער, פּראָפעסיאָנאַלן און ליבהאָבער, אין דער טעכניק פון גראַווירור אף האָלץ, לינאָלעום, פּלאַסטיק, מעטאַל, אין דער פאָרם פון א געמעל מיט דער פען, מיט טוש. פון דער גראַווירור אָדער פון א צינק־קלישע מאַכט מען די נייטיקע צאָל אָפּדרוקן און יעדע פון זיי קלעפּט מען אוף אף דער אינערלעכער זײַט פונעם טעוועלע.

די סוזשעטן פון די גראַוויורן זײַנען זייער פארשיידנאַרטיקע, אין זיי ווערט אָפּגעשפּיגלט די פּראָפעסיע פון די באַלעבאַטים פון די ביכער, דער קרײַז פון זייערע אינטערעסן, די וועלט פון די באַליבטע ליטעראַרישע ווערק און ניט זעלטן אויך דער כאַראַקטער פון דער ביבליִאָטעק.

אָט פאַרוואָס א קאָלעקציע פון ביכער־צייכנס ווערט אופגענומען ווי א מין אייגנאַרטיקע ענציקלאָפּעדיע, פון וועלכער מע קאָן זיך דערוויסן פיל פּראָטים וועגן די מענטשן פון דער געגעבענער צײַט. דער באַוווּסטער לעטישער פּאָעט יאַן סודראַבקאַלן האָט געזאָגט: „די בלעטלעך פון עקסליבריסן זײַנען ניט קיין גרויסע, אָבער די וועלט, וועגן וועלכער זיי דערציילן, איז א גראַנדיִעזע".

עקסליבריסן האָבן געמאָלט א סאַך באַוווּסטע קינסטלער. איינער פון די ערשטע צווישן זיי איז געווען דער גרויסער מײַסטער פונעם רענעסאַנס אלברעכט דיורער (1471—1528).

אגעוו, איז אף צוויי פון זײַנע אמערסטן באַוווּסטע עקסליבריסן פאַראַן א טעקסט, וואָס איז אָנגעשריבן אף העברעיִש (אויך אף דער גריכישער און לאַטײַנישער שפּראַכן). איינער פון די דאָזיקע צייכנס האָט געהערט דעם נירנבערגער ליטעראַטאָר און הומאַניסט ווילִיבאַלד פּירקהיימער (די ביבליִאָפילישע געזעלשאַפט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז אָנגערופן מיט זײַן נאָמען). די דאָזיקע גראַוויור איז געשאפן געוואָרן אין סאַמע אָנהייב פונעם 16־טן יה.

די געשיכטע פאַרהיט אויך עקסליבריסן, וועמענס אווטאָרן עס זײַנען אזעלכע וועלט־באַרימטע קינסטלער, ווי לוקאַס קראַנאַך (1472—1553), האַנס האָלבײַן דער ייִנגערער (1497—1543) אא.

א גרויסן אופבלי האָט די עקסליבריס־קונסט דערגרייכט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, באַזונדערס אין די לעצטע צוויי־דרײַ יאָרצענדליקער. פאַרבונדן איז דאָס הויפּטזאַכלעך מיטן אלגעמיינעם אופשטײַג פון דער ביכער־קולטור אין אונדזער לאַנד, וואָס איז מיט רעכט פאַרעכנט פאַרן „סאַמע לייענענדיקן" אין דער וועלט. אזויווי די גאַנצע סאָוועטישע קונסט, האָט דער זשאַנער פון עקסליבריסן בא אונדז א

פון אויבן אראָפּ: קינסטלער ש. יודאָווין, קינסטלער א. מיסטעצקי, קינסטלער ג. קראַוצאָוו, קינסטלער א. מיסטעצקי

קינסטלער א. דיורער

בולעט אויסגעדריקטן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אָבער גלײַכצײַטיק קלינגען אָפּט אין די גראַפישע מיניאַטיורן, געשאַפֿענע אין פֿאַרשיידענע רעפּובליקן, נאַציאָנאַלע מאָטיוון, וועלכע זײַנען קוידעמקאָל פֿאַרבונדן מיט היסטאָרישע געשעענישן, מינהגים פֿונעם פֿאָלקס־שטייגער.

קינסטלער פֿון פֿאַרשיידענע שטעט פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָבן געשאַפֿן עקסליבריסן, אין וועלכע עס טרעפֿן זיך סוזשעטן, פֿאַרבונדענע מיט דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור.

אין דער ביזמילכאָמעדיקער גראַפֿיק האָט אָן אָנגעזעען אָרט פֿאַרנומען דער לענינגראַדער קינסטלער שלוימע יודאָווין, אַן אָפּשטאַמיקער פֿון וויטעבסקער געגנט. אין יע. מיניײַעווס און ס. פֿאַרטינסקיס בוך „עקסליבריס“ (מאָסקווע, 1971) ווערט אָפּגעמערקט: „יודאָווינען איז זייער נאָענט געווען די פֿאָלקס־שאַפֿונג און דער שטייגער פֿון די ייִדישע שטעטלעך“. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ סאַך גראַווירן פֿון אָט דעם אייגנאַרטיקן מײַסטער, און איינער פֿון די בײַשפּילן איז דער ביכערצייכן פֿאַר ס. ד. שפּירא.

צווישן די גראַפֿיקער פֿון די 20־ער — 30־ער יאָרן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין לענינגראַד, איז באַוווסט גריגאָרי גידאָני. זײַנע עקסליבריסן זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך, אָפּט ווערן זיי געבראַכט אין ספּעציעלע פּובליקאַציעס. ג. גידאָני האָט געשאַפֿן אַ סעריע פֿון ביכער־צייכנס פֿאַר די אַקאַדעמיקער נ. ס. קורנאַקאָוו, וו. מ. בעכטערעוו, מ. נ. פּאָקראָווסקי אאַ. איינע פֿון זײַנע אַרבעטן איז געווען אין די ביכער פֿונעם לענינגראַדער ביבליאָפֿיל באָריס גלאַסמאַנס שטוב־ביבליאָטעק.

דער נאָמען און די פאמיליע פונעם אייגנטימער איז אַף אָט דעם עקסליבריס אָנגעשריבן אַף ייִדיש, מיט גרויסער שריפט, וועלכע האָט אָרגאניש זיך ארײַנגעפלאָכטן אין דער קאָמפּאָזיציע פונעם געמעל.

א היפשן צושטײַער אין דער סאָוועטישער ביכער־גראפיק האָט ארײַנגעטראָגן דער מאָסקווער מײַסטער פון קסילאָגראפיע גערשן קראווצאָוו (1906—1981). די אויסגעפורעמטע מיצאד אים ייִדישע ביכער האָט הויך אָפגעשאצט די פרעסע. א פיליאָריקער און אקטיווער מיטארבעטער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", האָט גערשן קראווצאָוו געשאפן אין דער טעכניק פון האָלץ־גראווויור 300 עקסליבריסן. מיט זײַנע גראווויורן זײַנען באפוצט די שטוב־ביבליִאָטעקן פון ביכער־ליבהאָבער פון מאָסקווע, וולאדיוואָסטאָק, לענינגראד, אָדעס, מינסק, ריגע, לוואָוו. ווען גערשן קראווצאָוו האָט געמאָלט צייכנס ספּעציִעל פאר דער יודאיִק אָדער פאר די ווערק פון שריפטשטעלער, האָט ער ברייט אויסגעניצט טעקסטן, אָנגעשריבענע אַף ייִדיש.

דער קיִעווער קינסטלער אווראָם מיסטעצקי, א מיטארבעטער פון א פארלאג, האָט זיך פארינטערעסירט מיט עקסליבריסן, ווען ער איז שוין געוואָרן א פענסיִאָנער. אין מעשך פון עטלעכע יאָר האָט ער געשאפן הונדערטער לינאָגראווורן, די בעסטע ארבעטן זײַנע ווערן עקספּאָנירט אַף אויסשטעלונגען בא אונדז און אין אויסלאנד. די צענטראלע ביבליִאָטעק פון דער סיבירער שטאָט אסינאָ האָט אײַנגעאָרדנט זײַן פערסאָנעלע אויסשטעלונג, צו וועלכער ס'איז ארויסגעגעבן געוואָרן א קאטאלאָג. א גאנצע סיוִיטע פון ביכער־צייכנס האָט דער קינסטלער געווידמעט די טוער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. אזוי, לעמאָשל, האָט ער אַף א גראווויור פונעם אָדעסער טוישעוו באָריס לעוויך געשאפן שאָלעם־אליכעמס פאָרטרעט און אינעם סוזשעט פארן באקוער געאָלאָג גריגאָרי קיזעל זעען מיר דעם פאָלקס־ארטיסט פון פססר ש. מיכאָעלס.

מע דארף זאָגן, אז דאָס געשטאלט פונעם מעכאבער פון „בלאָנדזנדע שטערן" און „טעוויע דער מילכיקער" טרעפן מיר אַף די עקסליבריסן גאנץ אָפט. אָט, לעמאָשל, האָט מיכאיִל שאלאָכין (קיִעוו), אויספילנדיק א צייכן פאר דער פערזענלעכער ביבליִאָטעק פון זײַן לאנדסמאן יע. אוליצקי, ארײַנגעפירט שאָלעם־אלייכעמען אינעם סוזשעט, באגלייטנדיק דעם פאָרטרעט מיט אן אנטשפרעכיקן אופשריפט.

אין דער הויפט־שטאָט פון אוקראיִנע איז ברייט באוווּסט די קאָלעקציע־טעטיקײַט פון יאנקעוו בערדיטשעווסקין. ער שטייט בעראָש פון דער סעקציע פון גראפיק און עקסליבריסן אין דער פרײַוויליקער געזעלשאפט פון ביכער־ליבהאָבער פון אוקראיִנע. ווערטפולע און זעלטענע מאטעריאלן האָט ער צונויפגעזאמלט וועגן דעם לעבן און שאפן פון א. ס. פושקינען. ניט לאנג צוריק איז לויט די דאָזיקע מאטעריאלן אײַנגעאָרדנט געוואָרן אן אויסשטעלונג, וועלכע האָט באקומען א ברייטן אָפקלאנג. אין יא. בערדיטשעווסקיס ביבליִאָטעק זײַנען אויך פאראן ביכער פון ייִדישער טעמאטיק, צו וועלכער עס איז אדרעסירט דער עקסליבריס פונעם באוווּסטן מאָסקווער גראפיקער יעווגעני טיכאָנאָוויטש (דער טעקסט איז אָנגעשריבן אַף ווײַסרוסיש).

דאָ איז דערציילט געוואָרן בלויז וועגן עטלעכע ביכער־צייכנס אַף דער ייִדישער טעמע, אָבער אויך זיי גיבן א פאָרשטעלונג וועגן דער סוזשעטיש־טעמאטישער פארשיידנארטיקײַט פונעם סאָוועטישן עקסליבריס.

יאקאָוו ביילינסאָן,

מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון דער צײַטונג „קניזשנאָיע אָבאָזרעניִע".

מיקויעך א בוך פון יידישער סטענאָגראַפיע

כאַשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

די וועכנטלעכע אויסגאַבע „צײַטשריפט" פונעם רומענישן רעליגיעזן יידנטום האָט אינעם נומער פאַרן 1 נאָיאַבער 1984 אָפּגעדרוקט א נאָטיץ אונטערן קעפּל „יידישע סטענאָגראַפיע". דאָרט לייענען מיר:

„אין זײַן האַקדאָמע צו דעם בוך שרײַבט יאַנקעוו קאַצמאַן, דער פּאַרזיצער פונעם יידישן לערן־סעמינאַר, אַז דער בוך איז איצט דאָס איינציקע אױף דעם געביט".

די דאָזיקע באַהויפּטונג רופט אַרויס פאַרוווּנדערונג. נאָך מיט 55 יאָר צוריק האָט דער צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פססר (מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק) אַרויסגעלאָזט מײַן בוך „יידישע סטענאָגראַפיע". דאָרט איז גענוי באַשריבן און רײַך אילוסטרירט די נײַע סיסטעם פון יידישער סטענאָגראַפיע, וועלכע איך האָב געשאַפן. די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך פולקום באַרעכטיקט אין דער פּראַקטיק, און א ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע האָט זי רעקאָמענדירט צום פאַרשפּרייטן. דעמלט, ווי אויך אין די ווײַטערדיקע יאָרן, זײַנען מיט די מיטלען פון יידישער סטענאָגראַפיע פאַרשריבן געוואָרן פיל באַראַטונגען, עפנטלעכע פאָרטראָגן, לעקציעס. דער פאָלקאָמבילד פון ווײַסרוסלאַנד האָט אָרגאַניזירט ספּעציעלע קורסן אױף צו דערלערנען די יידישע סטענאָגראַפיע. ענלעכע קורסן האָבן געאַרבעט אין מאָסקווע און אין קיעוו. אין 1935 האָט דער אינסטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור בא דער ווײַסרוסלענדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַרויסגעגעבן מײַן צווייטן בוך — „סטענאָגראַפיע", דאָס הייסט סטענאָגראַפיע (יידישע) אױף א שרײַבמאַשינקע.

אומקערנדיק זיך צו דער פראַגע וועגן יידישער סטענאָגראַפיע, האָב איך, לויט דער באַקאַשע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל צוויי אַרטיקלען— אין 9־טן נומער פאַרן 1974 און אין 3־טן נומער פאַרן 1977.



אגעוו, קאָן מען געפינען די רעפּראָדוקציע פון דער הילע פון מײַן ערשטן בוך „יידישע סטענאָגראַפיע" (דערשינען אין 1930) אין כ. שמערוקס „פרסומים יהודיים בברית־המועצות 1917 — 1960", זײַט 329.

ווי זשע קומט עס, אַז דער מעכאַבער פונעם פאָרוואָרט צום נײַעם בוך „יידישע סטענאָגראַפיע" יאַנקעוו קאַצמאַן זאָל דערקלערן, אַז אָט די אויסגאַבע איז איצט די איינציקע אױף דעם געביט? די פראַגע איז, צי אזא אומפאַראַנטוואָרטלעכע באַהויפּטונג נעמט זיך בלויז פון אומוויסן, אָדער דאָס שמעקט מיט דער פאַרשפּרייטער אין יידישע קרײַזן פון אויסלאַנד שאַרלאַטאַנסטווע, וועלכע דריקט זיך אויס אין פאַרשווײַגן קולטור־דערגרייכונגען אין סאָוועטנפאַרבאַנד און צושרײַבן זיי א געוויסן טיפּ הענדלער מיט יידישער קולטור?

מיט דערעכערעך —
נאַטאַן שאַצקי

צו די געזעלשאַפטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"
און צו די ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אַרײַנגעטראָטן אין זײַן 25-טן יאָרגאַנג. אין משך פֿון אָט דעם פֿערטל יאָרהונדערט באַקומען די ליבהאָבער פֿון אונדזער ליטעראַרישער שאַפֿונג אַלץ נײַע און נײַע ראָמאַנען, דערציילונגען, לידער, פּאָעמעס, ליטעראַטור-פֿאָרשערישע עסייען און אַרכיוו-מאַטעריאַלן — אין אויצער פֿונעם געדרוקטן ייִדישן וואָרט. דער אָנזען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז פֿאַר דעם צײַט-אָפּשניט אומגעהויער אויסגעוואַקסן, אירע ווערק זײַנען געוואָרן פּאָפּולער און באַליבט צווישן טויזנטער און טויזנטער לייענער בײַ אונדז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער פֿון דער וועלט. אין צוויי הינזיכטן זײַנען באַזונדערס מערקבאַר די רעזולטאַטן פֿון אונדזער געמיינזאַמער מיט אײַך מי. עס באַווײַזן זיך נײַע שעפֿערישע נעמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור — יונגע פּראָזאַיקער, דיכטער, ליטעראַטור-פֿאָרשער, און ס'איז געשען דער נעס פֿון אַ באַשטענדיקן סײַ טראַדיציאָנעלן, סײַ צוגעקומענעם ייִדיש-לייענער.

טײַערע פֿרײַנט!

פֿאַר אונדז שטייט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע אין דער אַבאָניר-קאַמפּאַניע אויף דעם 1986 יאָר. ס'איז געקומען די צײַט צו אויסברייטערן די לייענער-באַזע פֿונעם זשורנאַל. און דאָס הענגט אָפּ פֿון יעדערן פֿון אונדז באַזונדער. מיר דאַרפֿן זען, עס זאָל ניט בלײַבן קיין איין ייִשוב מיט ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַפֿילו דער סאַמע קלענסטער, צו וועלכן עס זאָל ניט דערגיין „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז אין די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך זײַנען הײַנט-צו-טאָג פֿאַראַן מישפּחות, וועלכע וויסן און געדענקען ייִדיש, און ס'איז אַ כיוו פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער זיך צו פֿאַרבינדן מיט זיי, אַפֿילו אויב דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרשפּרייטער וווינט ניט אינעם געגעבענעם ייִשוב, נאָר אין אַ שכייניש. וואָס איז שײַך די גרויסע שטעט מיט אַ ייִדישער באַפֿעלקערונג, אַזעלכע ווי מאָסקווע, קיִעוו, לענינגראַד, מינסק, קעשענעוו, לוואָוו, ביראָבידזשאַן, אָדעס, וויניצע, ווילנע, כאַרקאָוו, גאָרקי, וויטעבסק, באָברויסק, קאַזאַן, האָמעל, זשיטאָמיר, טאַשקענט, טשערנאָוויץ, נאָוואָסיבירסק און פֿיל אַנדערע, האָפֿן מיר, אַז דאָרט וועט יעדער אַלטער לייענער אַרײַנברענגען אויפֿן 1986 יאָר עטלעכע נײַע לייענער פֿון צווישן זײַנע שכנים, באַקאַנטע, קרובֿים. קאָאָרדינירן אָט די אַרבעט דאַרפֿן, נאַטירלעך, די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער.

די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל וועט אין משך פֿון אויגוסט, סעפּטעמבער און אָקטיאַבער דערוואַרטן פֿון אײַך אַלעמען, טײַערע פֿרײַנט, פֿון יעדן פֿון אײַך, אַ שריפֿטלעכע מיטיילונג וועגן די דערגרייכטע רעזולטאַטן אין דער אַבאָניר-קאַמפּאַניע.

אין די שמועסן מיט קומענדיקע לייענער דערציילט זיי, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" קומט צו זײַן 25-יאָריקן יובילײַ מיט אַ באַדײַטנדיקער אָנזאַמלונג פֿון שעפֿערישקייט. ער איז ניט נאָר רײַך אין אינהאַלט, נאָר אויך עסטעטיש אויסגעפֿורעמט מיט גראַפֿישע און מאָלערישע מוסטערן. צוזאַמען מיט יעדן זשורנאַל-נומער באַקומט דער לייענער אַ ביכל נײַסטע קינסטלערישע ווערק פֿון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, ווי אויך פֿון דער ייִדישער קלאַסיק. אָנהייבנדיק פֿונעם אָקטיאַבער-נומער פֿאַר הײַנטיקס יאָר, וועט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זיך דרוקן אַ „זעלבסטלערער" (Самоучитель) פֿון דער ייִדישער שפּראַך. דאָס איז, ווײַזט אויס, באַזונדערס וויכטיק פֿאַר יענע קומענדיקע לייענער, וועלכע האָבן אין זינען צו באַנײַען זייער וויסן אין ייִדיש אָדער אפֿשר דערלערנען די שפּראַך.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען זיכער, אַז יעדער ליבהאָבער פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור וועט געבן זײַן בײַטראָג אויף אָפּצומערקן דעם 25-יאָריקן יובילײַ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט אַ צופֿלוס פֿון נײַע לייענער.

רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע
פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

В более ранних заимствованиях ударения в еврейских и русских словах не всегда совпадают; следует также учесть, что в еврейских словах неударные гласные переходят, как правило, в звук [э]. Сравните:

русские: 1) сосна, 2) весна, 3) сметана, 4) лопата и др.

1) די ס׳אָסנע, 2) די וו׳עסנע 3) די סמ׳עטענע 4) די ל׳אָפּעטע אא.

Пониманию других незнакомых слов способствует знание значения словообразовательных средств: суффиксов, префиксов, словосложения. Знание значения корней слов, а также значения суффиксов позволяет определить значение нового, производного слова. Это намного ускоряет и облегчает понимание читаемого.

Так, например, зная, что суффикс [-эр] означает лицо мужского рода по характеру действий, занятий, профессии и, зная значение корневого слова, нетрудно понять и значение производного, ср.:

1) работать — рабочий
2) ковать — кузнец
3) писать — писатель

1) ארבעטן — דער ארבעטער
2) שמידן — דער שמידער
3) שרײַבן — דער שרײַבער

По суффиксам можно определить во многих случаях род и число существительных, что очень важно для определения функции данного слова в предложении. Так, например, учитывая, что существительное с суффиксом [-эр] мужского рода, мы можем с полной уверенностью определить, что подобное слово с артиклем [ди] стоит в форме множественного числа:

1) рабочие, 2) писатели, 3) учителя

1) די ארבעטער, 2) די שרײַבער, 3) די לערער.

(«ди» не может стоять перед существительным мужского рода в единственном числе!).

Большинство суффиксов и префиксов многозначно, они придают словам самые различные значения. Усвоение всех значений возможно только в процессе длительной языковой практики. В данных уроках приводим только основные значения наиболее употребительных суффиксов.

§ 54. Суффикс [-эр], варианты [-лэр, -нэр] образует существительное, обозначающее лицо мужского пола по роду занятий, профессии, по какому-нибудь свойству:

1) бегать — бегун; 2) работать — рабочий; 3) ложь — лгун; 4) искусство — художник; 5) физика — физик (ученый)

1) לויפן — דער לויפער 2) ארבעטן — דער ארבעטער 3) דער ליגן — דער ליגנער 4) די קונסט — דער קינסטלער. 5) די פיזיק — דער פיזיקער.

Во множественном числе эти существительные остаются без изменения, а на число указывает артикль [ди] или его заменитель с окончанием [-э]:

1) писать — 2) писатель 3) писатели 4) наши писатели 5) советские писатели.

1) שרײַבן — 2) דער שרײַבער 3) די שרײַבער 4) אונדזערע שרײַבער 5) סאָוועטישע שרײַבער.

Задание 2*. Переведите следующие производные существительные, ориентируясь на значение исходного слова, данного в скобках. Перевод исходного слова см. ниже.

1) (לייענען) — דער לייענער; 2) (איבערזעצן) — דער איבערזעצער; 3) (באקן) — דער בעקער; 4) (דערציִען) — דער דערציִער; 5) (זיגן) — דער זיגער; 6) (קעמפן) — דער קעמפער; 7) (שווימען) — דער שווימער; 8) (רײַטן) — דער רײַטער; 9) (טאנצן) — דער טענצער; 10) (באפרײַען) — דער באפרײַער; 11) (די פידל) — דער פידלער; 12) (די שול) — דער שילער; 13) (די גרענעץ) — דער גרענעצלער; 14) די דיכטונג) — דער דיכטער; 15) (די אפטייק) — דער אפטייקער; 16) (לויפן) — דער לויפער; 17) (דער פיש) — דער פישער.

Перевод исходных слов: 1) читать; 2) переводить; 3) печь, выпекать; 4) воспитывать; 5) побеждать; 6) бороться; 7) плавать; 8) ездить верхом на лошади; 9) танцевать; 10) освобождать; 11) скрипка; 12) школа; 13) граница; 14) поэзия; 15) аптека; 16) бегать; 17) рыба.

Ключ к заданию 2: 1) читатель; 2) переводчик; 3) пекарь; 4) воспитатель; 5) победитель; 6) борец, боец; 7) пловец; 8) наездник; 9) танцор; 10) освободитель; 11) скрипач; 12) школьник; 13) пограничник; 14) поэт; 15) аптекарь; 16) бегун; 17) рыбак.

§ 54б. Названия лиц женского пола получают в этом же значении суффикс [-эрн], а во множественном числе — дополнительный суффикс [-с]. Сравните:

1) работать — работница — работницы (мн. ч.).	1) ארבעטן — די ארבעטערן — די ארבעטערנס
2) школа — школьница — школьницы (мн. ч.).	2) די שול — די שילערן — די שילערנס.

Задание 3. Переведите на идиш слова из ключа к заданию 2, употребляя существительные как названия лиц женского пола, например:

«читательница», «переводчица»: די לייענערן, די איבערזעצערן...

Задание 4. Напишите существительные женского рода из задания 3 во множественном числе, т. е.

1) לייענערנס, 2) איבער — זעצערנס

Задание 5*. Переведите следующие слова, обращая внимание на род и число существительного.

1) די דערציִער; 2) די דערציִערן; 3) די דערציִערנס; 4) דער דערציִער; 5) דער טענצער; 6) די טענצער; 7) די טענצערנס; 8) די טענצערן; 9) דער זינגער; 10) די זינגער; 11) די זינגערנס; 12) די זינגערן; 13) די פישערנס; 14) דער פישער; 15) די פישערן; 16) די פישער.

Ключ: 1) воспитатели, 2) воспитательница, 3) воспитательницы, 4) воспитатель, 5) танцор, 6) танцоры, 7) танцовщицы, 8) танцовщица, 9) певец, 10) певцы; 11) певицы, 12) певица, 13) рыбачки, 14) рыбак, 15) рыбачка, 16) рыбаки.

§ 54в. При существительных — названиях стран и городов суффикс [-эр] придает значение «житель данного места».

Москвич, американец, киевлянин, свердловчанин, американка, африканка.	**דער מאָסקווער, דער אמעריקאנער, דער קיִעווער, דער סווערדלאָווסקער, די אמעריקאנערן, די אפריקאנערן.**

דאָצענט ש. סאנדלער

material from the archives. The reputation of Jewish literature in the Soviet Union during this period has grown immeasurably; works written in Yiddish have become popular and are enjoyed by thousands and thousands of readers in the Soviet Union and abroad. New names are appearing in prose and poetry. The readership for Soviet Jewish literaure is becoming stable.

Dear friends!

In talks to future readers during the subscription campaign for 1986, tell them that "Sovietish Heimland" is approaching its 25th anniversary with substantial achievements in creative writing to its credit; that it is not only rich and varied in content, but is also tastefully designed and presented in terms of format, typeface and other factors. With each issue of the magazine, the reader acquires a book of our latest contemporary literature and also of the Jewish classics. In October this year, "Sovietish Heimland" will be publishing a "Teach-Yourself Yiddish". This will be of great value to future readers who intend to brush up their knowledge of the language or learn it from the beginning again.

The editors and editorial board of "Sovietish Heimland" are sure that every of Soviet Jewish literature will do his or her utmost to mark the 25th anniversary of the magazine with a flood of new readers".

The August issue ends with the regular features, "Items of Interest", "Chronicle", "Mailbag", "Short reports" and others.

Supplement:
Kima Greidina "Tyumen Sketches"

Our publicistic section contains a report, "Nothing Has Been Forgotten!", about the press-conference of the Antizionist Committee of Soviet Public Opinion which took place on 9 April 1985 and had as its theme "The liberation mission of the Soviet Army and the rescue of the prisoners of nazism". We are also printing the conclusion of the article by Professor G. Bondarevsky of Moscow, "The Truth about the Secret relations between the USA and militant Israel."

We are continuing with the publication of "Land Under the Sky" by Viktor Mitroshenkov of Moscow, the chronicle of the life of Yuri Gagarin, the first cosmonaut. "The Year 1964" is the title of the chapter published in our current number.

Our feature "Reminiscences" contains notes by Muscovite Chaim Tamarkin, "Moscow. The Twenties".

Our literary criticism and art section offers a variety of items. A. Kryukov of Moscow reviews a book, "A History of Friendship", written by Rut Lyubitch, member of the Politburo of the Central Committee of the Israeli Communist Party and published for the fortieth anniversary of he Israeli—USSR friendship movement. We are also publishing reviews in brief by B. Miller of Birobijan on a new book, "Further", by Ikhil Shraibman ("Sovietsky Pisatel" Publishers, 1984) and by Yakov Gen of Kiev on a novel "The fortune of an artist" by Hershl Polianker ("Radiansky pysmennyk" Publishee, 1984).

In her essay, "The World of Boris Raisov", music historian Alla Korkina of Kishinev tells about the life and stage work of People's Artist of the Moldavian Republic B. Raisov, who has been appearing for many years on the opera and variety stages as a performer of Jewish, Russian, Ukrainian and Moldavian songs.

An essay by Elvira Fagel of Moscow, "Was happy to the last day", is dedicated to film cameraman Semyon Stoyanovsky, who was killed in 1945 during the battles for the liberation of Vienna from the German fascist forces.

The second half of August 1985 will see the publication of the ten-thousandth number of "Birobijaner Shtern", the newspaper of the Jewish Autonomous Region. We are marking this date with a selection of items and photographs, including a talk with M. G. Vornovitsky, head of the "Soyuzpechat" Agency of the Jewish Autonomous Republic, from which the reader will learn that subscriptions to this paper have grown one and a half times in comparison with 1982. In 1984, "Birobijaner Shtern" was being received by readers in 161 towns and cities in the USSR, and in 1985 the figure rose to 205. "Birobijaner Shtern" is distributed in 20 countries through the Soviet Foreign Trade organisation "Mezhdunarodnaya Kniga". We are also printing a report from the newsaper, "At y Yiddish language lesson in the Birobijan School of Education".

About 50 scientists and scholars are members of the Leningrad Section of the Russian Palestine Society. When in session, they work on the most important problems of oriental studies, including Hebrew. This year, a session was devoted to the 70 th birthday anniversary of wel-known Soviet Hebrew scholar, G. V. Pigulevskaya. This is discussed in our article, "In the Leningrad Section of the Russian Palestine Society".

"Jewish Word in Ex-Libris" is the title of an article by Yakov Beilinson, member of the editorial board of the newspaper "Knizhnoye Obozrenie". An accout of well-known artists A. Dürer, S. Yudovin, G. Guidoni, G. Kravtsov, A. Mistetsky, M. Sholokhin, and E. Tikhanovich is illustrated with examples of Ex-Libris designed by them.

In connection with the beginning of subscriptions to periodicals for 1986, the editors are printing a notice to public distributors and readers in which the following statement is made:

"The magazine is approaching 25 anniversary Lovers of literature are receiving more new novels, short stories, poems long and short, literary criticism and

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 8, August, 1985

The August issue of "Sovietish Heimland" opens with "The Diversity of War", the title of notes by last-war veteran Efim Golbraikh of Dushanbe. "Artlessly, but very truthfully and with scrupulous accuracy, the author tells about his experiences, thereby making a valuable contribution to the nations's memories of those heroic days, wrote well-known Byelorussian writer Vasil Bykov in the magazine "Pamir".

Prose is represented by new short stories from Tev'ye Gen of Moscow and Moishe Gitzis of Chicago, U.S.A.; also by a cycle of tales by one of the founders of Soviet Jewish prose, Itsik Kipnis, and a story by Rakhil Bernshtein (Egudis). The name Egudis (1889-1942) first appeared in print in 1907. Her lyrical verses, short stories, excerpts from novels and dramatic works are well-known. We are printing "The Little Black Table" from the writer's archives, now kept by her daughter M. S. Rontsevich, who lives in Moscow.

Our poetry section contains verse cycles by Chaim Beider of Moscow and Iosif Bukhbinder of Kiev.

"New Names" is one of our regular features. This time we introduce Alexander Beiderman of Odessa. Born in 1949, he graduated from the Philological Faculty of Odessa State University and is now working there in the sociological laboratory. The four poems by A. Beiderman in the present issue are his first attempts at writing.

We are marking three memorable literary dates in honour of Leiser Volf (1910-1943), Meyer Alberton (1900-1947) and Itzkhok Katsenelson (1885-1944).

Leizer Volf was born in Vilnius and made his literary debut at the age of 16. He brought out several verse collections before the restoration of Soviet power in Lithuania. In 1940, the Moscow "Der Emes" publishing house brought out a slim volume with a foreword by distinguished Soviet poet Aron Kushnirov, and in 1943 a second book of verse entitled "The Brown Beast", consisting of antifascist ballads and satirical poems.

To mark the 85th birthday anniversary of Meyer Alberton, whose books "The Mines" and "Birobijan" were popular successes, the magazine is publishing the reminiscences of journalist Mikhail Zorin of Riga, "The Story of a Photograph", in which he tells about Alberton's work a newspaper in the South Urals during the war.

The fate of Itzkhok Katsenelson was a tragic one. He was born in Byelorussia and lived in Lodz. When the nazis occupied Poland, he suffered in the Warsaw ghetto and then was sent to a death camp. While there, he wrote a poem, "Song of a Murdered People". He died in Auschwitz in 1944. "Sovietish Heimland" is publishing extracts from the poem to commemorate the centenary of his birth.

Ленинградское отделение Российского Палестинского общества объединяет около 50 ученых. На своих заседаниях оно разрабатывает важнейшие проблемы востоковедения, в том числе гебраистики. В нынешнем году состоялось заседание, посвященное 70-летию одного из известных советских ученых-гебраистов К. Н. Старковой, годичные чтения в память востоковеда Г. В. Пигулевской. Об этом говорится в информации «В ленинградском отделении Российского Палестинского общества».

«Еврейское слово на экслибрисах» — так называется статья члена редколлегии газеты «Книжное обозрение» Якова Бейлинсона. Рассказ об известных художниках А. Дюрере, С. Юдовине, Г. Гидони, Г. Кравцове, А. Мистецком, М. Шолохине, Е. Тихановиче иллюстрируется образцами созданных ими экслибрисов.

В связи с начинающейся подпиской на периодические издания на 1986 год редакция журнала печатает обращение к общественным распространителям и читателям. В нем говорится:

«Журнал вступил в свое 25-летие. Любители литературного творчества получают все новые и новые романы, рассказы, стихи, поэмы, литературно-критические эссе и архивные материалы, публикующиеся в журнале. Авторитет еврейской литературы в Советском Союзе за этот отрезок времени неизмеримо вырос, ее произведения стали популярны и любимы среди тысяч и тысяч читателей в Советском Союзе и в зарубежных странах. Появляются новые творческие имена в прозе и поэзии на языке идиш. Стабильной становится читательская база советской еврейской литературы.

Дорогие друзья!

В беседах с будущими читателями в дни подписной кампании на 1986 год расскажите им, что «Советиш геймланд» приходит к своему 25-летнему юбилею с весомым творческим накоплением; что он не только богат и разнообразен по содержанию, но также эстетически оформлен графическими и другими художественными образцами. Вместе с каждым номером журнала читатель получает книжку новых художественных произведений нашей современной литературы, а также еврейской классики. Начиная с октября нынешнего года в «Советиш геймланд» будет печататься «Самоучитель еврейского языка». Это, по-видимому, особенно важно для тех будущих читателей, которые намерены обновить свои знания в языке идиш или вновь им овладевать.

Редакция и редколлегия «Советиш геймланд» уверены, что каждый любитель советской еврейской литературы приложит усилия к тому, чтобы ознаменовать 25-летний юбилей журнала притоком новых читателей».

Августовский номер «Советиш геймланд» заканчивается традиционными рубриками: «Это интересно», «Хроника», «Почта «Советиш геймланд», «Короткие сообщения» и др.

Приложение к номеру:
Кима Грейдина «Тюменские очерки»

тает воспоминания журналиста Михаила Зорина (Рига) «История одной фотографии», в которых рассказывается о работе Альбертона во время войны в одной из газет Южного Урала.

Трагической была судьба поэта Ицхока Каценельсона. Родился он в Белоруссии, жил в Лодзи. Когда гитлеровцы оккупировали Польшу, он оказался среди мучеников варшавского гетто, затем попал в лагерь смерти. Здесь он написал поэму «Песнь об убитом народе». Погиб Каценельсон в Освенциме в 1944 году. В связи со 100-летием со дня его рождения «Советиш геймланд» публикует отрывки из поэмы.

В разделе публицистики печатаются репортаж «Ничто не забыто!» — о пресс-конференции Антисионистского комитета советской общественности, состоявшейся 9 апреля 1985 года на тему «Освободительная миссия Советской Армии и спасение узников нацизма», и окончание статьи проф. Г. Бондаревского (Москва) «Правда о тайных связях США с воинствующим Израилем».

Журнал продолжает публиковать документальную повесть Виктора Митрошенкова (Москва) «Земля под небом» — хронику жизни первого космонавта Юрия Гагарина. В настоящем номере печатается глава «Год 1964».

В рубрике «Воспоминания» представлены записки Хаима Тамаркина (Москва) «Москва. Двадцатые годы».

Разнообразен раздел литературной критики и искусства. Печатается рецензия А. Крюкова (Москва) на книгу члена политбюро ЦК компартии Израиля Рут Любич «История дружбы», выпущенную к 40-летию движения дружбы «Израиль — СССР». Публикуются также краткие рецензии Б. Миллера (Биробиджан) на новую книгу Ихила Шрайбмана «Дальше» (издательство «Советский писатель», 1984), Я. Гена (Киев) — на роман Григория Полянкера «Судьба художника» (издательство «Радяньский письменник», 1984).

Очерк музыковеда Аллы Коркиной (Кишинев) «Мир Бориса Раисова» рассказывает о жизни и сценической деятельности народного артиста Молдавской ССР Б. Раисова, выступавшего на протяжении многих лет как на оперной сцене, так и на эстраде с исполнением еврейских, русских, украинских, молдавских песен.

Очерк Эльвиры Фагель (Москва) «Был счастлив до последнего дня» посвящен кинооператору Семену Стояновскому, погибшему в 1945 году в боях за освобождение от немецко-фашистских войск столицы Австрии Вены.

Во второй половине августа 1985 года выйдет 10-тысячный номер газеты Еврейской автономной области «Биробиджанер штерн». Этой дате журнал посвящает подборку материалов и фотографий. Печатается беседа с начальником агентства «Союзпечать» ЕАО М. Г. Ворновицким, из которой читатели узнают, что подписка на эту газету выросла по сравнению с 1982 годом в полтора раза. В 1984 году «Биробиджанер штерн» получали читатели в 161 городе нашей страны, а в 1985 году — в 205 городах. Через советское внешнеторговое объединение «Международная книга» «Биробиджанер штерн» распространяется в 20 странах мира. В номере дается также репортаж из газеты — «На уроке еврейского языка в педагогическом училище города Биробиджана».

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август, 1985

«Войны разрозненные строки» — так называются записки ветерана Великой Отечественной войны Ефима Гольбрайха (Душанбе), которыми открывается августовский номер «Советиш геймланд». «Автор настоящих записок безыскусно, но очень правдиво, со скрупулезной точностью участника и очевидца повествует о пережитом, тем самым внося свой благородный вклад во всенародную копилку памяти о тех героических днях», — писал в журнале «Памир» известный белорусский писатель Василь Быков об очерках Е. Гольбрайха.

Проза номера представлена новыми рассказами Тевье Гена (Москва) и Мойше Гициса (Чикаго, США), а также, в разделе «Из литературного наследия», циклом новелл одного из основоположников советской еврейской прозы Ицика Кипниса и рассказом Рахили Бернштейн (Егудис). Впервые имя Егудис (1889—1942) появилось в печати в 1907 году. Известны ее лирические стихи, рассказы, фрагменты из романа, драматические произведения. Публикуемый в номере рассказ «Черный столик» взят из архива писательницы, который хранится у ее дочери, москвички М. С. Ронтсевич.

В поэтической рубрике — циклы стихотворений Хаима Бейдера (Москва) и Иосифа Бухбиндера (Киев).

В журнале ведется рубрика «Новые имена». Теперь в ней представлен Александр Бейдерман (Одесса). Он родился в 1949 г., окончил филологический факультет Одесского государственного университета, работает там в социологической лаборатории. Четыре стихотворения А. Бейдермана, публикуемые в номере, являются его первой пробой пера.

Три памятные литературные даты отмечаются в номере — Лейзера Вольфа (1910—1943), Меера Альбертона (1900—1947), Ицхока Каценельсона (1885—1944).

Лейзер Вольф родился в Вильнюсе и дебютировал в литературе в возрасте 16 лет. До восстановления Советской власти в Литве он выпустил несколько поэтических сборников. В 1940 году в московском издательстве «Дер эмес» вышла его книжка с предисловием выдающегося советского поэта Арона Кушнирова, в 1943 году — второй сборник под названием «Коричневая бестия» — антифашистские баллады и сатирические стихи.

Отмечая 85-летие со дня рождения автора популярных в свое время книг «Шахты» и «Биробиджан» Меера Альбертона, журнал печа-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, А. Тверской, И. Шрайбман.
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 923-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 30.05.1985. Подписано к печати 18.07.1985 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 1058.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1985 г.

Цена 70 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

Рассказы Т. Гена, М. Гициса, Е. Гольбрайха, И. Кипниса.
Стихи Х. Бейдера, И. Бухбиндера, А. Бейдермана.
Наш космический уголок. В. Митрошенков. Главы из книги «Земля под небом».
Ничто не забыто. По материалам пресс-конференции Антисионистского комитета советской общественности.
Воспоминания Х. Тамаркина. «Москва в 20-е годы».
Памятные литературные даты. Л. Вольф (1910—1943), М. Альбертон (1900—1947), И. Каценельсон (1885—1947). Статьи А. Кушнирова, Э. Фининберга, М. Зорина.
Найденные рукописи. Иегудис. Черный столик.
Короткие рецензии А. Крюкова, Б. Миллера, Я. Гена, И. Котлера.
Публицистика. Г. Бондаревский. Правда о тайных связях США с воинствующим Израилем.
В помощь изучающим идиш. Хроника.
Резюме на русском и английском языках.

1985

№ 8